This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

סאָוועטיש

50 יאָר
סאָוועטנמאַכט

11
1967

היימלאַנד

אינהאַלט

זײַט

א. ווערגעליס. 50 יאָר 2

דײַן נאָמען וועט העלן. לידער פון אַ. שווארצמאַן, ל. קוויטקאָ, ד. האָפשטיין, מ. קולבאַק, מ. כאשטשעוואצקי, אי. כאריק, ע. סאוויקאָווסקי, ל. רעזניק, אי. פעפער, מ. שאפּיראָ, י. גאָלדמאַן; קאפּיטלען פון די ראָמאנען פון נ. זאבארע און ב. אָלעווסקי; דערינערונגען פונעם גענעראל־לייטענאנט ה. פּלאסקאָוו; א בריוו פונעם לייענער מ. איווניצקי . . . . . . 4—44

געבענטשטע ערד. לידער פון עמ. קאזאקעוויטש, ש. האלקין, מ. אבארבאנעל, ז. אקסעלראָד, ס. קאהאַן, כ. לאסקער, ס. טוטשינסקע, ה. דיִאמאנט, ש. טשערניאווסקי, ל. טאַלאַיי, ש. לאָפּאטע, ה. קאמענעצקי, ל. וואסערמאַן; פארצייכענונג פון דעם ניסטער; דערציילונגען פון כ. גילדין, ש. גאָרשמאַן, ליפּמאַן־לעווין; א בריוו פון דער לייענערן ל. אראָנאָווא . . . . 45—71

אונדזער פאָן איז גערעכט. לידער פון ע. פינינבערג, פּ. מארקיש, ש. ראָסין, א. קושנוראָוו, מ. טייף, א. גאָנטאר; דערציילונגען און פארצייכענונגען פון ש. ראבינאָוויטש, ש. פערסאָוו, א. סטעלמאך . . . . 73—93

אין אונדזערע טעג. ראָמאן פון ט. גען; רעפּאָרטאזש פון ס. פרײַ, כ. מאלטינסקי; לידער פון מ. גרוביאַן און ד. בראָמבערג . . . . 94—138

קורצע ידיִעס וועגן די אווטאָרן, וועמעס ווערק עס ווערן פובליקירט אין „סאָוועטיש היימלאנד" צום ערשטן מאָל 138

באלוינט מיט א לענין־אָרדען די ייִדישע אווטאָנאָמע געגנט . . 139

די אָקטיאבער־רעוואָליוציע און די ייִדישע ליטעראַטור. ארטיקלען פון די קריטיקער מ. ליטוואקאָוו, ה. רעמעניק, י. סערעבריאַני, נ. אויסלענדער, י. בראָנשטיין, מ. ווינער, י. דאָברושין, א. גורשטיין, י. נוסינאָוו . . . . 140—159

לאָמיר ווידער זינגען אָט די לידער. די ליד וועגן היימלאנד. ווערטער פון וו. לעבעדיעוו־קומאטש, מוזיק פון אי. דונאיעווסקי 160

הויפּט־רעדאקטאָר

א. ווערגעליס.

רעדקאָלעגיע:

ה. אָשעראָוויטש,

אי. באָרוכאָוויטש,

א. גאָנטאר, נאָטע לוריע,

מ. לעוו

(פאראנטוואָרטלעכער סעקרעטאר).

ב. מילער, י. פאליקמאַן,

ס. פרײַ, י. ראַבין,

ר. רובין.

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאל

אָרגאַן פון שרײַבער-פֿאַרבאַנד פון ססר

זיבעטער יאָרגאַנג

פֿאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"

מאָסקווע

נאָיאַבער

11

1967

50 יאָר

דעם גאנצן קויעך, וואָס דער פּראָלעטאריאט האָט אין אָנהייב פון אונדזער יאָר־הונדערט פארמאָגט: דעם אומרו פון זײַן גײַסט, די האמערדיקע ענערגיע פון זײַנע מוסקולן — האָט ער אין לעגענדארן אָקטיאבער־טאָג פון 1917 ארײַנגעטאָן אין גראַנדיִעזן רעוואָליוציע־אויפרײַס אף די אומענדלעכע רוסלענדישע ראכוועסן.

נאָך דער גרויסער סאָציִאַליסטישער אָקטיאבער־רעוואָליוציע, ארומגערינגלט מיט ווילד־בייזע סאָנים און שטייענדיק אין אייגענעם לאנד פּאָנעם־על־פּאָנעם מיט די פארורטיילטע קלאסן, וועלכע זײַנען אנטשיידן געווען צו שטעלן טאָגטעגלעך א הארטנעקיקן ווידערשטאנד די נײַע לעבנס־נאָרמעס, האָט דאָס פאָלק פון דעם יונגן סאָוועטנלאנד, אונטער דער פירער־שאפט פון לענינס פּארטיי, אײַנגעשפּארט געפורעמט די סאָציִאַליסטישע אָרדענונג — ניט לויט מוסטערן פון דער פארגאנגענהײַט, ניט לויט שוין אײַנגעשטעלטע געזעצן, נאָר לויט דעם געניִאַלן פּלאַן פון וולאדימיר איליטש לענין, וועלכער האָט געפונען די נאטירלעכע און געזעצמעסיקע אָנווענדונג פונעם מארקסיזם אפן קאָנקרעטן באָדן, אין דער קאָנקרעטער צײַט.

מיר ווייסן זייער גוט, אז יעדער היסטאָרישער אופטו פון אונדזער פאָלק אין משך פון די 50 יאָר איז געווען נאָוואטאָריש און אוניקאל. דאָס פארוואנדלען, אָן הילף פון אויסן, אן אָפּגעשטאנענע האלב־פעאָדאל לאנד אין א מעכטיקער סאָציִאַליסטישער אינדוסטריעלער מע־דינע; דאָס אריבערפירן פאר א קורצער צײַט אף סאָציִאַליסטישע יעסוידעס די אייגנטימערישע דריבנע לאנדווירטשאפט; דאָס שאפן א גרינטלעך־נײַע סיסטעם פון אָנפירן מיט דער ווירטשאפט און מיטן געזעלשאפטלעך־פּאָליטישן לעבן פונעם לאנד, א סיסטעם, בא וועלכער די אמאָליקע עקספּלואטירטע און רעכטלאָזע קלאסן נעמען אין זייערע הענט דעם רודער פונעם לעבן; דאָס דערציִען א פּרינציפּיעל־נײַעם טיפּ מענטשן — א מענטשן מיט נײַע באגריפן פון פּאטריאָטיזם, פעלקער־פרײַנטשאפט, פאראנטוואָרטלעכקײַט פארן קלאל, א מענטשן מיט נײַע עסטעטישע געפילן, מיט א נײַער קולטור און פילאָסאָפיע, — דאָס אלץ זײַנען עפּאָכאל־נאָוואָטאָרישע אופטוען פון א וועלט־היסטאָרישער ווערט. מיט די דאָזיקע אופטוען האָט דאָס סאָוועטישע פאָלק באשטעטיקט און פארפעסטיקט דעם קער פון דער מענטשהײַט צום קאָמוניזם.

איצט, ווען דער גרויסער אָקטיאבער איז אלט געוואָרן 50 יאָר, זײַנען מיר איידעס פון א מערקווירדיקער, ביז איצט ניט געזעענער סאָציִאל־פּאָליטישער און עקאָנאָמישער סטרוקטור אף אונדזער פּלאנעטע. אונטער דער ווירקונג פון דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע זײַנען אף די וועגן פון סאָציִאַליסטישער איבערבויונג ארויף נאָך א גאנצע ריי לענדער פון אייראָפּע, אזיע, אמעריקע. עס האָט געקראכט די וועלט־סיסטעם פון קאָלאָניִאַליזם, און צענדליקער פעלקער פון אפריקע און אזיע האָבן דערוואכט צו זעלבשטענדיקײַט. די אָקטיאבער־רעוואָליוציע האָט געגעבן א נײַעם מעכטיקן שטויס דער וויסנשאפט און טעכניק, און, גייענדיק אין אוואנגארד פון דער מענטשהײַט, איז דער סאָוועטנפארבאנד דער ערשטער ארויף אף די אָרביטעס פון קאָסמאָס.

לענדער און פעלקער האָבן אופגעוואכט. פעלקער און לענדער האָבן געביטן און פאר־פולקומט זייער לעבן. באזונדערס בוילעט איז עס צו זען אפן גורל פונעם ייִדישן פאָלק.

ס'איז קיין כידעש ניט, וואָס דאָס אמאָליקע טכום־פאָלק, דאָס אָרעמע און פארשטויסענע און רעכטלאָזע, האָט זיך מיט אזא איבערגעגעבנקײַט אָנגעשלאָסן אין דער סאָציִאַליסטישער רעוואָליוציע, שענקענדיק איר די בעסטע זין און טעכטער. אין די שלאכטן פונעם בירגערקריג האָבן די ייִדן־רויטארמייער זיך בעעמעס געגרויסט דערמיט, וואָס דער סוינע, קריצנדיק פאר אָנמאכט מיט די ציין, האָט זײַנע מעטורעפדיקע דראָונגען ארויסגעזאָגט אף אזא אויפן, אז „קאָמיסארן", „באָלשעוויקעס" און „ייִדן" זײַנען געשטאנען זײַט־בא־זײַט.

די געבענטשטע סאָוועטישע פעלקער־פרײַנטשאפט האָט סײַ אין בירגערקריג, סײַ אין דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע אָפּגעהיט דאָס ראטנלאנד פון אלדאָסבייז — פון די אימפּעריִאַליסטישע אינטריגעס, פון פארצוקונג מיצאד דער עקלהאפטער פאשיסטישער כײַע.

דאָס ייִדישע פֿאָלק שטאָלצירט דערמיט, וואָס אין אָט די אויספּרוּוון איז עס שטענדיק געשטאַנען אין דער ריי פֿון די קעמפֿנדיקע פֿעלקער.

באַלערעוודיק איז דער וועג פֿון די ייִדישע מאַסן אין דער רעוואָליוציע. דער נײַער סאָוועטישער ייִד איז הײַנט מײַלנווײַט פֿון זײַן טכום־אויסקומעניש. און דאָ מוז מען צוגעבן: דאָס געשטאַלט פֿונעם נײַעם סאָוועטישן ייִדן איז אַזוי ניט גענוגנדיק דערלערנט פֿון סאָציאַל־עקאָנאָמישן שטאַנדפּונקט, אַז ביז איצט ווייסט מען נאָך ווייניק וועגן זײַן נײַעם לעבן, און אין אויסלאַנד געפֿינען זיך פּאָליטישע קאָמבינאַטאָרן, וועלכע דערלויבן זיך אַרײַנצושלעפּן דעם גוטן נאָמען פֿון די סאָוועטישע ייִדן אין קאָנטעקסט פֿונעם קאַלטן קריג. דעריבער איז טאַקע אַזוי רעכטצײַטיק און נוצלעך די מי פֿון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס טוט ניט ווייניק אַף צו שילדערן דאָס לעבן פֿונעם ייִדן אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד.

דאָס לאַנד פֿונעם גרויסן אָקטיאַבער גייט הײַנט אַרויס צו באַגעגענען זײַן צווייטן האַלבן יאָרהונדערט מיט קלאָרע אויסזיכטן אַף דער צוקונפֿט. אַ נײַעם טאָג הייבט אָן די נײַע וועלט. ער איז נאָך פֿול מיט אומרו, מיט באָמבע־אופֿרײַסן אין וויעטנאַם, מיט אַ שווערער מילכאָמע־אַטמאָספֿער אַפֿן נאָענטן מיזרעך, מיט גרוילִיקע צוזאַמענשטויסן אין די נעגערישע געטאָס פֿון אַמעריקע. קאָמפּליצירט און אָפּטמאָל שווער און אומרויִק איז די לאַגע אין פֿאַרשיידענע טיילן פֿון דער וועלט. נאָר מיר זײַנען זיכער, אַז די קויכעס פֿון גוטן ווילן, דער שאָלעם און די גערעכטיקײַט וועלן זיגן.

— זײַ געגריסט און געלויבט, פּופֿציקסטער אָקטיאַבער!

— זײַ גערימט און גליקלעך, סאָציאַליסטישע היים אונדזערע, פֿאָטערלאַנד פֿון דער גרויסער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע!

ארן ווערגעליס

דײַן נאָמען

אַשער שװאַרצמאַן

אין אופשטאַנד

אין קאַלטער װינטער־נאַכט, באַ שײַן פון בליצנדיקע שטערן,
אַף װײַטע געגנטן צעפּלאַקערן זיך סרײפּעס.
אין װעלדלעך טונקעלע,
אין האַלבע שוצגראָבנס,
באַ טונקלער זײַט פון ברענענדיקע דערפער
זיך שלענגלען שורעס מוירדים
מיט ביקס אין האַנט, מיט װאַרעם בלוט אין האַרצן.

פון הײַזער אָרעמע, פון שטיקנדע װאַרשטאַטן,
פון לאַנגע װאָגל־נעכט, פון הונגעריקע טעג
געקומען זײַט איר, ברידער מײַנע פילע,
צו װײַזן
די פּרײַז פון שטילער מי,
דעם װײ פון אײַער לײַב,
דעם אױסגעשרײ פון דורעס און פון צײַטן.

איך הער: ס׳ברומט אוף דער קײטן־קלאַנג פון דורעס קנעכט,
מיט אָרעמען געבײן צעשאָטענע אַף לעבנס־מידע װעגן,
ס׳זידט אוף דאָס בלוט פון מענגעס מײַנע ברידער,
מיט האַנט צו האַנט און קאָפּ צו קאָפּ געשאָכטענע
אַף שלאַכטפעלדער פון קײַלעכדיקער ערד.

איך װײס: ס׳װעט צאַרטעס מענטשן־לײַב נאָך ציטערן
אין אַ געמיש פון קױט און בלוט.
און ניט קײן יאָמטעװ האָט באַלײַכט
אינמיטן נאַכט די האָריזאָנטן,
נאָר עמעץ װיל דעם פּײַן און עמעץ װיל דאָס בלוט.

מײַן בליק װערט קאַלט, װי גרױער טאָג פון עסקימאָסן
אין שנײיִק־װילדן לאַנד...
מיט ביקס אין האַנט,
מיט װאַרעם בלוט אין האַרצן
פאַרטײַע איך זיך איצט
און לאָקער נאָך דעם סױנע.

1918

ווּעט העלן

לייב קוויטקאָ

אין רויטן שטורעם

(פראַגמענטן)

ערשט צעקריגט זיך מיט די טאטעס,
גייען מיר, קינדער, לויפן מיר,
פילן זון!
לויפן מיר, יאָגן מיר
הין־און־הער.
לאכנדיקע, שטראָמענדיקע,
שטראלנדיקע —
מער און מער.
פאלן מיר אף ערד באזייטער,
ערד פארדרייטער,
אף צעשפרייטער שארף פון שווערד;
ראנגלען מיר זיך,
קויקלען זיך
אין ווארעם בלוט אף ערד.

שטייען עלטערע און קוקן,
גרוילט זיי אינעם רוקן,
וואָר׳נען מיט די אויגן־רינגען:
„פון צעביילן זיך,
צעקיילן
ווערט נישט גרינגער...
ווערט נישט גרינגער...״
ווייס איך וואָס!

מיר, צעקריגטע שוין מיט טאטעס,
מיר פארברענען אלטע שמאטעס
און פארניכטן ווילדע גראָז!
אייביק יאָר געגאן איניינעם,
קידער־ווידער־וועלט איניינעם,
אָט, א טראך אין פויק פון יאָרן!
און מע איז צעטיילט געוואָרן:
האלב וועלט מײַז —
און האלב וועלט צאָרן.

•

אופגעוואכט
פון מי און מאנגל,
מיט דערוואַרטן,
לאנג געגאַרטן
ברודער — „גוי״.
טראָגן מיר
מיט דרייסט מיט הארטן
אונדזער וואכט!
פון מײַן ברודער
שמעקט מיט שטרוי,
פון אונדז ביידע
שמעקט מיט שלאכט!

•

אף די רייכערדיקע כורוועס,
אפן כיירעם,
אין ווארעם גאָלד,
וואָס הימל שיקט אראָפּ,
צעלייגן זיך די ברידער,
די כאַווײרים.
רוט מען אָפּ,
שפּילט און גיסט זיך א הארמאָשקע,
גיסט זיך, פליטערט,
פליסט זיך, ציטערט,
כליפּעט,
ציפּעט
און צעשטראָמט מיט גאָלד־געקלאנג.

ליגט מען אײַן קוים אף די כורוועס,
ליגט מען אײַן ניט לאנג,
שפּרינגען איינער נאָכן צווייטן,

שטילע,
בלייכע,
און צעשפרייטן זיך,
צעברייטן
אף צעפאלעניש פארדרייטן.
דרייען זיך
מיט שטיקער זון
אף שטיקער נעץ,
אף שטיקער מי,
אף שטיקער קרעץ —
מיט האוויַעס און מיט טענץ.

•

מאכט א ווארע,
מאכט א ווארע,
לאָזט, מײַן ברודער גייט א קאָן;
אין די ווארעמע ווייכע פוישטן,
מיט פארדריקטע הארטע פויסטן
און מיט פלינקע עלנבויגנס
הייבט ער אָן:
— קלאנג־קלאנג,
נאָך א קלענגל,
ווי א שלאנקער
שליף פון סטענגל,
ווי א זעגלשיף אף ווינט,
ווי א שפינדל־ראָד, וואָס שפינט.
מיט א טמימעס פון א קינד,
ווי א ריז, וואָס פלעט די שלעק,
לאָזט מײַן ברודער זיך אוועק:

אָט די פארבן,
אָט דאָס לעבן,
אָט דאָס וועבן
מוזן שטארבן אין די טעג.
נאָר מיר בלײַבן,
מיר, די וועלן,
וועלכע טרײַבן
וועלט צו העלע
מאָרגנס־שוועלן,
נאָר מיר בלײַבן
אין די פארבן,
אייביקס פארבן —
דאָ!
פליסט הארמאָניע
אין פארב,
אייביקס פארב,
פליסן מיר אין טראָפּ,
פליסן מיר צום גרויסן מאָרגנס־קאָפּ:
— מאָרגן!
מאָרגן!
פאר דײַן העל
טראָגן מיר די לעבנס אָפּ,
לייגן מיר די קעפּ אוועק
פאר דײַן שוועל,
פאר דײַן טיר.

. . . .

מיר...

1918

דאַוויד האָפשטיין

אָקטאָבער

אָקטאָבער!
אָן אָנהייב אָן „אָ“,
א ברען פון אומענדלעכן רונד,
א זוים פון א זון־ראָד —
און אויסיעס אלע
פון האנט פון דער גרויסער
און גראָבער:

„אָקטאָבער“.

עס וועלן
כאדאָשים זיך צוועלפן,
זיך קייטלען אין יאָרן, —
דײַן נאָמען וועט העלן,
דײַן נאָמען וועט קלאָרן!

ווו איז ער, דער גאָרנישט,
וואָס ווייסט ניט דײַן נאָמען?

ווו איז ער, דער בלינדער,
וואָס וואגט נאָך אצינדער
מיט לייקעניש וואָר׳נען?

און פײַנט?
און פײַנט אזוינע,
מיט אלטע קרוינען
אף קײַלעכיקע קעפּ, געקעכלטע פון
דוירעס,
מיט הוסטן גאָלדענע
פון מילדע ברוסטן —
מיט הערשערישע ווונקען,
מיט אייד׳לע הענט אין ווייכע הענטשן,
וואָס האלטן צארט
(מיט אופגעשטעלטן קליינעם פינגער)
די דראָטן,
וואָס שיקן פונקען
אף אופרײַסן פון וועלטן!..

אזוי פיל פײַנט!

געבענטשט איז דער, וואָס קאָן עס זיך
פארגינען

אזוי פיל פײַנט,
און פײַנט אזוינע
ערלעך־שוידערלעך פארדינען.

עס וועלן כאדאָשים זיך צוועלפן,
זיך קייטלען אין יאָרן —
און אלע זיי וועלן זיך קער׳ווען
פארוווּנדערט
אף דיר,
אף אָקטאָבער
פון זיבעצנטן יאָר
פון צוואנציקסטן פײַערגעשמידטן
יאָרהונדערט!

ווו זײַט איר, כאדאָשימלעך דריבנע,
מיט פאלשגאָלד באצירטע,
וואָס האָבן מיט כוצפּע אָט דאָ
געשפּאצירט
איבער לאנד איבער גרויסן און גרויען?
אײַלט גיכער פארשווינדן!
וואָס קוקט איר פון שפּעלטלעך ארויסעט,
וואָס באָמקעט איר אונטער
פון קלויסטערשע גלעקלעך?
וואָס רירט זיך דאָרט ווערמיש אין
שטויבן,
אין שטויבן אף פאלשינקע צעטלעך,
וואָס קנעכטישע רימער אף שטערנס
געבייגטע
דאָ האָבן צעטראָגן!

אָקטאָבער!

אָנצאָליקע סטויפּעס,
צעשטעלטע
אין לאנד אין דעם גרויסן און גרויען
אף שיידונגען יונגע
פון זײַנע אומענדלעכע וועגן —
זיי לויפן,
זיי בייגן די קעפּ אָן,
זיי קניִען.

זיי בעטן:
א זכיִע צו האָבן
א שפּענדל צו ווערן
פון וועלטישן מאסט־שטאנג,
וואָס וועט אף דער שיידונג פון טקופעס
דערהייבן דײַן אופשריפט
און וועט זיי, די טקופעס,
דורך וואָלקנס באווײַזן:

„אָקטאָבער“.

אן אָנהייב אן „אָ“,
א ברעג פון אומענדלעכן רונד,
א זוים פון א זון־ראָד —
און אויסיעס אלע
פון האנט פון דער גרויסער
און גראָבער:

אָקטאָבער!

1919



ד י   ש ט אָ ט

כצאָס.
עס האָבן די גלֿעקער געקלֿונגען!
און בראָנזענע יונגען
באַפאַלֿן איז דעמלֿט א ווילֿן
צו שטילֿן
דעם צאָרן
פון יאָרן,
וואָס זײַנען פארלֿאָרן...

און ס׳האָבן די גלֿעקער געקלֿונגען!..

היי, לֿאָמיר גיין! לֿאָמיר גיין!
לֿאָמיר דאָ איבערלֿאָזן די שוואַכע...

די טירן פון ווײַט זײַנען ברייט, זײַנען
פרײַ.
אונדזער וועג איז באַטויט מיט א טוי און
איז נײַ,
לֿאָמיר צייכנען די טריט — יעדן טראָט
מיט א שטיין —
לֿאָמיר גיין! לֿאָמיר גיין!
לֿאָמיר דאָ איבערלֿאָזן די שוואַכע...
לֿאָמיר עפענען די טרוימען און שמידן
די וואָר,
לֿאָמיר זוכן דאָס לֿיכטיקע לֿיד פארן דאָר,
עפשער היט שוין אן איינזאמער זינגער
זײַן בעט,
עפשער וועבן זיך קלֿאַנגען פון נײַעם
געבעט,
עפשער הייבן זיך האַמערס סײַ דאָ און
סײַ דאָרט,
און עס גלֿיט און מע שמידט דאָס
באַפלֿיגלֿטע וואָרט,
לֿאָמיר, קינדער פון שטראָם,
און פון נאַכט און פון טהאָם...

לֿאָמיר גיין! לֿאָמיר גיין!
לֿאָמיר דאָ איבערלֿאָזן די שוואַכע...
ווען ס׳לֿעשט זיך דער אָפּקלֿאַנג פון
אָדלֿערס געשריי,
לֿאָמיר, טרעטנדיק ווײַטער, א ריי נאָך
א ריי,
טרינקען מוט פון די בערג, זינגען ס׳לֿיד
פון דער נאַכט,
און מיט מוט און מיט ווּט לֿאָמיר זוכן
די שלֿאַכט,
לֿאָמיר דאָ איבערלֿאָזן די שוואַכע...

און ס׳האָבן די גלֿעקער געקלֿונגען...

פון טיף־נאַכט געדרונגען,
זיי גייען, זיי גייען,
אין פינצטערע רונגען,
אין אומקלֿאָרע רייען,
צוזאַמען,
צוזאַמענגעדרייט
האָט זיך דאָס פאָלֿק מיטן הייליקן טויט;
און ווי צונגען
אין פלֿאַמען
פארלֿאָרן —
אן אײַנגוס געוואָרן —
זיך פלֿוצלֿינג צעפלֿאַטערט אין רויט,
ברייטע פענער,
זיך פלֿאַמיק צעשמעטערט,
אַלֿץ העלֿישער־העלֿיש צעבלֿעטערט.
אַלֿץ שטראַלֿיקער, בלֿוטנדיק־שענער.

און ס׳האָבן די גלֿעקער געקלֿונגען...

היי, נעמט מיך מיט!
זאָלֿ אין פינצטערן גאַנג אויך מײַן לֿויטער
געמיט
שווײַגן שטום, ציילֿן פינצטערע טריט
בא דעם טעהוימיק געזאַנג...
ס׳האָט מײַן קיזלֿשטיין־שטאַם
פון די קוואַלֿן מיט סאַם
שוין געטרונקען פון לֿאַנג — — —
איך גיי מיט, מיט מײַן העלֿ־נײַסטן לֿיד,
פון מיר הערט זיך די נאַכט,
נאָר מיר לֿײַכט שוין די זון אין געמיט —

און ס׳האָבן די גלֿעקער געקלֿונגען...

1919

אָקטיאַבער

קינסטלער וו. בולאנקין

די פּאַרטיי און לענין
זײַנען ברידער צווײ, —
פֿאַר דער מוטער־געשיכטע
איז עס גלײַך ווי איינער.
מיר זאָגן — לענין,
און מיר מיינען —
פּאַרטיי,
מיר זאָגן —
פּאַרטיי,
און לענינען
מיר מיינען.

וול. מאַיאַקאָווסקי

לענין אפן בראָנעוויק

(פראגמענט פון א גראוויור)

קינסטלער פ. סטאראָנאָסאָוו

דער שטורעם פונעם ווינטער־פּאַלאַץ

קינסטלער יע. דעשאַליט

מײַן טאטע פאָרט אפן פראָנט

קינסטלער ע. כאָראָשי

נאטאן זאבארע



דער ערשטער טאָג

אין דער צווייטער העלפט אָקטיאבער האָט גרישע זיך אומגעקערט קיין פּיטער. ער איז געקומען אַלס דעלעגאט פונעם דאָרעם־מײַרעוודיקן פראָנט אפן צווייטן אַלרוסלענדישן צוזאמענפאָר פון די ראטן. עס האָט זיך גלײַך געלאָזט מערקן, אז ער איז איבערגעמאטערט. די מידקײַט האָט אראָפּגעקוקט פון זײַן פּאָנעם מיט א פּאָר שאָטנדיקע קנייטשן, וואָס האָבן אים צוגעגעבן א פארזאָרגטן אויסזען. נאָר קוים האָט ער גענומען דערציילן וועגן פראָנט־לעבן, האָט ווידער זיך אָנגעצונדן דאָס באקאנטע שעלמישע פײַערל אין זײַנע אויגן און ער איז ווידער געווען דער פריִערדיקער גרישע מיט זײַן שטענדיקער אופגעהייטערטקײַט, וואָס ציט אזוי צו מענטשן צו אים. ער האָט באזונדערס גערן און מיט האנאָע דערציילט וועגן די סאָלדאטישע מיטינגען, ער האָט ליב אויסצומאָלן א סיטואציע מיט אַלע פּינקטלעכקײַטן און יענעמס רייד איבערגעבן פּונקט, ווי זיי זײַנען ארויסגעבראכט געוואָרן, מיטן זעלבן לאָשן און נוסעך. דו זעסט מאמעש די סאָלדאטן, וואָס פאָדערן, עס זאָל אײַנגעשטעלט ווערן פרידן, עס זאָל צעטיילט ווערן צווישן די פּויערים די פּריצישע ערד.

איך האָב זיך לײַכט געקאָנט פאָרשטעלן, וואָס פארא פלאמיקע רעדעס ער אליין האָט אָף אָט די מיטינגען געהאלטן. ער איז א געבוירענער רעדנער, פון דער נאטור געבענטשט מיט לאָגיק, שארפזין, טעמפּעראמענט.

איך האָב אים געהערט אָף א זיצונג פונעם פּעטראָגראדער ראט, וועלכע האָט זיך געצויגן א גאנצע נאכט ביזן ווײַסן טאָג ארײַן. דאָס איז געווען א שטורמישע זיצונג.

די אָפּיצערן, מיטגלידער פון ארמיי־קאָמיטעטן, די מענשעוויקעס און עסערן האָבן געשאָטן פּעך און שוועבל אָף די באָלשעוויקעס. קעגן זיי זײַנען לײַדנשאפטלעך ארויסגעטראָטן פּאָשעטע ארבעטער און סאָלדאטן. ווען גרישע האָט זיך אופגעהויבן פון אָרט און זיך געלאָזט צו דער טריבונע, האָבן אויסגעבראָכן הילכיקע אפּלאָדיסמענטן. א סאך האָבן ניט געוווסט, אז ער איז דאָ, מע האָט דאָך גערעכנט, אז ער איז אומגעקומען בייסן יול־אָנגריף, און איצט, אז מע האָט אים דערזען אינעם אלטן אָפּגעבליאקעוועטן שינעל מיטן צעריסענעם באשליק אָף די אקסל, נאָר א לעבעדיקן און געזונטן, האָט מען אים באגעגנט מיט באגײַסטערונג.

אין די נומערן 9 און 10 פון „סאָוועטיש היימלאנד" האָבן מיר געדרוקט די ערשטע צוויי טיילן פון נאטאן זאבארעס ראָמאן־כראָניק „א פּאָשעטע מאמע", ווו די האנדלונג ווערט דערפירט ביז אָקטיאבער 1917.
דער אווטאָר ארבעט איצט אפן דריטן טייל פון זײַן ווערק. דאָ ברענגען מיר אן אויסצוג, וואָס איז פארבונדן מיט די געשעענישן פונעם ערשטן טאָג פון דער רעוואָליוציע.

ער האָט ווי קעסיידער אָנגעהויבן ניט זייער הויך, נאָר דער אוילעם איז גלייַך אײַנגעשטילט געוואָרן. וואָס ווײַטער, אַלץ שטאַרקער האָט געקלונגען זײַן שטים. ער האָט גערעדט וועגן די אַזויגערופענע „געזעלשאַפטלעכע טוער", וואָס ווילן שלאָגן קאַפּיטאַל אויף פאָלקס-אומגליק.

זיי מיינען, אַז זיי וועלן נאָך לאַנג וואַרעמען זייערע בלוטיקע הענט אויף מילכאָמע-פײַער. „די, וואָס טראָגן די גאָלדענע עפּאָלעטן, וואָלטן געמעגט וויסן וועגן אויפגעוואַכטן באַוווּסטזײַן פון דער סאָלדאַטישער מאַסע. זאָלן זיי פרעגן בײַ די פראָנט-אָפיצערן, ווי איר אַלע, דאָ, — האָט ער זיך געווענדט צו די רעדנער, וואָס האָבן געפאָדערט אַ מילכאָמע ביזן זיגרײַכן סאָף, — ווערן פאַרשאָלטן, און ניט נאָר פּלאַטאָניש, איר וועט נאָך דערהערן די שפּראַך פון קאַנאָנען"...

ווי נאָר ער איז אַראָפּ פון דער טריבונע, האָב איך דערזען, איז צו אים צו עפּעס זייער אַן עלעגאַנטער פּאַרשוין. זיי האָבן דערפרייטע זיך אַרומגענומען און אַזוי געאַרעמט זיך דורכגעשטופּט דורך דער געדיכטעניש פון אוילעם אין אַ ווינקל, ווו זיי האָבן נאָך לאַנג געשמועסט. גרישע האָט מיר נאָכדעם געזאָגט, אַז דאָס איז געווען אַן אַמעריקאַנער זשורנאַליסט, אַ פאַרשטייער פון דער סאָציאַליסטישער פּרעסע, דזשאָן ריד. זיי האָבן זיך באַפרײַנדעט נאָך אין ניו-יאָרק.

אין עטלעכע יאָר אַרום, ווען איך האָב געלייענט דזשאָן רידס בוך „צען טעג, וואָס האָבן אויפגעטרייסלט די וועלט", האָב איך דאָרט געפונען די באַשרײַבונג פון אָט דער זיצונג און פון טשודנאָווסקיס אַרויסטרעטונג.

אין אַנדערשמאָל האָב איך געהערט גרישען אויף דער אַלשטאָטישער פּאַרטיי-פאַרזאַמלונג, וואָס האָט אַרומגערעדט די צוגרייטונג צום אויפשטאַנד אין שײַן פון לעצטע לעניניס בריוו און פון דער באַשטימונג פון צענטראַל-קאָמיטעט. דעם פאָרטראָג האָט געהאַלטן יאַקאָוו מיכײַלאָוויטש סווערדלאָוו. ניקאָלײַ איליטש איז אַרויסגעטראָטן אין נאָמען פון דער וואָיענקאַ. פאַרשטייער פון די ראַיאָנען האָבן אָפּגעגעבן באַריכטן וועגן דער קאַמפּס-גרייטקײַט פון די רויט-גוואַרדייִשע אָטריאַדן. מע האָט אָפּערירט מיט פאַקטן, מיט ציפערן. די רעדעס זײַנען געווען זאַכלעך-קורצע און איינצײַטיק באַגײַסטערט-דערהויבענע. אינעם ניט גרויסן קאַרג-באַלויכטענעם און אָנגערייכערטן זאַל מיטן נידעריקן סופיט האָט געהערשט די אַטמאָספער פון אַ פײַערלעכן גרויסן ערעוו, די לופט איז פול געווען מיטן גלי פונעם קורצן וואָרט „אויפשטאַנד". גרישע האָט ווי קעסיידער גערעדט הייס און אויפריכטיק, נאָר כ'ווייס ניט, וואָס ס'איז מיט אים דאָס מאָל געשען. ערטערווײַז האָבן זיך געלאָזט הערן טענער, וואָס האָבן געקאָנט באַטײַטן, אַז ס'מאַטערן אים נאָך ספייקעס, אַז ס'טשאַטשעט אים דאָס ווערעמל פון „טאָמער". ער האָט ניט אַרויסגעבראַכט דאָס וואָרט „פּריצײַטיק", נאָר ער האָט גערעדט וועגן דער סאָלדאַטן-מאַסע, וואָס איז נאָך עפּשער ניט גענוג גרייט אונטערצוהאַלטן דעם אויפשטאַנד.

ס'האָט זיך מיר צוערשט אויסגעוויזן, אַז ער איז טיילווײַז גערעכט, און אויך אַנדערע, האָט זיך מיר געדוכט, זײַנען מיט אים מאַסקים. נאָר ווען ס'האָט גענומען דאָס וואָרט דער פּאַרטיי-פּראָפּאַגאַנדיסט אַנטאָן סלוצקי, האָט ער לײַכט דערוויזן, אין וואָס ס'באַשטייט גרישעס פעלער.

טשודנאָווסקי דערשאַצט ניט דעם רעוואָליוציאָנערן אויפברויז דאָ, אין פּיטער. דער דאָרעם-מײַרעווודיקער פראָנט, פונוואַנען ער איז געקומען, איז דערווײַל נאָך ניט קראַנשטאַדט און ניט דער היגער גאַרניזאָן. גרישע איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אין דער ראָם פון דער אָפענער טיר. ער האָט אויסגעזען טויט-מיד, ס'האָט זיך איצט באַזונדערס געוואָרפן אין די אויגן, ווי ער איז אויסגעמאָגערט געוואָרן פאַר דער צײַט, וואָס ער איז געווען אויף פראָנט. סלוצקי האָט גערעדט זייער שאַרף, און ווען גרישע האָט דערהערט זײַנע האַרבע ווערטער וועגן זיך, אַז אַזוי אַרויסטרעטן קאָן נאָר אַ פּאַכדן, איז ער בלייך געוואָרן, ווי די וואַנט. ער האָט ניט אויסגעהאַלטן און מיט ווייטעק אין דער שטים אויסגעשריִען:

— וואָס רעדט איר? איך וועל דאָך זײַן פון די ערשטע סאָלדאַטן אויף דער פאָדערשטער באַריקאַדע!

...און ווירקלעך, ער האָט עס שפּעטער באַשײַמפּערלעך דערוויזן.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט דער קריגס-רעוואָליוציאָנערער קאָמיטעט באַשטימט גרישען אַלס קאָמיסאַר פונעם פּרעאָבראַזשענסקער פּאָלק, און ער האָט דאָרט באַלד זיך דערשלאָגן אַ דערפאָלג. נאָך אַ שטורמישער פאַרזאַמלונג האָט דער פּאָלק עפנטלעך פּראָטעסטירט קעגן דער בורזשואַזער פּרעסע, וואָס פאַרעכנט די פּרעאָבראַזשענצעס פאַר אָנהענגער פון דער צײַטווײַליקער רעגירונג.

עס איז געשאַפן געוואָרן אַ שטאַב אויף אויסצואַרבעטן אַן אָפּעראַטיוון פּלאַן פון אויפשטאַנד. גרישע איז איינער פון די שטאַב-מיטגלידער. צוזאַמען מיט ניקאָלײַ איליטשן און אַנטאָנאָוון

איז ער אין דרײַלינג, וואָס וועט אָנפירן מיט דער באַלאַגערונג פונעם ווינטער־פּאַלאַץ. זיי געפינען זיך אויפן דריטן שטאָק אין א צימערל די גרייס ווי א שטײַג. אף דער וואנט דאָרט, באם פענצטער, הענגט א גרויסע מאפּע פון דער שטאָט, באשטעקט מיט פענדעלעך אין די פונקטן, וואָס דארפן גענומען ווערן בייסן אופשטאנד. כאָטש ס׳איז שטרענג אָנגעזאָגט געוואָרן, אז מע זאָל זיך ניט דערוועגן זיי צו שטערן, האָב איך שפּעט באנאכט געמוזט זיך אופהייבן צו זיי.

איך דארף נייטיק האָבן ניקאָלײַ איליטשס א כסימע אף א מאנדאט פאר אונדזערן א כאַווער, וואָס דארף איבערנעמען א געוווער־סקלאד. אף מײַן איידעלן קלאַפּ אין דער טיר ענטפערט קיינער ניט. איך קלאַפּ שטארקער. ס׳גייט, אפּאָנעם, דאָרט ווידער אן אמפערײַ באם אָנצייכענען די ערטער פארן אָנגריף אף דער קאָנטררעוואָליוציע.

איך עפן שטיל די טיר און ווער צוגעשמידט צו דער שוועל. כאַפּן אף צוריק און פארשווינדן האָב איך שוין אויך ניט בעיאד. אין ענגן צימערל שטייט לעניך. איך האָב זיך אזוי פארלוירן, אז דאָס מויל האָט זיך מיר ניט געעפנט כאָטש צו גריסן זיך. ניקאָלײַ איליטש האָט מיך ווי א פארשעמט קינד גענומען פאר דער האנט און צוגעפירט צו לענינען.

— אונדזער מאריע, וולאדימיר איליטש, איז ניט געקוקט אף איר יונגקײַט אן אלטער מיטארבעטער פון דער וואָיענקא, — האָט ניקאָלײַ איליטש מיך פאָרגעשטעלט.

לענין האָט גוטמוטיק־פארטרוילעך מיר געקוקט אין די אויגן, בייס ער האָט מיר די האנט געדריקט, און א פרעג געטאָן, צי האָט ער מיך ניט באגעגנט ערגעץ אין עמיגראציע.

— נייך, צום באדויערן... — האָב איך קוים ארויסגעשטאמלט, און אלע אין צימער האָבן זיך צעלאכט.

איך האָב פונדעסטוועגן סייכל געהאט זיך דאָ לאנג ניט פארהאלטן. איך האָב גענומען די אונטערשריפט בא ניקאָלײַ איליטשן און מיט באדויערונג שוין ניט אף אָפּצולאכן פארלאָזט דאָס צימער.

איך האָב געוווּסט, אז לענין איז איצט אין סמאָלני, אָבער זיך ריכטן, אז איך וועל זיך טרעפן מיט אים אזוי נאָענט, האָט מיר אפילע אפן געדאנק ניט געקאָנט קומען. מײַן הארץ איז נאָך ביז הײַנט־צו־טאָג, ווען איך בין שוין אין טיפן עלטער, איבערפולט מיט דער איבערלעבונג פון אָט דער גליקלעכער קורצער ווײַלע אין יענער נאכט ערעוו דעם היסטאָרישן מאָרגן, וואָס האָט געעפנט א נײַע צײַט־רעכענונג.

די גאנצע נאכט האָבן צום סמאָלני זיך געצויגן רעוואָליוציאָנערע מיליטער־טיילן און רויטגווארדייִשע אָטריאדן און פון דאָרט זיך געלאָזט צו פארנעמען די וויכטיקסטע פונקטן פון דער הויפּטשטאָט — די בריקן, די וואָקזאלן, די פּאָטשט, דעם טעלעגראף, די מיניסטעריומס, דעם מעלוכע־באנק.

איינע נאָך דער אנדערער קומען אָן יעדיעס וועגן אונדזערע דערפאָלגן. איך ווארט יעדע מינוט אף א יעדיע פונעם ניקאָלײַעווער וואָקזאל. דאָרט געפינט זיך גרישע. ניקאָלײַ איליטש האלט מיך דאָ ווי מיט צוואנגען, אז ניט וואָלט איך זיך שוין לאנג דערלאנגט צו אים אף אונדזערער א פּאנצער־מאשין, וואָס איז אהין צוהילף געשיקט געוואָרן. ס׳זײַנען דאָרט פאראן קאָרבאָנעס און פיל פארוווּנדעטע. מיר דוכט, אז ס׳וואָלט אוואדע בעסער געוועזן, איך זאָל זײַן דאָרט און העלפן די פארוווּנדעטע, איידער שטיין דאָ אין הויף און קאָנטראָלירן די דאָקומענטן בא די אייגנטימער פון רעקוויזירטע אווטאָמאָבילן, וואָס מע פירט אהער אלע מאָל צו. אונדזערע פּאטרולן פארהאלטן ווו א מאשין אף די באנאכטיקע וועגן. איניקע מאשינעס קומען שוין אָנגעלאָדענע מיט געווער, וואָס מע פארנעמט בייסן אנטוואָפענען דעם סוינע.

אָט איז אין הויף ארײַנגעפאָרן א לאסטמאשין מיט קאסטנס קוילן און עטלעכע קוילנוואַרפער — טראָפּייען, וואָס זײַנען גענומען געוואָרן אין דער שלאכט באם וואָקזאל. ענדלעך איז אָט די שלאכט אויך געוווּנען. ווו זשע איז גרישע? ס׳גייט מיר דורך א ציטער איבערן לײַב. ס׳האָט מיך שוין פון לאנג אדורכגענומען די נאסע קעלט. דער ווינט טראָגט אָן אלע מאָל פינצטערע וואָלקנס, און דער הארבסטיקער רעגן — אָט טוט ער א גאָס, און אָט בלײַבט ער הענגען, ווי א געדיכטער נעפּל, וואָס באדעקט די גאנצע ערד.

איך לויף ארוף זיך דערווארעמען. אונדזער צימער אין סמאָלני איז ברייט צעעפנט אף ארײַן און ארויס. צענדליקער מענטשן קומען אהער נאָך אָנווײַזונגען, זיך האלטן אן אייצע, ראפּאָרטירן. איך דערקלײַב זיך צו ניקאָלײַ איליטשן, וואָס איז איצט גראָד אויך דאָ אין צימער און פירט א געשפרעך מיט א גרופּע כאווירים מיקויעך קשעסינסקעס פּאלאץ, וואָס איז ביז די יול־געשעענישן געוועזן די רעזידענץ פון אונדזער וואָיענקא און איז איצט אין די הענט פון די געאָרגי־קאוואלערן — א מיליטער־טייל, וואָס איז נאָך געבליבן טרײַ דער צײַטווײַליקער רעגירונג. ס׳איז ניט אויסגעשלאָסן, מע זאָל האָבן צאָרעס פון די דאָזיקע געאָרגי־קאוואלערן. קיינער ווייסט ניט, וויפל קויכעס זיי פארמאָגן און וואָס זיי האָבן פארטראכט. ס׳גייט דאָרט אָן עפּעס

צו א פּאַרדעכטיקע אופּלעבונג. מע וואָלט געדאַרפט, זאָגט ארויס ניקאָלײַ איליטש א ווונטש, אז אונדזערער א מענטש זאָל אַרײַנדרינגען אהין אַף אויסצוקלאָרן, ווי מע האַלט מיט זיי. ניט לאַנג געטראַכט, רוף איך זיך אָן:

— ניקאָלײַ איליטש, מיך שיקט. ווער ווייסט נאָך דאָרטן אזוי גוט, ווי איך, אַלע אַרײַנגאַנג און ארויסגאַנג. פאַר די כאַדאָשים, וואָס מיר האָבן דאָרטן געאַרבעט, בין איך אויסגעוואַקסן ווי א ווינקעלע.

ניקאָלײַ איליטש קווענקלט זיך.

— דו פאַרגעסט, אז דו ביסט א פּרויענצימער. און דערצו נאָך א צוציִענדיקע, — שמייכלט ער, — וועסט זיך גלײַך וואַרפן אין די אויגן איינע אַליין צווישן אזויפיל רויב־כײַעס.

— איך גלייב, אז זי וועט דאָרט זײַן ניט די איינציקע פרוי, — באַמערקט א כאַווער, — מע זעט דאָרט ניט זעלטן זיך ארומדרייען די זעלנערנס פונעם פרויען־באַטאַליאָן, וואָס האַלטן זיך איצט אוף אינעם ווינטער־פּאַלאַץ. און כוץ דעם איז דאָך מיסטאָמע פאַראַן דאָרט אופּראַמערנס.

נאָך א ניט לאַנגן יישעוו בלײַבט פונדעסטוועגן, מע זאָל מיך שיקן אהין. איך זאָג צו זיך איבערטאָן ווי א דינסטמיידל און אין זינען האָבן, אז מע דאַרף זײַן פאָרזיכטיק.

דאָ פונקט איז אַרײַן גרישע. ער האָט שוין באַוויזן נאָך דער שלאַכט באַם וואָקזאַל זײַן בא די פּרעאָבראַזשענצעס. זיי האָבן זיך אײַנגעשפּאַרט איינמאָל נייך: זיי וועלן ניט צושטיין צו די אופּשטענדלער. ער האָט א כשאַד, אז די אָפיצערן דאָרט האָבן זיך צונויפגעקאָמפּאַניִעט מיט די יונקערס. ער האָט זיך נאָר געקאָנט דערשלאָגן, אז דער פּאָלק זאָל בלײַבן נייטראַל. דאָס איז אויך זייער וויכטיק. די קאַזאַרמעס פון די פּרעאָבראַזשענצעס געפינען זיך באַם סאַמע ווינטער־פּאַלאַץ. איצט פּאָרט גרישע אין פּאַוולאָווער פּאָלק, און ער קאָן מיך מיטנעמען מיט זיך.

— נו, און ווען וועט זיך אָנהייבן די אַטאַקע אַפן ווינטער־פּאַלאַץ? — פרעג איך בא גרישען, ווען מיר זיצן שוין אין דער מאַשין.

ער ענטפערט מיר מיט קאַרגע ווערטער. קיינער ווייסט עס נאָך ניט. איינס איז קלאָר: צו דער עפענונג פונעם ראַטן־צוזאַמענפאָר דאַרף די גאַנצע מאַכט זײַן אין די הענט פון פּאָלק. מיר ווײַזט זיך אויס, אז גרישע באַהאַלט פון מיר אויס די פּינקטלעכע צײַט פון דער אַטאַקע. עפּשער איז בעסער אזוי, איך גיי דאָך צום בער אין דער הייל אַרײַן, מאַלע וואָס עס קאָן טרעפן מיט מיר. וואָס ווייניקער איך וועל וויסן, וועט פאַר מיר זײַן געזינטער. דערוויַיל הייבט אָן צו שאַריִען אַף טאָג. די מאַשין טראָגט אונדז איבער די פּאַרטאָגיקע גאַסן, וואָס האָבן זיך פאַרטײַעט פאַרן ענדגילטיקן אָנגריף. גרישע, א מידער, איז אנשוויגן געוואָרן. צי עפּשער מיינט ער, אז איך האָב זיך באַליידיקט? עס שטעלט אונדז אָפּ א רויטגוואַרדיייִשער פּאַטרול. דורכן צעעפנטן טירל שפּאַרט אַרײַן א שאַרפער ווינט און צעווייעט די טשופּרינע אף גרישעס קאָפּ. ער האַלט די גאַנצע צײַט דאָס היטל אַף די קני. איך פאַרשפּיליע אים די אייבערשטע קנעפּ אַפן שינעל, פון אונטער וועלכן עס זעט זיך ארויס זײַן צעכראַסטעטע העמדל. איך לאָז ליגן מײַן האַנט אַף זײַן אַקסל, און מיר שוויַיגןביידע. באַם טראַפּיצקער בריק דאַרף איך ארויסגיין. איך זאָג צו אים:

— טו מיך א קוש, גרישע, און ווינטש מיר דערפאָלג...

באַם ווינטער־פּאַלאַץ רודערט זיך. לעבן די אַרײַנגאַנגען און טויערן וואַרפן אָן די יונקערס פלאַכטעס האָלץ. אין אייניקע ערטער שטאַרצן שוין באַריקאַדן. איך פאַרקערעווע צו קשעסינסקעס פּאַלאַץ. דער גרויער טאָג האָט זיך נאָך ניט אויסגעשיילט אינגאַנצן. עס דרייען זיך דאָרט דערוויַיל ארום ווייניק מענטשן, און ס'גליטשט מיר דורך א הינטערטיר זיך אַרײַנכאַפּן אין די צימערן, וואָס בא דער קיך. איצט דאַרף מען געפינען אָן עמער, א ווישבעזעם און זיך נעמען צו דער אַרבעט: וואַשן און ראַמען און זיך צוהערן, וועגן וואָס ריידן דאָ די געאָרגי־קאַוואַלערן, וואָס פּראַווען שוין זייער פּרימאָרגן־טואַלעט. דעריקער שרעקט מיך, איך זאָל זיך ניט אָנשטויסן אַף וועמען ס'איז פון די עמעסע אופּראַמערנס. איך דערמאָן זיך אין די קאַזאַרמעס פון קיִעווער אָוויִאַ־פּאַרק, אין קאַרפּ סידאָראָוויטשן, נאָר איך טאָר זיך ניט פאַרטראַכטן. איך עפן דרייסט די טיר פונעם ערשטן בעסטן צימער, שטעל אוועק דעם עמער בא דער שוועל. כ'האָב נאָך אָבער קיין מוט ניט אַרײַן אין צימער. בייג איך זיך אָן איבער דער קויטיקער שוועל און הייב זי אָן צו שאָבן.

— ווער ביסטו, מיידל? ווער האָט דיר געהייסן זיך דאָ פאָרען?

איך קוק ניט אַף דעם איינעם, וואָס איז צו מיר צוגעגאַנגען, ווי גלײַך איך הער גאָרנישט. איך ווייס נאָך ניט, וויִאַזוי צו ענטפערן, נאָר יענער הייבט אונטער מיט איין האַנט דעם קין מײַנעם אף מיר א קוק טאָן אין פּאָנעם אַרײַן. איך דערפיל א צאַרטע שמאָלע פרויען־האַנט און דערהער א פאַרוווּנדערטע פרויען־שטים:

— מאַריִאַ!

אָך, ווי מיר האָט אָפּגעגליקט! פונעם ערשטן בליק האָב איך דערקענט באַטשקאַריאָווען. פאָרדרייַיאָרן, אַף די קורצטערמיניקע קורסן פון קראַנקן־שוועסטער האָבן מיר מיט איר צוזאַמען געלערנט און געזאָלט צוזאַמען אָנקומען אַלס פרייַוויליקע אין דער אַרמיי. נאָר מיר האָט מען דעמלט אָפּגעזאָגט, איך בין ניט געפעלן געוואָרן אין שלייער, און זי... זי טראָגט איצט פּאַגאָנעס פון אַן אָפיצער אין ראַנג פון אַ קאַפּיטאַן.

מיר דוכט זיך, אַז זי איז אַ ביסל שיקערלעך. אַלע מאָל שטעלט זי מיר אַ נייַע פראַגע און הערט ניט ביזן סאָף מייַן פאַרפּלאָנטערטע דערציילונג וועגן דעם, אַז דער מאַן מייַנער, אַן אויסוווּרף, האָט מיך געוואָרפן מיט אַ קליין קינד אַף די הענט און דאָ פאַרבייַט איך צייַטווייַליק אַ קראַנקע אופראַמערן, וואָס האַלט מיך מיטן קינד בא זיך אין קעלער־שטוב אָן דירע־געלט. איר גייט גאָר אָן צו דערציילן וועגן זיך. זי שלעפּט מיך אַרייַן אין אַ פּוסט צימערל. איך דערוויס זיך מיט אַלע איינצלהייַטן, וואָס פאַר אַ גלענצנדיקע קאַריערע זי האָט געמאַכט אין פרויען־באַטאַליאָן און וואָס פאַרא וויכטיקע אופגאַבן צו באַשיצן די רעגירונג זי פּילט איצט אויס.

אָט לאָמיר ביידע צוגיין אין ווינטער־פּאַלאַץ, וועט זי מיר דאָרט באַווייַזן אַ גאַנצע ראָטע פונעם פרויען־באַטאַליאָן, וועלכע איז איר אונטערגעוואָרפן.

— אָבער ווי קאָן איך גיין אין אָט אַזאַ הוילעך? — לאָז איך זיך ניט איבעררייַדן.

אָט ברענגט זי מיר שוין עפּעס אַף איבערטאָן זיך. זי לויפט געשווינד אַרויס און לאָזט מיך איבער אַליין אין צימער. ס׳איז עפשער פאַראַן אַ זין גיין מיט איר אינעם ווינטער־פּאַלאַץ, ווען ניקאָלייַ איליטש זאָל נאָר דערלויבן. דאָ ניט ווייַט, מע דאַרף נאָר פאַרקערעווען רעכטס, פאַרן אַרייַנגאַנג אין קאָנפערענץ־זאַל, ווייס איך, איז דאָ אַ טעלעפאָן. ווי דערקלייַבט מען זיך אָבער צו אים?

איך קוק אַרויס אינעם פּוסטן קאָרידאָר און דערזע, ווי באַטשקאַריאָווא לויפט שוין אַהער צוריק. זי ברענגט אַרייַן אַ גוט כאַקי־העמדל, וואָס איז אַ ביסל צו גרויס אַף מיר, אַן אַלטן אָפיצערישן שינעל, אָן פּאַגאָנעס; זי וואָלט נאָך געוואָלט, איך זאָל, אַזוי ווי זי, אַרייַנקריכן אין אַ פּאָר מיליטערישע הויזן. איך דאַנק איר אָפּ פאַר אַלץ, נאָר איך מוז, זאָג איך, זיך פריִער אַרומוואַשן נאָך דער קויטיקער אַרבעט. מיטן פּאַק בגאָדים אין די הענט לאָז איך זיך אין וואַש־צימער. אין דעם געוועזענעם בודואַר פון דער באַלערינע, ווו איך טרעף, צום גליק, קיינעם ניט, פאַרשפּאַר איך זיך און קלינג אָן אין סמאָלני. מייַן קורצע מיטיילונג וועגן דעם, וואָס איך האָב זיך דערוווּסט בא דער באַטשקאַריאָווא, געפעלט ניקאָלייַ איליטשן. אָן גרויסן כיישעק גייט ער אויך אייַן אַף דער אַוואַנטיורע מיטן ווינטער־פּאַלאַץ, אָבער... וואָס פאַר אַ טנייַ ער שטעלט מיר אַרויס, האָב איך שוין ניט געהערט. איך האָב מיטאַמאָל געמוזט אָפּשפּרינגען פונעם אַפּאַראַט. עמעצער האָט אַ שלעפּ געטאָן די טיר, זי אָן עפן געטאָן און באַלד פאַרמאַכט, נאָר איך בין שוין אַרויס פון דאָרטן ווי אַן אָפּגעבריטע.

ס׳איז שוין געווען גרויסער טאָג, ווען מיר זייַנען אַרייַנגעקומען אין אַ צימער פונעם ווינטער־פּאַלאַץ, ווו די זעלנערנס פונעם פרויען־באַטאַליאָן האָבן געהאַלטן באַם פאַרענדיקן דעם פרישטיק. קיין גרויסן אָפּשייַ צו מייַן קאַפּיטאַן זע איך דאָ ניט. מע האָט זי באַגעגנט מיט שפּאָט־בליקן. עמעצער האָט אַפילע אין דער הייך געלאָזט פאַלן אַ שפּאָט־וואָרט, אַז ס׳איז איר מיסטאָמע הייַנט געווען ווייך צו שלאָפן. אַן אַנדערע האָט אַ פרעג געטאָן, ווי פילט זיך דער הער פּאָלקאָווניק אין קשעסינסקעס פּאַלאַץ. אין זייערע שטעך־רייד האָט זיך געפילט מער קינע, ווי כויזעק.

באַטשקאַריאָווא האָט עס אַלץ גוטמוטיק אופגענומען און גאַנץ אָפן געמאָלדן, אַז זי איז מיד נאָך הייַנטיקער נאַכט און זי וועט טאַקע באַלד כאַטש אַף אַ פּאָר שאָ זיך אַ וואַלגער טאָן שלאָפן. מיך אַרט עס ניט. איך פיל זיך דאָ גאָר ניט שלעכט נאָך דעם ווי אַלע האָבן געזען, אַז זי האָט מיך געבראַכט אַהער ווי אירס אַ גלייַכן.

איך קאָן דאָ אַרומגיין און טאָן וואָס איך וויל, אַזוי אַלנפאַלס דאַכט זיך מיר אויס.

איך בין לאַנג אַרומגעגאַנגען פון איין פּוסטן זאַל אין אַ צווייטן, ביז כ׳האָב אָנגעטראָפן אַף אַ לענגלעכן האַלב־טונקעלן צימער מיט גאַבלענען אַף די ווענט, ווו ס׳האָט געווימלט מיט מענטשן. זיי האָבן ווי געוואַרט אַף עפּעס אַ וויכטיקער מיטיילונג. אינמיטן צימער האָט זיך צונויפגעקליבן אַ גאַנץ גרויס גרופּל. איינער אַ הער דערווייַזט זיי מיט גרויס אַפּלאָמב, אַז די באָלשעוויקעס וועלן זיך ניט דערוועגן אָנהייבן אַן אָפענעם געראַנגל. זיי וועלן מוזן אָפּקומען מיט דראָאונגען און מיט קליינע אָנפאַלן, קעדיי צו טעראָריזירן די רעגירונג. די אַלע, וואָס זיי האָבן אָנגעטריבן אַהער צום ווינטער־פּאַלאַץ, זייַנען מער ניט ווי אַרבעטער־יונגען, וואָס וועלן זיך ווי די מייַז צעלויפן פון איין רעכטן שאָס. פאַראַן גענוג קויכעס אַף צעשמעטערן אַלע, וואָס וועלן אָנגרייַפן. דאָס זאָגט ער, פּאַלטשינסקי, וואָס פירט אָן מיט דער פאַרטיידיקונג פון ווינטער־פּאַלאַץ.

איך פֿאַרשטײ ניט, װיאַזױ קאָנען די אַלע, װאָס רינגלען אַרום אַט דעם װילדן אָפּטימיסט, גלײבן אין זײַנע רייד. צי דען װײסן זײ ניט, אַז ניט נאָר די אַרבעטער־יונגען, װי ער זאָגט, נאָר דער גרעסטער טײל פֿון גאַרניזאָן שטיצט די באָלשעװיקעס. די שטאָט, די װיכטיקסטע רעגירונגס־אַנשטאַלטן זײַנען שױן אונדזערע. עס בײַסט מיך די צונג זײ אַ שלײַדער טאָן דעם עמעס אין פּאָנעם, נאָר איך טאָר זיך אָבער מיט קײן װאָרט ניט אַרױסגעבן. איך בין אַװעק צום מאַלאַכיטאָװן זאַל, װוּ עס גײט אַ באַראַטונג פֿון די מיניסטאָרן, עפּשער װעל איך דאָרט אין די קולואַרן מער ניכטערע רייד דערהערן. נאָר דאָ שמײַען אַרום ניט װײניק נאָכשמעקער. ס׳איז גאַנץ לײַכט אַרױסרופֿן אַ פֿאַרדאַכט, איך בין דאָ קימאַט די אײנציקע פֿרױ, און אַ סאַך אױגן קוקן מיר נאָך, האָב איך זיך אַרױסגערוקט, נאָך אײדער ס׳האָט געקאָנט דערגײן צו אַ דורכפֿאַל. אױף אַ טעלעפֿאָן־געשפּרעך פֿונדאַנען איז ניטאָ װאָס אױסצורעכענען. אַרום די טעלעפֿאָנען איז שטענדיק פֿול מיט מענטשן. איך האָב באַשטימט זיך לאָזן צו דער פּאָזיציע פֿונעם פּרױען־באַטאַליאָן און בין אַרױס אין דרױסן. דאָ אָטעם איך אױף פֿרײַער. אױסער דעם, טראַכט איך, װעל איך דאָ האָבן אַ מעגלעכקײט באַקומען אַ פֿאַרשטעלונג װעגן די קױכעס, װאָס שטײען קעגן אונדז. איך גײ פֿאַרבײַ די פּאָזיציעס פֿון פּאַװלאָװער און װלאַדימירער יונקער־שולן. די יונקערס נעמען מיך אָן פֿאַר אַ זעלנערן, װאָס האָט צו זײ צופֿעליק פֿאַרבלאָנדזשעט. אײניקע פּרוּװן שפּאַסן מיט מיר, זײ לײגן מיר פֿאָר, איך זאָל זיך אײַנמאָסטען אַט דאָ, לעבן זײ, װוּ ס׳װעט מיר זײַן גוט, װאַרעם און רויִק. איך רײַס זיך קױם אַרױס פֿון זײ.

האַרט לעבן פּאַלאַץ שטײען צװײ גוט פֿאַרמאַסקירטע ראָטעס פֿון דער מיכײַלאָװער אַרטי־לעריע־שול. איך צײל אָן זעקס האַרמאַטן, װאָס שטײען מיט די העלדזער אָנגעצילט אױף דער פּעטראָפּאַװלאָװער פֿעסטונג. באַלד נאָך זײ הײבן זיך אָן די פּאָזיציעס פֿון קאָזאַקישע טײלן. איך װאָלט, פֿאַרשטײט זיך, שױן לאַנג געקאָנט זײַן אין פּרױען־באַטאַליאָן, נאָר כ׳אײַל זיך ניט װידער צו זען זיך מיט דער צײַאָצטער באָטשקאַריאָװען, װאָס האָט זיך שױן עפּשער אױסגעניכטערט נאָכן שלאָף. װער װײסט, װאָס פֿאַר אַ ראָל זי האָט דאָרט גרײט פֿאַר מיר? זי װעט מיך נאָך עפּשער אַזױ צובינדן צו זיך, איך זאָל פֿון איר ניט קאָנען אָפּטרעטן. װאָס זשע װעט זײַן דער טאַכלעס? אָן איר קאָן איך זיך כאָטש פֿרײַ באַװעגן, זיך אַרומקוקן, זוכן, עפּשער װעל איך גע־פֿינען אַ מיטל עפּעס איבערצוגעבן ניקאָלײַ איליטשן. אונדזערע געפֿינען זיך דאָך אַזױ ניט װײַט פֿונדאַנען. אױף דער גאַנצער לענג פֿון דער מיליאָנען־גאַס ביזן ערמיטאַזש שטײען באַװאָפֿנטע רױטגװאַרדײער, דער גאַנצער פּלאַץ איז אַרומגערינגלט מיט אַ קײט פֿון רעװאָלוציאָנערע סאָלדאַטן און מאַטראָסן.

אַ יונגער קאָזאַק פּרוּװט פֿאַרפֿירן אַ שפּיל מיט מיר. ער רײַסט אַראָפּ פֿון מײַן קאָפּ דאָס זעלנער־היטל און רוקט מיר אָן איבער די אױערן זײַן קאָזאַקישע פּאַפּאַכע. די אַרומיקע קװעלן אָן פֿון מײַן ראַנגלען זיך מיט אים. אײניקע האַלטן, אַז ס׳פּאַסט מיר זײער די פּאַפּאַכע. איך זע אין איר אױס װי אַן עכטע קאָזאַטשקע. צי שטאַם איך ניט טשאַסאָם פֿון קאָזאַקן־קאַנט?

מיטאַמאָל דערפֿיל איך אַ שיטערן שאָט פֿון נאַסע שנײעלעך אױף מײַנע האָר. עמעצער האָט פֿון הינטן־אַרום אַראָפּגעריסן די פּאַפּאַכע, װעל איך שױן דאַרפֿן האָבן צו טאָן מיט צװײען. איך װיל אױסדרײען דעם קאָפּ אַ קוק טאָן, װער איז דער צװײטער, נאָר אַ פּאָר געזונטע הענט האָבן מיר פֿאַרשטעלט די אױגן און לאָזן מיך ניט אַ קער טאָן זיך. מײַן קאָפּ איז שױן װידער באַשיצט. צװײ נאָכהענגענדיקע ברײטע סטענגעס פֿון אַ מאַטראָסן־היטל באַמבלען זיך אױף מײַן האַלדז.

דער אױלעם װאַרט צעקאַטשעט פֿון געלעכטער. װאָס דאָ קאָן טרעפֿן! פֿונװאַנען האָט זיך אַהער אײַנמיטנדרינען אַ מאַטראָס גענומען? פֿאַר דער גאַנצער צײַט האָב איך דאָ קײן אײנעם ניט געזען.

— מאַריִאַ... — שושקעט מיר עמעצער אַרײַן אין אױער.

װען ס׳זאָל אין אַט דעם טיפּהאַרבסטיקן דרױסן געװען זיך פּלוצעם דערהערן אַ דונער, װאָלט איך אַזױ ניט געװען דערשטױנט, װי דערפֿון, װאָס כ׳האָב דערקענט גראַמאָװס שטים. ער נעמט צו די הענט פֿון מײַנע אױגן, און איך דערזע אים אַ לאַכנדיקן. ער איז דאָ אַ גאַנצער פּאַני־בראַט מיט אַלעמען. אַן עכטער בראַטישקע... װאָס הײסט עס?

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט ער מיך אָפּגעפֿירט אין אַ זײַט. ער האָט זיך דאַפּקע גאָרניט געכידעשט, װאָס ער האָט מיך דאָ געטראָפֿן. און איך, דאַקעגן, האָב געקוקט אױף אים װי אױף אַ בײזװונדער. אַ צעמישטע האָב איך אים באַשאָטן מיט פֿראַגן. ער האָט זײ אַלע מיט אײן װאָרט פֿאַרענטפֿערט: פּאָדװאָיסקי! ער דערצײלט מיר, אַז ניקאָלײַ איליטש האָט אים באַפֿױלן אונטער דער ערד מיך אָפּזוכן און אײַנשטעלן מיט מיר אַ פֿאַרבינדונג.

— אָבער װיאַזױ האָסטו זיך אײַנגעשטעלט?

— אַזױ, הײסט עס, נאָר דו ביסט דער בעריע אױף זיך אײַנשטעלן. האָסט אַ קורצן זיכּאָרן, מאַריִאַ, פֿאַרגעסט, װער גראַמאָװ איז. נאָר װעגן דעם איז איצט קײן צײַט ניט צו רײדן.

גראַמאָוו נעמט בא מיר אָפּ א פולן באריכט וועגן אַלץ, וואָס איך האָב דאָ געזען און געהערט. ער זאָגט מיר אָן אין ניקאָלײַ איליטשס נאָמען, איך זאָל זיך האַלטן אין די פּאַלאַץ־צימערן, ווו ס'דרייען זיך ארום די רעגירונגס־לײַט, און וואָס מער באמערקן און פאַרגעדענקען. ס'איז זייער וויכטיק וויסן דעם גײַסטיקן געמיט זייערן. מע וועט נאָך שיקן צו מיר פאַרבינדלער, איך זאָל אַלץ קאָנען איבערגעבן. ער דערציילט מיר, אז די מאַטראָסן פון „אווראָרא" האָבן א שטיק צײַט געהאַלטן די וואך אין פּאַלאַץ, ווייסן זיי אַזעלכע ערטער, דורך וועלכע מע קאָן ארײַנדרינגען אהער, וואָס אפילע אין כאָלעם קאָן מען זיך ניט פאָרשטעלן. פארן טאָג הײַנט זײַנען שוין ניט ווייניק אגיטאַטאָרס געשיקט געוואָרן אין די ארמיי־טיילן, וואָס פאַרטיידיקן דעם פּאַלאַץ. אויך צווישן דער דינערשאַפט זײַנען פאַראַן אייגענע מענטשן. מיט זייער הילף קאָן מען פונדאַנען אין א נויט אַנטרונען ווערן. ער גלייבט, אז איך וועל דערצו ניט דאַרפן אָנקומען. ער וועט באַוואָרענען, אז בא א מינדסטער געפאַר זאָל מען מיר צוהילף קומען.

גראַמאָוו פירט מיך ווידער ארײַן דורך עפּעס א פאַרבאָרגענעם ארײַנגאַנג אין פּאַלאַץ. באַם געזעגענען זיך פרעג איך אים אָפּ גרישען... לאָזט זיך אויס, זיי זײַנען אַלע דאָ ניט ווײַט, אין די טיילן, וואָס דאַרפן שטורעמען דעם ווינטער־פּאַלאַץ. ניקאָלײַ איליטש איז אין דער פּעטראָפּאַוו־לאָווער פעסטונג, ער איז באַפולמעכטיקט אָנצופירן מיטן שטורעם, ער איז איצט פאַרנומען מיט צעשטעלן די קויכעס, וואָס קומען נאָך אַלץ אונטער. אַנטאָנאָוו איז אָפּ דער „אווראָרא", ער פירט אָן מיט די יאַם־לײַט, און טשודנאָווסקי איז מיט די אופשטענדלער, וואָס רינגלען אומיטלבאַר ארום, ווי א קייט, דעם ווינטער־פּאַלאַץ.

בין איך דאָ ווידער געבליבן אַליין. אָבער שוין ניט אינגאַנצן אַליין. עמעצער וועט דאָ וויסן וועגן מיר און וועט זיך צו מיר ווענדן מיט א גרוס פון גראַמאָוון, דאַן מעג איך מיט אים איבער־געבן אַלץ, וואָס איך האָב צו זאָגן. דער טאָג האָט דערווײַל זיך א היפּשן רוק געטאָן און ווײַט אריבערגעשפּאַנט די צווייטע העלפט. די געשעענישן וואַקסן אַלץ מער אָן און ברענגען ארײַן א גרויסע צערודערונג דאָ, אינעם פּאַלאַץ.

אינעם צימער מיט די גאָבעלענען איז נאָך מער מענטשן ווי פריִער, נאָר מע טומלט שוין ניט אַזויפיל, ווי באַטאָג. אהער האָבן זיך דערקליבן אייניקע מיטגלידער פונעם צײַטווײַליקן ראַט פון דער רעפּובליק, פונעם אַזויגערופענעם פאָרפּאַרלאַמענט, זיי דערציילן, וויאַזוי ס'איז געפאַלן דער מאַריִנסקער פּאַלאַץ, ווו זיי האָבן אָפּגעהאַלטן א זיצונג. דער פּאַכעד, וואָס זיי האָבן גע־בראַכט מיט זיך, האָט זיך גענומען אויסוועפּן, ווען אײנער פון זיי האָט זיך ארויסגעכאַפּט מיט א וואָרט, אז מע האָט זיי פּאָשעט צעטריבן, ווי די מײַז, געהייסן באַפרײַען די געבײַדע און נעמען דעם וועג, וווהין ווער ס'וויל. האָט זיך אָבער באַלד דערקײַקלט אהער נאָך אָן ערגערע בסורע, אז אין סמאָלני, אינעם ווײַסן זאַל, האָט זיך געעפנט די זיצונג פונעם פּעטראָגראַדער ראַט און דאָרט געפינט זיך איצט דער נעלעם געוואָרענער לעניִן. דאָס האָט אַלעמען אויסערגעווײנלעך דערשיטערט. מער פון אַלע פילן זיך דערשלאָגן די מיניסטאָרן פון דער צײַטווײַליקער רעגירונג, איך דערקען אייניקע פון זיי לויט די פּאָטאָגראַפיעס, וואָס זײַנען געווען אין די צײַטונגען. זייער מיניסטער־פּרעזידענט, קערענסקי, האָט פאַרלאָזט דעם פּאַלאַץ, ער איז ארויסגעפאָרן באַגעגענען דאָס מיליטער, וואָס ער האָט ארויסגערופן אָפּ צו פאַרטיידיקן די רעגירונג, ס'זאָל ניט ארײַנפאַלן אין דער נעץ פון די באָלשעוויסטישע אגיטאַטאָרס. קאָנען זיי זיך איצט, די פאַרלאָזטע מיניסטאָרן, קיין אָרט ניט געפינען. מע האַלט זיך שוין ניט פאַרשפּאַרט אין די קאַבינעטן. ס'איז גרינגער צעווייען די דערשלאָגנקײַט, אז מ'איז צווישן מענטשן. פאַרמאָרעשכווירעטע קוקט מען ארויס דורך די גרויסע פענצטער אָפּ די קאַלטע שטאָלענע ניעווע־וואַסערן, אָפּן גלײַכגילטיק פאַר־כווישעכטן הימל, וואָס איז שטאַרק קאַרג אפילע אָפּ צו לאָזן פאַלן אייניצלנע שנייעלעך, פונקט ווי די מענטשן דאָ זײַנען איצט קאַרג אָפּ רייד. אײנער זאָגט צום צווייטן מיט א מינע, ווי ער וואָלט בלויז גערעדט צו זיך אַליין:

— וואָס וועט ארויסקומען פון אונדזער אקשאָנעס?

— מיר קענען אָבער ניט, — ענטפערט אומעטיק דער צווייטער, — א שלײַדער טאָן די מאַכט דעם ווילדן האַמוין דאָרט אָפּן פּלאַץ.

איין פּאַלטשינסקי האַלט זיך מער־ווייניקער האָפערדיק. ס'רינגלט אים ארום א גרופּע יונקערס, רעדט ער צו זיי וועגן דער ערע פונעם רוסישן אָפיצערנטום, וועמעס כויוו ס'איז אויס־צופילן דעם געבאָט פון דער צײַט און פונעם פּאָטערלאַנד.

— איר וועט אײַער כויוו אויספילן, גלייב איך, — זאָגט ער מיט א טאָן פון א באַפעל.

— יאָ, — ענטפערן אייניצלנע שטימען.

אין אַן אַנדער געזעמל פּריידיקט ער:

— א זעלנער אָפּן שלאַכטפעלד האָט צוויי אויסוועגן: אָדער קעמפן ביזן לעצטן אָטעמצוג,

אָדער זיך אונטערגעבן. מיר וועלן מיטן צווייטן וועג ניט גיין. בעשום־אויפן ניט, ביזן לעצטן סאָלדאט וועלן מיר זיך שלאָגן.

ס׳האָט מיר גוואַלדיק אָפּגעגליקט אין אָט דער אָוונט־שאָ. איך בין פּונקט געשטאַנען הינ־טער פּאַלטשינסקין, ווען מע האָט צו אים צוגעפירט אונדזער דעלעגאַציע בעראָש מיט גרישען, וועלכע איז געקומען מיט אַן אולטימאַטום צו די פאַרטיידיקער פון פּאַלאַץ, זיי זאָלן זיך אונטער־געבן, קעדיי אויסמײַדן בלוט־פאַרגיסונג. פּאַלטשינסקי האָט גענומען פאָכען מיט די הענט און מיט א באַנומען קאָל געהאַלטן אין איין שרײַען בלויז דאָס איינע וואָרט:

— אַרעסטירן! אַרעסטירן!

— איך בין שוין אַרעסטירט, כאָטש מע האָט אונדז גאַראַנטירט זיכערקײַט, — האָט גרישע אים רויִק געענטפערט. — איר גייט ניט איַין אָף אונדזער פאָרשלאָג, איז זײַט אַזוי גוט און לאָזט אונדז פרײַ, ווי מע פירט זיך מיט פּאַרלאַמענטיאָרן. שעמט זיך פאַר די זעלנער, וואָס זײַנען אײַך אונטערגעוואָרפן און פילן אויס אײַערע באַפעלן, כאָטש זיי ווייסן, אַז די שאָ האָט געשלאָגן.

ס׳האָט זיך אופגעהויבן א טומל. דער יונקער, וואָס האָט דורכגעפירט די דעלעגאַציע אין פּאַלאַץ, האָט געפאָדערט, מע זאָל זי פרײַלאָזן: ער האָט געגעבן זײַן ערנוואָרט, דאָס וואָרט פון א צוקינפטיקן אָפיצער. פּאַלטשינסקיס אָנהענגער האָבן אים פאַרשריִען. נאָר ס׳האָבן זיך געלאָזט הערן אויך אַנדערע שטימען: פּאָשעטע סאָלדאַטן, וואָס האָבן אַלץ מער און מער זיך גענומען זאַמלען אַרום דער דעלעגאַציע, האָבן אָנגעהויבן פאָדערן, מע זאָל זיי אויך דערלויבן פאַרלאָזן דעם פּאַלאַץ. זיי ווילן מער ניט דינען אַלס קאַנאָנען־פלייש, זיי ווילן ניט קיין אומזיסטע בלוט־פאַרגיסונג. פּאַלטשינסקי האָט שוין ניט געקאָנט אײַנשטילן די אופגערעגטע געמיטער.

— נו, גוט, איך באַפרײַ זיי, — האָט ער נאָכגעגעבן.

— מיר וועלן זיי באַגלייטן, וועט עס זײַן זיכערער. מיר וועלן אויך גיין מיט זיי, — זײַנען די קוילעס ניט שטילער געוואָרן.

איך האָב אויך געשריגן באַגלײַך מיט אַנדערע. ווען פּאַלטשינסקי איז צוגעגאַנגען צו גרישען, איז מען רויִקער געוואָרן. איך האָב זיך געהאַלטן פונדערווײַטנס, גרישע זאָל מיך ניט באַמערקן,

מ ו י ש ע כ א ש ט ש ע ו ו א צ ק י

לעבן זאָל די סאָציִאַלע רעוואָליוציע

ניט קיין יאַמען,
אָקעאַנען,
ניט קיין זונען
זיך צערונען,
צו א פּעטראָגראַדער
באַנהויף
איז א שנעלצוג
צוגעקומען.

אָפּגעשטעלט זיך
עטוואָס ווײַטער,
ניט אָט דאָרטן,
ניט ווו שטענדיק
(א פאַראָרדענונג באַצײַטנס —
עס זאָל עפּעס
ניט געשען דאָרט).

ניט א ווינט לויפט
איבער סטעפּעס,
טרייסלט גראָזן,
רײַסט די שטענגלעך —
קעפּ אין היטלען,
קעפּ אין קעפּקעס,
אין מאַטראָסן־היט
מיט סטענגעס.

ניט קיין קינדער־מײַסע
איז עס
וועגן ריזן
און גיגאַנטן —
אין וואַגאָן־טיר
זיך באַוויזן
האָט א מענטש
אין ווינטער־מאַנטל.

די טײַגאַ
האָט הויכע ביימער,
אין דער טונדרע —
טויטע מאָכן —
פּעטראָגראַד
איז גרויס און שוימיק,
און דאָס לאַנד
איז גרעסער נאָך מער.

עס קאָן דאָך אים איבעראַשן. נאָר איך האָב גאַנץ גוט געהערט דעם דיאַלאָג צווישן פּאַלטשינסקין און גרישען:

— איר זײַט פרײַ, איר מעגט גיין.

— איך קאָן אײַך ניט טרויען, — האָט גרישע קאַלט געענטפערט, — ווי קאָן איך אײַך גלייבן, נאָך דעם ווי איר האָט באַפוילן מיך אַרעסטירן. איצט וועט איר באַפוילן מיר אַרײַנשיסן א קויל אין רוקן. אָן א באַגלייט־וואַך גייען מיר ניט פונדאַנען.

ס'האָט זיך גלײַך געשאַפן א קאָמאַנדע אַף אַרויסצופירן די דעלעגאַציע ביז פון יענער זײַט באַריקאַדעס. גרישע האָט פאַרן אַרויסגיין זיך אויסגעדרייט צו די פאַרבליבענע:

— דער אָנגריף האָט זיך ניט אָנגעהויבן, קאַלזמאַן מיר געפינען זיך דאָ. איך גיב אײַך דאָס וואָרט פון א סאָלדאַט, אַז יעדערער, וואָס וועט דעם פּאַלאַץ פאַרלאָזן, ביז מיר נעמען אים אײַן, וועט באַקומען א פרײַען אויסוואַל: זײַן מיט אונדז אָדער אַוועק אַהיים צו זײַנע אייגענע.

איך האָב אויפגעכאַפּט גרישעס א ווונק, איך זאָל מיטגיין. כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז ער האָט מיך שוין פון לאַנג באַמערקט.

בייס מיר זײַנען אַריבערגעקראָכן איבער דער באַריקאַדע, האָבן מיר דערזען פאַרטײַעטע שאָטנס פון אונדזערע מענטשן, וואָס האָבן אָפּגעוואַרט אַף דער דעלעגאַציע.

אין דער פּעטראָפּאַוולאָווקע האָט מיך ניקאָלײַ איליטש אויסגעפרעגט גענוי וועגן אַלץ, וואָס כ'האָב געהערט און געזען. איך פיל, אַז עפּעס מאַטערט אים, עפּעס איז פאַראַן א מעניִע, וואָס דער שטורעם פונעם ווינטער־פּאַלאַץ האָט זיך נאָך ניט אָנגעהויבן. אָבער מיר וועט ער דאָך עס ניט דערציילן.

— גיי, — זאָגט ער, — מאַריִא, רו זיך אויס, כאַפּ עפּעס איבער, עס שטייט אונדז נאָך פּאָר א שווערע נאַכט. דער צוזאַמענפּאַר אין סמאָלני וואַרט מיט אומגעדולד אַף דער יעדיִע, אַז דער ווינטער־פּאַלאַץ איז געפאַלן. און הײַנט מוז עס געשען.

אָבער ווער טראַכט איצט פון אָפּרו און פון עסן? אַהער דערטראָגט זיך א העפטיקע שיסערײַ פון ביקסן און קוילנוואַרפּערס, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן באַם פּאַלאַץ. מיט א גרופּע רויטגוואַר־

הונדערט פופציק
מיליאָנען
אין די שוצגראָבנס
געלעגן —
טויזנט מענטשן,
א פּאָר פּאָנען
האָבן לענינען באַגעגנט.
קיין הודאָק
האָט ניט גערופן,
ניט געשריִען
קיין סירענע, —
היט און היטלען —
אינדערלופטן:
לענין,
לענין,
לענין,
לענין!

און דער רוף,
ער וואַקסט און שטאַרקט זיך,
ברענט אין האַרץ,
אין די געהירן, —
איבער שוימענדיקע
אַקסל
דורכגעשווומען
איז דער פירער.
וויגן קעפּ זיך,
פיס זיך שאָקלען,
ווי באַרוישט

פון לײַכטער שיקרעס —
שטייען
שטומענדיקע שטאָקן —
לענין
פונעם בראָנעוויק רעדט.

פרילינג־ווינט
האָט פאָן גערױסטעט,
בונטעווען,
ווי פאָנען, הערצער,
און עס האָבן ווערטער פראָסטע
אין דער שטילקײַט הויך דערהערט
זיך.

בייך, ניט ווערטער —
הויכבערג־שטראָמען,
בייך, ניט ווערטער —
א לאַווינע,
זיי צעטרייסלען
די נעשאָמע,
צינדן פײַער אָן
אין זינען.

און א פעלדז
איז אומגעפאַלן,
און א קנאַק געטאָן
האָט פּלוצעם:
לעבן זאָל די סאָציִאַלע
רעוואָליוציע!..

דייער לאָז איך זיך אַהין. אויפן וועג דערהערן מיר א מעכטיקן דונער, וואָס צעקײַקלט זיך איבער דער גאַנצער שטאָט.

— דאָס איז די „אווראָרא“, ענדלעך האָט זיך אָנגעהויבן, — שרײַט עמעצער אויס מיט פרייד אין דער שטים. הינטער אונדזערע פלייצעס צערײַסט די לופט א הארמאטן־שאָס. דערנאָך נאָך איינער און נאָך איינער. דאָס ריידן שוין די הארמאטן פון פעטראָפּאווּלאָווער פעסטונג. אויפן פלאץ פארן ווינטער־פּאלאץ פאלן מיר ארײַן אין א קנויל פון רויטגווארדייער, סאָלדאטן, מאטראָסן. מיר שווימען ווי א כוואליע צו די ווענט פונעם פּאלאץ. אָט טוען מיר זיך א וואקל אויף צוריק. א זײַל פון פײַער טראָגט זיך דורך איבער אונדזערע קעפּ. ווער ס׳טוט אליין זיך א וואָרף אויף דער ערד און ווער ס׳פאלט ווי אן אונטערגעהאקטער בוים. איך קוק זיך ארום. אונדזערע קלעטערן שוין איבער א באריקאדע. די איבערגעשראָקענע יונקערסווארפן דאָס געווער, לויפן צום פּאלאץ. מע וואָלט זיי געקאָנט אָניאָגן, נאָר די שיסערײַ האָט זיך איצט פארשטארקט. הינטער די זײַטיקע באריקאדעס זיצן נאָך פארשטעקט סאָנים מיט ביקסן און קוילנווארפערס. אָבער מיר זײַנען שוין אלע נאָענט בא די ווענט פונעם פּאלאץ...

ווען איך בין ענדלעך ארײַן מיטן מענטשן־שטראָם אינעם ברייטן וועסטיביול פון פּאלאץ, איז שוין גרישע דאָרט געווען. ער און אנטאָנאָוו זײַנען געשטאנען ארומגערינגלט מיט מאטראָסן לעם א גרופּע יונקערס. די מאטראָסן האָבן אומצופרידענע געטומלט. גרישע האָט די יונקערס צוגעזאָגט זיי ארויסלאָזן פונעם פּאלאץ מיטן געווער אין די הענט. די מאטראָסן באשטייען, מע זאָל זיי אנטוואָפענען, און גרישע מוז זיך אונטערגעבן.

— די שטים פון פאָלק, — ווענדט זיך גרישע צו די יונקערס, — איר וועט מוזן אָפּגעבן דאָס געווער!

לעבן אונדז פירט מען דורך די זעלנערנס פונעם פרויען־באטאליאָן, וואָס האָבן שוין אָנגעוואָרפן א בארג מיט געווער. באָטשקאריאָווא איז אויך צווישן זיי, נאָר זי זעט מיך ניט אָדער זי דערקענט מיך ניט. די מאטראָסן נעמען צו בא די יונקערס זייער וואָפן און הייסן זיי זיך פארנעמען פונדאנען. מיר אלע לאָזן זיך נאָך אנטאָנאָוון צו די טרעפּ, וואָס פירן אויף די אייבערשטע שטאָקן. פון דאָרטן הערט מען נאָך שיסן. דער געראנגל גייט אָן אין די קאָרידאָרן, אין די פּינצטערע צימערן. די לעצטע באשיצער פונעם באסטיאָן פון דער קאָנטררעוואָליוציע, פארשיקערט פון קאמף און פון די ווײַנען, וואָס מע האָט געפונען דאָ, אינעם צארישן קעלער, פּרווון זיך נאָך קעגנשטעלן דעם זיגרײַכן פאָלק. דאָס איז שוין אָבער א פארלוירענע שפּיל. איינער נאָכן אנדערן גיבן זיי זיך אונטער.

אויפן דריטן שטאָק אין פאָדערצימער פארן מיכײַלאָווער זאל שטויסן מיר זיך אָן אויף א וואַנט פון אָנגעשטעלטע ביקסן. די מאטראָסן רײַסן ארויס בא די סאָלדאטן דאָס געווער פון די הענט. פּלוצעם וואקסט אויס די פיגור פון פּאלטשינסקין:

— וואָס טוט איר? איר ווייסט ניט, אז מע האָט זיך שוין צונויפגערעדט מיט אײַערע? ס׳גייט אַהער א דעפּוטאציע פון דער שטאָט־דומע... כאָווער טשודנאָווסקי, — דערפּרייט ער זיך מיט גרישען און לאָזט זיך צו אים מיט אן אויסגעשטרעקטער האנט. גרישע האָט זײַן האנט אָפּגעוואָרפן.

— איר זײַט ארעסטירט, הער פּאלטשינסקי!

אנטאָנאָוו האָט דער ערשטער ארײַנגעריסן זיך אין זאל, מיר נאָך אים. די מיניסטאָרן, פארשטיינטע, קוקן אויף אונדז מיט שרעק. ווער פון זיי ס׳כאפּט א גוטן ציטער, ווען אנטאָנאָוו רופט אויס:

— אין נאָמען פונעם מיליטעריש־רעוואָליוציאָנערן קאָמיטעט מעלדע איך אײַך: איר זײַט ארעסטירט!..

ווען איך זאָל קאָנען מיט איין שטארק וואָרט איבערגעבן דאָס אלץ, וואָס איך האָב געפילט אין יענער מינוט! ס׳איז ניטאָ אזא וואָרט אין דער מענטשלעכער שפּראך. דאָס וואָרט גליק איז צו ווייניק אויף אויסצודריקן די דערהויבנקײַט פונעם מאָמענט, דעם געפיל פון שטאָלץ פון דעם באוווּסטזײַן, אז דו האָסט צוגעזען דעם אונטערגאנג פון א שוידערלעך־פינצטערער וועלט און דעם אויפגאנג פון א נײַער ליכטיקער וועלט.

צוויי אזייגער מיט צען מינוט באנאכט האָט גרישע אָנגעקלונגען ניקאָלײַ איליטשן אין דער פעטראָפּאווּלאָווקע, אז די מיניסטאָרן פון דער צײַטווײַליקער רעגירונג זײַנען ארעסטירט. ניקאָלײַ איליטש האָט אים דאָ גלײַך מיטגעטיילט, אז ער, דער סאָלדאט פונעם פּרעאָבראזשענסקער פאָלק, גריגאָרי טשודנאָווסקי, איז באשטימט אלס קאָמענדאנט פונעם ווינטער־פּאלאץ.

לייענער שרײַבן אונדז

ט ײַערע כאַווייריס!

אַט איז געקומען דער גרויסער יאָמטעוו — 50 יאָר אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. איך בין שוין איצט אַן אַלטער מענטש. דעמלט, אין די יאָרן פון בירגערקריג, בין איך געווען יונג און זיך געשלאָגן אין אַן אָטריאַד, וואָס האָט געקעמפט קעגן די קאָנטער־רעוואָליוציאָנערע באַנדעס. עס ווילט זיך מיר דערציילן אַ פּאָר עפּיזאָדן פון יענער צײַט.

די געשיכטע איז פאָרגעקומען אין שטעטל לעדווינקע לעבן דער סטאַנציע יוזעווּפאָל. אונדזער אָטריאַד איז געשטאַנען אויף דער סטאַנציע פאָדגאָראַדנע, ניט ווײַט פון דער שטאָט פערוואָמײַסק. איינמאָל, בײַ אַ מאַרש, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אין יוזעווּפאָל. דאָ האָט מען אונדז דערציילט, אַז אין לעדווינקע איז אַרײַן אַ באַנדע און די באַפעלקערונג איז אין גרויס געפאַר.

אונדזער קאָמאַנדיר האָט אָפּגעקליבן 35 מענטשן, און מיר זײַנען אַוועק אין שטעטל. די באַנדע האָבן מיר צעקלאַפּט, נאָר זיי האָבן שוין באַוויזן אָפּטאָן זייער שוואַרצע אַרבעט. אַ שרעקלעך בילד האָבן מיר געטראָפן אין איין שטוב. אין אַ ראָד זײַנען געווען אויסגע־לייגט צוועלף מענער און זעקס יונגע פרויען מיט איבערגעשניטענע העלדזער. אין אַ ווינקל, פון אונטער אַ באַנק, האָבן מיר אַרויסגענומען צוויי קינדער — אַ מיידעלע פון אַ יאָר פיר און אַ ייִנגעלע, וואָס איז געווען נאָך אַ ביסל קלענער.

ווי איצט, געדענק איך די פּענעמלעך פון די אומגליקלעכע קינדער. זיי האָבן געצי־טערט פון שרעק, ווײַל זיי האָבן נעבעך ניט פאַרשטאַנען, ווער מיר זײַנען. איך און דער קאָמאַנדיר פון דער גרופּע כאַווער קיפּער האָבן זיי אָנגענומען פאַר די הענטלעך און גע־זאָגט צו זיי: „שרעקט אײַך ניט, מיר וועלן אײַך ניט טשעפּען". דאָס ייִנגעלע האָט געפרעגט: „די מאַמע וועט נאָך לאַנג שלאָפן?" דאָס מיידעלע האָט אַזוי ביטער געוויינט, אַז דאָס האַרץ האָט געריסן. מיר האָבן געוואָלט אַוועקפירן די קינדער צו זיי אין שטוב, אָבער ווי נאָר מיר זײַנען אַרײַן, איז אויף אונדז אָנגעפאַלן אַ גרויסע איימע: דעם פאָטער פון די קינדער האָט מען אויפגעהאַנגען אויף אַ קריוק. מיר האָבן די קינדערלעך ניט אַרײַנגעפירט אין שטוב. איינע אַן איינזאַמע פרוי האָט זיי צוגענומען צו זיך.

אַט די בלוטיקע געשיכטע האָט מיך אַזוי אויפגערודערט, אַז איך האָב זיך געגעבן אַ ניידער — ניט אומקערן זיך אַהיים פון דער רויטער אַרמיי, ביז וואַנען כ'וועל ניט נעמען נעקאָמע פאַר די אומשולדיקע קינדער.

און אָט איז נאָך אַן עפּיזאָד.

ביז איצט שטייען מיר פאַר די אויגן די צעראַבעוועטע שטעטלעך און די פאַרוויינטע פּענעמער פון זייערע אײַנוווינער.

אַנומלטן, געדענק איך, זײַנען מיר געגאַנגען פון פערוואָמײַסק אין שטעטל כאַשטשע־וואַטע. דרײַ קילאָמעטער פון וואָקזאַל איז געלעגן אַ יונגע פרוי פון אַ יאָר צוואַנציק. זי איז געווען טויט. די באַנדיטן האָבן זיך איבער איר שרעקלעך איזדיעקעוועט, איידער זיי האָבן זי געהאַרגעט. ביידע בריסט זײַנען בײַ איר געווען אָפּגעשניטן.

אויף מאָרגן בין איך געווען דעזשורנע בײַם טעלעפאָן אויפן וואָקזאַל. איך געדענק דעם טאָג — ס'איז געווען דאָנערשטיק. פון שטעטל איז געקומען צו לויפן אַ מענטש און געבעטן, מיר זאָלן זיי העלפן. ער האָט דערציילט, אַז קיין כאַשטשעוואַטע זײַנען געקומען דרײַ באַנ־דיטן פון צימבאַליוקס באַנדע און זיי פאָדערן גאָלד און געווער.

אוי האָט בײַ מיר אַ קאָך געטאָן דאָס בלוט! איך האָב זיך דערמאָנט אָן דער אומגליק־לעכער יונגער פרוי. מיר האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אין שטעטל. איר מעגט מיר גלייבן, אַז מער האָבן שוין די דרײַ באַנדיטן קיינעם ניט געהאַרגעט.

אויף מאָרגן אינדערפרי איז אונדזער אָטריאַד אַוועק אין שלאַכט אויף דער באַנדע קיין מעזשערעטשקע. דאָס איז געווען פינף קילאָמעטער פון שטעטל. צו 4 אַזייגער באַטאָג האָבן מיר אַ סאָף געמאַכט צו צימבאַליוקס באַנדע.

מ. איוניצקי

כוסט, טראַנסקאַרפּאַטן־געגנט.

הירש פּלאַסקאָוו

גוואַרדיע־

גענעראַל־לייטענאַנט

די רויטע גוואַרדיע

בא א געלעגנהײַט כאַפּ איך זיך אַראָפּ אין מײַן היימשטאָט מינסק. ווער איז עס ניט א באַלן צו באַזוכן די שטאָט, ווו ער האָט פאַרבראַכט די קינדער־ און יוגנט־יאָרן? איינעם פון מײַנע ערשטע וויזיטן, וואָס איך מאַך אין מינסק, איז דער וויזיט צום אַלטן, מעכטיקן דעמב, אין זײַן שאָטן בין איך נאָך געלעגן קינדווײַז. וויפל איז אים שוין יאָר, דעם דעמב? געוויס מער פון הונדערט, אָבער ער לעבט, אַף די ברייט־צעוואָרפענע צווײַגן גרינען מיט א קרעפטיקער זאַפטיקער גרינקײַט די בלעטער. וווּנדערלעך שיין איז דעם דעמבס הויכע קרוין.

פּונקט ווי אַמאָל, צי עפּשער נאָך מער, ווי אַמאָל, האָב איך אויסערגעוויינלעך ליב זיך צו זעצן לעבן דעמב, אַרײַנעטעמען דעם ריינעם, פרישן גערוך זײַנעם, געניסן פון זײַן מעכטיקער קילקײַט. געוויינלעך דערמאָנט מען זיך בײַסמײַסע די ווײַטע פאַרגאַנגענע יאָרן. וואָס טוט מען מיט אײַך, יאָרן מײַנע, איר זאָלט אַזוי ראַשיק ניט לויפן? אָקאָרשט, דוכט, בין איך געווען אין די זעכציקער, זיך ניט באַוויזן אַרומצוקוקן, און איך בין שוין א בען־שיווים, די אייניקלעך, קיין אײַנהאָרע, זײַנען אונטערגעוואַקסן, געוואָרן גרויסע קינדער, און איך מיט דער פרוי מײַנער האָבן זיך שוין לאַנג צוגעוווינט צו דעם, אַז מיר זײַנען א זיידע און א באָבע, אָבער ניט צו פאַרזינדיקן, מיר האָבן ליב אונדזער יוגנט און באַקלאָגן זיך ניט אַף אונדזער עלטער.

אין מײַן אַרכיוו האָב איך ניט לאַנג צוריק געפונען צוויי פאַרגעלטע דאָקומענטן. איינער פון זיי איז געשריבן אַף פיר שפּראַכן: רוסיש, ווײַסרוסיש, ייִדיש און פּויליש, און עס שטייט אַף אים דער שטאַמפּ פון מינסקער אַרבעטס־הויז. דאָס צווייטע פּאַפּיר איז מיט א שטערנדל אין רעכטן ווינקל, פון אויבן, און אונטערגעשריבן האָט אים יע. א. שטשאַדענקאָ, וואָס איז אין 1917 יאָר געווען א קאָמיסאַר פון דער רויטער גוואַרדיע. די דאָזיקע צוויי פּאַפּירן האָבן מיר זייער גוט דערמאָנט וועגן אונדזער קאַמף פאַר דער סאָוועטנמאַכט אין ווײַסרוסלאַנד.

מינסק, אָקטיאַבער 1917. אין די צעכן פון טשוהונגוס־זאַוואָד איז שטאַרק טומלדיק. עס איז שוין צײַט צו קריגן די דריטע „פּאָלוטשקע“, אָבער קיינעם פון די אַרבעטער גיט מען ניט קיין גראָשן. אין דער זאַוואָדישער קאָנטאָר קאָן מען ניט אַרײַנגיין — בא דער טיר שטייען גאָראָדאָוואָיעס.

אינעם גרעסטן צעך פון זאַוואָד האָבן די אַרבעטער זיך צונויפגעזאַמלט אַף א מיטינג. איך און נאָך אַזעלכע, ווי איך, יונגע אַרבעטער־כעווורע, זײַנען די לעצטע צײַט שוין

געווען אף א סאך מיטינגען אין שטאָט, מיר לויפן אום פון איין מיטינג אפן צווייטן. עס איז אינטערעסאנט צו הערן די הייסע רעדעס, נאָר פאנאנדערקלייַבן זיך, ווער פון די רעדנער איז גערעכט און ווער אומגערעכט, איז אונדז ניט אזוי גרינג. אָט שטייט, לעמאָשל, איצט אינמיטן צעך א מיטליאָריקער מאנספארשוין, קנייטשט נערוועז אין דער האנט די הוט זייַנע, צוקט מיט די פלייצעס, פאריכט אלע ווייַלע די פענסנע, וואָס שפרינגען בא אים אף דער בלייכער נאָז, און בעט, און אייצעט, און שרייַט ראכמים, אז די ארבעטער זאָלן זיך פארשרייַבן ניט אין דער „פראָלעטארישער מיליציע“, נאָר אין דער „פאָלקס-מיליציע“, ווייַל דאָס פאָלק איז אלץ, דאָס פאָלק איז מער פון פראָלעטאריער. „אין נאָמען פון דער רעוואָליוציע, — האָט דער דאָזיקער רעדנער געשריען, — פארשרייַבט זיך אין דער פאָלקס-מיליציע. מיר וועלן גוט צאָלן“.

דוכט זיך, ניט שלעכט, פארוואָס טאקע זאָל אזא געזונטער כעוורעמאן, ווי איך, ניט פארשרייַבן זיך אין דער פאָלקס-מיליציע, ווו מע וועט גוט צאָלן? נעמט אָבער א וואָרט א צווייטער רעדנער. ער רעדט רויִק, היצט זיך ניט אזוי, ווי דער ערשטער, בייסן ריידן שטעלט ער אָפּ א לענגערע ווייַלע דעם בליק אף איין ארבעטער, אף א צווייטן, ווי ער וואָלט גערעדט נאָר מיט אים אליין. אף מיר האָט ער אויך א קוק געטאָן, און דער רויִקער, זיכערער בליק איז מיר געווען געפעלן.

— כאווירים! — האָט זייַן הויך קאָל זיך גוט געהערט אין אלע ווינקעלעך פון צעך. — די אזויגערופענע פאָלקס-מיליציע איז די זעלבע פאָליציי, די זעלבע העסלעכקייַט פונעם אלטן רעזשים אף צו אונטערדריקן און צו שלאָגן די ארבעטער. עס איז נאָר צוגעפארבט מיטן וואָרט „פאָלק“. אָט שטייען בא דער זאוואָדישער קאָנטאָר פאָרשטייער פון דער פאָלקס-פאָליציי — די זעלבע גאָראָדאָוואָיעס, וואָס פריִער. זיי היטן טרייַ דעם באלעבאָס... לאָמיר, כאווירים, גיין אף סערעבריאנקע, צו די סקלאַדן, נעמען דאָרטן געווער און שאפן אונדזערע אן אייגענע באוואָפנטע פראָלעטארישע מיליציע. מיר וועלן ארויסטרייַבן פון זאוואָד דעם באלעבאָס, וואָס באהאלט זיך איצט אויס, האָט מוירע זיך צו ווייַזן פאר די ארבעטער. מיר וועלן נעמען אין אונדזערע הענט דעם קאָנטראָל איבערן זאוואָד...

אזוי האָט גערעדט דער כאווער אי. א. אדאמאָוויטש — איינער פון די אָנגעזעענע באָלשעוויקעס אין ווייַסרוסלאנד. אדאמאָוויטש האָט פאנאנדערגענומען די צייַטונג, וואָס ער האָט געהאלטן אין האנט, אופגעהויבן זי הויך, אלע זאָלן זי זען.

— די דאָזיקע צייַטונג, — האָט ער געזאָגט, — הייסט „פראוודא“, אין איר דרוקן זיך כאווער לענינס ארטיקלען. די צייַטונג, וואָס איר זעט, איז פונעם דריטן מייַ. אָט וואָס לענין שרייַבט וועגן דער נייטיקייַט צו שאפן אן ארבעטער-מיליציע: „די רעוואָליוציע וועט ניט זייַן גאראנטירט, דער דערפאָלג פון אירע דעראָבערונגען וועט ניט זייַן געזיכערט, די ווייַטערדיקע אנטוויקלונג אירע איז אומעגלעך, אויב דאָס דאָזיקע מאָסמיטל וועט ניט ווערן דערפירט ביזן סאָף און דורכגעפירט אינעם גאנצן לאנד“.

ביסלעכווייַז איז פאר אונדז, ארבעטער-יאטן, אויסגעוואקסענע אין הונגער און נויט, אלץ קלאָר געוואָרן. מיר האָבן שוין געוווּסט און זיך געקאָנט פאנאנדערקלייַבן, וואָס עס שטעלן מיט זיך פאָר די פארשוינען, וואָס שרייַען און ליארעמען אף אלע גאסן: „די מילכאָמע — ביזן ענדגילטיקן זיג!“, „ראטעוועט רוסלאנד!“. די רעדעס פון די באָלשעוויקעס זייַנען געווען איבערצייַגנדיקע, די אופריכטיקע פראָסטע ווערטער זייַנען ארייַנגעדרונגען אין מויעך און אין הארצן. מיר האָבן פארשטאנען, אז לענין איז אונדזער עמעסער פרייַנט, און וואָס קאָן זייַן קלאָרער און בעסער פונעם באָלשעוויסטישן לאָזונג: די גאנצע מאכט — די ארבעטער און פויערים! א סאָף צו דער מילכאָמע, וואָס האָט שוין אומגעבראכט מיליאָנען מענטשן און פאָדערט נייַע און נייַע קאָרבאָנעס!

אפן גאנצן לעבן האָט זיך מיר פארגעדענקט דער טאָג פון עלפטן אָקטיאבער 1917 יאָר. אינעם דאָזיקן טאָג איז באשטימט געוואָרן מייַן ווייַטערדיקער. גוירל: איך האָב זיך פארשריבן אין דער רויטער גווארדיע.

כ׳געדענק, פון גאנצפרי האָט זיך שוין היפש געוואָלקנט, דערנאָך האָט גענומען גיין א לאנגער נודנער הארבסטיקער רעגן. דער זאוואָד האָט, ווי געוויינלעך די לעצטע צייַט, ניט געארבעט, ער האָט אויסגעזען אומהיימלעך, פארלאָזן. פלוצעם האָט זיך אין מעכאנישן צעך באוויזן דער באלעבאָס פון זאוואָד מאטיושטשוק. קיין פולווער האָט ער, פארשטייט זיך, קיינמאָל ניט געשמעקט, אפן פראָנט ניט געווען, נאָר פון קאָפּ ביז די פיס איז ער געווען פארפוצט, ווי אן עמעסער אָפיצער: אן אָפיצערישער מונדיר, א היטל מיט א קאָקארדע, גלאנצנדיקע כראָמאָווע שטיוול. אף דער ברוסט האָט אפילע געפינקלט עפעס ענלעכס אף אן אָרדען. ארויפגעקומען איז מאטיושטשוק ניט אליין, אים האָבן באגלייט די אָנגעשטעלטע פון דער קאָנטאָר און, כוץ זיי, א היפשע גרופע סטודענטלעך, וואָס האָט זיך שוין פארשריבן אין דער „פאָלקס-פאָליציי“ און געהאט נאגאנען און ביקסן. סאכאקל, צוזאמען מיט די אָנגעשטעלטע, איז געווען א מענטשן פינף און צוואנציק. אין צעך, ווו עס האָבן זיך געהאט פארזאמלט א סאך ארבעטער, איז געוואָרן א

ווײַלע שטיל, און אין דער דאָזיקער שטילקייט האָט זיך אַרײַנגעריסן דעם באַלעבאָס' בייז, נערוועז, אופגעבראכט קאָל, עלעהיי ער, מאַטיושטשוק, איז גאָט די נעשאָמע שולדיק און אין אַלץ זײַנען שוין פון לעבאָטכילע שולדיק די אַרבעטער.

— קיין ארבעט האָב איך ניט פאר אײַך... — האָט ער געשריִען. — די קאַסע איז פוסט. ווען עס וועט זײַן געלט, וועיס איך ניט, גייט אהיים, דאָ איז ניט קיין קלוב!

קיינער האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. דאַן האָט ער זיך אויסגעדרייט צו די פארשווינדלעך, וואָס ער האָט אראָפּגעבראכט, און זיי באַפוילן:

— רייניקט אָפּ דעם זאוואָד, קיין איין נעפעש זאָל דאָ ניט בלײַבן!

די ארבעטער, אזוי אויך דערצאָרנטע, זײַנען געוואָרן אופגעבראכט נאָך מער. מיט צונויפגעדריקטע פויסטן האָבן זיי זיך א לאָז געטאָן צו מאַטיושטשוקן. יענער האָט ארויסגעכאַפּט פון דער קעשענע דעם רעוואָלווער, אָבער אונדזערע מענטשן האָבן אים שוין געהאט אזוי געדיכט ארומגערינגלט פון אַלע זײַטן, אַרײַנגענומען אין א רונג אויך די גאנצע גרופּע זײַנע, אז ווען זיי וואָלטן אָנגעהויבן, וואָלטן זיי. טײַער באַצאָלט. אין דער דאָזיקער אויסערגעוויינלעך אָנגעשטרענגטער מינוט האָט זיך פון א ווינקל אין צעך דערהערט דאָס ענערגישע קאָל פונעם ארבעטער פּיאָטער איוואנאָוויטש דאטויעוו.

— כאַווײרים, מע וויל אונדז פּראָוואָצירן, לאָמיר זיך ניט אונטערגעבן דער פּראָוואָקאַציע!

פאר דאטויעוון האָבן אפילע א ביסל מוירע געהאט די מײַסטערס, צו זײַנעם א וואָרט האָט מען ניט נאָר אין צעך, נאָר אפן גאַנצן זאוואָד זיך גוט צוגעהערט, ניט איין מאָל האָט ער דורכגעפירט רויטע מאַיאָווקעס אין וואלד לעבן פּאָלווארק וואַנקאָוויטשי. ער איז געווען א מיטגליד פון דער באָלשעוויסטישער פראקציע אין דער דומע. איצט האָט ער אפגיך זיך דורכגעשטופּט דורכן ענגן געזעמל און בוכשטעבלעך באַפוילן דעם באַלעבאָס:

— פארבאַהאַלט די צאַצקע! — ער האָט אָנגעוויזן אפן רעוואָלווער, וואָס האָט בא יענעם געשטעקט אין דער אופגעהויבענער האַנט. מאַטיושטשוק האָט ניט ווילנדיק געפאָלגט, אַרײַנגעלייגט די „צאַצקע“ צוריק אין קעשענע. דאַן

א י ז י כ א ר י ק

מינסקער בלאָטעס

(פון דער פּאָעמע)

און ווען דאָס לאַנד האָט זיך
צעברודערט און צערעדט
מיט טויזנט פויסטן, טויזנט הימנען
אין איין אָטעם, —
האָט זיך צעטראָגן דאַן אן אײַליקער
דעקרעט
פון אוראַלער בערג ביז מינסק מיט
אירע בלאָטעס...

יעדערער פון אונדז — מיט אומרויִקן
ווייטעק,
אין וועמעס לעבן עס האָט ארבעט
שטרענג געשטראָמט...
— זאָל זיך גרייטן,
— זאָל זיך גרייטן,
— זאָל זיך גרייטן,
— זאָל זיך לערנען אָף אַרײַן אין
סאָוונאַרקאָם!

יעדער איינער — איז אצינד שוין ניט
קיין איינער,
יעדער קאָפּ — איז איצט א קאָפּ פון
טויזנט קעפּ.

מיר מוזן איצט צוזאמען און
פארייניקט — — — — —
— נידער מיט...
— און נידער!
— און — עס לעבט — — —!

*

האָט מינסק אוועקגעשיקט א צוג מיט
הייסע יונגען,
האָט פּיניע אויך צווישן זיי געברענט...
ס'האָט הינטער זיי קיין מארשן קיינער
ניט געזונגען
און ניט געפּאַכט מיט יאָמטעוודיקע הענט.

צו גרויס, צו גרויס איז אפן פראָנט
דער אומרו,
און ס'קען דער הימל פּלאַצן איבער
מינסק...
און אויב מע דארף — וועט מען צוריק
ניט קומען
און שטילערהייט שוין בלײַבן אונטער
ביקס...

*

ווייסט שוין פּיניע ניט, די ווײַפלסטע
מעסלעס
האָט ער דעם שלאָף אין זאָטל שווער
באַגעגנט,

האָט פּיאָטער איוואַנאָוויטש אויך זיך געווענדט צו די זאַוואָדישע אָנגעשטעלטע, עפּעס גאָר וויך, זייער מענטשלעך, האָט ער בײַ זיי א פּרעג געטאָן:

— נו, און צוליב וואָס זײַט איר אהער אראָפּגעקומען? דער הער מאַטיושטשוק ווייסט דען אליין ניט דעם וועג און ווייסט דען ניט, אַז דער זאַוואָד איז ניט נאָר זײַנער, נאָר אויך אונדזערער? אונדז וועט דאָך נאָך אויסקומען צוזאַמען צו ארבעטן. נאָך מיט פופציק יאָר צוריק האָט דאָ געהאָרעוועט מײַן זיידע...

אייניקע סטודענטלעך, פון די מער היציקע, האָבן געפּרוווט אָנהייבן, געוואָלט זיך ווארפן אפן אוילעם, ווי יונגע וועלף, נאָר די ארבעטער האָבן אָפּגעקילט די הייסע ליבע זייערע צו געשלעגן. די אָנגעשטעלטע האָבן מיט גרויס כיישעק און פארבאָרגענער צופרידנקײַט פארלאָזן דעם צעך. בעיין־ברײַרע איז אויך אוועק דער באַלעבאָס מיט דער פּריש־אויסגעבאַקענער „פאָלקס־מיליציע".

עס איז געווען מיטיק־צײַט, נאָר דער הודאָק האָט געשוויגן. די ארבעטער זײַנען פון צעך ניט אוועקגעגאַנגען. דאַטוּיעוו האָט זיך האַסטיק אוועקגעשטעלט אף א ווערקשטעל.

— כאַוויירים! — האָט ער פון דער אימפּראָוויזירטער טריבונע זיך געווענדט צו אַלעמען. — אין פּיטער, אין מאָסקווע, אין אנדערע שטעט פון רוסלאַנד זײַנען אָרגאַניזירט געוואָרן ארבעטער־דרוזשינעס, אָטריאַדן פון דער רויטער גוואַרדיע. לאָמיר אף אונדזער זאַוואָד אויך אָרגאַניזירן אזא אָטריאַד.

93 מענטשן האָבן זיך פארשריבן אין דער רויטער גוואַרדיע. צווישן זיי בין איך אויך געווען.

ווען איך בין געקומען אהיים, האָט די מאַמע מיך ארומגעכאַפּט און מיט טרערן אין די אויגן זיך גענומען בעטן בײַ מיר:

— הערשעלע, עס איז אזוי אומרויִק... אף די גאַסן שיסט מען. זיץ אין שטוב...

איך באַקוק אונדזער הילצערן שטיבל, די צימערלעך מיט די נידעריקע סופיטן און טונקעלע ווענט, און מיטאַמאָל ווערן זיי מיר עפּעס טײַער, ווי קיינמאָל ניט. רויִק, ווי ס'וואָלט גאָרנישט ניט פאָרגעקומען אף דער וועלט, קלאַפּן די אַלטע

דורך ווינט, דורך רויך — פארמאַטערט
און פארנעצט,
דורך ווינט,
דורך רויך
און זומערדיקע רעגנס.

*

ליגן דערפעלדער פּאַרוואָרפענע אין שרעק,
און כוטאָרן פארברענטע און פארמאַכטע.
אַלע יונגען זײַנען שטרענג אוועק
מיט קויל,
אף פויל, אף פריצים און אף שליאַכטע.

ערגעץ צו א כוטאָר וועט ער שטיל אראָפּ,
מידערהייט א קלאַפּ טאָן אין א טויער:
— היי, כאַוויירים, ברידער, עפנט אוף, —
— אָן אייגענער — א רויטאַרמייער...

*

איבער דער בעריאָזע הענגט א
שטרענגער בריק,
אײַלן עשעלאָנען, אײַלן איבער בריק.

און ווען דער לעצטער רײַטער וועט
דורכשנײַדן געשווינד
און שטרענגערהייט א זאָג טאָן: נו,
כאַוויירים, צינד!
וועט דאַן דער בריק א בראַך טאָן,
א פּאַך טאָן מיט די הענט,
א בריק איז דאָ געהאַנגען, געווען
און ניט געווען.

וועט מינסק דאַן ווערן נעענטער, ס'איז
ווער אהין ארײַן,
— מינסק, מיר וועלן קומען, מיר
וועלן ווידער זײַן!...

*

אין וועלדער געדיכטע, אין וועלדער
ווײַסרוסישע
ווער וועט הײַנט האַלטן די וואַך?
— ס'וועלן הײַנט הערצער מיט פײַער
צעקושן זיך, —
הײַנט, אין א בלוי־לעכער נאַכט...

שטילער, פארמאַטערטע, רויִקער, טײַערע,
ווער וועט פארהיטן די רו?
ס'וועלן הײַנט ווינטן און רויִקע פײַערן
שטיל מיט אײַך ריידן אף דו...

און ווער וועט הײַנט פאַלן, — וועט
מוזן פארגעסן
א פארלאָשענעם קאָפּ אפן ביקס...
— זאַמדיקע, שטילע, פּאַרוואָרפענע
געסלעך,
היים, — אונדזער בלוטיקער מינסק...

1924

כאָדיקעס: טיק־טאַק, טיק־טאַק פאַרוויגן זיי. איך קוק אױף דער פאַרווײַנטער מאַמען, אױפן טאַטן, וואָס האָט די לעצטע צײַט זיך היפּש געעלטערט, געטומען אונטערהוסטן, איך קוק אױף מײַנע ליבע עלטערן, און עס כאַפּט מיך אַרום אַ צווייפל: עפּשער טאַקע בלײַבן אין שטוב און אין ערגעץ ניט גײן? זײַן מיט טאַטע־מאַמע, איבערזיצן די אומרויִקע צײַט...

„אָבער איך האָב זיך דאָך פאַרשריבן, — דערמאָן איך זיך. — אויב איך וועל ניט קומען, וועל איך הייסן אַ דעזערטיר“.

כ׳האָב זיך צעזעגנט מיט די עלטערן, זיך צעקושט מיט זיי און פאַרלאָזן די שטוב. עס האָט זיך אָנגעהויבן פאַר מיר אַ נײַ לעבן, און ביז איצט בענטש איך די שאָ, ווען כ׳האָב בײַגעקומען מײַנע צווייפלונגען.

ווען כ׳האָב זיך אומגעקערט אױפן זאַוואָד, זײַנען שוין דאָרט אין הויף געשטאַנען פיר לאַסט־אויטאָמאָבילן. די רויטגוואַרדייער האָבן זיך אין זיי אַרײַנגעזעצט, און אין פופצן מינוט אַרום זײַנען מיר שוין געווען לעבן קאַוואַלעריעוועער געווער־סקלאַד. דער סאָלדאַט, וואָס איז געשטאַנען אױף דער וואַך, האָט זיך אַנטזאָגט אַרויסצורופן דעם שעף פון סקלאַד, אָבער אינגיכן איז דער שעף ביכווידוי־אָוועצמוי אַליין אַראָפּגעקומען — אַ יונגער פּראַפּאָרשטשיק, מיט אַ ציגאַר אין מויל. דאַטויעוו האָט אים דערלאַנגט דעם דאָקומענט, אַרויסגעגעבן פונעם מינסקער שטאַב פון דער רויטער גוואַרדיע, אױף צו באַקומען 200 ביקסן. דער פּראַפּאָרשטשיק איז דורכגעלאָפן מיט די אויגן איבערן פּאַפּיר, דערנאָך גײַוועדיק און מיט אָפענער פאַראַכטונג גענומען קוקן אױף אונדז.

— דאָס ערשטע מאָל הער איך וועגן אַזאַ שטאַב, — האָט ער מיט אַ קרום שמייכעלע געזאָגט. — אין דער רוסישער רעוואָליוציאָנערער אַרמיי איז ניטאָ אַזאַ...

דערהערט אַזעלכע דיבורים, זײַנען מיר אַרויסגעשפּרונגען פון די מאַשינעס. דער פּראַפּאָרשטשיק האָט געמאַכט אַן אַליאַרעם, און טייקעף זײַנען זיך צוזאַמענגעלאָפן אַלע סאָלדאַטן פון דער קאַראַולקע.

— דאָס זײַנען פאַרעטער פון דער רעוואָליוציע! שיסט אין זיי! — האָט דער פּראַפּאָרשטשיק היסטעריש געשריִען צו די סאָלדאַטן, אָנווײַזנדיק אױף אונדז.

די זעלנער אין די אַלטע גרויע שינעלן האָבן אָן איבעריקן כיישעק, גאַנץ פוילבלעך, אָנגעצילט אױף אונדז די ביקסן, אָבער געשאָסן האָבן זיי ניט.

דער פּראַפּאָרשטשיק האָט ווידער געשריִען: „שיסט!“ — נאָר איינער נאָכן צווייטן האָבן די סאָלדאַטן אַראָפּגעלאָזן די ביקסן און זיי אַוועקגעשטעלט לעבן די פיס. דאָס אָפּיצערל האָט געפרוווט זיך לאָזן לויפן נאָך הילף אין דער קאַזאַרמע, אָבער דרײַ רויטגוואַרדייער האָבן אים פאַרצאַמט דעם וועג.

— וואַרט אויס אַ ווײַלע, — האָבן זיי אים פאַרהאַלטן. — גיב אונדז דאָס, וואָס אונדז קומט, דערנאָך מעגסטו לויפן, וווּ דו ווילסט.

עס האָט זיך געעפנט דער אײַזערנער טויער, און מיר זײַנען אַרײַן אין הויף. אינגיכן האָבן מיר געקראָגן 200 ביקסן מיט הונדערט פּאַטראָנעס צו יעדער ביקס, אויך לעדערנע טאַשן און אייניקע רעזערוו־טיילן פאַרן געווער. מיר האָבן מיט דער קאַראַול־וואַך זיך געזעגנט גאָר פרײַנטלעך. דער פּראַפּאָרשטשיק האָט קוים געקענט אָנצינדן אַ ציגאַר, עס האָבן בײַ אים געציטערט די הענט.

דער אָקאָרשט געבוירענער אָטריאַד האָט זיך אײַנגעאָרדנט אינעם גוט פונעם גראַף וואָנקאָוויטש. אַלטע אויסגעדינטע סאָלדאַטן האָבן אונדז געלערנט שיסן, שטעכן מיט דער שפּיז. מיר האָבן געקראָגן אַ קוילנוואַרפער און זיך אויסגעלערנט, וויִאַזוי צו באַגיין זיך מיט אים. אין די אָוונטן האָבן מיר זיך פאַרנומען מיט אַלגעמיינער בילדונג: געהערט לעקציעס און פּאָרטראָגן, געלייענט צײַטונגען, געשלונגען די נײַעס, וואָס זײַנען אָנגעקומען פון פּעטראָגראַד און מאָסקווע. זעלטן ווען עס האָט געטראָפן, אַז עמעצער פון אָטריאַד זאָל איבערטרעטן די דיסציפּלין. מיר האָבן דאָן אַלע אַזאַ מענטשן באַהאַנדלט אױף דער פאַרזאַמלונג. די סאַמע שווערסטע שטראָף איז געווען, ווען מע האָט אַ רויטגוואַרדייער אױף אַ געוויסער צײַט פאַרבאָטן צו טראָגן געווער.

אָפטמאָל פלעגן אַראָפּקומען צו אונדז אין אָטריאַד כאָשעווע געסט, באָלשעוויקעס, וואָס האָבן ניט לאַנג צוריק זיך לעגאַליזירט. איינע אַזאַ באַגעגעניש האָט זיך גוט פאַרגעדענקט. אין אַ זונטיקדיקן טאָג איז צוזאַמען מיטן קאָמאַנדיר פון אָטריאַד דאַטויעוון אַרײַנגעקומען מישע זשמאַטשינסקי, וועלכן איך, און ניט נאָר איך אױף מײַן קאָמאַראָווקע, נאָר, ווי מע זאָגט עס, גאַנץ מינסק, האָט גוט געקענט. מיר האָבן מיט פאַרוווּנדערונג געקוקט אױף דאַטויעוון: וואָס איז אים אײַנגעפאַלן אַראָפּצוברענגען אַזאַ גאַסט? וואָס וועט מישע זשמאַטשינסקי אונדז דערציילן עפּעס אַזעלכס, וואָס מיר אַליין ווייסן ניט?

זשמאַטשינסקי האָט געהאַט אַ צונאָמען „מישקע ציגײַנער“. זײַן קוזניע איז געשטאַנען אין סאַמע עק פון דער צניאַנער גאַס, דאָרטן, וווּ עס הייבט זיך שוין אָן דער וואַלד. פאַרגאַפטע פלעגן מיר, כעוורעלײַט, צוקוקן, ווי מישקע שמידט אונטער אַ פערד. „באַלעווע זיך ניט, טײַערע, שטיי רויִק, — פלעגט ער פּאַטערלעך זאָגן צום צעהיצטן פערד, וואָס וויל זיך אַרויסרײַסן פון זײַנע הענט. — האַלט גוט דאָס פיסל“. און דאָס פערד האָט טאַקע געהאָרכזאַם געפאָלגט.

מישקעס פריילעכקײַט, זײַנע ווערטלעך, קונדייסישע שפּיצלעך האָט מען אומעטום געוווּסט. אלע האָבן אים ליב געהאט, די ווײַבער האָבן אים געלויבט אין טאָג ארײַן, ער פלעגט אײנס־און־צוויי פארלאטען די לעכערדיקע עמערס און שיסלען, אָפּט אָן א קאָפּעקע געלט. „בא ווײַבער נעם איך ניט“, — פלעגט ער זאָגן.

ווען איך בין אלט געווען אכט יאָר, האָב איך איבערגעלעבט דעם ערשטן אין מײַן לעבן פּאָגראָם, און איך האָב געזען, ווי מישקע ציגײַנער האָט זיך מיט א גרויסן פלאָקן א לאָז געטאָן אף די פּאָגראָמשטשיקעס. ער איז געווען א גוואר, און אפילע דער גרעסטער באנדיט האָט ניט געוואגט מיט אים זיך אָנצוהייבן.

— וואָס קוקט איר אזוי אף מיר? איר דערקענט מיך ניט? — האָט זשמאטשינסקי מיט זײַן פריילעך, הילכיק קאָל זיך געווענדט צו די רויט־גווארדייער. — איר האָט שוין פארגעסן מישקע דעם ציגײַנער? עמעס, אויסער מיטן האמער אין דער קוזניע, — האָט מישע פאָרגעזעצט, — האָב איך נאָך עפּעס געטאָן... דער קאָמאנדיר אײַערער האָט מיך געבעטן, איך זאָל אײַך עפּעס ווײַזן. טוט זיך אָן און גייט מיט מיר.

מיר האָבן זיך אָנגעטאָן, גענומען די ביקסן און אין א שערענגע זיך געלאָזן גיין. מישע האָט אונדז געבראכט אפן פּוילישן בעסוילעם, וואָס איז לעבן דעם דאָלגאָבראָדער קלויסטער. אינמיטן בעסוילעם שטייט א שיין אויהעל פון א גרויסן מאגנאט, וואָס, ווי מע דערציילט, האָט ער אים נאָך אויסגעבויט בייסן לעבן, קעדיי נאָכן טויט צו באגראָבן ווערן אין אים. גרויס איז געווען אונדזער ווונדער, ווען מישע האָט אונדז דורך אָן אונטערערדישער טראנשיי ארײַנגעפירט אין אויהעל, און בא דער שײַן פון דער ליכט, וואָס ער האָט אָנגעצונדן, האָבן מיר דערזען א דרוקמאשין, א רעאל מיט שריפט...

נאָך גאָר ניט לאנג צוריק האָט זיך דאָ געפונען די באָלשעוויסטישע אונטערערדישע דרוקערײַ, און, ס׳ווײַזט זיך ארויס, אז מישקע ציגײַנער איז ניט נאָר געווען א שמיד, נאָר אויך א זעצער.

דערווײַל איז אין שטאָט געוואָרן אלץ אומרויִקער. אומרויִקע טעג, פינצטערע, אומרויִקע נעכט, גוט איז אײַך צו דערמאָנען אין פריידן אין אזויפיל יאָרן ארום!

דעם 22 אָקטיאבער 1917 האָט מען אונדזער אָטריאד ארויסגערופן אף אן עקסטרער אָפּעראציע. מיר זײַנען געגאנגען זייער האסטיק. אף גובערנאטאָרסקע — אזוי האָט דעמלט געהייסן דער צענטראלער שטאָטישער פלאץ אין מינסק — אינעם גרויסן שיינעם ווײַסן מויער מיט די מירמלנע טרעפּ און הויכע דעמבענע טירן, וואָס האָט בא מיר, ווען איך בין געווען א יִינגל, שטענדיק ארויסגערופן די גרעסטע אנציקונג און יִיראס־האקאָוועד, איך האָב געטרוימט כאָטשבי איין מאָל ארײַנגיין אהין און א קוק געבן, וואָס טוט זיך דאָרטן אינווייניק, — אינעם דאָזיקן געוועזענעם גובערנאטאָרסקן פּאלאץ האָט זיך געהאט צונויפגענומען אף א זיצונג דער מינסקער סאָוועט. דער פּלאץ, וואָס געוויינלעך איז ער געווען פּוסט, מע האָט זיך ניט געטאָרט דאָ אָפּשטעלן, איז געווען פול מיט מענטשן. עמעצער האָט גערעדט פון דער אימפּראָוויזירטער טריבונע. דאטויעוו האָט אונדז אויסגעשטעלט לעבן מויער און באפוילן קיינעם ניט ארײַנלאָזן אהין. אליין איז ער ארײַן אין הויז. גענוי, וואָס עס קומט דאָרטן פאָר, האָבן מיר זיך דערוווּסט א ביסל שפּעטער. דער סאָוועט האָט אָנגענומען א באשלוס וועגן א באוואָפנטן אופשטאנד.

אף די גאסן האָבן זיך באוויזן הארמאטן און קוילנווארפערס. דאָס מיליטער פונעם קאָנטררעוואָליוציאָנערן „קאָמיטעט צו ראטעווען דאָס פאָטערלאנד“ האָט געשטעלט אן אולטימאטום, אז מיר, די רויטע גווארדיע, און די רעוואָליוציאָנערע סאָלדאטן, וואָס זײַנען אריבער אפן צאד פון די באָלשעוויקעס, זאָלן אָפּגעבן דאָס געווער. מיר, פון אונדזער זײַט, האָבן דאָס זעלבע געפאָדערט בא די קאָנטררעוואָליוציאָנערן. די צווייענדיקע מאכט האָט געדויערט אין דער שטאָט ביזן פערטן נאָיאבער.

אין די דאָזיקע אָנגעשטרענגטע טעג האָט אונדזער אָטריאד געהאלטן אין איין וואקסן. עס זײַנען געקומען צו אונדז ארבעטער פון דער מעבל־פאבריק, פונעם מאשינבוי־זאוואָד אף סערעבריאנקע. אינעם אָטריאד זײַנען געווען רוסן, ווײַסרוסן, יִידן, פּאָליאקן, אויך עטלעכע כינעזער. מע האָט אונדז אײַנגעטיילט אין דרײַ ראָטעס. די ראָטנע און ווזוואָדנע קאָמאנדירן, אויך דעם קאָמיסאר האָבן מיר אליין אויסגעקליבן.

איך קוק אף דער אלטער פאָטאָגראפיע, וואָס האָט זיך אלפּי־נעס בא מיר פארהיט, און איך דערמאָן זיך אין מײַנע כאווײרים.

עס שטייט מיר פאר די אויגן נאָכעם פּערלמאן — א ווּוקסיקער, קרעפּטיקער מאנצבל. ריידן האָט ער פײַנט געהאט, מער געשוויגן. ער איז געווען א גוטער, דערפארענער גערטנער, אלע זײַנע יאָרן געהאָרעוועט אין פּאָטאָצקיס סאָד, געכאָוועט פארן מאגנאט די בעסטע פרוכטביימער און די שענסטע בלומען, אָבער מער פון אלץ, יעדנפאלס, ווען ער איז געווען בא אונדז אין אָטריאד, האָט ער ליב געהאט דעם רייעך פון טאבעק, ער האָט גערייכערט מוירעדיק גראָבע מאכאָרקע־ציגײַערס.

ווען אונדזער אָטריאד האָט שפּעטער זיך ארײַנגעריסן אין אָסיפּאָוויטשי און נאָכעם האָט

דערזען די טליִעס, וואָס עס האָבן אוועקגעשטעלט די פּוילישע לעגיִאָנערן, האָט ער אָנגעהויבן דאַווענען — ער איז געווען א פרומער. אָפּגעדאַוונט און פאַרענדיקט מיט א הויכן „אָמיין“, האָט ער א קוק געטאָן אין איין זײַט, אין א צווייטער און זיך געלאָזן לויפן צו דער רעאַל־שול, פונוואַנען די לעגיִאָנערן האָבן געשאָסן. פלינק איז ער אַרופגעקראָכן אַפן דאַך פונעם אַנטקעגנדיקן הויז און פון דאָרטן גענומען שיסן. אים צוהילף זײַנען געקומען נאָך עטלעכע רויטגוואַרדייער, צווישן זיי בין איך אויך געווען. צום סאָף טאָג האָבן מיר אַרויסגעשלאָגן די שליאַכטיטשעס פון דער רעאַל־שול.

איך דערמאָן זיך נאָך איינעם א רויטגוואַרדייער — קיווע קאַהאַנאָוויטש. ער איז געווען א בלעכער, און זײַנע הענט זײַנען טאַקע געווען האַרט, ווי בלעך. דער דאָזיקער מענטש האָט א מינוט ניט געקאָנט זיצן אָן אַרבעט. ער האָט אויך ליב געהאַט פילאָזאָפירן.

— וואָס איז אַזוינס העלדישקײַט? — האָט קיווע געקנעלט מיט די כעוורע, וואָס האָבן זיך צוגעזעצט לעבן אים צו זען, וויִאַזוי ער מעלאָכעוועט. — קיין העלד ווערט מען ניט געבוירן, און שטאַרבן וויל קיינער ניט. אָבער מיט די בורזשויען האָט מען דאָך געדאַרפט ווען־עס־איז מאַכן א טאָלק. כאָטש גיב זיי אײַן א קרענק, וועלן זיי אַליין ניט אַראָפּגיין, מע דאַרף זיי אַראָפּשטופּן...

מיר האָבן אים אויסגעקליבן פאַר א קאָמאַנדיר פון א ווזוואָד, ער איז געווען א מײַסטער צו שיסן, זיצנדיק אָנגעבויגן אַף די קני. זיך האַסטיק אָנגעבויגן, אָנגעצילט, אויסגעשאָסן, איבערגעלאָפן, אָנגעלאָדן די ביקס, און ווידער...

מע האָט געדאַרפט זען, ווי דער דאָזיקער קיווע איז נאָכגעלאָפן די לעגיִאָנערן, וואָס האָבן געמאַכט די פּלייטע: ער האָט זיי געשאָלטן אַף מאַמעלאָשן:

— א כאָליערע אַף אײַך!.. א בראַנד אײַך אין די ביינער!..

פײַל־אויסן־בויגן האָט ער זיך געיאָגט נאָך די לעגיִאָנערן, און דער גאַנצער ווזוואָד צוזאַמען מיט אים, און מיר האָבן זיי טאַקע אָנגעיאָגט.

דער רויטגוואַרדייער בערנשטיין איז שוין געווען געקאָנטן פון אַן אַנדער טייג. די ערשטע צײַט האָט ער אַפּילע אויסגעזען צווישן אונדז ווי עפּעס א פרעמדער פּאַרשוין. פײַן געקליידט, איידעלע פּענסנע, ברויכט ווערטער, וואָס מיר פאַרשטייען ניט. ער איז געווען א לערער, גערופן האָט מען אים וואָלף מאָיִסייעוויטש.

אין אָטריאַד איז אים געווען, דערהויפּט די ערשטע צײַט, שווערער פון אונדז אַלעמען. עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז אַף איינער א פאַרזאַמלונג פון דער ראָטע איז אַרײַנגעטראָגן געוואָרן א פאָרשלאָג, ער זאָל אוועקגיין פון אָט־

עליע סאַוויקאָווסקי

רוסלאַנד

ווו נעמט זיך בא א לאַנד אַזויפיל רויטס?
ווו נעמט זיך בא א פאָלק אַזויפיל מוט?
רוסלאַנד, האָסט געשלעפּט א טאָג מיט
פערד און רײַטוואָגן
אַף דײַנע אײַנגעבויגענע בורלאַצקע
פּלייצעס.
און פאַרשיקערט טראָט נאָך טראָט
מיט אָדערווײַז געצאַפּטן בלוט
פון דײַנע קינדער...
האָבן פעלדער, סטעפּעס, טונדרעס,
טײַגעס
דוירעסלאַנג אין דורשט געלעקט
גראָבע זאַלצן טרויער,
איצטער האָבן וועלדער הענט צו דיר
זיך אויסגעשטרעקט.
גליוועט וואַרעמען בא דײַן צעזונטן פײַער.
צעהירזשעט האָבן זיך די וועגן דײַנע,
רוסלאַנד,
ווײַט־זויפער, ווי פערד,
און איבער דײַנע גרויע ראַכוועסן
אָן קעלזשעס זיך צעלאָפן.
זאָל טרייסלען אײַך אין קעלט,
פלעגמאַטיקער, עקוואַטאָר, טראָפּיקן
פון צעאָקטיאַבערטן,
פינפעקיק רויט־צעשטערנטן
מעגושעמדיקן צאָפן.
און ס'לאָזן דײַנע סאָקאָל־אויגן
פּראָזשעקטאָרן אַף דער וועלט,
טאַנצן דײַנע ראַדיִאָס קאַרנאַוואַלן.
עס שמוצערן אַף פײַערשפּראַך די
ראָשעטייוועסן,
געלעמפּלטע אַף שילדן:
מיר וועלן דײַן רעלסן־קנויל באַשפּאַלן,
מיר וועלן דײַן הייסן גאַנג קאַיאָריק־העל באַגילדן...

1920

ריאַד. װאָלף מאָיִסײעװיטש האָט זיך שטאַרק באַלײדיקט. „איך ערגעץ װעל איך ניט אַװעקגײן, — האָט ער אָפּגעשניטן, װי מיט אַ מעסער. — דאָ איז מײַן אָרט, און דאָ װעל איך זײַן...“ אין דער שלאַכט לעבן אָסיפּאָװיטשי האָט מען אים שװער פֿאַרװונדעט.

ביז איצט קלינגט מיר אין די אױערן זײַן קאָל, איך הער די װערטער, װאָס ער פֿלעגט מיט אַ דערהױבנקײַט אַרױסברענגען:

— עס װעט נאָך זײַן אַמאָל אַ גוט לעבן אױף דער װעלט!..

אַלעמען איז ניט שײַך איבערצורעכענען, אָבער װיִאַזױ דערמאָנט מען ניט אין אונדזערע יאָמטעװ־טעג, אין אונדזער פֿרײדיקן פּופּציקיאָריקן יובילײ, אַזאַ מענטשן, װי מױשע קאַנטאָראָװיטש? ער האָט געאַרבעט אין מינסק אױף דער בױנע און, אַװעקגײענדיק אין דער רױטער גװאַרדיע, האָט ער פֿאַרכאַפּט מיט זיך אַ כאַלעף. מױשע איז ניט געװען מאַסקים מיטן קאָמאַנדיר דאַטױיעװן — יענער האָט אים געהײסן בעסער שיסן מיט דער ביקס און בלױז אין אײנצלנע פֿאַלן אַרױסכאַפּן פֿונעם שײדל דאָס לאַנגע שאַרפֿע מעסער. אין באָברױסק האָט מױשע קאַנטאָראָװיטש מיטן מעסער געמאַכט אַ גאַנצע מעהומע. די ביקס איז בײַ אים געהאַנגען אױף דער פּלײצע, און ער האָט געפֿאָכעט מיטן כאַלעף. נאָך דער אַטאַקע, אַ פֿאַרשװיצטער, האָט ער װי זיך פֿאַרענטפֿערט:

— אַז מע קױלעט אַ בהמה, איז פֿאַראַן אַ נוצן, און דאָס איז הױלע פּאַדלע. פּילסודטשיקעס, באַנדיטן...

שױן העט שפּעטער, אין מײַ 1923 יאָר, לעבן דער פֿעסטונג קושקאַ איז דער ראָטנע קאָמאַנדיר מאָיִסײ אַבראַמאָװיטש קאַנטאָראָװיטש אומגעקומען אין אַ שלאַכט קעגן די באַסמאַטשעס.

נאָך דער אָקטיאַבער־רעװאָליוציע האָט אונדזער אָטריאַד געקעמפֿט קעגן די באַנדעס, װאָס האָבן זיך אױסבאַהאַלטן אין די װײַסרוסישע װעלדער. געהאַט האָבן מיר צו טאָן מיט אײנער אַ באַנדע, װאָס איר אַטאַמאַן איז געװען גאָטשיק. די באַנדיטן האָבן טעראָריזירט די באַפֿעלקערונג. די פּױערים האָבן מוירע געהאַט צו פֿירן פּראָדוקטן אין שטאָט, גאָטשיק פֿלעגט אָנפֿאַלן און אַלץ אַװעקרױבן, צוזאַמען מיט פֿערד־און־װאָגן. דעם 31 דעקאַבער 1917 האָט מען אונדז אױסגעשטעלט אין אַ שערענגע. מיר האָבן זיך דערפֿרײט, געמײנט, אַז מע װעט אונדז אָפּלאָזן אַהײם באַגעגענען דאָס נײַע יאָר צוזאַמען מיט די אײגענע. נאָר אַ רײד איז גאָר אַװעק װעגן עפּעס אַנדערש: מע דאַרף ליקװידירן גאָטשיקס באַנדע. אַ פּאָר פּױערים זײַנען געקומען אין אָטריאַד און דערצײלט, װוּ די באַנדיטן װעלן פּראַװען נײַ־יאָר — אין דעם הױז פֿונעם װאַלדאױפֿזעער, ריכטיקער, ניט אינעם הױז, נאָר אין די שטעלעכלעך. מע שלעפּט אַהין בוטלען סאַמאָהאָן און פֿאַרשײדענע פֿאַרבײַסעכצן. די שטעלעכלעך האָבן מיר אינדערשטיל אַרומגערינגלט. די באַנדיטן האָבן אונדז דערשמעקט. עס איז געװען אַ שװערע, בלוטיקע נײַ־יאָר־נאַכט. די באַנדע האָבן מיר ליקװידירט.

...האָמעל, באָברױסק, אָסיפּאָװיטשי. שטעט, שטעטלעך, דערפֿער... װוּ זײַנען מיר נאָר ניט אױסגעװען! דאָרט, װוּ די שװאַרצע מײע האָט אױפֿגעהױבן דעם קאָפּ, דאָרט, װוּ עס האָט גענומען שמעקן מיט אַ ייִדישן פּאָגראָם, דאָרט, װוּ עס האָט געדראָעט אַ געפֿאַר דעם עצעם לעבן פֿון דער ראַטנמאַכט, — זײַנען געװען רױטגװאַרדײער, װאָס האָבן זיך געשלאָגן ביזן לעצטן אָטעם.

װען מיר זײַנען אַרײַן אין אָסיפּאָװיטשי, האָט דאָרט געפֿלאַקערט דאָס הױז פֿון שטאָט־סאָװעט. די לעגיִאָנערן האָבן געשאָסן פֿון די הײַזער, זײ האָבן געהאַט אַ סאַך קױלנװאַרפֿערס. די אַרבעטער פֿון דער שטאָט זײַנען אונדז געקומען צו הילף. אין אַ פּאָר שאָ אַרום נאָך דער הײסער שלאַכט, װען פֿון די װײַסע באַנדיטן איז שױן ניט געבליבן קײן זײכער, האָבן זיך גענומען עפֿענען די לאָדנס פֿון די שטיבער, עס האָבן זיך באַװיזן קינדער אױף די גאַסן. מע האָט אונדז געדאַנקט, געשלעפּט צו זיך אין שטוב אַרײַן און מעכאַבעד געװען מיט אַפּגיך־אָפּגעקאָכטע בולבעס. דעם כיִעסדיקן טאַם פֿון יענעם טאָפּ בולבעס, װאָס אַ ייִדישע מאַמע האָט אַװעקגעשטעלט אױפֿן טיש פֿאַר מיר און פֿאַר מײַנע כאַװײרים, געדענק איך ביז הײַנטיקן טאָג. אירע קינדער זײַנען בײסמײַסע געשטאַנען און ניט אַראָפּגענומען די אױגן פֿון אונדז.

מאַרט 1918. די לעצטע פֿאַרזאַמלונג אין אונדזער אָטריאַד. די רױטגװאַרדײער געזעגענען זיך אײנער מיטן אַנדערן, מיר האָבן זיך דאָ פֿאַרברידערט, געלעבט װי אין אײן גרױסער מישפּאָכע, און אָט צעשײדן מיר זיך. נײן, אונדזער אָטריאַד און אַלע איבעריקע רױטגװאַרדײיִשע אָטריאַדן װערן ניט פֿאַנאַנדערגעלאָזן. אױף דער יונגער סאָװעטנמאַכט גרײַפֿן אָן סאָנים פֿון אַלע זײַטן.

מאַכנעסװײַז גײען מיר, רױטגװאַרדײער, אַרײַן אין דער רעגולערער רױטער אַרמײ. איצט הײסן מיר שױן רױטאַרמײער. מיט דער רױטער אַרמײ איז דערנאָך געװען פֿאַרבונדן מײַן גאַנץ לעבן.

א צוג מיט הייסע יאַטן

קינסטלער מארק קליִאַנסקי

ליפּע רעזניק

בראָנעוויק „געוויטער"

פאַרטאָג האָט געפּויקט מיט האַרמאַטן,
געפּויקט פון די בערג, און פון טײַך, און פון בריק.
און די שטאָט — אין פאַרטאָג און אין וואַרטן,
און פון שטאָט צו די בערג האָבן יונגע דעם ייִנגסטן געשיקט.
פאַרטאָג איז דער סוינע געלאָפן,
און זאַלפן צעשאָטן אף בלעך און אף שטיין, און אף ווענט.
אין שטאָט זײַנען יונגע שוין אַלע באַוואָפנט, —
— פון יונגע דער ייִנגסטער זאָל לויפן צום טײַך און צום בריק, און זאָל זען.
אף די בערג האָט א פאָן זיך צעפלײַטערט.
א פּליושענע פאָן איז פאַרטאָג אף די בערג, און איז רויט.
— דאָרט רײַטן שוין אונדזערע רײַטער;
זאָלסט זאָגן: די יונגע אין פאָרשטעט שוין אַלע באַוואָפנט און גרייט.
פון יונגע דער ייִנגסטער — אין גאַסן,
אף שטיינערנע ברוקן — צעשאָסענער מעש און פאַרדאָרבענער בלײַ,
טאָג איז נאָך יונג אפן וואַסער,
א נאַקעטער טאָג אפן טײַך איז אין שײַן און מיט גאָלדענעם לײַב.
דערווײַל זײַנען יונגע פון פאָרשטעט
אַרויס אין די גאַסן מיט ביקס און מיט דאָרשט, און מיט פרייד,
באַוואָפנט און מונטער, און דאָרשטיק
דעם סוינע פון שטאָט מיט פאַרטאָג און מיט זון, און מיט זאַלפן באַגלייט.
שרויפן האַרמאַטן די הויכן,
און פּויקן אין בלעכן פון דעכער, און פײַפן אַוועק צום וואָקזאַל.
פאָרשטעט און שטאָט איז אין רויכן,
און מיר זײַנען יונג און באַוואָפנט מיט זינגען, מיט זון און מיט זאַלפּ.
און יונגע צעהענגען די פאָנען,
אין גאַס — ווי אין רויטע יאָמטויווים — צעברענט זיך בא טויערן רויט.
פאַר אונדזערע — שטאָט א מאַטאָנע,
א שטאָט א פאַרפּוצטע אין פרײַ־יאָר, אין פאָנען, אין זון און אין פרייד.
אין גאַסן צעברענען זיך זונען,
און טאָג איז געפאַלן אף שטאָט און אף בערג, ווי געפאַלענער שניי.
איז דער שאַליעך דער ייִנגסטער געקומען,
דערציילן כידושים פון טאָג און פון טײַך, און פון רויטער אַרמיי.
— קיין רײַטער האָב איך ניט באַגעגנט, —
אפן ברוק א געפאַנצערטער א ו ט אָ, אף פאַנצער — א בלוטיקע שריפט, —
אַן אויפשריפט פון אווטאָ צו וועגן:

„געוויטער"

„מיט קריג אף פּאַלאַצן — אף גיזצעלטן מיט פריד"!

מיט אויפשריפטן אווטאָמאָבילן!
און אונדזערע קומען צו אונדז פון די דערפער, פון שטעט און פון לאַנד,
אין שטאָט און אף בערג איז שוין פרילינג —
צעפּויקטע גרינס און צעגאָסענער פעלד אין געפלײַטערטן קאַנט.
איך בין דער ייִנגסטער פון יונגע —
און טאָג אף די בערג איז א זײַדענע פאָן, און איז רויט און צעגליט.
כ'וועל אויפגיין אף פאָנען צעזינגען:

— געוויטער!
מיט קריג אף פּאַלאַצן — אף געצעלטן מיט פריד.

1935

בוזי אַלעווסקי

איך דערזוע פאָנען

פונעם ווישניק האָט זיך עס אַלצדינג אָנגעהויבן.

די סאָלדאטן האָבן זיך דעמלט אראָפּגעלאָזט צו אונדז אין שטעטל, און איך האָב זיך אופגעהויבן אף אונדזער שאפע און אראָפּגעוואָרפן דעם בוטל.

איך וואָלט אים געוויס ניט געווען אראָפּגעוואָרפן, ווען ס׳זאָל עמעצער געווען זײַן אין שטוב. איז אָבער קיינער ניט געווען.

נעכטן אפדערנאכט איז דער טאטע געקומען מיך אָפּנעמען פון כיידער. קיינמאָל קומט מען מיך ניט אָפּנעמען. נאָר נעכטן איז דער טאטע געקומען. ער איז ארײַן אין כיידער א פארהאָרעוועטער און א פארמעליקטער, ווײַזט אויס, נאָרוואָס געקומען פון דער ארבעט. געווען איז ער עפּעס פריילעך אזוי און צערודערט. ער האָט אפילע ניט געזאָגט קיין גוטן־אָוונט. ער האָט מיך גענומען אף די הענט, זיך א בייג געטאָן בא דער טיר און געלאָזט זיך מיט מיר אהיים.

דער טאטע האָט מיך געטראָגן גיך־גיך איבער דער בלאָטיקער, פינצטערער גאס. פון דער זײַט, ווו ס׳גייט דורך דער שאָסיי, האָבן זיך דערטראָגן זידלערײַען און סאָלדאטישע געשרייען.

נאָר די סאָלדאטן האָב איך ניט געזען. כ׳האָב נאָר געהערט, ווי זיי טופּען אינעם פינצטערן שטעטל, ווי סע הירזשען זייערע פערד, ווי סע דרינדזשען זייערע וועגענער.

פאר סאָלדאטן האָב איך מוירע. איך האָב ארומגענומען דעם טאטנס האלדז מיטביידע הענט און זיך אײַנגענורעט אין אים:

— טאטע, — האָב איך צוגעלייגט דאָס מויל צום סאמע אויער זײַנעם, — ס׳איז די מילכאָמע לויפט, טאטע?

— ס׳איז די פלישטים? — האָב איך זיך ניט געקאָנט בארויִקן און נאָך שטארקער זיך גענורעט אין אים.

דער טאטע איז געוואָרן אין קאס, געהייסן מיר שטיל זײַן.

לעבן שטוב האָט ער מיך אראָפּגעלאָזט אף דער ערד. א קלאַפּ געגעבן אין לאָדן. די מאמע האָט גלײַך געעפנט די טיר.

אין אלקער האָט די מאמע דערלאנגט א בריוו דעם טאטן און צעוויינט זיך. דער טאטע האָט זיך אוועקגעזעצט אפן בעט, צוגערוקט דאָס לעמפּל, לאנג־לאנג געדרייט דעם גרינעם קאָנווערט אין די הענט און נאָכדעם אָנגעהויבן פּאמעלעך לייענען דעם בריוו אף א קאָל.

דער בריוו איז געווען פון דער מילכאָמע, און אָנגעשריבן איז אין אים געווען, אז ס׳איז געהארגעט געוואָרן ניומע.

איך קריך ארוף אפן בעט. איבערן טאטנס פּלייצע קוק איך ארײַן אינעם בריוו. און פּונקט ווי איך וואָלט שולדיק געווען, וואָס מע האָט דערהארגעט ניומען, ווערט דער טאטע אף מיר אין קאס:

— כ׳האָב, דאכט זיך, געזאָגט — שלאָפן! ניט רוקן די נאָז, ווו מע דארף ניט!

די מאמע וויל ניט, דער טאטע זאָל שרײַען אף מיר. ווען עס טרעפט זיך אן אומגליק, ווערט דער טאטע בייז, און די מאמע פארקערט — זי ווערט זייער גוט צו מיר. די מאמע נעמט מיך אף די הענט. זי גיט מיך א קוש און לייגט מיך שלאָפן.

נאָר שלאָפן וויל איך ניט. איך ליג אונטער דער קאָלדרע און הער אַלצדינג. איך הער זייער גוט, ווי דער טאטע זאָגט אָן דער מאמען:

פונעם בוך „אָשערל און זײַנע פרײַנט“.

— ניט באַלבען! ניט דערציילן איטען וועגן דעם בריוו...

— ווײַבער האָבן א לאנגע צונג, — הייבט ער אָן שרײַען אף איר.

איך בין זייער צופרידן, וואָס דער טאטע שרײַט אף דער מאמען, זי זאָל ניט דערציילן. כ׳וועל בעסער אליין דערציילן.

איטע איז מײַן מומע. און ניומע איז איר זון. און דער בריוו איז צו איטען...

איך ליג אונטער דער קאָלדרע און קאָן שוין ניט אויסהאלטן. כ׳וויל זייער, ס׳זאָל ווערן טאָג. גאנצפרי וועל איך גלײַך אוועקלויפן צו דער מומען און איר אָנזאָגן:

— מומע איטע, דײַן ניומע איז דערהארגעט געוואָרן אף דער מילכאָמע!..

■

אינדערפרי, אז איך בין אופגעשטאנען, האָב איך שוין קיינעם אין שטוב ניט געטראָפן. שטענדיק פרײַטיק, ווי נאָר איך עפן די אויגן, שרײַ איך שוין:

— מאמע, גיב דעם פּאָפּאלעק, מאמע!

נאָר ס׳איז שטיל. ניט דער פּאָפּאלעק, ניט די מאמע, ניט דער טאטע. כ׳האָב זייער ניט ליב, אז אין שטוב איז שטיל און ס׳איז קיינער ניטאָ. דעם טאטנס פארמעליקט זעקל הענגט אף דער שראַגע. דער טאטע איז ניט געגאנגען, ווײַזט אויס, אין מיל. דער אויוון איז אויך ניט געהייצט. אין שטוב איז פינצטערלעך. די לאָדן, וואָס גייען ארויס צו דער גאס, זײַנען פארמאכט. נאָר אין אלקער איז ליכטיק. אין אלקער זײַנען בא אונדז ניטאָ קיין לאָדן.

כ׳שטיי אפן בעט. כ׳טו אָן מײַנע קורצע סאַטינענע הייזעלעך מיטן סטאניק. כ׳רײַב זיך מיטביידע הענט די אויגן. כ׳וואָלט אפילע אָנגעהויבן וויינען, נאָר אז ס׳איז קיינער ניטאָ, איז ניטאָ פאר וועמען צו וויינען.

כ׳לויף ארויס אין קיך, כ׳וויל ארויס אין דרויסן, נאָר די קליאמקע פון דער גאס־טיר האָט די מאמע פארשטעקט מיט א שטעקעלע.

זיצן און גאָרניט טאָן — דאָס קאָן איך ניט, און ווײַל איך קאָן ניט זיצן ליידיק, האָב איך גענומען קלעטערן אף דער שאפע.

אלע טעפּ מיט ווארעניע און אלע בוטלען מיט ווישניק שטייען דאָרטן. שטענדיק שטייען זיי דאָרטן. יאָרנווײַז. זי ווערט פארצוקערט, זי שימלט און פינעט, אונדזער ווארעניע.

כ׳האָב צוגעשטעלט א טאבורעטל. כ׳בין ארויף. כ׳האָב פאריסן דעם קאָפּ, אויסגעצויגן די הענט, נאָר ערשט ווען איך האָב אפן טאבורעטל אוועקגעשטעלט א בענקל, האָב איך קוים דערזען די סאך געגלייזטע טעפּ מיט דעקלעך פון אויבן, דערזען גלעזערנע סלויעס, אײַנגעדעקטע און ארומגעבונדענע מיט פּאפּיר. און דער סאמע בעסטער און דער סאמע געזונטער — ער שפּארט אזש אונטער דעם באלקן — שטייט זיך דאָרטן א גרינער בײַכיקער בוטל מיט רויטן וויִשניק.

איך האָב זיך אונטערגעהויבן, אָנגענומען דעם בוטל מיט ביידע הענט, א קרעכץ געטאָן און געגעבן אים א הייב. כ׳האָב אים אופגעהויבן און אזוי ווי זיך צוגעבונדן צו אים. ניט איך קאָן אים אוועקשטעלן, ניט איך קאָן מיט אים אראָפּקריכן. אפצולאָכעס האָב איך פּונקט אָנגעטראָפן אפן טאבורעטל, בא וועלכן איין פיסל איז א ביסל קירצערס. איך הוידע זיך אהער און הוידע זיך אהין.

נאָר אָט האָט זיך עס אזוי צעהוידעט, אז כ׳האָב זיך אָנגעכאפּט מיט ביידע הענט אָנעם קארניז פון דער שאפע. ס׳האָט זיך גלײַך דערהערט א פארדומפּענער זעץ. ווי עמעצער וואָלט אים קוילען, האָט דער בוטל אָנגעהויבן רויט, געדיכט אָפּגיין מיט וויִשניק, אזוי ווי מיט בלוט.

כ׳וואָלט זיך זייער דעמלט געוועזן דערשראָקן, נאָר מיר האָבן א קאץ. אונדזער גרויסע ראבע קאץ ראטעוועט מיך פּאָשעט. זי האָט שוין ניט איין מאָל געכאפּט פּעטש איבער מיר.

— גוואלד, — פלעגט שרײַען די מאמע, — וויפל מאָל האָב איך געבעטן, מע זאָל ניט לאָזן אָפן דאָס בופעטל, — די קאץ צעברעכט מיר ווי א טעלער.

כ׳האָב זיך געלאָזט אין קיך. אין קיך אפן אויוון האָב איך געכאפּט די קאץ. כ׳האָב געוואָלט זי אויסקײַקלען אינעם צעגאָסענעם וויִשניק, עפענען א פענצטער און לאָזן זיך מיט א רעווערײַ אין גאס ארײַן זוכן די מאמע. די מאמע וועט קוקן אפן וויִשניק.

— גוואלד, — וועט זי שרײַען, — א מאלעך־האמאָוועס, ניט קיין קאץ. ווו האָט מען עס געזען, אז א קאץ זאָל קריכן צו וויִשניק?!..

און די קאץ וועט, ווי א מעשוגענע, שפּרינגען איבער דער שטוב, און די מאמע וועט שרײַען „אקאָטא" און שלאָגן זי מיט א קאָטשערע.

איך האָב נאָר געכאפּט די קאץ, האָבן זיך דערהערט מיטאמאָל קוילעס.

— „סטאראָסטא", אין שטוב איז עמעצער דאָ? — האָב איך דערהערט עמעצנס א פרעמד קאָל פון גאס, און אין דער זעלבער רעגע האָבן זיך געעפנט די קיך־לאָדן, ס׳האָט א קלונג געטאָן די קליאמקע אין פירהויז. פון די געעפנטע לאָדן איז אין קיך געוואָרן בלענדנדיק־ליכטיק. די אויסגעשײַערטע מעדניצע האָט א בליאסקע געטאָן אפן פריפּעטשיק, אז כ׳האָב אזש פארמאכט די אויגן.

— א גוט־מאָרגן, באָכערעץ, — האָט זיך אינײַנעם מיט דער ליכטיקײַט אָן עפן געטאָן די טיר, און אפן שוועל האָט זיך באוויזן וועלוול

כאַדאַרקאָוו, באסיע דער הארבארניטשקעס זון, וואָס וווינט מיט אונדז אַף איין גאַס.

ער איז אַרײַן יאָמטעוודיק. דאָס פּידזשאַקל אַף די אַקסל, אַפּן פּידזשאַקל אַ רויטער באַנט.

— דער טאַטע ניטאָ, האַ? — גיט זיך ווע̄לוול אַ בייג צו מיר. ער גיט אַ פאַרשאַר זײַנע קוטשעראווע האָר, וואָס זעען אויס ווי פּרוזשינקעלעך, גיט אַ זשמורע מיט אַן אויג, טוט זיך אַ גלײַך אויס.

— וואָס מוטשעסטו די קאַץ, צוציק? אַרײַנ'ט! — הייבט ער אָן רופן עמעצן פון גאַס.

איך דערשרעק זיך. כ'פאַרוק זיך אין אַ ווינקל. אונדזער קלייניקע, ענגע קיך ווערט פול מיט עמעסע סאָלדאַטן, וואָס טראָגן עמעסע שינעלן. די שינעלן זײַנען אָן פּאַגאָנעס, אַף די ווינטערדיקע היטלען — רויטע בענדלעך.

די סאָלדאַטן רינגלען מיך אַרום.

איך צעגוואַלדעווע זיך. איך האָב מוירע.

— שאַ־אַ! רעווע ניט, — רײַסט ווע̄לוול באַ מיר אַרויס די קאַץ, — מאַרש! — שלעפּט ער מיך פרײלעך פון ווינקל. — מאַרש נאָכן טאַטן! זאָג, אַז כ'האָב געבראַכט סאָלדאַטן אַף „פּאָסטאָי"! מע דאַרף צוגרייטן געלעגערס! נאָר לעבעדיק!

כ'גיב זיך אַ ריס, כ'לויף אַרויס פון שטוב.

הינטן־אַרום, מיט די הויפן, לאָז איך זיך לויפן צום מאַרק־פּלאַץ זוכן די מאַמע. איך לויף און וויין.

נאָר לאַנג וויינען קאָן איך ניט. עפּעס ווײנט זיך ניט. ס'איז עפּעס פרײלעך, און זייער אַ סאַך מענטשן שטייען צווישן די צוויי רייען פאַרמאַכטע קלייטן. מע שטייט רעדלעכווײַז. מע שרײַט, מע רעדט עפּעס. און אַז מע רעדט, האָב איך זייער ליב.

איך קריך. איך שפּאַר זיך. איך אַרבעט מיט די עלנבויגנס. איך קריך אַרויף אַפּן גרינעם פּלויטל פון אונדזער ווײַסינקער וואָלאָסט. אונטן האָב איך גאָרנישט ניט געזען. פונעם פּלויטל זע איך דעם גאַנצן פּלאַץ. דער גאַנצער פּלאַץ איז פול מיט צעפּאָכעטע היטלען, מיט פּאַטשיילעס, מיט רויטע פאָנען.

ס'ערשטע מאָל זע איך רויטע פאָנען.

איך שפּרינג אַראָפּ. מע שטופּט מיך. כ'שרײַ, כ'ווייס אַליין ניט, וואָס איך שרײַ. מ'האָט מיר שוין אָפּגעטראָטן אַ פוס, איך לויף און איך הינק, און ס'איז מיר זייער גוט. ס'איז מיר אַזוי גוט, אַז איך באַמערק אַפילע ניט, ווי מײַן כאַווער זיאַמע האָט מיך נאָרוואָס אָפּגעזוכט און דערלאַנגט מיר אַ בוכצע אונטערן לעפעלע.

זיאַמע איז פרײלעך. ער איז פאַרשוויצט. און פּונקט ווי באַ מיר, איז באַ אים דער דאַשעק אַף אַ זײַט.

— „קייסער־גאַנעוו!" — צעשרײַט ער זיך אַף אַ קאָל. — „קייסער־שיקער!", „קייסער־שיקער!" שרײַ! שרײַ! — פּאַטשט ער זיך איבער די באַקן, און נאָכדעם דערהער איך פון אים אַזוינס, אַז איך ווער פאַרציטערט. ער זאָגט, אַז אויס... די סאָלדאַטן, זאָגט ער, האָבן אַראָפּגעוואָרפן דעם קייסער... גענומען און אַראָפּגעוואָרפן...

איך ווייס ניט פאַרוואָס, נאָר איך נעם זיך אַזש אָפּרוקן פון אים.

איך זע, ווי דער קייסער זיצט זיך עס הויך־הויך. אַף וואָס ער איז געזעסן, ווייס איך ניט. מיסטאַמע איז ער אַף אַ שאַפע געזעסן, און די סאָלדאַטן האָבן צוגעשטעלט טאַבורעטלעך. אַף די טאַבורעטלעך אָוועקגעשטעלט בענקלעך. מ'האָט אים אַ נעם געטאָן. דער קייסער דריגעט מיט די פיס. גיט זיך אַ פליוכע אין דער ערד...

מער קאָן איך ניט אויסהאַלטן. כ'וויל שוין גיכער אַהיים. כ'וועל באַלד אַרײַנלויפן אין שטוב און אויסשרײַען:

— מאַמע! די סאָלדאַטן האָבן אַראָפּגעוואָרפן דעם קייסער!..

■

איך לויף אַהיים. איך לויף איבער אונדזער פאַרנאַכטיקער טאַרהאָוויצע.

צווישן די וועגענער אַף שײַטערס קאָכן סאָלדאַטן עסן. די זון האָט זיך שוין געזעצט. אַ בלאָווע, קימאַט שוואַרצע כמאַרע האָט אַזוי ווי אַ וואַנט פאַרדעקט דעם גאַנצן מײַרעוודיקן הימל. די נידעריקע שינדל־דעכער נורען זיך צו דער ערד. איבער די דעכער זעט זיך נאָר דאָס הויכע טורעמל פון דער פאָזשאַרנע.

אין די הײַזער ברענט שוין פײַער. ס'איז שוין שאַבעסדיק. באַ אונדז אין שטיבל ברענען שוין אויך ליכט.

די שטוב־טיר עפן איך אויף פּאַמעלעך. איך פאַרהאַלט זיך אַ ביסל אין קיך. אונדזער קלײנינקע ענגע קיך איז פול מיט סאָלדאַטן. אַפּן טישל, וואָס שטייט לעבן דעם איינציקן קיך־פענצטער, ברענט דאָס פינפער לעמפּל. עטלעכע סאָלדאַטן זיצן לעבן טישל. עטלעכע ליגן אַף דר'ערד. אין קיך שמעקט אַזוי ווי קיינמאָל ניט — סע שמעקט מיט לעדער, מיט שווייס, מיט באָרשט.

די סאָלדאַטן זײַנען שוין גאָר ניט קיין שרעקלעכע. זייערע ווינטערדיקע היטלען, די שינעלן הענגען אַף דער שראַגע. לעבן דעם גרויסן אויוון שטייען אָנגעשפּאַרט ביקסן.

איך שטאַרב, אַזוי וויל איך זיך צו זיי צורירן. כ'האָב זייער ליב ביקסן. נאָר אין קיך שטייט דער טאַטע. דער טאַטע קוקט אַף מיר. אַף מיר קוקט ער בייז, און מיט די סאָלדאַטן רעדט ער ווייך־ווייך.

— אַזאַ אומגליק, — רעדט ער צו זיי, — אַן איין־און־איינציקער באַ מײַן שוועסטער... ניומע הייסט ער... עפּשער געטראָפן אים? די גאַנצע וועלט קערט זיך דאָך אום פון דער מילכאָמע...

2—3062

— ניומא, דיעדושקא? — דרייט א סאָלדאט מיטן קאָפּ. — ווער ווייסט? אז אזויפיל מענטשן!..

דער טאטע פארבײַסט די שפּיץ באָרד, גיט א הייב אן אקסל, לאָזט זיך צום גרויסן צימער, וואָס הייסט בא אונדז „סטאָלאָווע" און ווו מיר עסן נאָר יאָמטעוו.

די סאָלדאטן אפן דיל צערוקן זיך. אייניקע שטייען אוף און לאָזן אונדז דורך.

אין סטאָלאָווע איז שוין שאבעס. דער קײַלעכ־דיקער טיש, וואָס שטייט אָף א גרויסן קײַלעכ־דיקן פוס, איז שוין צוגעדעקט מיט א ווײַסן טישטעך. סע ברענט דער יאָמטעוודיקער פּערצע־נער לאָמפּ. סע ברענען שוין די ליכט אין די צוויי הויכע ווײַסע בלעכענע לײַכטער און אין די צוויי קליינינקע מעשענע לײַטכערלעך.

די מאמע שטייט לעבן די ליכט. לעבן איר ליגן צוויי ווײַסע בולקעלעך, איבערגעדעקט מיט אן אויסגענייט טישטעכל. דער מאמעס ווײַס קאָפּטל איז א ביסל פארפלעקט מיט ווישניק. מיט וויש־ניק איז אויך פארשמירט דער דיל. נאָר די מאמע איז פארנומען. איר שאבעסדיקע קוויטלדיקע פּאטשיילע מיט די צוויי שפּיצן פון פאָרנט איז פארוקט הינטער די אויערן. זי דרייט מיט ביי־דע אויסגעצויגענע הענט איבער די ליכט. די ליכט־פֿײַערלעך ציטערן. סע וויגן זיך די שאָטנס אָף די ווענט. זי מורמלט, די מאמע, זי בענטשט ליכט.

דער טאטע ווארט, די מאמע זאָל ענדיקן. אָנ־געטאָן אין זײַן שווארצן סורדוט, וועלכן ער רופט „דאָס שאבעסדיקע זעקל", גייט ער אום הין און צוריק, שטעלט זיך אָלעמאָל אָפּ לעבן „מיזרעך", אָף וועלכן סע זײַנען אָנגעמאָלט לייבן, ווי בע־הימעס, און הירשן, ווי קעץ.

בא דער טיר, צוגעשפּארט איינס צום צווייטן, שטייען עטלעכע סאָלדאטן. א סאָלדאט מיט א טשוב און מיט רויטע לאמפּאסן האָט אויסגע־ראטשעט די פריילעכע אויגן, צעעפנט דאָס מויל, אָט־אָט וועט ער זיך צעלאכן. ער האָט, ווײַזט אויס, קיינמאָל ניט געזען, ווי מע בענטשט ליכט.

אז די מאמע ענדיקט, קאָן איך שוין ניט אויס־האלטן. איך גיב זיך א דריי אפן קאָרעק. כ'האָב שוין פאר די סאָלדאטן קיין מוירע ניט. איך דריי זיך לעבן זיי. כ'וויל זיי זייער פרעגן, ווי זיי האָבן אראָפּגעוואָרפן דעם קייסער.

— הער, — פארײַס איך דעם קאָפּ און שטעל זיך אוועק אנטקעגן הויכן סאָלדאט, וואָס מיטן טשוב און מיט די רויטע לאמפּאסן.

— סאָלדאט, — זאָג איך צו אים פריילעך און אָף א קאָל, — האָסט אים אויך אראָפּגעוואָרפן?!

— קאָהאָ? — צעלאכט זיך דער סאָלדאט.

די מאמע שפּרינגט אוף פון מײַן פראגע. די מאמע ווערט אין קאס.

— ווארט! — שלעפּט זי מיך אָפּ פונעם סאָל־דאט. — איבערגעלאָזן א קינד... ניט געקאָנט קוקן, זיי זאָלן ניט קריכן... ניט אראָפּוואָרפן?.. — און זי שלעפּט מיך צו דער פארליאפעטער שאפע.

— דער קייסער, מאמע! ניט איך!.. ס'איז זיי, — ווײַז איך אָף די סאָלדאטן, — אראָפּגע־וואָרפן...

— ווע־ער?

— דעם קייסער! — קוק איך אָף דער מאמען און וווּנדער זיך.

די מאמע רוקט זיך אָפּ פון מיר, גיט א צי ביידע שפּיצן פון איר קוויטלדיקער פּאטשיילע.

— וואָסער קייסער?! — צעעפנט זי די אויגן, ווי זי זאָל מיך ניט דערקענען.

— אי־אָ! שאבעס! — צעשרײַט זיך דער טאטע.

— אי־אָ! — קלאָפּט זיך דער טאטע איבערן מויל.

באַם דאווענען רעדט מײַן טאטע מיט „אי־אָ".

— אי־אָ! — פּאטשט ער מיט דער האנט אין דער לופט און שלעפּט מיך דערבײַ צום טיש. דער טיש איז זייער הויך פאר מיר. איך קאָן אפילע ניט זען, וואָס עס טוט זיך אָף אים. די מאמע לייגט מיר, ווי שטענדיק, אונטער א קישן, ס'זאָל מיר זײַן העכער צו זיצן. די מאמע גיט מיר א טאפּ דעם קאָפּ, בארויקט זיך, ווארט צו־ריק זייער פרום.

דער טאטע גייט פון ווינקל צו ווינקל און זאָגט „שאָלעם־אלייכעם". דער טאטע דאוונט און איז אין קאס. א מאָדנע זאך: ער איז כמורנע — און ער זינגט. ער באגעגנט מיט געזאנג די מאלקע שאבעס.

— אי־אָ! יאַיך! — גיט דער טאטע א קוק אפן טיש, דאָס הייסט, די מאמע זאָל אים דערלאנגען דעם ווײַן.

אז ער ענדיקט דאָס דאווענען, ווינטשעוועט ער אונדז אלעמען א גוטן שאבעס און א גליקלעכן שאבעס.

די מאמע זאָגט „אָמיין", און איך זאָג אויך „אָמיין".

איך קאָן ניט אײַנזיצן. כ'ווארט שוין, דער טאטע זאָל ווערן שטיל. איך וויל זאָגן וועגן קיי־סער... דער טאטע גייט צו צום טיש. ער גיסט אָן א בעכערל ראָזשינקעס־ווײַן פון גראפינ־טשיקל און הייבט אָן מאכן קידעש.

ער הייבט אונטער דעם בעכער. די מאמע הייבט זיך אוף. זי לייגט ארוף אירע דארע אָדערדיקע הענט אפן הארצן.

ס'ווערט זייער שטיל. איך דערהער, ווי סע הייבט אָן פּאמעלעך גיין א רעגן. קוים־קוים וואָס די טראָפּנס קלאָפּן אין די שויבן.

די סאָלדאטן האָבן זיך צונויפגעשפּארט בא דער טיר. אלע ווילן זיי זען, וואָס סע טוט מײַן טאטע. דער הויכער סאָלדאט מיטן טשוב און מיט די רויטע לאמפּאסן אָף די הויזן האָט אזש צעעפנט דאָס מויל. זײַן נעזל האָט זיך אײַנגע־

איציק פעפער

יאטן

דאָרט באַם גרענעץ, דאָרט באַם פעלד
שטייען יאטן אויסגעשטעלט.

קיינמאָל דאָרשטיק, קיינמאָל מיד
שטייען יאטן און מע היט.

דאָרט באַם גרענעץ יאָגן פערד
גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט.

ווער א יאט איז, דאַרף זייַן גרייט
אי פאַר טרויער, אי פאַר פרייד.

ביקס אַף פּלייצע, שווערד אין הענט,
אויגן שטענדיק ווייַט געווענדט.

קיינמאָל דאָרשטיק, קיינמאָל מיד,
שטייען יאטן און מע היט.

שווער איז איצטער אונדזער צייַט,
ביקס אַף פּלייצע, ביקס באַ זייַט.

ציטערט בלוט אין הייסן לייַב:
„אָדער שטיי דאָ, אָדער בלייַב!“

דאָרט באַם גרענעץ, דאָרט באַם פעלד
שטייען יאטן אויסגעשטעלט.

קיינמאָל דאָרשטיק, קיינמאָל מיד,
שטייען יאטן און מע היט.

*

שטייט א צוג. וואַגאָנען און וואַגאָנען.
באַם אַרייַנגאַנג ליגט א מידע נאַכט.
כעוורע. מיידלעך. רייען. פאָנען.
קאָמיוגיסטן פאָרן אַפן שלאַכט.

קומט מען. שטייט מען. ביז מע וועט באַגלייטן
אַף די פראָנטן כעוורע פון קאָמיוג;
נאָכדעם וועט אין סטעפּ אין קאַלטן און פאַרשנייטן
יאָגן ערגעץ ווייַט א שוואַרצער צוג.

גוט איז דאָרט, ווו ס׳ניטאָ קיין שוועלן,
גוט און פרייַ איז נאָר אין ווייַסן סטעפּ.
קאָמיוגיסטן, ביקסן און שינעלן
מיט בודיאָניס היטלען אַף די קעפּ.

לויפט א צוג. וואַגאָנען נאָך וואַגאָנען,
נאָכן צוג לויפט נאָך א מידע נאַכט,
שרייַען יאטן. זינגען יאטן. ווייען פאָנען,
קאָמיוגיסטן פאָרן אַפן שלאַכט.

*

איבער שטעט און דערפער גייען
שוואַרצע וואָלקנס.
פאָרן אַף די פראָנטן בלאָנדע
קאָמסאָמאָלקעס.

א ציגאַר אין ליפּן, אַף דער זייַט דאָס היטל —
בלאָנדע קאָמסאָמאָלקעס פון דערפל און פון שטעטל.
פון דערפל און פון שטעטל, פון נאַקעט און פון כורוועס.
בלאָנדע קאָמסאָמאָלקעס — הונגעריק און באָרוועס.

קנייטשט. אַף זייַן דאַרן האַלדז לויפט אַרום פריילעך דאָס גערגעלע. ער קוקט, ווי דער טאַטע האַלט דעם בעכער און מאַכט קידעש.

דעם סאָלדאַט איז דאָס זייער געפעלן.

— דיעדושקאַ! — צעלאַכט זיך מיטאַמאָל פריילעך דער סאָלדאַט. — טשאַראָטשקו... — און קונציק זיך א קלאַפּ געבנדיק מיט די פינגער איבערן גערגעלע, — וואָדקי!..

מייַן טאַטן האָב איך גאָר קיינמאָל אַזאַ ניט געזען. מייַן טאַטע איז פאַר מיר דער סאַמע שרעקלעכער און סאַמע געזונטער. איך בין זיכער, אַז אַלע האָבן פאַר אים מורע.

דער טאַטע האָט גלייַך אופגעהערט מאַכן קידעש. ער איז געבליבן שטיין מיטן אויסגעשטרעקטן בעכער אין דער האַנט. זייַן גראָווווערנדיקע לאַנגע באָרד האָט א ציטער געטאָן פון פאַרלאָרנקייַט.

— ביטע, — האָט ער גענומען גיין צום סאָלדאַט, — ס׳איז ניט קיין בראָנפן, ס׳איז ראָזשינקעס־ווייַן... ס׳איז שאַבעס באַ אונדז...

אין קיך האָט עפּעס א סקריפּע געטאָן. ס׳איז געוואָרן שטיל. ס׳האָבן א קלאַפּ געטאָן אין קיך עטלעכע צערוקטע טאַבורעטלעך. עמעצער האָט א צי געטאָן דעם סאָלדאַט מיט די לאַמפּאַסן פון דער טיר. א נידעריק, א ברייטביינערדיק סאָלדאַטל האָט זיך באַוויזן. די קורצע האָר באַ אים, ווי באַ א יאָזשיקל, דער געשטעפּטער וואַטניק — אַרופגעוואָרפן אַף די אַקסל, דאָס קויטיקע העמד — צעשפּיליעט.

— איך בעט אַנטשולדיקונג, בירגער, — איז דער סאָלדאַט אַרייַנגעלאָפן אין עסצימער, האָט אָפּגערוקט דעם טאַטנס בעכער, — אַנטשולדיקט אונדז, — און קונציק זיך א דריי געגעבן אַף די אָפּצאַסן.

— פיאָדאָר, — האָט ער זיך מיטאַמאָל צעשריִען אַפן סאָלדאַט מיט די לאַמפּאַסן, וואָס האָט

פון אַלע זײַטן שפּאַרן וואָראַנגעל און
פּעטליורע —
זײַנען קאָמסאָמאָלקעס אַפּן פראָנט
געפאָרן.

ווארעם זײַנען הערצער. ווארעם זײַנען
אויגן.

זײַנען קאָמסאָמאָלקעס אַפּן פראָנט
געפלויגן.

וואָס א טאָג איז שווערער, וואָס א טאָג
איז ליבער —
ליגן אויסגעוואָרפן יאַטן איבער גריבער.

ליגן אויסגעוואָרפן יאַטן, קאָמסאָמאָלקעס.
ערגעץ גייען פאַלקן, ערגעץ שיסן פאָלקן.

איז א יאַט געפאַלן. ליגט א יאַט אין וואונדן,
מיט א ווײַסן פאַרטעך וואונדן צוגעבונדן.

וואָס איז טאַטעס ווערטער, וואָס איז
מאַמעס טרערן —
לעניך, פראָנטן, קים און קאָמינטערן.

אַפּן פראָנט געגאַנגען, פונעם פראָנט
געקומען,
וויפל יאַטן הייסע, וויפל ליבע נעמען...

איבער שטעט און דערפער שווימען ניט
קיין וואָלקנס —
פאָרן פון די פראָנטן בלאָנדע
קאָמסאָמאָלקעס

1925

זיך גענומען רוקן פון אים, — האָסט דאָך אין די אַקאָפּעס געפוילט. ס׳איז דאָך רעוואָלוציע!

און ער, דער סאָלדאַט אינעם וואַטניק, איז צו־געגאַנגען נעענטער צום סאָלדאַט, וואָס אין די לאַמפּאַסן, זײַן פּנעם איז געוואָרן רויט, אָנגע־גאָסן.

די מאַמע איז אופגעשפּרונגען.

— אויס מיקאָלקע — א הײַנטיקער סאָל־דאַט, — טײַנעט זי, — א הײַנטיקער סאָלדאַט — און אַראָפּגעוואָרפן א בוטל ווישניק...

דער סאָלדאַט מיט די לאַמפּאַסן כאַפּט אַראָפּ דאָס היטל. ער שטייט איינער אַליין. ער צײַלעמט זיך. אַלע האָבן זיך אָפּגערוקט פון אים. ער מאַכט עפּעס מיטן מויל. ער זאָגט, אַז ער הייבט ניט אָן צו וויסן פון קיין בוטל.

— אָט פרעגט דאָס קינד, — שלעפּט מיך די מאַמע פאַר דער האַנט, — דאָס קינד איז דערבײַ געוועזן...

דער סאָלדאַט אין וואַטניק גיט זיך א לאָז אין קיך. ער גיט אָן עפן די טיר צו דער גאַס.

די שטוב ווערט מיטאַמאָל פול מיט א דונער, וואָס האָט זיך איבערגעקײַקלט ערגעץ הינטער די וואָלקנס. די שטילקײַט איז פול געוואָרן מיטן ראַש פון רעגן.

— אַנו! — לויפט צוריק אַרײַן דער סאָלדאַט אין וואַטניק, שפּרינגט צו צום סאָלדאַט, וואָס אין די לאַמפּאַסן, — אַרויס פון שטוב...

— מאַמע, — זאָג איך, — ניט דעם בוטל! דעם קייסער, דעם קייסער!.. — און כ׳צערעווע זיך.

איך לויף צו צום פענצטער. איך עפן עס אוף. אַפּן נידעריקן שוואַרצן הימל העלט אוף, אַזוי ווי א בוים, א צעצווײַגטער ליכטיקער בליץ.

איך זע, ווי מיט אָן אופגעהויבענעם קאָלנער פון שינעל, צוהאַלטנדיק דאָס היטל פון ווינט, לויפט אין דער פינצטערניש דער סאָלדאַט מיט די לאַמפּאַסן.

— סאָלדאַט, — רוף איך, — ס׳איז ניט דו, סאָלדאַט...

דאָס פאַרהענגל פון פענצטער פּאַטשט מיר אין פּנעם. סע לעשן זיך די ליכט.

— פאַרמאַך! וואָס פאַרמאַכסטו ניט? — שרײַט דער טאַטע און שלעפּט מיך פון פענצטער. — א שטורעם, גאָט מײַנער, פאַרמאַ־אַך!

כ׳צערעווע זיך נאָך העכער.

דער טאַטע שלעפּט מיך פון פענצטער, און איך לאָז זיך ניט. איך האַלט זיך אָן, כ׳פאַרשטיי ניט, וואָס סע טוט זיך.

א פריִער פרילינגדיקער דונער קײַקלט זיך, רײַסט זיך אוף איבערן שטעטל.

בורזשויצן

שוין לאַנג, אַז מע האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם קייסער. וווּנדערלעכע זאַכן קומען פאָר אָף דער וועלט.

— מאַמע, — בעט איך זיך בא דער מאַ־מען, — נאָכעם איז טאַקע א בלוטזויגער?

אין קיך איז פינצטערלעך. די מאַמע שטייט מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל און קנעט ברויט אין דער באַק־דייזשע. פון דער פאַרגייענדיקער זון און פונעם ברענענדיקן אויוון איז די מאַמע פאַר־פאַליעט. זי גיט אַלעמאָל א וויש מיטן עלנבויגן דעם פאַרשוויצטן שטערן און קנעט ווײַטער. דאָס זויערלעכע טייג קוויטשעט. דאָס טאַבורעטל קרעכצט אונטער דער באַק־דייזשע.

אין דרויסן וואַרטן אָף מיר סראָליק און זיאַמע. כ׳וויל אָבער ניט אַרויסגיין. אין שטוב איז בע־סער. ס׳איז מיר זייער געפעלן דאָס ברויט באַקן.

די מאַמע איז נאָר עפּעס אין כּעס. זי האַלט אין איין שעלטן גערדאַליען, דעם באַלעבאָס פון דער בעקערײַ, וואָס האָט אָנגעהויבן נעמען זייער טײַער פאַר ברויט. וועלוול כאַדאַרקאָוו, אונדזער קאָמיסאַר, האָט דערפאַר גערדאַליען אײַנגעזעצט אין קעלער, און מע מוז אַליין באַקן.

— מאַמע, — פרעג איך נאָכאַמאָל, — אָבער נאָכעם לייטעס איז אויך אַ בלוטזויגער?

— נישקאָשע. ער קרענקט עס אויס... אַרויסגעצאַפּט די דאַם־האַטאַמצעס פונעם טאַטן, — הייבט זי אָן שעלטן לייטעסן, וואָס איז ביז ערשט נישט לאַנג געווען דער באַלעבאָס פון דער פּאַראָווער מיל און וואָס מײַן טאַטע האָט בײַ אים פריִער געדינט.

אַז איך נעם זיך אָבער דערפרעגן בײַ דער מאַמען, פאַרוואָס נאָכעם לייטעס זויגט און פאַרוואָס דער טאַטע האָט זיך געלאָזן, הייבט די מאַמע אויף דעם קאָפּ, הערט אויף קנעטן. פריִער שווײַגט זי, און מיטאַמאָל הייבט זי אָן שרײַען, איך זאָל איר אויפהערן זאָלען אָפן האַרצן און זאָל שוין אַמאָל אַוועקגיין פון שטוב.

צו די געשרייען האָב איך זיך שוין צוגעוווינט. אַלע גרויסע זײַנען עפּעס איצטער באַרויגעז. איך גיי שוין בעסער אַוועק.

אין דרויסן, אויף דער פּריזבע, וואַרטן שוין אויף מיר סראָליק און זיאַמע. זיאַמע און סראָליק, שטיקנדיק זיך פון פרייד, רופן מיך אָפּ הינטער דער שטאַל און דערציילן מיר בעסאָד־סוידעס, אַז אונטערן דאַך פון דער ווײַבערשער שול האָבן זיי געפונען אַ נעסט מיט קליינע גאַלקעלעך. זיי קאָנען שוין נישט אײַנשטיין. סראָליק זאָגט, אַז מע דאַרף גלײַך לויפן נאָך זיי.

— אַ מעציִע גאַלקעס! — שפּײַ איך אויס. כ׳שפּײַ איצטער זייער שיין. כ׳האָב זיך אויסגעלערנט בײַ מײַן כאַווער בעטשעקל דעם באַלעגאָלע שפּײַען נישט מיט די ליפּן, ווי אַלע מענטשן, נאָר דורך די ציין.

— אויך מיר אַ סאָד, — גיב איך זיך אַ קאָסע אויף מײַנע כאַווײרים און דערצייל זיי בעסער, וויִאַזוי מײַן טאַטע האָט געאַרבעט בײַ נאָכעם לייטעסן אין מיל, און וויִאַזוי נאָכעם פלעגט פאַרשלעפּן מײַן טאַטן אין אַ פינצטערן ווינקל און אים זויגן.

— זויגן? — ווערן זיאַמעס אויגן גרויס און קײַלעכדיק.

— דאָס בלוט, — ענטפער איך שטיל־שטיל, און ס׳ווערט מיר אַליין שרעקלעך.

— אַליין געזען?

— זאָל איך שטאַרבן, אויב כ׳האָב אַליין נישט געזען, — שווער איך זיך און גיב נאָכאַמאָל אַ שפּײַ דורך די ציין.

סראָליק זאָגט אָבער, אַז ס׳איז קיין סאָד נישט. אַלצדינג ווייסט ער, סראָליק. ער זאָגט, אַז ער ווייסט שוין פון לאַנג, אַז נאָכעם לייטעס איז אַ בלוטזויגער.

— איז גייסטו? צי דו גייסט נישט? אַנישט, זײַנען אַלע גאַלקעס מײַנע!

קיין גאַלקעס דאַרף איך נישט. גאַלקעס און וואָראָנעס האָב איך פײַנט. כ׳האָב אַפילע מוירע גיין אַנטקעגן נאַכט אין דער ווײַבערשער שול, נאָר אַז סראָליק זאָל צונעמען ווי אַ גאַלקע — דאָס נישט.

גייען מיר אינדרײַען.

אין דרויסן איז שוין באַלד נאַכט. אונדזערע שכיינים זיצן שוין אויף די גאַנעקעס און כאַפּן פרישע לופט. די בלאָטע אויף דער גאַס האָט זיך שוין אויסגעטריקנט. טיפע אײַנגעטראָטענע סטעזשקעלעך ציִען זיך צווישן דער פאַרהאַרטעוועטער בלאָטע. מיר גייען בעסער איבער די הרודעס. ס׳איז דאַפקע שווערער, נאָר אַזוי געפעלט אונדז.

מיר גייען אַרויס פון אונדזער טאָרהאָוויצע און לאָזן זיך אַרײַן אין שול־געסל. דאָ איז שוין פּוסט, אומעטיק. ס׳איז נאָך מײַרעוו. דורך די פענצטער פון דער גרויסער רויטער שול זע איך, ווי דער שאַמעס פאַרלעשט די ליכט. איך, סראָליק און זיאַמע דריקן זיך צו נעענטער איינער צום צווייטן. מיר האָבן מוירע. באַנאַכט, זאָגט מען, דאַוונען דאָרט מייסים. מיר גייען אַרויף מיט די טרעפּ אָפן שול־גאַנעק. פונעם גאַנעק דאַרפן מיר זיך לאָזן מיט די טרעפּ, וואָס פירן צו דער ווײַבערשער שול.

מיר גייען נאָר אַרויף אָפן גאַנעק, עפנט זיך אַנטקעגן אונדז די שול־טיר, און מיט אַ שוואַרצן סידער אונטער דער פּאַכווע גייט אַרויס אַ שוואַרצער הויכער זאָקן.

פון אומגעריכטקײַט רײַסט זיך אונדז אָפּ אין האַרצן.

פאַרגליווערטע, האַלטנדיק זיך בײַ די הענט, נעמען מיר פונעם זאָקן נישט אַראָפּ די אויסגעראַטשעטע אויגן.

איך קוק זיך גוט אײַן — ס׳איז נאָכעם לייטעס. אויף אונדז גיט ער אַפילע קיין קוק נישט. אַ הויכער, אַ דאַרער, די אַקסל אונטערגעהויבן, לאָזט ער זיך אַראָפּ מיט געמאָסטענע טריטעלעך פון די טרעפּ. דעם קאָפּ האַלט ער אַ ביסעלע אָנגעבויגן. דער שוואַרצער קאַרטוז איז אָנגערוקט. די לאַנגע שפּיציקע באָרד איז צוגעקוועטשט צו דער מאַנישקע.

— קכי־קכי, — גיט ער אַ הוסטעלע און לייגט דערבײַ אַרײַן אַן אַרבל אין אַן אַרבל, ווי ס׳וואָלט אים מיטאַמאָל קאַלט געוואָרן, — קכי־קכי.

פריִער פלעגט ער הוסטן העכער, נאָר איצטער קכיקעט ער נאָר, ער האָט מוירע.

ער הייסט שוין נישט נאָכעם לייטעס, נאָר מע רופט אים בורזשוק און מע האָט אים פײַנט.

די מאמע זאָגט אַפילע, אַז ערשט איצטער זעט זי, אַז ס'איז דאָ אַ גאָט אַף דער וועלט, אַז סע פאַלט אים, נאָכעמען, אויס באָקאָם און אַז מע וועט נאָך די קלייט בא אים אויך צונע־מען...

ערשט אַז נאָכעם לייטעס לאָזט זיך אַראָפּ פון די טרעפּ, קומען מיר צו־זיך.

— זע נאָר! — שרייַט אויס זיאמע.

— קוק נאָר! — ווייַזט אַף אים סראָליק מיט אַ פינגער.

— וואָסי? — ציטערט אוף נאָכעם לייטעס. ער בלייַבט שטיין, נעמט אַרויס די הענט פון די אַרבל. די גרויע, געדיכטע ברעמען לאָזן זיך אַראָפּ נידעריקער איבער די אויגן. ער הייבט זיך אָן אַרומדרייען אַרום זיך, הייבט אוף אַ פאָלע פונעם סורדוט:

— עפּעס אָנגעטשעפּעט? אויסגעשמירט? האַ, קינדערלעך?

— ניין־ניין! — דריי איך מיטן קאָפּ און גיי אַפילע צו נעענטער.

— איז וואָס זשע קוקט איר אַף מיר, כע־כע? — שמייכלט נאָכעם לייטעס.

— געזויגן בלוט? — ציט זיאמע אַרייַן דעם קאָפּ אין די אַקסל און רוקט זיך אָפּ פון אים.

— מייַן טאַטנס? — פרעג איך.

און כאָטש איך פרעג עס שטיל, נאָר נאָכעם לייטעס הייבט זיך אָן אָפּרוקן פון מיר. די ברע־מען הייבן זיך אוף. דער שטערן קנייטשט זיך איַין. ער הייבט מיטאמאָל אָן לעקן די ליפּן, פאַר־מאַכן און עפענען דאָס מויל.

— ער ציאַמקעט! — ווערט זיאמע פאַרצי־טערט און הייבט אָן לויפן.

— הולטייִ! מאַמזער! — צעגוואַלדעוועט זיך פלוצעם נאָכעם לייטעס. — מאַמזיירים! הול־טייַעס! — מאַכט ער מיט די הענט און וויל מיך כאַפּן.

נאָר כ'לויף, אַז כ'פיל ניט די ערד אונטער זיך.

ערשט ווען איך קום אַף אונדזער גאַס, כאַפּ איך איבער דעם אָטעם. סראָליק און זיאמע זייַ־נען שוין ניטאָ. כ'גיב אַ שפּייַ דורך די ציין, ווי ס'האָט מיך אויסגעלערנט מייַן כאַוור בעטשעקל, און לאָז זיך צו דער שטוב. אין שטוב ברענט שוין פייַער, און ס'איז שוין, ווייַזט אויס, געקו־מען דער טאַטע. אַז דער טאַטע איז אין דער היים, דאַרף מען אַרייַנגיין שטיל. דער טאַטע איז זייער אַ בייזער. וואָס עפּעס, וויל ער מיך שלאָגן. ער זאָגט, אַז אַ קינד דאַרף מוירע האָבן. ער וויל, איך זאָל ניט לויפן אין רעווקאָם, ניט שפּרינגען יענעם אין פּאָנעם, ניט גיין צו בעטשעקל דעם באַלעגאָלע, ווען דער טאַטע האַלט פאַר אָן אומלייַט, כ'זאָל זיצן שטיל...

נאָר כ'קאָן ניט איַינזיצן. ס'איז זייער פריילעך. און פריילעכער ווי אומעטום איז לעבן רעווקאָם.

דער רעווקאָם געפינט זיך אינעם ווייַסן מויערל, וווּ ס'איז געווען אַמאָל די וואָלאָסט. איבערן גרי־נעם דאַך פון דער וואָלאָסט פּאַכעט זיך אַ שיינע רויטע פאָן. די טירן זייַנען צעעפנט. דער רעוו־קאָם איז פול מיט פויערים און מיט שטעטלדיקע כעווירע. ס'אַ שטופּעניש, ס'איז פריילעך.

דער טאַטע און די מאַמע זייַנען אָבער ניט פריילעך. מייַן ברודער אַרל, וואָס לערנט זיך אין אַ ווייַטער שטאָט, קערט זיך עפּעס ניט אום. מע זאָגט, אַז אין דער שטאָט דאָרטן זייַנען דאָ אַזעלכע בורזשויען, וואָס רופן זיך פּעטליוראַוו־צעס און וואָס קוילען.

צוקומענדיק נעענטער צו אונדזער שטוב, טרייסל איך אָפּ פון זיך דעם שטויב. דער טאַטע זיצט שוין אַף דער פּריזבע. ער איז אָן אַ פּיד־זשאַק, אין דעם העמד נאָר. ביידע הענט האַלט ער אַף די קניִעס. די באָרד איז אַ ביסל פאַר־הויבן. ער קוקט אין דער הייך. דאָס קוקט ער, ווי פון יענער זייַט פּאַזשאַרנע איז אַרויסגעקראָכן די לעוואָנע און געבליבן הענגען איבערן הויכן טורעמל.

איך דערקען גלייַך אינעם טאַטנס זיצן, אַז ער איז עפּעס צופרידן, אַז ס'איז ניטאָ וואָס מוירע צו האָבן פאַר אים.

— פונוואַנען? — גיט מיך דער טאַטע אַ מעסט אָפּ. — געשלייַעט זיך, האַ?

— באַם זיידן. געטרונקען, טאַטע, טיי באַם זיידן.

באַלד איך בין געווען באַם זיידן, האָט שוין צו מיר דער טאַטע גאַרניט. ער הייסט מיר נאָר, כ'זאָל אים אַרויסטראָגן אַ רעדנע מיט אַ קישן. איך גיי אַרייַן אין שטוב. אין שטוב איז הייס, אַז מע קאָן אויסגיין. די מאַמע, אָן אָנגעטאָנענע, ליגט אַפן לייַוונטענעם בעטל, וואָס שטייט לעבן אָפענעם פענצטער, און שלאָפט, ווייַזט אויס. איך נעם דעם טאַטנס רויטע קאָלדרע מיט צוויי קי־שעלעך און טראָג אַרויס אין דרויסן. איך שפּרייט אויס די קאָלדרע און לייג זיך אַוועק מיטן טאַטן אין גראָז, וואָס וואַקסט לעבן אונדזער שטוב.

— לייך! האַ, לייך? — רעדט דער טאַטע אַרייַן אין אָפענעם פענצטער. — איך טראַכט, לייך, — ציט ער זיך אויס און לייגט אונטער ביידע הענט אונטערן קאָפּ, — איך טראַכט נאָר, וואָס מע קאָן מאַכן פון אַ וועלט... זי שלאָפט, ווייַזט אויס... וואָס פון אַ וועלט קאָן ווערן... — רעדט שוין דער טאַטע צו זיך אַליין, ווייַל מיט מיר רעדט ער ניט וועגן אַזעלכע זאַכן. ער מאַכט נאָר עטלעכע מאָל „אך־אך־אך", קנייטשט דעם שטערן, מאַכט עפּעס מיט די ליפּן און ווערט אינגאַנצן שטיל.

איך שווייַג אויך, איך גיב נאָר אַ געשריי „אוי", ווען אַ פאַלנדיקער שטערן באַווייַזט זיך מיטאַ־מאָל און לאָזט איבער אַף עטלעכע רעגעס אַ ליכטיקן פּאַס איבערן הימל.

— וואָס אויקעסטו?

— א שטערן, טאטע, אראָפּגעפאלן.

דער טאטע גיט אפילע קיין קוק ניט. אין דער שטילקייט הערט זיך נאָר, ווי עס שורעוועט קוים־קוים די ליפּע אונטערן פענצטער, ווי עמעצער לאכט, ווי עמעצער צעגענעצט זיך מיטאמאָל איבער דער גאנצער גאס.

אלע שכיינים זײַנען איצטער אין גאס. ס'איז הייס. האלב־נאקעטע זיצט מען אף די גאנעקעס, אף די פּריזבעס.

די גאס זע איך אָבער ניט. אונדזער שטוב איז פארוקט — שטייט אין סאמע עק. איך זע נאָר אונדזער שאָכן טשעטשעוויטשקעס שטיבל מיט די שווארצע שטאכעטלעך ארום דעם, איך זע באסיע דער הארבארניטשקעס הײַזל און דאָס ווײַסע כאטקעלע מיט די קאלינע־ביימלעך פון אונדזער שאָכן לאדימער.

בא לאדימערן און בא טשעטשעוויטשקען איז שוין פינצטער. זיי לייגן זיך שלאָפן גלײַך מיט די הינער. נאָר בא באסיע דער הארבארניטשקע, בא וועלוול כאדארקאָווס מאמע, ברענט נאָך דער אײַנגעדרייטער לאָמפּ.

אינעם ליכטיקן אײַנגעקרימטן פענצטער, וואָס ליגט בא דער סאמע ערד, באווײַזט זיך אלעמאָל באסיע.

זי ווארט, וועלוול זאָל קומען.

פון זינט מ'האָט וועלוולען געוואָלט הארגענען, מוז זיך וועלוול אומקערן פרי אהיים, אניט, וויינט זי, זײַן מאמע.

אונטערהינקענדיק, צופּײַפנדיק, ווי געוויינלעך, באווײַזט זיך וועלוול כאדארקאָוו. ער גייט פארבײַ אונדזערע שטאכעטלעך. אז מע גייט צו זיי אהיים, גייט מען פארבײַ אונדזער שטיבל.

איך דערקען אים. איך שפּרינג גלײַך אויף. די נאכט איז א ליכטיקע. איך זע אפילע זײַנע אויסגעקרימטע שטיוול, גרויע פון שטויב, זײַן הויכע טשופּרינע שווארצע האָר, ווי פּרוזשינקעלעך, כ'דערזע זײַן ברייט שווארץ פּאָנעם און זײַן ווײַס צעשפּיליעט העמדל.

— וואָס? איר זיצט נאָך?

— ס'איז דו, וועלוול? — זעצט זיך דער טאטע אויף און פארבײַסט צו אים דעם קאָפּ.

— ווער דען? דערקענסט שוין קיין מענטשן ניט, עליע? — בלײַבט וועלוול שטיין, די פּיס — צענומען, דער פּידזשאק — פארוואָרפן אפן אקסל, ווי מע טראָגט א זעקל.

וועלוול איז יינגער פונעם טאטן, נאָר וועלוול זאָגט אים „דו“.

— וואָס זאָגסטו אף דער דושנעקײַט? — צעכראסטעט ער נאָך מער אף זיך דאָס העמדל. ער גיט א שפּרייט אויס דעם פּידזשאק אף דער ערד, גלעט אים אויס מיטן פוס.

— רעב עליע, — רוקט זיך ארויס וועלוולס מאמע דורכן פענצטער, — ס'איז ניט מײַן וועלוול לעבן אײַך?

— שא־שא! אָן געשרייען. כ'קום באלד, — זעצט זיך וועלוול אוועק אפן אויסגעשפּרייטן פּידזשאק.

— רעב אָשער!..

— הא?

— זײַט זיך מאטריִעך און שלעפּט מיר אראָפּ די שטיוול, — און וועלוול לייגט זיך אוועק, האלט זיך אויף אף די עלנבויגנס און ציט אויס צו מיר א פוס.

איך כאפּ אָן מיט ביידע הענט זײַן שטיוול. כ'האָב זייער ליב, אז וועלוול בעט מיך עפּעס. אלצדינג פאָלג איך אים. איך גאנווע זיך אפילע ארײַן צו אים אין רעווקאָם. מע דארף נאָר וויסן ווען. וועלוול איז זייער א שרײַענדיקער. אז ער איז עפּעס בארויגעז, מעג איך זײַן איינער אליין, איין יינגעלע אין רעווקאָם, טוט ער זיך א שטעל אויף און צעשרײַט זיך:

— וואָס פארא יינגעלעך? וואָ? כ'זאָל אײַך ניט אָנקוקן, — און טרײַבט מיך דורך.

דערפאר אָן אנדערשמאָל קאָן ער מיך צורופן:

— אָשער, גיב נאָר א שפּרונג צו צו פינעס דעם בורזשוק און זאָג אים, אז כ'האָב פײַנט ווארטן לאנג.

איך לויף זייער גוט. דאָס קאָל איז בא מיר א הויכס. אז איך שפּרינג ארײַן אין א שטוב פון א גוויר און גיב א געשריי, ווי אף א סריפע:

— וועלוול רופט אין רעווקאָם! — ווערן זיי גרין און געל.

— שלעפּ ניט אזוי!.. פּאמעלעכן! — פארקרימט זיך וועלוול, וואָס כ'האָב אזוי שטארק א צי געטאָן דעם שטיוול.

— אָן אומגליק אף זיי, — זעצט ער זיך אויף און שפּארט זיך אָן אין דער וואנט. ער מאכט שטילערהייט „הא־א־א“. די הויט צווישן די ברעמען קנייטשט זיך אײַן. די אויגן פארזשמורעט ער אף עטלעכע רעגעס. און פּאמעלעכן־פּאמעלעכן הייבט ער אָן רײַבן די קני פון זײַן קראנקן פוס.

ביז ערשט ניט לאנג איז נאָך וועלוול געגאנגען גלײַך, נאָר מע האָט עמעצן אונטערגעשיקט צו אים. מע זאָגט, אז ס'איז די גווירים. און טאקע לעבן אונדז איז דאָס געשען. ס'איז געווען באנאכט. ער איז געגאנגען אהיים, האָט מען אין אים אויסגעשאָסן. מ'האָט אים פארוווּנדעט. און וועלוול כאדארקאָוו איז נאָכדעם לאנג געלעגן אין שפּיטאָל.

מיר טוט זייער באנק, וואָס כ'האָב אים אזא שלעפּ געטאָן דעם שטיוול. איך שטיי אף די קני און קוק אים גלײַך אין די אויגן.

— עפּשער דיר עפּעס העלפן? — רוקט זיך צו אים צו דער טאטע.

— אײַ, לאָז צורו. כ'ווייס זייער... ברענט עס ליכטיק. כ'דארף אזוי דעם קראנקן פוס, ווי א לאָך אין קאָפּ... טשעפּע ניט, — ווארט ער בא־

רויגעז, שפּײַט אויס, וויקלט אָפּ די אָנעטשעס און וואַרפט זיי אָפּ אין אַ זײַט.

ער לייגט זיך צוריק אַוועק, ציט זיך אויס, לייגט אונטער ביידע הענט אונטערן קאָפּ.

— אַך, — גיט ער מיטאַמאָל אַ צי אַרײַן אין זיך די לופט, און פרייליך, ווי ס׳וואָלט אים שוין גאָר קיינמאָל גאָרניט ווײ געטאָן, זאָגט ער, — סאַראַ קוואַקעניש! — און דאָס מויל בײַ וועלוולען צעעפנט זיך אַ ביסעלע, די אויגן פאַרמאַכן זיך, און אַ קוים באַמערקבאַרער שמייכל באַווײַזט זיך, ווי אַלעמאָל, אַרום זײַנע ליפּן.

— סאַראַ קוואַקעניש, — זאָג איך נאָך.

די אויסגעשטערנטע שטילקײַט איז איצטער פול מיט דער שרײַעניש פון פרעש, וואָס רופן זיך איבער פון די נאָענטע סאַזשלקעס. אַ נאַכטפויגל שרײַט. ווען־ניט־ווען דערטראָגט זיך אַ הינטיש בילן. ווײַטע אויסגעצויגענע געזאַנגען פון אוקראַיִנישע מיידלעך הערן זיך פון די סלאָבעדעס. די געזאַנגען ציטערן קוים־קוים איבערן שטעטל.

— שלאָפסט, וועלוול?

— ניין! — דרייט זיך וועלוול אויס צום טאַטן. ער לייגט זיך אַוועק אַף אַ זײַט. אין דער לעוואָנע־ליכט דערזע איך, ווי ס׳האָט זיך אַרויסגערוקט פון זײַן קעשענע דאָס שוואַרצע הענטל פון זײַן רעוואָלווער.

— באַרעכן זיך... ווײ־ווײ, — הייבט אָן דער טאַטע. — ערשט פריִער מיט אַן אָנדערהאַלבן יאָר געווען אַזאַ מאַלכעס, אַזאַ ניקאָלײַ. אַ פיש אין טײַך האָט געציטערט. — און דער טאַטע רוקט אַרויס די צונויפגעקוועטשטע ליפּן, וויגט מיט דער האַנט אינדערלופטן, — און קיין שורע־דעפּורע ניט געבליבן...

— יאָ, מע זאָגט... — גיט וועלוול קוים־קוים אַ זשמורע מיט אַן אויג, און אַ האַלב פּאָנעם ווערט אײַנגעקנייטשט. — נאָר הערסטו, עליע, דער רועך זאָל עס נעמען, — גיט ער זיך אַזש אַ רײַב מיט דער האַנט איבערן פּאָנעם, — אַ וועלט מיט אַרבעט... אָט דאַרף מען ברויט. מע דאַרף שטיוול. פּעטליורע רוקט זיך... ס׳הייבט זיך אָן. ס׳פאַרקאָכט זיך, ברודערל... אַז מע וועט מיך ניט אַריבערפּעקלען אַף יענער־וועלט, וועט זײַן אַף וואָס אַ קוק טאָן... וואָס? עמעס, אָשערל? — גיט ער צו מיר אַ דריי דעם קאָפּ און טוט מיך אַ שלעפּ צו זיך.

— יאָ, — ענטפער איך, כאָטש איך ווייס ניט, וואָס ער מיינט דערמיט.

— ווייסט מיך כאָטש, אָשערל, אַז כ׳וועל אָנלייגן מיטן קאָפּ, דערמאָנען צו גוטן? האַ?

— יאָ, כ׳וועל אײַך דערמאָנען.

— מאָלטשאַט! הערסט אַן אַזעס? ער באַגראָבט מיך שוין, — גיט ער מיך אַ שטופּ אָפּ, נאָר ער צעלאַכט זיך און שלעפּט מיך צו צוריק.

— נו, וועלוול, שלאָג זשע ניט איבער, — רעדט ווײַטער דער טאַטע, — הײַנט אַ געדאַליע... אַזאַ׳ן אַדיר! הײַנט ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן אַף אַ נאָכעם לייטעס? געשפּונען גאָלד, עפּעס אַ קליינינקײַט, הײַנטיקע יאָרן אַ מיל...

— אָבער בעסער אין מיל אָן אַ באַלעבאָס? — ווערט וועלוול זייער וואַכעדיק און זעצט זיך אויף, — אָבער גוט, האַ?

— וואָס הייסט גוט? גאָרניט. אַ מיל דרייט זיך. גלאַט, איך פאַרשטיי ניט רעב נאָכעמען. האָסטו שוין אָפּגעגעבן אַזאַ מיל, — הייבט מיטאַמאָל אָן דער טאַטע מיט אַ קאָל פון מײַוּוער זײַן די סעדרע, — איז צו וואָס דאַרף מען איבערלאָזן האַלב וואַלצן אָן די רימענס?

— דאָס, זעסטו, וועט ער שוין אויסקרענקען... אָבער דו גיב לאָשן: בעסער דיר אָן נאָכעמען, צי ניט בעסער?

— וואָס איז שײַעך בעסער? פאַר יונגעלײַט איז אַוואַדע בעסער... אָבער איך... כ׳בין דאָך שוין ניט קיין ייִנגעלע. כ׳האָב אים אין דער ערד... נאָר עפּעס נעמען פרעמדס...

— עליע, — גיט זיך וועלוול אַ הייב אויף, רוקט אַרײַן די אָנעטשעס אין די שטיוול, נעמט דעם פּידזשאַק.

— וואָס איז?

— גיי שלאָפן, עליע. כ׳זע שוין, אַז דו ביסט שלעפעריק, — גיט ער אים אַ פּליאַסקע אין פּלייצע, ווי דער טאַטע זאָל זײַן אַ ייִנגעלע, — סע קלעפּט זיך בײַ דיר אַ וואָרט צו אַ וואָרט ניט. שוין דערעסן מיט דיר אײַנטײַנען. גיי, — גיט ער אַ הייב דעם טאַטן, נאָכדעם גיט ער אַ רוק אַרויף די הויזן. זײַן מעשונעדיק־גרויסער שאָטן גיט זיך אַ באַוועג איבער דער וואַנט. ער דרייט זיך אויס. אַ באָרוועסער, שלעפּנדיק דעם פּידזשאַק און די שטיוול איבער דער ערד, לאָזט ער זיך, אונטערהינקענדיק, צו זײַן מאַמעס שטיבל.

■

גאַנצפרי, נאָר געעפנט די אויגן, דערהער איך אַזעלכע רייד פונעם טאַטן, אַז איך באַהאַלט זיך צוריק אונטער דער קאָלדרע, הייב אָן אונטערכראָפּען, מע זאָל מיינען, אַז איך שלאָף. איך דערוויס זיך, אַז דער טאַטע קומט נאָרוואָס פון דאַווענען, און נאָכעם לייטעס האָט אים דאָרטן דערציילט, סאַראַ הולטײַ איך וואַקס, און ווי איך בין אים נעכטן געשפּרונגען אין פּאָנעם.

מײַן מאַמע האָט אָבער פײַנט, אַז מע רעדט שלעכטס אַף אירע קינדער. זי הייבט גלײַך אָן שעלטן נאָכעם לייטעס, וואָס קלערט אויס אַלדאָסבייז אַף איר אָשערלען. און נאָכדעם שווערט זי זיך, אַז זי זאָל בעסער שטאַרבן, אויב דער טאַטע וועט זיך צו מיר צורירן.

דער טאַטע ווערט גלײַך שטיל. כ׳הער, ווי ס׳גיט א סקריפּע א טאַבורעטל אין קיך, ווי ס׳קלינגט א לעפעלע, דער טאַטע האָט זיך, ווײַזט אויס, אוועקגעזעצט טרינקען טיי.

כ׳דעק א ביסל אָפּ די קאָלדרע. אין אַלקער איז זוניק. דורכן אָפענעם פענצטער הער איך, ווי סע פּישטשען די שוואַלבן אונטערן דאַך און ווי סע קוואָקעט אונדזער קוואָטשקע לעבן שטוב.

— אָבער אזא קליינס, — קאָן זיך ניט באַרויִקן דער טאַטע, — ניט דערלעבט נאָך אויסוואַקסן, שפּרינגט עס שוין אַן עלטערן פון זיך אין פּאָנעם. לאָז ער נאָר אופשטיין. ער וועט שוין זען, — צעשרײַט ער זיך מיטאַמאָל.

אָבער זען וועל איך עס ניט. דאָס אַלקער־פענצטער איז אָפן. דער רויטער פּאָרהאַנג מיט די גרינע פויגלען איבער דער טיר, וואָס פירט אין עסצימער, איז אַראָפּגעלאָזן. כ׳רוק אַרויס א האַנט פון אונטער דער קאָלדרע. איך גיב א כאַפּ מײַנע סאַטינענע הייזלעך מיטן סטאַניק. אײַנהאַלטנדיק דעם אָטעם, ס׳זאָל כאָלילע קיין סקריפּע ניט טאָן דאָס בעט, ליג איך עטלעכע רעגעס אין דער איבערבעט, ווי אין א גרוב. נאָכדעם קריך איך אַרויס. איך טו זיך אָן און שפּרינג גלײַך אַרויס דורכן פענצטער.

אַרויס אין דרויסן, לאָז איך זיך גלײַך לויפן צום זיידן, וואָס וווינט אפן שאָסיי לעבן מאַרק־פּלאַץ.

אפן מאַרק־פּלאַץ פאַרגעס איך גלײַך אינעם זיידן.

ס׳איז דאָ זייער פריילעך.

דער מאַרק־פּלאַץ הייבט זיך אָן מיטן ווײַסן הילצערנעם קלויסטער, וואָס שטייט אין א גרויסן אַרומגעגרייזערטן סאָד. אין דעם דאָזיקן סאָד קאָן מען איצטער רײַסן עפּל, וויפל מע וויל, ווײַל ס׳איז אנטלאָפן דער גאַלעך.

אנטקעגן קלויסטער, א ברייטס, א שווערס, מיט א רויטער פאָן איבערן בלעכענעם דאַך, שטייט מיט צעעפנטע פענצטער דאָס געטינקעוועטע מויערל פון רעווקאָם.

אַרום דעם פּלאַץ — א רינג מיט הײַזער: קלייטן, א טשײַנע, צווי לאַנגע אײַנפּאַר־הײַזער און ס׳רויטע שטיבעלע פון דער פּאָטשט.

אינמיטן, אנטקעגן נאָכעם לייטעסעס גרויסער קלייט, שטייען די באַלעגאָלעס מיט בוידן, פּלאַשטשאַדקעס, וועגענער.

בעטשעקל דער באַלעגאָלע שמײַסט שוין מיט דער בײַטש, שרײַט, רופט צונויף פּאַסאַזשירן און קנאַקט יאַדערן.

אַלע קנאַקן בא אונדז יאַדערן. דער שליאַך איז ראַב און פאַרשאָטן מיט שאָלעכץ.

— היי, אָשער, אהערצו, — דערהער איך, ווי עס שרײַט צו מיר, שטייענדיק אָף דער קעלניע, בעטשעקל.

איך לאָז זיך לויפן צו אים. איך קריך צווישן פויערטעס, וואָס זיצן די פיס אונטער זיך און פאַרקויפן אוגערקעס, פּאַסאָליעס, מערן, אייער. אומעטום שרײַט מען, מע דינגט זיך, איך דערקלײַב זיך קוים צו בעטשעקלען.

בעטשעקל איז בא מיר דאָס כײַעס. ער זידלט זיך זייער גוט און קאָן זייער גוט שפּײַען. ער קאָן צעעפענען דאָס מויל און דורך די ציין אזא כראַקע טאָן, אז אפן צווייטן עק שאָסיי זאָל דער שפּײַ עמעצן טרעפן, און דער מענטש זאָל אפילע ניט וויסן, ווער ס׳האָט אָנגעשפּיגן.

כ׳האָב ניט איין מאָל צוגעזען, וויאַזוי בעטשעקל טוט אָפּ שפּיצלעך נאָכעם לייטעסעס טאָכטער, עטעלען.

עטעלען קאָן בעטשעק ניט אָנקוקן. ער וויל וויסן, ער קריצט אזש מיט די ציין, פאַרוואָס זי דרייט זיך און פאַרוואָס זי האַלט זיך גרויס.

עטעלע, אז זי גייט, דרייט זי זיך. זי טופּעט גיך־גיך אָף די הויכע אָפּצאַסלעך און וויגט זיך דערבײַ ווי אָף רעסאָרעלעך. אָף קיין מענטשן קוקט זי ניט. דאָס קעפּעלע איז פאַריסן, דאָס מײַלכל איז צונויפגעשנורעוועט, און די אויערינגלעך באַמבלען זיך.

— אויס אָפּיצערעלעך! — שרײַט ער איר שטענדיק, און עטעלע רופט אים דערפאַר „נאַכאַל“, און בעטשעקל פײַערט אָף איר נאָך מערער.

איבער בעטשעקלען האָב איך אמאָל געוויינט. די מאַמע האָט מיר איינמאָל געקויפט א קליין ברוין הינטעלע, וואָס אז מע בלאָזט דעם אונטערן ווידעלע, פײַפט עס. בין איך אַרומגעגאַנגען איבערן מאַרק און געפײַפט.

ווי נאָר בעטשעקל האָט דערזען דאָס הינטעלע, האָט ער זיך גלײַך אָנגעהויבן באַלעקן און געזאָגט מיר, אז אזא הינטעלע, ווי מײַנס, האָט ער שוין לאַנג ניט געזען, אז ס׳איז א „טשעקעלאַדנס“.

זאָג איך: „ס׳א לײמענס“.

זאָגט ער: „ס׳א טשעקעלאַדנס. לאָמיר זיך וועטן. אָט פּרווו עס א ביס טאָן“.

האָב איך דאָס הינטעלע גלײַך אַרײַנגעפּערעט אין מויל, צעביסן עס אפצווייען און זיך צערעוועט ווי א געקוילעטער, ווײַל דאָס הינטעלע איז טאַקע געווען פון ליים.

איך האָב געוויינט, און בעטשעק האָט זיך אוועקגעזעצט אָף דר׳ערד און האָט געלאַכט.

נאָר דאַפקע פון דעמלט אָן איז בעטשעקל געוואָרן מיט מיר כאַווער. בעטשעק איז שוין א גרויסער — א שמײַסער בא זײַוול דעם באַלעגאָלע. ער לאָזט מיך אמאָל מיט די אייגענע הענט פויען די פערד, אַרופקריכן אָף די קאָזלעס, האַלטן די ווישקעס...

— אָשער, אהער! לעבעדיקער!

כ'לויף צו אים צו, איך כאַפּ זיך אָן מיט ביידע הענט פאַר דער קעלניע, כ'שטעל אַרויף אַ פוס אפן טרעפּל און שפּרינג אַרײַן אין דער בויד.

בעטשעקל זיצט זיך ווי אַ קייסערל אַף דער קעלניע. פון דער קעלניע זעט ער דעם גאַנצן מאַרק. ער זיצט, ווי שטענדיק, אָנגעטאָן אין זײַן ברייטן רויטן העמד, וואָס איז אַרײַנגעלאָזן אין די צעלעכערטע לאַנגע הויזן. די הויזן זײַנען אַרומגעבונדן מיט אַ ברייטן גרינעם גאַרטל מיט קוטעסן. זײַנע שוואַרצע אויגן אפן אָפּגעבערענטן פּאָנעם לויפן גיך־גיך אַרום איבערן מאַרק. ער פאַרקוקט זיך אַף אַ רעגע אַף עטעלען, וואָס איז נאַרוואָס אַרויסגעגאַנגען אין אַ ווײַס בלוזקעלע מיט צוויי שוואַרצע בענדעלעך אַף די אַקסל. זי איז שטיין געבליבן אַ ווײַלע אפן גאַנעק פון זייער קלייט.

— אָשער, — גיט ער מיך אַ שלעפּ אַף דער קעלניע, — אָנטרײַבן ווילסטו?

— איך וויל, — קאָן איך אזש ניט אײַנזיצן פון פרייד.

— און פּויען די פערד ווילסטו?

— יאָ, — ווער איך איבערגליקלעך.

— אויב דו ווילסט אָנטרײַבן, — וואַרפט ער דערווײַל אַ יאָדער נאָך אַ יאָדער אין מויל, שפּײַט אויס און קנאַקט ווײַטער, — זאָלסטו מיר אַרײַנגיין, — ווײַזט ער מיר מיט די אויגן אַף נאָכעם לייטעסעס קלייט, — און עפּעס איבערגעבן עטעלען...

כ'הייב אוף אַ פאַרציטערטער די אויגן. איך זע פון דער קעלניע די גאַנצע קלייט. די קלייט פאַרנעמט דעם גאַנצן אונטערשטן שטאָק. נאָכעם לייטעס וווינט פון אויבן. פון אויבן איז זײַן שטוב מיט גרויסע געווײַסטע פענצטער און מיט אַ באַלקאָנטשיק, אַף וועלכע סע שטייען וואַזאָנעס. פון אונטן, אין דער קלייט, זײַנען די צוויי גרויסע רויטע טירן צעעפנט. אפן גאַנעק שטייען עפּעס אַ סאַך מענטשן. אינווייניק זע איך עטעלען. כ'זע דעם געלן אַפּטייקער, וואָס מע זאָגט, אַז ער איז איר כאָסן. כ'זע דאָרטן וועלוול כאַדאַרקאָוו. ער שרײַט עפּעס, וועלוול.

— ניין, ניין. כ'וועל ניט אַרײַנגיין. כ'האָב מוירע... — זאָג איך.

נאָר כ'זאָג ניט פאַרוואָס. כ'וויל אַפילע ניט, ער זאָל וויסן, אַז דער טאַטע האָט מיך הײַנט געוואָלט שלאָגן.

— וואָס? — כאַפּט זיך בעטשעק אָן באַם קאָפּ און הייבט זיך אָן רוקן פון מיר.

— כ'האָב מוירע!

— וויי־וויי, — גיט זיך בעטשעק אַ שטעל אַף דער קעלניע און הייבט אָן פּאַכען מיט די הענט.

זײַנע האָר צעפּאַטלען זיך. זײַן רויט העמד בלאָזט זיך אָן און פלאַטערט, ווי אַ פײַער. די אויגן קריכן אים פון קאָפּ.

— וויי־וויי, וואָס האָבן געהערט מײַנע אויערן?! — שרײַט ער, ווי עמעצער זאָל אים קוילען. — אָשער האָט מוירע, ווי איז מיר, פאַר אַזאַ פּעגירע ווי נאָכעם לייטע־עס!!!

— בע־עטשעק! — כאַפּ איך אים אַרום מיט ביידע הענט. — ער הערט, בעטשעק!

דער גאַנצער מאַרק הייבט זיך אָן צונויפלויפן אַרום דער בויד. מע לאַכט. מע שרײַט צו בע־טשעקן. נאָר ס'ווערט גלײַך שטיל. פון לייטעסעס קלייט גייט אַרויס וועלוול כאַדאַרקאָוו. ער בלײַבט שטיין אפן גאַנעק. ער לייגט אַרײַן די הענט אין די קעשענעס, פאַרזשמורעט עטוואָס אָן אויג און קוקט בייז אַף בעטשעקלען.

פאַר וועלוולען האָט בעטשעקל מוירע. „צײַט ווערן אַ מענטש!" — האָט אים געזאָגט אַמאָל וועלוול.

בעטשעקל גיט אַ קלאַפּ אַ פוס אין אַ פוס, לייגט צו די האַנט צום קאָפּ ווי אַ סאָלדאַט, גיט זיך אַ נייג פאַר וועלוולען און זעצט זיך רויִק אַוועק, ווי ער זאָל גאָר אַף זײַן לעבן ניט געווען שרײַען.

— האַפּושאַל, — גיט ער מיך אַ שטופּ פון דער קעלניע, — מאַרש!

כ'וויל אָבער ניט ווערן באַרויגעז מיט בע־טשעקן. ער איז דער איינציקער כאַוואַר מײַנער, וואָס איז אַ גרויסער.

— נו, וועל איך גיין, — זאָג איך אים.

— אַזוי האָב איך דיך ליב, — זעצט ער זיך מיט מיר אַוועק אין בויד. אין בויד קריכט נאָך זײַן כאַוואַר שײַקע און נאָך באַלעגאָלע־יונגען. — די ניכפּע וועט זי כאַפּן... זאָלסט מיר אַרײַן, — מאַכט ער צו מיר, — אין קלייט אַרײַן און זאָגן עטעלען, אַז סטיאָפּע האָט דיך געבעטן איבער־געבן, אַז הײַנט פאַרנאַכט וואַרט ער אַף איר הינ־טערן פּלויט פונעם אַלטן בעסוילעם...

— וואָסער סטיאָפּע, בעטשעק?

— כ'ווייס זייער, — גיט ער אַ הייב די אַקסל.

— נו, לויף איך, — שפּרינג איך אַרויס פון דער קעלניע און לאָז זיך שוין צו דער קלייט.

— וואַרט, גיט ער צו מיר אַ מאַך מיט אַ פינגער, — וואָס וועסטו אָבער ענטפערן, אַז מע וועט דיך פרעגן, ווער האָט דיך געשיקט?

— אַז דו, בעטשעק!

— כ'וועל דיר געבן אַ בעטשעק, — ווערט ער אין קאַס, — כ'וועל דיר אויסהאַקן ווו אַ צאָן! סטיאָפּע, זאָלסטו זאָגן, סטיאָפּע־ע!

— סטיאָפּע, — שאָקל איך מיטן קאָפּ און לויף אַוועק.

באַם אַרײַנגיין אין לייטעסעס קלייט שטייען אַ סאַך מענטשן. איך אַרבעט מיט די עלנבויגנס און שפּאַר זיך אַרײַן אינווייניק.

אין קלייט איז פינצטערלעך. צוליב דער היץ זײַנען די לאָדן פאַרמאַכט. דאָס ליכט דורך די אָפענע טירן פאַלט נאָר אפן מיטן קלייט.

אין קלייט איז אָנגעוואָרפן. צווישן פעסער און צערוקטע קאסטנס שטייט א שווארץ בענקל, ארומגעשלאָגן מיט רויטן פליוש.

וועלוול כאַדאַרקאָוו זיצט אף א פאס, אָנגעשפארט מיט די הענט אף דער „סטויקע“ מיט די עטלעכע וואָגשאָלן, וואָס ציט זיך לענגויס די פאָליצעס. אָנגעשפארט אין א פאָליצע, ווי עמעצער וואָלט אים גוט־גוט אויסגעפאטשט, שטייט נאָכעם לייטעס אין דער יארמלקע און האלט אין איין קרעכצן.

ארום וועלוולען טאנצט ארום עטעלע. זי שרײַט „באָזשע מאָי“ און האלט אים אין איין בעטן, ער זאָל זיך זעצן אפן בענקל.

פארוקט אין א ווינקל, שטייט עטעלעס כאָסן — אונדזער יונגער געלער אפטייקער, מיט שפאקולן, פון וועלכע סע ציט זיך א שווארץ בענדעלע.

איך פארליר זיך גלײַך און קאָן ניט צוגיין צו עטעלען. וועלוול רעדט עפּעס מיט נאָכעם לייטעס וועגן פאסן, וואָס מע האָט אראָפגעגאנוועט פון די וואלצן.

— איז וואָס? — פארהייבט וועלוול זײַן א ביסל פארמאטערט פּאָנעם צו לייטעסן. — איז ווען?

— אלץ איך? — ראטשעט אף אים נאָכעם לייטעס די אויגן.

— ווער דען? — רעדט וועלוול פאמעלעך. — איך?

— גוואלד, — הייבט נאָכעם לייטעס אָן ארומלויפן און נעמט גאָר ניט אראָפ די אויגן פון דער סטעליע, — ער מאכט מיך, גאָטעניו, פאר אן עוויען... אז ווי קומען צו מיר רימענס?! אף נעמאָנעס, וועלוול...

— הערט אוף מיט נעמאָנעס. כ'האָב פײַנט, אז מ'איז א גאנעוו. סע שטייט א האלבע מיל. ברענגט מיך ניט ארויס פון די קיילים, — רעדט וועלוול פאמעלעך.

— אָבער מיר? — לייגט עטעלע צונויף די ליפן ווי אף א פײַף טאָן. — מיר גלייבט איר דאָך, כאווער כאַדאַרקאָוו?!.. מישא, — הייבט זי אָן ריידן צעצויגן און וויינענדיק צום אפטייקער, — וואָס זאָגסטו גאָרניט, מישא?

נאָר דער אפטייקער צענעמט נאָר די הענט:

— וואָס זאָל איך זאָגן?

— וויפל איז דער שיר, רעב נאָכעם? — קוקט אפילע ניט וועלוול אף עטעלען און דרייט דערבײַ מיט דער נאָז, ווי ס'זאָל אים אָנהייבן איבלען.

נאָכעם הייבט זיך אָן רוקן צו וועלוולען. ער פארהאָרבעט זיך. די יארמלקע רוקט זיך אראָפ נידעריקער איבער די אויגן.

— מיילע, וועלוועלע, — שרײַט ער צו אים און פארהייבט די אויגן צו דער סטעליע, — כ'האָב אוואדע ניט גענומען. ס'ווייסט גאָט און איך. נאָר ס'ליגן בא מיר עטלעכע רימענס... איז מיילע... לאָמיר זיך, וועלוועלע, ניט קריגן...

— אוי א גאנעוו, — באווײַזט זיך בעטשעקל באם ארײַנגאנג.

ס'ווערט א געלעכטער, ס'ווערט טומלדיק. מע לויפט זיך צונויף.

— מארש, — ווערט וועלוול אָנגעצונדן און שפארט אלעמען פון דער קלייט. — וואָן! — וויל מיך וועלוול ארויסטרײַבן.

— כ'דארף צו עטעלען, — לאָז איך זיך ניט.

— אוועק! ארויס, מאמזער! — צעגוואלדעוועט זיך אף מיר נאָכעם לייטעס.

— פאפאָטשקא, — ווערט עטעלע בארויגעז, — ווי שעמסטו זיך ניט? קאקאָי מאלטשיק, — זאָגט זי צום אפטייקער און בייגט זיך אראָפ צו מיר.

איר פּאָנעם איז לעבן מײַן פּאָנעם. די צוויי לאנגע גאָלדענע אוירינגלעך וויגן זיך אין אירע אויערן. זי דרייט מיטן קעפּעלע. זי שמייכלט צו מיר. די ווײַסע ציינדעלעך צענעמען זיך קוים־קוים אינעם א ביסל אָפענעם מײַלכל.

— איז וואָס, טײַערינקער?

— מומע עטעלע, — דערפריי איך זיך, וואָס זי רעדט צו מיר אזוי גוט, — סטיאָפּע האָט מיר געהייסן זאָגן, אז ער וואַרט אף דיר הינטערן פארקן פונעם אלטן בעסוילעם...

נאָר וואָס טוט זיך עס מיט עטעלען? ס'האָט זיך בא איר אויסגעצויגן דאָס פּאָנעם. ס'האָבן זיך איר באוויזן פליאמעס ארום מויל. זי פארקײַקלט די אויגן. זי שרײַט „באָזשע מאָי“. דער אפטייקער, א רויטער ווי פײַער, גיט זי א כאַפּ אף די הענט. מע שלעפּט מיך. מע שטופּט מיך. כ'ווייס גאָר ניט, וואָס ס'איז געוואָרן. כ'הייב אָן שרײַען. עמעצער האָט מיר געגעבן א פּאטש.

— וואָס טשעפּעט איר דאָס קינד? — רײַסט זיך ארײַן בעטשעקל.

— א סרייפּע אף אײַך! איר מיינט, אז ס'איז אײַך אמאָל, — גיט ער מיך א כאַפּ אף די הענט, לויפט איבער דעם שאָסיי און וואַרפט מיך ארײַן אין בויד.

— וויאָ־אָ, — שפּרינגט ער ארוף אף דער קעלניע און גיט א טרײַב די פערד, — שפּײַ אף זיי! — שרײַט צו מיר בעטשעק, פאָכעט מיט דער בײַטש, און, דרינדזשענדיק מיט די רעדער, טראָגן מיר זיך מיט דער בויד איבערן שטעטל.

מאַטל שאַפּיראָ

אונדזער לענין

1

אוי, אין דערפעלע אין גאָרקי,
הינטער מאָסקווע דער רויטער,
שטייען טײַבעלעך און וואָרקען
און ציטערן פאר ווייטעק...

וואָס איז ווײַסער פון דעם ווינטער־טאָג?
וואָס איז שווארצער פון ראָבן? —
אין אזא ווײַסן ווינטער־טאָג
איז לענין אונדז געשטאָרבן...

2

הײַנט וועלן ווײַסע גאסן וויינען
און שטילער טרויער וועט דאָרט ברענען...
אין א ווינטער־טאָג אזוינעם
איז געפאלן אונדזער לענין!..

און מאכנעס, מאכנעס וועלן קומען,
דעם רויטן קרעמל נישט דערקענען —
דער רויטער קרעמל שרײַט און יאָמערט:
— ווו איז, ווו איז אונדזער לענין?

ס'האָט מאמע רוסלאנד אים געבוירן
אין טיפער נאכט פון ווײ און קלעמען,
מיט הייסן אָטעם פון גיבוירים
און מיט דעם מילדן נאָמען: לענין...

אָ, זאָלן סאָנים זיך ניט פרייען,
ווען אונדזער טרויער וועט דאָ ברענען! —
ס'וועט זײַן נאָמען נישט פארגייען,
כ'לעבט אף אייביק אונדזער לענין!..

1924

יאשע גאָלדמאן

געזעצן

ניט בא הייליקע וועגט און ניט אף בארג סינײַ,
געבערענט האָבן הערצער אין גרויזאמער סינע.

בא פײַערן און בליצן אף הילכיקע פלעצער
מיר האָבן געשריבן אליין די געזעצן.

מע האָט זיי געשריבן אף א צײַט, אף דערווײַל נאָר,
ביז צעגיין וועט דער רויך און דער שטויב אף די מײַלן.

ביז א טישטעך א ווײַסער דעם טיש וועט פארדעקן,
און פרײַנט וועלן קומען פון אלע פיר עקן...

ביז א דאָר נאָך א דאָר, און א דאָר וועט דאָך ענדלעך
אופגיין אף ערדן, וואָס מיר האָבן געענדערט.

1929



פלאקאט פון קינסטלער יו. גאַלוביאָוו

געבענטשטע ערד

עמאנויִל קאזאקעוויטש

לענין און הערבערט אועלס

אין טשעמאָדאַן — קאָנסערוון און מאַנע,
קאָדאַק, פּאָרטפעלד און א פּאָנעם א געלס.
ער האָט געשאַפן הונדערט ראָמאַנען,
הערבערט דזש. אועלס.

פון זײַן קאָטעדזש — אין קאמין א פײַער —
פון לאָנדאָנער נעפל אין מאָסקווער גראָ,
מיט אײדעלן מיטלײַד, ווי אף א פרעמדער לעווײַע,
האָט ער זיך אראָפגעכאַפּט אף א גאַסטראָל.

ס׳האָט מאָסקווע געקעמפט און געפרירט און געהונגערט,
געווייטעקט און מונטערע לידער געזונגען.

ער האָט א קוק געטאָן אלע מוזייען:
„צענערעקט, צעקלאַפּט. נאָר זייער און זייער“...
ער האָט א שמעק געטאָן אף די „סטריטן“:
„צעקלאַפּט, צענערעקט. נאָר זייער צופרידן“.

ס׳האָט מאָסקווע געברומט ווי א הונגעריקע וואָלפן,
אין מוזיי האָט געפרירט א ווײַסע ווענערע.
אָ! ענגלאַנד האָט „זייער און זייער“ געהאָלפן,
אז אלץ זאָל דאָ זײַן צעקלאַפּט און צענערעקט.

דאָרט, אף אוקראַיִנע, ווילדעווען באַנדיטן
מיט סרייפּעס, מיט האָריגעס, מיט בלוטיקן בראַזשניק.
פארשטעקט אין די לעכער זיצן און היטן
א ווײַסער, א פרעמדער, א סאבאָטאַזשניק.

אָך, האָט דאָס לאַנד זיך צעברומט איבער וועגן,
וועגן, וואָס ברענען אין בראַנד פון געשלעגן...

ער האָט געהאַט א ליולקע און מאַנע,
א פלעד און אן ענגלישן פּאַס, ווי א פעלדז.
שווער, ווי זײַן גײַווע, די טשעמאָדאַנען,
די בײַכיקע גײַווע, וואָס גרעפּצט זיך מיט געלט.
אין טשעמאָדאַנען — הונדערט ראָמאַנען —

הערבערט
דזשאָרדזש
אועלס.

און נײַגעריק עטוואָס, דעם שמייכל פאַרבאָרגן,
נעמט לענין אים אוף אין א שטילן פרימאָרגן.

„אָ, מיסטער לענין, עלעקטריפיקיישן...
אָ, איך פאַרשטיי אָט דעם דראַנג צו די רוימען...
פאַנטאַזיע דאָס איז מײַן פאַך... איר פאַרשטייט שוין?
אָבער, — אַנטשולדיקט מיר, — דאָס זײַנען טרוימען.

טרוימען. פאַנטאַזיע. אַלץ א פאַנטאַזיע!
עלעקטריפיקיישן? בא אײַך דאָ אין אַזיע?
וועל!.. עס קאָן זײַן, אַז איר טוט און וועט טאָן א סאַך,
נאָר דאָס לאַנד איז אין כורוועס... אַנטשולדיקט, כ׳דערמאָן עס אײַך...
עלעקטרע, איר זאָגט? אָ, איך מוז זיך א וווּנדער טאָן —
עלעקטרע? נו, יאָ... ס׳וועלן דורכגיין יאָרהונדערטן”...

לענין האָט געשמייכלט.
אין פענצטער די שטאָט
איז געלעגן אין פראָסטיקן דרעמל.
געראַוויסט האָבן טריט אינעם קרעמל,
פונוויַיטן האָט ברייט
א ליד זיך געשפרייט,
א מונטערע ליד אַרום קרעמל.

1939

שמואל האַלקין

לייגט אַוועק די זעגעלעך

לייגט אַוועק די זעגעלעך
און לייגט אַוועק די האַק —
לויפט אַהיים זיך זעגענען,
מיר פאָרן אין אַרבפּאַק...
גיך פאַרבײַ דער זומער איז
מיט זומערדיקן טשאַד —
ווער סע פאָרט קיין מאָסקווע
און ווער אין לענינגראַד...
געקומען דאָ, געהאָרעוועט,
געהאָרעוועט גענוג —
פאַרזייט אַף גאַסן כאָרעווע
א לידל פון קאַמיוג:
געטער פון די הימלען הויך,
הערשער פון דער ערד —
אײַך אַלעמען פאַרשימלטע
מיט בעזעמער פאַרקערט.

און ס׳טראָגט זיך איבער דעכער אום
און ס׳גיסט זיך אָן דאָס האַרץ
מיט קראַפט, מיט זאַפט מיט פּעכיקן,
מיט לויטערדיקן האַרבסט...

*

אַוועקגעלייגט די העמערלעך,
אַוועקגעלייגט די האַק,
יעדער אין קאַמקעמערל
מיט אַרבעט איז געפּאַקט,
מיט זיצונגען, באַראַטונגען,
באַריכטן יעדן טאָג —
זיבן יאָר פון ראַטנמאַכט
סע בלענדט אַף יעדער ראַג...

1924

מ. אבארבאנעל

מאָסקווע

זײַ געבענטשט, דו הויפּטשטאָט פֿון מײַן היים!
ס'איז פֿרײַ פֿאַר מיר איצט אָפֿן דײַנע טויערן,
איך קום צו דיר שוין מער ניט אין געהיים,
נאָך מײַנע טריט טוט קיינער מער ניט לויערן.

איך בין געווען דער קלענסטער פֿון די קלענסטע,
איך בין געווען א ייִד און אויך א קנעכט.
כ'האָב איצט א לאַנד — דאָס גרעסטע און דאָס שענסטע,
כ'האָב איצט א היים מיט פֿרײַהײַט און מיט רעכט.

איצט גיי איך שטאָלץ ארום אף דײַנע גאסן,
בין פֿול מיט פֿרייד און בירגערלעכן מוט.
איך ווייס, ווען צו ליבן און צו האסן,
און ווייס, פֿאַר וועמען אָפּגעבן מײַן בלוט.

1929

זעליק אקסעלראָד

נאָיאבער

זיי האָבן געזונגען, און ס'האָט זיך געהערט,
ווי זיי האָבן די גאסן געמאָסטן.
פֿעסט איז געווען דער טראָט אף דער ערד.
יעדער שפּאַן, ווי אויסגעגאָסן.

און ס'האָט זיך געטרייסלט די הארבסטיקע נאכט
פֿון זייערע מענגערשע שטימען —
גלײַך דער געזאנג איז ארויס אף דער וואך
פֿון נאכט און ביז באגינען.

העכער און העכער הייבט זיך די לופֿט,
דער טראָט איז ניט געענדערט.
נאָר ס'דערקײַקלט זיך פּלוצעם צו מיר דער רוף
פֿון יענע ווײַטע לענדער...

עס ליגט שוין דאָ אזא קלאָרער הארבסט,
די ערשטע טעג פֿון נאָיאבער.
און ס'ווײַזט זיך פֿאַר מיר א פֿאַרבלוטיקט הארץ
פֿון מײַנעם א שפּאנישן כאווער.

און ס'קלינגט לעבן מיר א פֿאַרשטיקטע שטים:
וואָס זשע דאָ געשען איז?

דאָס שטייט איצטער אוף אפּסנײַ פֿון ווין
די פֿעווראלער געשעעניש.

הער איך: „באלד איז יאָמטעוו בא דיר,
דו קענסט זיך רויִק ליגן,
פֿון אינווייניק — פֿאַרשפּאַרט דײַן טיר,
אין גאס — א רויטארמייִשער ניגן",

און איך בין שוין לאנג ניט געלעגן אין בעט,
עס האָט מיך אופגעהויבן —
עס האָט זיך געוויגט זייער טרויער־געבעט
אריבער מײַנע שויבן.

בין איך ארויס אינמיטן נאכט
די ערשטע טעג פֿון נאָיאבער,
לאָמיר האלטן די ערן־וואך,
טײַערער שפּאנישער כאווער...

דערנאָך האָב איך אים ארויסבאגלייט
צו ערגעץ א ווײַטן טויער,
און ס'האָט זיך געהערט נאָך אלץ, ווי עס גייט
די דיוויזיע רויטארמייער.

1934

היימלאַנד

כ'האָב ליב די ברייטע פעלדער קאָרן,
די געדיכטע סאָסנע־באָרן,
דאָ האָט מײַן מאַמע מיך געבאָרן,
און דאָ מײַן וויגעלע געוויגט.
דאָ האָב איך יאַגעדעס געקליבן,
פונדאַנען האָט מען מיך געטריבן,
דאָ אָפּן זאַמד זײַנען פאַרבליבן
פון מײַנע פיס די ערשטע טריט.

דאָ האָב איך טשערעדעס געפּיטערט,
געשניטן אָף א בעזעם ריטער,
מע זאָל ניט כאַפּן מיך, געציטערט,
צווישן ביימער זיך געהילט.
א באַרוועסע דאָ קויט געקנאַטן,
מײַן הוילן לײַב אָף זון געבראָטן,
געקילט זיך דאָ אין קילן שאָטן,
פון קרענעצעס דעם דורשט געשטילט.

דאָ איז מײַן יוגנט דאַן פאַרגאַנגען,
אין פרעמדן פעלד, אין פרעמדע זאַנגען,
דאָ איז צום ערשטן מאָל דערגאַנגען
צו מיר מײַן מוטערס שווערער „אוי".
אין שלאַכטן כ'האָב באַגלייט דאָ ברידער,
און דאָ באַגעגנט זיי ווי זיגער,
דאָ מײַן קינד געקושט די גלידער,
דאָ איז מײַן קאָפּ געוואָרן גרוי.

אין שטילן רויש פון גרינע ביימער,
אין שטומען מוקען פון בעהיימעס,
אין רויך פון נידעריקע קוימענס
איך האָב מײַן קינדהײַט דאָ דערקענט.
איך האָב געפונען זיי, די יאָרן,
וואָס איך האָב דאָ אַמאָל פאַרלאָרן,
איך פיל זיך ווי אַפּסנײַ געבאָרן
און טראָג אַליין זיך אָף די הענט.

איך גיי, און אויגן מײַנע שײַנען
פאַרשיקערט, ווי פון שטאַרקסטע ווײַנען,
ווי ליב מיר איז אין שויס אין דײַנעם
צו טוליען מײַן פאַרשנייטן קאָפּ.
איך האָב א סערפּ אין האַנט גענומען,
איך בין אין פעלד אהער געקומען,
פולע זאַנגען ארומגענומען,
צונויפגעבונדן אין א סנאָפּ.

אָ, היימלאַנד, היימלאַנד, מײַן געטרײַע,
ס'איז גרינג און גוט מיר א מעכײַע,
צו אָטעמען דײַן לופט די פרײַע,
ווו יעדער ווינטל לאַשטשעט מיך.
עס ווילט זיך הײַנט מיר שטיפן ווידער,
ס'ווילט זיך זינגען שענסטע לידער,
עס האָט מײַן קערפּער הײַנט דער מידער
א נײַע קראַפט דערפילט אין זיך.

אָ, היימלאַנד, היימלאַנד, ס'איז מיר טײַער
דײַן יעדער סנאָפּ, דײַן יעדער שײַער,
דײַן יעדערער קאָלווירט דער נײַער,
יעדעס קערנדל, וואָס איז פאַרזייט.
פאַר דײַנע בלימעלעך, וואָס בליִען,
פאַר דײַנע פייגעלעך, וואָס פליִען,
פאַר דײַנע שיינע אינדערפריִען
איך בין צו שווערסטע שלאַכטן גרייט.

אָ, היימלאַנד, היימלאַנד, מוטער מײַנע,
איך בין א טרײַע טאָכטער דײַנע,
און ווו און ווען איך זאָל ניט זײַן נאָר,
כ'וועל ליבן דײַן געבענטשטע ערד.
דו האָסט מיך ווי א קינד דערצויגן,
מיט דײַנע זאַפטן מיך געזויגן,
צו שײַן צעעפנט מײַנע אויגן,
מײַן גאַנצער לעבן דיר געהערט.

לייענער שרײַבן אונדז

כאָשעווע רעדאַקציע!

דערלויבט מיר דערציילן פאַר די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ אַן עפּיזאָד פון מײַן לעבן.

מײַן טאַטע האָט געהאַלטן אַ באַקאַליי־קלייטל אַף דער סטאַנציע אידריצע, לעבן סעבעזש. אַף דער סטאַנציע זײַנען געווען נאָך קלייטלעך, ווו מע פלעגט שינדן פון די פויערים די הויט. און ווײַל מײַן טאַטע פלעגט פאַרקויפן די סכוירע ביליק, האָבן די קרעמער באַשלאָסן — „פאַריאָגן דעם אַנטיכריסט“. זיי זײַנען אַוועק צום פּריסטאַוו, און יענער האָט אויסגעפונען, אַז אונדזער הויז געפינט זיך אַף אָנדערהאַלבן אַרשין אויסער די גרענעצן פונעם טכום. האָט ער צונויפגעשטעלט אַ פּראָטאָקאָל און געלייגט אַ רעזאָליוציע: „אַרויסשיקן!“

אינגיכן זײַנען געקומען צו אונדז דער פּריסטאַוו און דער געריכט־עקזעקוטאָר.

— טייקעף פאַרלאָזן די סטאַנציע!

עס איז געווען טיפער האַרבסט. אין גאַס איז קאַלט און נאַס. מיר, קינדער, זײַנען געלעגן קראַנק. בלויז דער טאַטע האָט זיך געהאַלטן אַף די פיס. וואָס טוט מען?

פּלוצעם האָבן מיר דערזען דורך די פענצטער, ווי אונדזער הויז האָט אַרומגערינגלט אַ מאַכנע פויערים. די פויערים האָבן געשריִען:

— מיר וועלן ניט לאָזן מאַטערן קראַנקע קינדער. פאַרוואָס פאַרטרײַבט איר ערלעכע מענטשן?

די פויערים זײַנען געווען, ווי מע האָט זיי אין די היגע ערטער גערופן, „בורלאַקעס“, האַרבסט־צײַט פלעגן זיי אַוועקגיין אַף סעזאָן־אַרבעט. געווײנלעך פלעגט זיי דעמלט דער טאַטע געבן סכוירע אַף באָרג און קיין פּראָצענטן דערפאַר ניט נעמען. צעצאָלן פלעגן זיי זיך נאָכן קומען פון דער סעזאָן־אַרבעט.

און שטעלט אײַך פאָר: די פויערים האָבן געוווּנען, זיי האָבן אונדז אַרויסגעראַטעוועט פון די פּאָליציייִשע הענט. די דרײַ עקזעקוטאָרן זײַנען אַוועק.

אין צוויי טעג אַרום אָבער זײַנען זיי ווידער געקומען, און מיט אַ דאָקטער.

— אין אַזאַ צושטאַנד טאָרן זיי זיך אין וועג ניט לאָזן, — האָט געזאָגט דער דאָקטער.

האָט מען צונויפגעשטעלט אַ נײַעם פּראָטאָקאָל. דערנאָך איז די גאַנצע כאַליאַסטרע אַוועק אין שענק. מע האָט גוט אויסגעטרונקען, און אַפן פּראָטאָקאָל האָט זיך באַוויזן אַ צושריפט: „...אויב זיי זאָלן זיך וואַרעם אָנטאָן, מעגן זיי יאָ גיין“.

— טייקעף פאַרנעמט זיך פונדאַנען! — האָט דער פּריסטאַוו באַפוילן.

דער טאַטע האָט אַריבערגעפירט דאָס געזינד קיין סעבעזש. ער האָט פאַרמאַכט די לאָדנס, אַף די טירן אויפגעהאַנגען שלעסער, נאָר דעם הויף ניט פאַרשפּאַרט. גאַנצע טעג איז ער אַרומגעלאָפן איבער די געריכטן, דערווײַזנדיק, אַז די „אָנדערהאַלבן אַרשין“ זײַנען אויסגעטראַכטע. ער האָט אויך אָנגעגעבן אין סענאַט. וואַרטנדיק אַף אַן ענטפער, האָט ער מיך איבערגעלאָזט אין הויז און דעם אַלטן פויער ניקיטע געבעטן אַכטונג צו געבן. ניקיטע האָט געהיט מיך און די כודאָבע. קומען פלעגט ניקיטע אין די אָוונטן, קעכלען מיך מיט אַרבעס, מערלעך, זיסע ריבן.

איך זיץ אין שטוב אין איינע שרעק. איך האָב מורע אַפילע צוגיין צום פענצטער. אַ טאָג, צוויי, דרײַ, אַ גאַנצע וואָך... באַנאַכט, איך שלאָף אַ צונויפגעדרייטע, ווי אַ קנויל. ניקיטע שלאָפט אַף דער באַנק. פּלוצעם — אַ קלאַפּ אין טיר... ניקיטע וועקט מיך און שושקעט מיר אַרײַן אין אויער:

— שטיי אויף, מע איז, ווײַזט אויס, געקומען...

דער קלאַפּ כאַזערט זיך איבער. איך כאַפּ מײַן אָנטאָן און שפּרינג אַרויף אַפן בוידעם. איך האַלט אײַן דעם אָטעם. אַ סקריפּ פון דער טיר... דאָס האַרץ קלאַפּט, ווי מיט האַמערס...

— קריך אַראָפּ, — זאָגט מיר ניקיטע, — האָב קיין מורע ניט, דער טאַטע איז געקומען...

— נו, און פון סענאַט איז געווען אַן ענטפער? — וועט איר פרעגן. געווען. אין צוויי כאַדאָשים אַרום. און סאַכאַקל איין וואָרט: „אָפּזאָגן“.

ל ײ ע אַ ר אָ נ אָ װ אַ, מ אָ ס ק װ ע.

דער ניסטער

צעדעקא[1]

שוין צו דעם געבײַ פון דרויסן צוגייענדיק, זעט איר, אַז דאָס הויז איז ניט קיין נײַס: איצט בויט מען ניט אַזוינע, ס'איז ניט דער סטיל און ניט די אַרכיטעקטור פון אונדזער עפּאָכע, יאָ, דאָס הויז איז פון אַלטע צײַטן געבליבן, און לעצטנס נאָר באַנײַט און רעסטאַווירט געוואָרן.

ווירקלעך: אַמאָל איז דאָ געווען דער אינסטיטוט פאַר ווײַלדערצויגענע פרײַלנס, דער אינסטיטוט פאַר בורזשואַז־קאַפּיטאַליסטישע טעכטערלעך, וואָס האָבן זיך דאָרט געלערנט און דערצויגן צוליב כאַסענע און צו אַדעליקע מאַנירן און מײַסים־טויוועס.

איר געדענקט יענע אינסטיטוטן?

טאָמיד אָפּגעזונדערטע, מערסטנס אין ווײַט־שטאָטישע גאַסן, אין סעדער פאַרוקטע, און מיט הויכלעכע פאַרקנס אַרומגענומען.

אינדערפרי האָט מען פון דאָרט פרומע געבעט־געזאַנגען געהערט, אַפּדערנאַכט פאַרן שלאָפן לייגן זיך — דאָס זעלביקע. און אַז די דינערשאַפט און די קלאַס־דאַמען זײַנען שוין געשלאָפן, האָט מען אין אַ לעוואָנע־נאַכט געקאָנט זען, ווי פאַר די פענצטער בײַ די אונטערשטע עטאַזשן — גרופּעס יונגע, עלטערע קאַדעטן, פּאַרוטשיקעס און אָפיצערן וואַרטן. די פענצטער עפענען זיך שטיל, און יעדעס פּאָר געזונטע אָרעמס פון אַן אונטן שטייענדיקן אָפיצער כאַפּט אויף אַ מיידל, וואָס פליט און פאַלט צו אים מיטן גאַנצן לײַב און לעבן אַ לעבעדיקע.

ס'איז דאָרט לײַטיש שטיל געווען און שטילע זיטן.

אַ היפּשע מיליאָן האָט איצט דאָס הויז דער מעלוכע אָפּגעקאָסט, דאָס הויז צו די נײַע באַדערפענישן צוצופּאַסן, דאָס אין אַ קאָמאַנדירן־ און אַרמייער־קלוב צו פאַרוואַנדלען.

איצט איז דאָס הויז גאָר צו עפּעס אַנדערש באַרופן. קיינע טפילעס הערן זיך ניט פון דאָרט, קיינע לײַטישע טעכטערלעך דערציִען זיך ניט דאָרט, נאָר ביז הונדערט טויזנט רויט־אַרמייִשע און קאָמאַנדירישע באַזוכן אַ כוידעש, בײַ אַ הונדערט טויזנט פּאָר פיס אין שטיוול טרעטן יעדן כוידעש די שוועל אַריבער, און דאַך, — וואָס פאַר אַ שטילקײַט, וואָס פאַר אַן אומגעוויינלעכע זויבערקײַט, וואָס איז זעלטן ווו צו טרעפן אַזוינע, טרעפט איר דאָרט!

דעם טאָן, ווי צו האַלטן זיך און ווי צו פירן זיך אין אָט דער געבײַדע, פאַרגיט אײַך שוין

[1] צענטראַלער קלוב פון דער רויטער אַרמיי.

די ערשטע סטעזשקע, אַף וועלכער איר טרעט ארויף, אין קאָרידאָר, אַנקומענדיק און די דרויסן־טיר נאָך זיך פאַרמאַכנדיק; דעם טאָן פאַרגיט מען אײַך, ווען מע נעמט בא אײַך באַם גאַרדעראָב דאָס אייבערשטע אָנטאָן צו.

ס'איז באַלד שוין דער ערנסט אַף אײַער פּאָ־נעם, דער אָפּשײַ פאַר אָן אַנשטאַלט, וואָס נאָך פאַר אײַער אהין אַרײַנגיין ווייסט איר שוין זײַן ווערט און וויכטיקײַט. איר גייט אַרײַן צוערשט אין רויטאַרמייִשן מוזיי.

אָט דער קליינער, פון עטלעכע צימערן באַ־שטייענדיקער און ניט קיין סאַך עקספּאָנאַטן פאַרמאָגנדיקער מוזיי איז באַזונדערס ציכטיק צוגעקליבן, מיט א געניטער און קינסטלעריש־שפּאָרעוודיקער האַנט אויסגעשטעלט און מיט גרויס קענטעניש און געשמאַק סיסטעמאַטיזירט און אויסגעקאַטאַלאָגיזירט.

ס'איז דאָרט באַזונדערס שטיל און זויבער. דאָרט — די נאָך אזוי יונגע, רויע רויטאַרמייִשע געשיכטע, וואָס דערווײַל זײַנען אירע ערשטע בלעטלעך נאָר געגעבן און וואָס איר גרויסע און ווײַטערקומענדיקע געשיכטע דאַרף ערשט גע־שריבן און געגעבן ווערן.

יאָ, דאָס ווײַטערדיקע — ווײַטער... דאָס אָבער, וואָס ס'איז שוין דאָ געגעבן, איז שוין גענוג אײַך מיט גרויס דערעכערעץ און מיט באַוווּנדערונג אָנצופילן.

איר גייט פון צימער צו צימער. איר זעט די פּרימיטיווסטע און מיט שטריקלעך געבונדענע, קימאַט קינדער־ביקסלעך פון די סיבירער פּאַר־טיזאַנער, און איר טראַכט: אָט מיט דעם און אָט אזוי איז א טייל רעוואָליוציאָנערעס פויערטום אַרויסגעטראָטן קעגן א רעגולערער אַרמיי, לויטן לעצטן וואָרט מיליטערישער קונסט־טעכניק עקיפּירט און אויסגעשטאַט, געשטיצט פון די גרעסטע אימפּעריאַליסטישע רויבער — מיט געלט, מיט וואָפן און אַמוניציע, מיט געלערנטע אָפיצערן און גענשטאַביסטן; און זיי, די אָרעמ־פויערים — מיט הוילע הענט קימאַט, מיט פּרי־מיטיוו געווער און מיט הוילן נאָר ענטוזיאַזם פאַר דער רעוואָליוציע־זאַך און מיט א ברענענדיקער סינע צו זייערע דורעסדיקע אונטערדריקער. און יענע זײַנען געשלאָגן, און אָט די קינדער־ביקס־לעך, די מיט גראָבע שטריקלעך געבונדענע, זײַ־נען אײדעס.

זיי ליגן איצט אונטער גלאָז און שווײַגן. א קליין מוזיי־נומערל נאָר אָנגעקלעפּט אַף זיי... ס'זעט אויס א קליין גורל־נומערל, אָבער וואָס פאַר א גרויס געווינס דאָס האָט געוווּנען.

נישט ווײַט און אַנטקעגן אָט די ביקסלעך מיט די שטריקלעך קאָנט איר זען — איבער דער גאַנצער גרייס פון צימער — א מעכטיק־פינקל־דיקן, נײַסט־סיסטעמיקן האַרמאַט, וואָס יענע, וואָס האָבן די ביקסלעך געהאַלטן, האָבן באַם גע־זונט־באַוואָפנטן סוינע געפאַנגען גענומען.

איר גייט ווײַטער. איינע א וואַנט פון איינעם א צימער באַווײַזט אײַך די אַכזאָריעס פון סוינע, וויאַזוי ער האָט זיך מיט יענע, וואָס האָבן זיך צו אים אין די הענט אַרײַנגעפּאַקט, צערעכנט.

אָט זעט איר... א הענטשקע: אָן אַראָפּגעשונ־דענע הויט מיט נעגל פון א האַנט פון א רויטאַר־מייער.

דאָס זײַנען זיך אזוי באַגאַנגען די ברידער און די זין פון די ווילדערציגענע אַדעליקע און בורזשואַזע טעכטער, וואָס האָבן זיך אַמאָל, טאַקע אין אָט די ווענט פון צעדעקא, צו די איידעלע זיטן דערצויגן.

און אָט האָט איר א זײַטל פון דער אוקראַיִני־שער קאָנטררעוואָליוציאָנערער וואַנדייע. די מאַכנאָ־עפּאָפּיי... אַף די ווענט — פאָטאָגראַפיעס פון געהאַרגעטע און איבערגעקוילעטע רויטאַר־מייער, קאָמוניסטן; פאָטאָגראַפיע־בילדער פון אופגעריסענע בריקן, איבערגעקערטע צוגן.

און אָט, אינמיטן שטוב — א טאַטשאַנקע, וואָס אַף איר, אָדער אַף אן ענלעכער אַף איר, איז מאַכנאָ, אַמאָל א פאַרשטעלטער אין א דיאַק מיט א צעפּל, אָדער אַמאָל — אין א קאַלע־מויד, מיט א גירלאַנדע צו דער כופּע פּאָרנדיקער — דורך די, וואָס האָבן אַף אים געטשאַטעוועט, דורכגע־פאָרן.

און אָט האָט איר אײַך דעם קאַמף מיט די באַסמאַטשן, אזש פון דער אַפגאַניסטאַנער גרע־נעץ. זעט די פּענעמער פון די באַסמאַטשן, און זעט יענע, וואָס האָבן אָט די קאָנטררעוואָליוציאָ־נערע רויבערישע מאַכט, וואָס אַף אונדזער ווײַטסטן עק לאַנד, געצאַמט, — די רויטאַרמייער און קאָמאַנדירן.

זעט אויך די לעצטע שלאַכטן אַפן ווײַטן מיזרעך פון דער מאַנדזשורער אײַזנבאַן, און אויך אַף די רויטאַרמייער און קאָמאַנדירן, וואָס גייען מיט אײַך איצט אין יענע מוזיי־צימערן אַרום און וואָס באַקוקן אָט די אַלע עקספּאָנאַטן. זעט דעם ערנסט אַף זייערע פּענעמער, ווי זיי באַקוקן יעדע דעטאַל, נעמען אין זיך דאָס אַלץ שטיל אַרײַן, און וואָס פאַר א זעלטענע שטיק שול עס איז פאַר זיי.

קוקט אַף זיי, ווײַל ס'שטייט זיי נאָך פיל פאָר. און פאַר זייערע קינפטיקע טאַטן וועלן שוין די קליינע צימערלעך פון אָט דעם מוזיי צו ענג זײַן, געוויס פיל מער און גרעסערע פאָדערן...

ס'פירט איבערן צעדעקא א דאָרטיקער, א יונ־גער מענטש נאָך, אָבער שוין מיט צוויי ראָמבן, א קאָמאַנדיר פון דיוויזיע, הייסט עס, לערנט זיך אַליין אין דער מיליטער־אַקאַדעמיע, ענדיקט זי באַלד, איז מיליטעריש און אַלגעמיין געלערנט.

ער שטאָלצירט מיט דעם, וואָס ער באַווײַזט מיר. איך הער פֿון אים ציפֿערן: וויפֿל דאָס געבײַ האָט אָפּגעקאָסט, וויפֿל מענטשן גייען דאָ דורך, וויפֿל לערנען זיך, לייענען, און איך פֿאַרגעדענק ניט.

ס׳איז דער גרעסטער מיליטער־קלוב אין דער וועלט — כ׳בין זיכער, אַז דאָס איז געוויס ניט איבערגעטריבן. ס׳איז אויך דער אויסטערלישסטער אין דער וועלט. ס׳איז ניט דער אונדז אַלעמען באַקאַנטער, אַמאָל באַוווּסטער אָפֿיצערן־קלוב פֿאַר קאָרטן שפּילן, פֿאַר זויפֿן פֿאַר די אָפֿיצערן, און ווו די סאָלדאַטן זײַנען בײַ די טירן און הינטער די קאָרטן־שפּילערס פּלייצעס געשטאַנען אויף צו באַדינען און אויף די „הערן אָפֿיצערנס״ מינדסטן באַפֿעל אויסצופֿילן. ניין, דאָס זײַנען נישט קיין הערן אָפֿיצערן, נאָר כאַווײרים קאָמאַנדירן, כאַווײרים רויטאַרמייער. ראַנגען, סובאָרדינאַציע, דיסציפּלין בײַס דער דינסט — יאָ, אָבער דאָ, אין קלוב — זײַנען אַלע גלײַכע, אַלע כאַווײרים: דער קאָמאַנדיר און דער רויטאַרמייער אין איין זאַל, בײַ איין בופֿעט, אויף די זעלביקע גלײַכע פּלעצער אין דאָרטיקן טעאַטער, אין לייען־זאַל בײַם לייענען, אין די זעלביקע צימערן בײַ פֿאַרשיידענע מיליטער־געגנשטאַנדן פֿאַר יעדן, וואָס וויל, צום שטודירן.

די נײַסטע סיסטעמעס געווער, פֿאַרשיידענע קאַליברען קוילנוואַרפֿערס, האַרמאַטן, ביקסן, אַעראָפּלאַנען, וואָס אַ נישט־געניטער פֿאַרשטייט אין דעם ווייניק, אָבער קאָמאַנדירן און רויטאַרמייער קומען אַהין אָט די נײַסטע פֿון קאָנסטרוקציעס זיך אײַנצוקוקן און זיי צו דערלערנען.

די צימערן זײַנען פֿול, יעדער צימער — אַ מוזיי־זאַלעכל, זויבער, צוגעקליבן. און די, וואָס גייען אין די קאָרידאָרן, גייען שטיל, קעדיי די, וואָס געפֿינען זיך אין די צימערן, נישט צו שטערן.

אויסער די שטודיום־צימערן פֿאַר ספּעציעלע מיליטער־זאַכן, אויך אַזוי צימערן — אויף פֿאַרשיידענע לימודים.

מיר קומען אין איינעם אַ לייען־זאַל אַרײַן. ס׳איז דאָרט אַזאַ ליכטיקע שטילקײַט, אַזאַ קולטור־לופֿט, אַז כ׳האָב דערפֿילט, אַז די פֿיס האַקן זיך מיר אונטער פֿון דערעכערעץ. כ׳האָב געזען מײַן פֿירער בײַ זיך אין דער היים, איבער מיליטערישע ביכער און קאַרטעס, שווער האָרעווענדיק אויף פֿאַרשיידענע אויפֿגאַבעס פֿאַר זײַן אַקאַדעמיע. כ׳האָב זיך זײַן ביאָגראַפֿיע דערמאָנט. זי איז מיר געווען באַקאַנט. כ׳וואָלט געקאָנט דערציילן פֿון אים אַליין, אויך פֿון זײַנע עלטערן און עלטערנס עלטערן: ווי ווײַט זיי אַלע זײַנען געווען — און וואָלטן אויך ווײַטער בײַם אַלטן צאַרישן רעזשים ווײַט געבליבן — פֿון אַלעם דעם, וואָס רופֿט זיך אָן מיליטער־זאַך. כ׳וואָלט געקאָנט דערציילן פֿון זייער שטאַנד, שאָפֿעלער רעכט־לאַגע, וואָס ווער האָט זיך אויף אַזוינע גאָר אומגעקוקט, ווער וואָלט אַזוינע אַפֿילו גאָר אויף די הויכע טרעפּ פֿון אַמאָליקן הויכן אַנשטאַלט אַרופֿטרעטן געלאָזט, און ווער שמועסט נאָך — אין ראַנגען שטײַגן, ווער שמועסט — זיך לערנען, פֿײַיקײַטן אַרויסווײַזן, און דערנאָך הויכע פּאָסטנס צווישן די פּריווילעגירטע קאַסטעס מיליטערלײַט פֿאַרנעמען.

און אָט איצט שטייט ער פֿאַר מיר, מײַן פֿירער, איינער פֿון אַ סאַך, איינער קימאַט פֿון אַלע ווי זײַן גלײַכן שאָפֿעלן און רעכטלאָזן שטאַנד געוועזענער — אין זײַן פּאָשעטן מונדיר געשפּיליעט, נאָר זײַן וועג פֿאַר אים עפֿנט זיך ערשט, און ווער וועט אים זײַן ווײַטערגאַנג פֿאַרשטעלן?

— איז אַדעראַבע, — האָב איך זיך, אויף מײַן פֿירער קוקנדיק, געטראַכט, — זאָלן זיי קומען אַהער, יענע, די אַמאָליקע פּריווילעגירטע פֿון הויכן שטאַנד, יענע אַקסלבאַנדיקע און מיט גאָלד־עפּאָלעטן, איצט — קעלנער, באַלאַלײַעטשניקעס און קאַבאַרעטישע אווירע־מעקלערס, און לאָזן זיי זען, צי אָט די אַלע, וואָס האָבן זייער אָרט אין לאַנד, אין באַרוף און אין דער געשיכטע געיאַרשנט, צי האָבן זיי ניט מיט רעכט געיאַרשנט, צי האָבן זיי ניט זייער באַרוף מיט מער וויסן און מער געוויסן דערהויבן, און צי „טראָגן״ זיי ניט דעם פֿון יענע אַזוי באַרימטן „מונדיר״ מיט מער מעסירעסנעפֿעש און צי האָבן זיי אים ניט מער דעם ווערט צו „טראָגן״?

און איך האָב זיך דערמאָנט אָן בערלין. אין איינעם אַ רוסישן ווײַסגוואַרדייִשן רעסטאָראַן „מעדוויעד״ האָט מען מיר אָנגעוויזן אויף די, וואָס באַטאָג אַרבעטן זיי און דינען, אַדאַנק זייערע שיינע, שטאַלטנע און אויסגעכאָוועטע אָפֿיצערישע פֿיגורן, אין דײַטשישן פֿילם, אַלס סטאַטיסטן, און באַנאַכט באַדינען זיי די רעסטאָראַנען, ווײַל דאָס באַטאָגיקע פֿאַרדינסט קלעקט ניט.

מע האָט מיר אויף איינעם, פֿון אַ פֿירשטן־פֿאַמיליע שטאַמענדיקן פֿאַרשוין, אַ ווונק געטאָן. אַ הויכער שטאַב־אָפֿיצער געוועזענער. ס׳איז אין זײַן פֿיגור און מאַנירן גלײַך זײַן שטאַם טאַקע אַרויסצוזען, און אָט האָט ער אַ ביליקע פּאָר, איינעם אַ פֿאַרשוין מיט אַ גאַסן־פֿרוי, בײַ איינעם אַ רעסטאָראַן־טישל באַדינט — מיטן סערוועטל, מיטן פֿאַרנייג און מיטן האַק־פּאַק קעלנער־קולטור און צו דינסט־גרייטקײַט...

כ׳האָב, זיך דאָס דערמאָנענדיק, איצט אויף מײַן פֿירער אַ קוק געטאָן און זיך געטראַכט: נו, ניין! דער וועט שוין קיין סטאַטיסט ניט זײַן און קיין ביליקער גאַסנמוידן־באַדינער שוין קיינמאָל ניט. ער קאָן עס ניט זײַן! ווער ס׳האָט קנעכטשאַפֿט קולטיווירט, איז קנעכטשאַפֿט זײַן פּאַרנאָסע, און ווער ס׳האָט זיך באַפֿרײַט פֿון דעם, קאָן קיינמאָל שענדלעך ניט פֿאַלן.

כ'האָב דערנאָך לאַנג, נאָכן פאַרלאָזן דעם צע־
דעקאַ, מיט מײַן פירער איבער די מאָסקווער
נאַכטישע גאַסן געשפּאַצירט.

ס'איז שוין שטיל געווען, און קיין באַוועגונג.
מײַן פירער, דער יונגער קאָמאַנדיר, האָט מיר,
גייענדיק, זײַן יונגע געשיכטע דערציילט: וואָס
ער האָט פאַר די באַלד 15 יאָר רעוואָליוציע
דורכגעמאַכט און איבערגעלעבט.

ס'איז איינע פון די וווּנדערלעכע עפּאָפּייעס,
וואָס אונדזער לאַנד איז אַזוי רײַך מיט זיי, און
וואָס ערגעץ אַנדערש האָט מען פון אַזוינס קיין
אַנונג ניט. ווײַל אָט די געשיכטע־מענטשן זײַנען
נישט נאָר קיין אָביעקט פון זייערע געשיכטעס,
נישט נאָר קיין קעפּ, וואָס פאַרשיידענע טרעפע־
נישן זײַנען איבער זיי איבערגעגאַנגען, און זיי
האָבן זיך פאַר די טרעפענישן געבויגן און גע־
לאָזט זיי איבערגיין. ניין, דאָס זײַנען סוביעקטן
פון דער געשיכטע: זיי האָבן אַליין די געשעע־
נישן, וואָס זײַנען מיט זיי געשען, געמאַכט גע־
שען, און פאַר די טרעפענישן האָבן ניט די קעפּ
געבויגן, נאָר פון די טרעפענישן האָבן זיך טאָ־
מיד און אומעטום, אין אַלע שווערסטע און גע־
פערלעכסטע לאַגעס, זייערע קעפּ אַרויסגעצויגן,
ווען אַפילע לויט דער לאַגע האָבן זיי באַדאַרפט
אַרײַנציִען, און אַפילע לויט דער לאַגע איז נישט
איין מאָל אַזאַ קאָפּ איבער איבעריקער דרייסט־
קײַט און איבער נישט וועלן זיך אַרײַנציִען און
באַהאַלטן — פון די אַקסל געפלויגן.

ער האָט מיר דערציילט, ווי אין דעם און דעם
יאָר איז אים אַף איינער אַ לאַנד־גרענעץ אויס־
געקומען צו קעמפן, אין וואָס פאַר אַ צאַפּלדיקער
און שטענדיק־אייביקער געפאַר! און ווי פּראָסט
דאָס וווּרט דערציילט! קיין באַרימערײַ, קיין
פּוסטע אַמאָליקע אָפיצערישע און סאָלדאַפּאָנישע
גײַווע און די ברוסט אויסקײַקלען און אַרויס־
שטעלן, — נאָר פּאָשעט, באַשיידן און, דעריקער,
עס פילט זיך, אַז דער שווערד־באַרוף איז נישט
קיין אידעאַל, נישט קיין קאַסטע־זאַך, צוליב
אייביקער קאַסטע־זאַך, צוליב אייביקע קאַסטע־
אינטערעסן צו פאַרטיידיקן, נישט קיין זעלבסט־
ציל, נאָר אַ מיטל, אַ זאַך, וואָס דינט און איז אונ־
טערגעוואָרפן אַן אידעאַל — צו שטיין אַפן פאָר־
פּאָסט פון דער אַלוועלטלעכער פּראָלעטאַרישער
רעוואָליוציע.

1932

כאַים לאַסקער

• • •

אָט אַזאַ איז אונדזער יוגנט —
קיינמאָל זאַט און ניט באַנוגנט.
הענט און פויסטן פעסט צעאָדערט,
אויגן — ווײַטבליציק, ווי אָדלערס,
וועג באַשטעכלט, וועג באַדאָרנט,
קרום, פאַרדרייט ווי שאָפן־האָרן,
נאָר מיט ציין, ווי שאַרפע העק,
מיר האַקן דערנער אָפּ די קעפּ
און הענט צעעפנטע, ווי קלעמער,
הייבן אויף די רויטע פענער;
און ווען זון גייט אויף אַ העלע,
טרעפט זי אונדז אַף שטאָל־געשטעלן,
אין איין האַנט דעם לאָם, דעם
שרויפשטאָק,
אין דער צווייטער — ביקס באַשרויטיקט,
ווײַל איבער קאָפּ קאַנאָן מיט בלײַ
אָט צעדונערט, אָט צעשרײַט,
וואָס ענגער ס'העפטן זיך די פײַנט,
אַלץ ענגער העפטן זיך די פרײַנט...
אַף די שיפן, אַף די צוגן,
אַף דער נאַכט און אַף דער זון, —
אָט אַזאַ איז אונדזער יוגנט,
אָט אַזאַ בין איך מיר יונג.

1928

ייִדישע יוגנט פאָרט קיין מאַגניטאָגאָרסק

א דעלעגאטקע פון ערשטן
אלוויַיסרוסלענדישן צוזאמענפאָר פון
יידישע פויערטעס (1926)

אן איבערוואנדערער
(ביראָבידזשאן)

סאָניע טוטשינסקע

ווערעטענעס

היי, איר הערט מיך אלע, לופטיקע, איר זינגערלעך,
פארוואָרפט שוין אייַער הימל, כ׳האָב געבראכט מיט זיך וואָס שענערס:
ניט געשליפן איז דאָס ליד מיט וויַיסע פינגערלעך,
נאָר אויסגעוועבט מיַין נייַע ליד פון א טויזנט ווערעטענעס.

איר, אף סאמעטענע קישעלעך פארזעסענע,
פארוואָס ט׳איר זיך מיט הייליקייַט געטשעפעט צו די שטערן?
וואלד און פעלד פארהילט מיט הימלשער פארנעפלטקייַט —
איר הערט ניט, ווי זיי לאכן פון אייַך — ווילן ערדיש ווערן.

מיר, וואָס גייען און וואָס קומען פון די געסלעך אָן,
מיט אייַזן און מיט ציגל צום אקערן און בויען,
אלץ פארוואָרצלען מיר אין ערד, —
וואָס לעבט און וואקלט זיך אין נעפלקייַטן גרויע.

מיר, וואָס זינגען און וואָס ווען זיך צעזינגען ערשט,
מיר ווערן ניט באגייַסטערט, ווען עס שוויַיגן בוים און בלעטער —
אונדז באגייַסטערט דער גערויש, וואָס מיר אליין, נאָך יונגע ערשט,
אים שאפן אינעם אופבויען פון נייַע שטעט און שטעטלעך.

אף א נײַ־בויונג

א שמידער אין קאָלווירט

בריטער, פרייד מײַנע, צעהוליע זיך, צעטאַנץ אין מיר,
זאָל זײַן, אז צווישן זינגערלעך בין איך נאָך גאָר די קלענסטע,
נאָר אין זינגען איז מיט מיר א וועלט א גאנצענע,
ווײַל הארציק איז דאָס ליד מײַנס פון א טויזנט ווערטענעס.

*

עך, זאָל זײַן, אז אליין
פון זינגערלעך קליינע
בין קלענער נאָך,

היי, צעגרילצט זיך אין ליד,
אינעם שטאָלענעם גלי,
ווערטענעלעך.

ס'איז קיין הימל ניטאָ,
נאָר א לויטערער טאָג
אינעם לידעלע.

עך, צעזינגט זיך, צעזינגט,
אינעם צעך מיט דער זון,
מײַנע ברידערלעך!

1925

הערש דיאַמאַנט

ווען ס'קומט מײַן אַמאָל

ווען ס'קומט אין אַ שטילקײַט מײַן ווײַטער אַמאָל,
אַזוי ווי אַ בילד פֿאַר די אויגן,
זע איך, באַם ברעג פֿון אַ פֿינצטערן טאָל
שטייט דאָרט אַ שטיבל פֿאַרבויגן.

און נעמט זיך דערמאָנען די אומקלאָרע ווײַט,
גייט אויף אין מײַן טיפֿן זיקאָרן
אַ שלעכטע, אַ בייזע, אַ פֿינצטערע צײַט
פֿון ווילדע און נאַרישע יאָרן.

און קומט ער, דער מיטלײַד, צו קינדערשע טעג
דורך וואָרעם־פֿאַרשלאָסענע אויגן,
זע איך, אַ מענטש איז געקומען צום ברעג
און האָט זיך צום שטיבל פֿאַרבויגן...
...ער האָט עס גענומען צו זיך אויף די הענט,
דער הויכער, דער גרויסער דערוואַקסענער מענטש.

1930

שלוימע טשערניאַווסקי

אויף דער זוניקער זײַט

וואָס אײַלט זי אַזוי אויף דער זוניקער זײַט?
זי האָט ניט קיין צײַט, אונדזער פֿלאַמיקע צײַט —

מיט העפֿטן, מיט בלײַערס, מיט בוך און געמעל,
אין שוואַרצער ספּעצאָווקע, אין שטרענגער שינעל.

אין רויטער קאָסינקע, אין גרינעם בערעט,
כאַטש נעם זי, די יוגנט, צעקוש זי און גלעט!

זי גייט און זי פֿלייצט פֿון דער זוניקער זײַט,
די גליקלעכסטע יוגנט, די פֿלאַמיקסטע צײַט!

איז זײַ הײַנט, מײַן צוואַנציקסטער פֿרילינג, געגריסט,
אין טויזנטער שפּאַנען פֿון קרעפּטיקע פֿיס...

איך גיי און איך זינג, און אַ פֿריידיקע טרער...
און ס'האָט מיך דער פֿרילינג פֿאַרפֿירט אין אַ סקווער.

און פֿאַר אָט דעם הימל, און פֿאַר אָט דעם גראָז
איך האָב זיך מיט קינדערלעך טאַנצן געלאָזט.

און מיטן געלעכטער אויף זוניקער זײַט
אוועק בין איך פֿלאַמען מיט פֿלאַמיקער צײַט!

1935

אלטע און נײַע פּראָפעסיעס

וואַסערטרעגער

קרעמער

אין אַ רעדער־אַרטעל

טראַקטאָריסטן



כאַיִם גילדין

א כאסענע

אויבנאָן זייַנען געזעסן די מיטגלידער פון דאָרפראט, דאָס קאָמיוגישע קעמערל און דער קאלעס טאטע. בא די זייַטיקע טישן — די איבעריקע פויערים מיט זייערע ווייַבער.

די הענט פארוואָרפן איינס די צווייטע אף די פלייצעס זייַנען יִדישע מיידלעך אומגעגאנגען מיט אויסגעפוצטע רוסישע יאטן פון די נאָענטסטע דערפער, געאמפערט זיך, געשמועסט, געזונגען און מיט צערייצטער לייַדנשאפט געלאכט.

אינמיטן באראק, די הענט צעשפרייט, איז דער הויכער נודל געשטאנען א בעגילופענער. צום טאקט פון ניגן האָט ער זיך געוויגט אף די קרומע פיס, ווי אף צעבויגענע רעסאָרן, צום טאקט פון ניגן צוגעפליעסקעט מיט די הענט און הייזעריק מיטגעזונגען:

יאנקל האָט די פערדלעך אויסגעפוצט
ווי מאלקעס
און ער שפאנט מיט סימכע,
שפאנט נאָך די אָראלקעס.
איצט איז ער שוין פאָטער פון די
פינאָטדיעלן,
וועט ער ניט איבערטרעטן
איבער זייערע שוועלן.

דעם אוילעם האָט זיך שוין לאנג געוואָלט דורכשווענקען די גאָרגלען, אָבער מע איז נאָך אלץ געזעסן און געפלאפלט, געפלאפלט און געווארט, ביז כאָסן־קאלע וועלן לייזערן, דעם כאָסנס פאָטער, אייַנבעטן, ער זאָל קומען אף דער סימכע.

און לייזער, א געהויקערטער, איז גאָר געזעסן איבער א כאָמעט, געשטאָכן אין אים מיט א גרויסער שווייקע, אין מויל געהאלטן א רימענדל און פאריכט דעם כאָמעט.

לעבן אים איז כאצקל געשטאנען און געטאָרעט אים פארן אקסל:

— טאטע, לייג מיר ניט קיין שטיינער אפן הארצן, קום, בעט איך דיך. הערסט, א לעצט מאָל בעט איך דיך. קום!

— אז איך בין דיר מויכל, רוף מיך ניט טאטע, און טו מיר ניט אָן קיין ביזיוינעס. איך וועל ניט גיין! און אויס מיט אן עק!

פון קאס האָט כאצקל א שלייַדער געטאָן מיטן פוס א טאבורעטקע און געלאָזט זיך פון שטוב:

— גערענק זשע, זאָלסט קיין כאראָטע ניט האָבן! קום, מארינע.

די קאלע איז אָבער געבליבן שטיין לעבן טיר, אלץ געקוקט אף לייזערן מיט גרויסע פארווייַנטע אויגן און נאָר שטיל געפליסטערט:

— טאטע, טאטע.

ווי נאָר זי פלעגט אויסריידן דאָס וואָרט „טאטע", פלעגט זיך לייזער אומרויִק א רוק טאָן אפן בענקל און מיטן צעווייטעקטן בליק עפּעס אָנהייבן זוכן אין שטוב, גלייַך דאָס וואָרט שטעכט אים און מיט א מאָדנעם קלעמענדיקן ווייטעק קייַקלט זיך עס אראָפּ צום הארצן:

— וואָס ווילן זיי פון מייַנע אלטע יאָרן? וואָס? — האָט ער בייז א פרעג געטאָן בא דער קאלע. — טשי יא קאָמוניסט, טשי יא כרעשטשאָני מעשומעד?

מיט אויסגעשטרעקטע בעטנדיקע הענט איז זי, מארינע, ווי א פארגאפטע צוגעגאנגען צו לייזערן און אים אָנגעהויבן גלעטן:

— טאטאָ, כאָדים, יאזש טעפּער דאָטשקא.

פון אונטער אירע גלעטנדיקע הענט האָט זיך לייזער א ריס געטאָן מיט אזא צעווייטעקט פּאָנעם, גלייַך איר שטים, אירע גלעטנדיקע הענט האָבן ווי מיט צוואנגען פארוואָרגן זייַן גאָרגל, צונויפגעקלעמט זייַן הארץ, און אויב ער רייַסט עס ניט ארויס, וועט ער כאלעשן אָט דאָ בא איר אונטער די הענט.

— ני, נע פּידו!

פון הינטער דער טיר איז צו אים דערשוועמען איר כליפּענדיק געוויין, א טיף געוויין פון א באליידיקט הארץ. און דאָס געוויין, דאָס קאָל, אירע שיינע גרויסע אויגן האָבן פּלוצעם צערודערט זייַן זיקאָרן און דערמאָנט, אז זי, די טאָכטער זייַנע סאָרקע, האָט אויך געהאט פּונקט אזוינע קארע אויגן מיט בלויע ווייַסלעך און פּונקט מיט אזא גלעטנדיקער שטים פלעגט זי אויך ארויסרעדן דאָס וואָרט „טאטע".

א ווייל קינד געווען, גאָר א ווייל קינד, האָט זי אָבער דאָס גוטע יאָר אוועקגעטראָגן אין דער רויטער ארמיי, און ערגעץ איז זי אומגעקומען. די טאָכטער איז געשטאָרבן אפן פראָנט, די אלטע מיט די איבעריקע קינדער איז אומגעקומען פון

באנדיטן, און געבליבן איז ער אף דער עלטער נאָר מיט אים, מיט כאצקלען. געכאָוועט א קאָ־דעש, איז נא דיר גאָר א כאסענע מיט א שיקסע...

א געהויקערטער איז ער א לאנגע צײַט גע־שטאנען לעבן פענצטער, געקוקט, ווי די קאלע שפּאנט מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ, און זײַן אלט פּאָנעם איז אזוי צעקנייטשט געוואָרן, גלײַך עס ווילט זיך אים וויינען, נאָר ער קאָן ניט.

ערשט שפּעטער, אז אין דער בלויער לעוואָני־קער שטילקײַט איז צו אים דערשוווּמען א פריי־לעך געזאנג, איז ער א מידער, א צעבראָכענער פּאָרט אוועק אף דער סימכע.

— א, רעב לייזער, מאזלטאָוו!

— אײַ, א מאזל, — האָט ער טרויעריק אָפּגע־זיפצט. — אף אלע מײַנע סאָנים אזא מאזל.

דערזען דעם גאסט, איז נודל ארופגעשפּרונ־גען אף א בענקל און א דיריזשיר געטאָן מיט די צעשפּרייטע הענט:

— לעקאָוועד דעם שיינעם פּײַנעם גאסט א וויוואט פון זײַן ליבן נאָמען!

נאָר אָנשטאָט א וויוואט האָט מוישקע א ריפּע געטאָן דעם אינטערנאציאָנאל, און דער גאנצער אוילעם איז אופגעשטאנען פון די ערטער:

— אהער, אהער, צו כאָסן־קאלע.

פּאר פרייד איז די כאָסן־קאלע צוגעפאלן צום געשוירן מיידל און אָנגעהויבן זי קושן אָן אן אופהער.

אופגעקלונגען האָבן גלעזער, קעלישקעס און א הילכיקער לעכאיִם.

— וואָס הייסט לעכאיִען? — האָט א פרעג געטאָן דער קאלעס טאטע, מיקאלא טשומאָ־טשענקאָ. — אהא, פארשטאנען, לעכא־יען, מע־כוטן, לעכאיִען!

לייזער האָט קוים א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, גענומען דאָס גלעזל פארן פּיסל און אזוי מיטן גלעזל אין דער האנט געבליבן זיצן: הא, א שיי־נער מעכוטן! דערלעבט! אָבער ווען די אלטע קומט ניט אום, וואָלט דאָך כאצקל געגאנגען אין אנדערע וועגן.

אנטקעגן אים זײַנען, דאכט זיך, געזעסן מענטשן, געווונטשן אים נאכעס, הילכיק גערעדט, געלאכט, געזונגען, און לייזער זעט ניט קיינעם אויסער דער קאלע, און זען זעט ער זי ניט מיטן אויג, נאָר מיטן צעווייטעקטן האַרץ:

— פונקט אזוינע אויגן בא סאָרקען...

— וואָס זאָגט איר, רעב לייזער?

עפּעס האָט ער זיך אופגעכאפּט פון שלאָף און מיט צעטומלטע אויגן אָנגעהויבן צו פּינטלען:

— הא, וואָס, איך זאָג דען עפּעס? ניין, גלאט אזוי, מיד, א טאָג א יאָר, און די סימכע וועט מיסטאם פארציִען זיך ביז שפּעט.

— נו, איז וואָס? — מאָרגן איז דאָך שאבעס, וועט מען שפּעטער שלאָפן.

איבער די קנייטשן פון זײַן צעפּײַניקט פּאָנעם איז צעשוווּמען א שמייכעלע א ביטערס און א שטעכיקס:

— שאבעס, זאָגט איר? בא אונדז, דאנקען גאָט, איז שאבעס דעמאָלט, ווען סע גייט א רעגן, און אז מע קאָן ניט ארבעטן אין סטעפּ, דעמאָלט איז בא אונדז שאבעס.

זײַנע אלטע אויסגעוואַלקטע אויגן זײַנען גע־וואָרן פײַכט און טרויעריק צעפינקלט, גלײַך עס גליט אין זיי א שטומער ווײ פארן פארהאָרע־וועטן שאבעס, פארן זונס כאסענע און פאר זײַן גאנץ פינצטער לעבן.

מיט א גלאָז ביר אין האנט איז נודל צוגעגאנ־גען צו דער קאלעס טאטן און פאָרגעלייגט אויס־טרינקען אף „פּאָליטאָרסקע ברודערשאפט“.

— לעכאיִם, לעכאיִם, אלע כאוויירים, נאָר פריִער א וואָרט!

— שא, שטיל! א וואָרט באקומט א פאָר־שטייער פונעם דאָרף טשומאקי, דער כאווער מי־קאָלא טשומאטשענקאָ.

— לעכא־יעם, ליבע מענטשן, און זאָגן וויל איך, אז מיר האָבן דערלעבט א צײַט, וואָס האָט זיך ניט געכאָלעמט אפילע אונדזערע זיידעס. לעמאָשל, הײַנטיקע כאסענע. ניט קיין גאלעך, ניט קיין ראָוו, און דאפקע פריילעך. איז לע־כאיעם, מעכוטן, לעכאיעם אלע ברידערלעכע כאוויירים, צוזאמען מיט כאָסן־קאלע!

זײַנע ווערטער זײַנען פארהילכט געוואָרן אין פריילעכן געלעכטער, אין געקלאנג פון גלעזער און אין דעם מאָטיוו פון א שער.

דער אוילעם איז ארויסגעקראָכן פון די טישן, רעכטס א ריי, לינקס א ריי, און אינמיטן — נודל מיט דער „מאמאשע“:

— מוישקע, דערלאנג נאָר א שער פון זײַן ליבן נאָמען! — און נודל האָט אָנגעהויבן זינ־גען די נײַע שער:

איך בין דער פּראָלעטאריער פון דער
נײַער וועלט...

שווערע אָנגעהאָרעוועטע פיס האָבן שיקער־לעך אוועקגעשמאָרעט, געפּלאָנטערט רי רייען, געפּלאָנטערט די פּא און לעסאָף צעדרייט די שער.

ניט פאר זיי איז דער באשיידענער טאנץ. פון דער געזונטער שווערער מי, פון דער זוניקער לופט האָבן זיך די גלידער זייערע אָנגעגאָסן מיט פרישע קויכעס, און גארן גארן זיי א טאנץ, עס זאָל ברענען אונטער די פיס.

— בייגעלעך! — האָט נודל א קאָמאנדעיִע געטאָן. — בייגעלעך!

א מונטערער, א פריילעכער ניגן איז צעשוווּ־מען איבערן באראק, צעצויגן א גרויסע ראָד, ארײַנגעשלעפּט כאָסן־קאלע און לייזערן.

1927

שירע גאָרשמאַן

דאָס קופּערטל

ס׳האָבן זיך געפונען אַזוינע קאָמונאַרן, וואָס פלעגן אַמאָל זאָגן צו עסטערקען:

— כאַפּסט און כאַפּסט די לעוואָנע אַ יאָר מיט אַ מיטוואָך.

עסטערקע פלעגט זיך אויך ווערטלען:

— מיט אַ מיטוואָך, אָן אַ מיטוואָך. שימקע זאָגט, אַז אָן פּערענעס נעמט ער מיך ניט.

אָבער ווען עס איז געקומען די ריכטיקע צײַט, איז שימקע אין איינעם אַ פאַרנאַכט אַוועק צו דער בוויונג און האָט געזאָגט צו מאָטקען:

— גיב עטלעכע ברעטער.

— מער ווילסטו גאָרניט? — האָט מאָטקע געפרעגט און צעשפּרייט אָן אַ שיר קנייטשעלעך אַרום די צוגעזשמורעטע אויגן.

— איך בין ניט געקומען אין מײַן נאָמען, דער פאָרזיצער הייסט געבן, — האָט שימקע געזאָגט.

מאָטקע, דער בריגאַדיר פון דער בויער־בריגאַדע, האָט געציילט ניט נאָר די ברעטער, ער פלעגט אויפהייבן אַ שפּאָן, וואָס אַ קאָמונאַר האָט אָפּגעטעסעט, און געטײַנעט:

— שפּאָרעוודיקער מיט דער האַק, מיר זײַנען אין קרימער סטעפּ, די וועלדער זײַנען בא גאָט!

איצט האָט ער ערנסט געקוקט אויף שימקען און שטיל געפרעגט:

— דרײַ וועט דיר קלעקן?

— פאַר מיר וועט קלעקן, אָבער איך דאַרף פאַר עסטערקען נאָך דרײַ.

דעם זעלבן פאַרנאַכט האָט שימקע געטראָגן זעקס גלאַט־אָפּגעהובלטע ברעטער, צונויפגעשלאָגענע מיט אַ קווער־לײַסט. פאַרשטייט זיך, אַז די קאָמונאַרן האָבן ניט פאַרזאַמט עס אָנצורופן „גימענייס שווים־קאָנסטרוקציע“, און דאָס איז געווען גאַנץ טרעפלעך, וואָרעם די צונויפגעשלאָגענע ברעטער האָבן טאַקע אויסגעזען ווי אַ קליינער טײַך־פּליט.

דאָס צווײשטאָקיקע הויז האָט געדאַרפט פאַרטיק ווערן צום צוועלפטן יאָר פון דער רעוואָליוציע, נאָר עס איז נאָך געווען ווײַט צום געלעכטער. עסטערקע מיט שימקען האָבן זיך דערווײַל באַזעצט אין „פּאָרעצס יערושע“, ווי די קאָמונאַרן האָבן אָנגערופן דאָס קליינע שטיבל, וואָס האָט מיט די פענצטער געקוקט אין דער ערד. אויף די צונויפגעשלאָגענע ברעטער האָט עסטערקע אַוועקגעלייגט אַ זאַק מיט שטרוי, אים פאַרשפּרייט מיט צונויפגענייטע אויסגעוואַשענע זעק. דער פאַרקויפער פון קאָאָפּעראַטיוו האָט עסטערקען געשענקט צוויי קעסטלעך פון זייף. ער האָט זיך געכאָכמעט:

— דראָשעגעשאַנק גיב, און די גילדענע יויך קאָכט זיך.

— די גילדענע יויך וועט פאַרטיק ווערן צום פופצניאָריקן יויוול פון דער רעוואָליוציע, — האָט עסטערקע צוגעזאָגט, גענומען ביידע קעסטלעך אונטער די אָרעמס און איז אַוועק זיך אונטערזינגענדיק: „פאָרן יידן אויף די וועגן, כאַפּט זיי אָנעט אַ שלאַקס־רע־ע־עגן. אָבער זינגען זינגען זיי. ס׳וועט זײַן קאָרן, ס׳וועט זײַן היי“. די קעסטלעך האָט עסטערקע אַוועקגעשטעלט איינס אויפן אַנדערן, זיי פאַרשפּרייט מיט צײַטונגען און איז אַוועק אין סטאָלאָווע. באַם מיטלסטן טיש איז געזעסן שימקע. לעבן שימקען איז געזעסן אוורעמעלע פרידמאַן. בײַס ער האָט דערזען עסטערקען, האָט ער זיך אָפּגערוקט פון שימקען און אויסגערופן:

— קום אַהער, קאַלע, זעץ זיך לעבן כאָסן!

עסטערקע האָט זיך אַוועקגעזעצט, אוורעמעלע האָט עטלעכע מאָל אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער הילצערנער לעפל אין ראַנד פון בלעכענעם טעלער און האָט אויסגערופן:

— הערט אויף צו כלעפּטשען די פאַרמישקע! כאָטש מיר אַלע ווייסן, אַז עסטערקע מיט שימענען זײַנען אַלטגעבאַקענע כאָסן־קאַלע, דאַרפן מיר זיי ווינטשן, אַז זיי זאָלן זיך עלטערן אײַנייִנעם מיט דער רעוואָליוציע! זאָלן זיי זיך פרוכפּערן און מערן. לעכאַיִם וועלן מיר טרינקען שפּעטער!

און כאָטש קיינער האָט ניט געוווּסט, ווען דער לעכאַיִם וועט זײַן, האָט מען געטאַנצט און געזונגען ביז שפּעט באַנאַכט. און אויף מאָרגן איז געווען ווי נעכטן און אייערנעכטן. שימקע איז געגאַנגען אין פעלד־בריגאַדע, און עסטערקע אין גאָרטן. נאָך דער אַרבעט פלעגן זיי גיין אין סטאָלאָווע. אַלע שאַבעס פלעגן זיי נעמען גרעט אין אַלגעמיינעם אַלמער. עס האָט זיי גאָרניט געפעלט, און זיי זײַנען געווען גליקלעך. אַנומלטן האָט שימקע געזאָגט:

— איך האָב דיר גאָר פאַרגעסן צו זאָגן, איך בין דאָך אַ כאָסן מיט נאַדאַן, איך האָב אַ קו־

פּערטל, וואָס האָט זיך דורכגעשלעפּט מיט מיר דורך דעם גאַנצן בירגערקריג.

— ברענג, ווען סטו האָבן ווי צו האַלטן די אויסגענוצטע פּאַטראָנעס, די שרײַפּלעך מיט די שטיקלעך אײַזן, — האָט עסטערקע געזאָגט.

די צײַט איז געגאַנגען, אַרבעט איז ניט ווינציקער געוואָרן. צום דרײַצנטן יאָרטאָג פֿון דער רעוואָלוציע איז פֿאַרטיק געוואָרן דאָס הויז. עסטערקע מיט שימקען האָבן זיך, ווי אַ סאַך אַנדערע, אַריבערגעקליבן אין אַ גערױמען ליכטיקן צימער. דער ראַט פֿון קאָמונע האָט אויסגעשטאַט די צימערן מיט בעטן, טישן, עמעסע שטולן. און אַזױווי דער כאַנוקאַס־האַבאַיִס איז צונויפֿגעפֿאַלן מיט דער פֿײַערלעכער דאַטע, האָט דער קאָמונע־ראַט געלאָזט קוילען דאָס אַכטכאַדאָשימדיקע עקסל, וואָס האָט זיך אומגערן צעבראָבן דאָס לינקע הינטערשטע פֿיסל. זעלדעלע רויזמאַן האָט געמאַכט אַ יויך, אַ געבראָטנס, זי האָט אָנגעפֿילט פּירעזשקעס מיט לונג־און־לעבער. מענדל עלקינד, דער פֿאָרזיצער פֿון קאָמונע, האָט אוועקגענומען „די האַנט פֿון האַרצן״, מע האָט געשיקט צוויי רײַטער אין סאַקי נאָך מאַשקע. דער טומל איז געווען גרויס, די געסט פֿון דער „רויטגוואַרדייִשער״ קאָמונע האָבן געקוועטשט מיט די פּלייצעס. פּיאָדאָר מאַשקאָוו האָט אויסגעשריִען: „וויפּילי נאַ גראָש, אַ שומו נאַ סטאָ רובליי״[1]. ער האָט געוואָלט רײַטן אין סאַקי ברענגען נאָך מאַשקע, נאָר עלקינד האָט זיך אײַנגעאַקשנט. פֿונדעסטוועגן איז די סימכע געווען גאָר גרויס און די קאָמונאַרן — געסט, וואָס זײַנען געקומען מיט אַ האַרמאָניקע, האָבן טופּקע אַרויסגעטאַנצט פֿון סטאָלאָווע אין דרויסן, זיי האָבן צעכאַפּט די קאָמונאַרקעס, און ס׳איז אוועק אַזאַ פּאָלקע, אַז די ערד האָט געציטערט. נאָכדעם האָט מען געשאָסן פֿון ביקסן אינדערלופֿטן, מע האָט געשריִען „הוראַ״. דער סטעפּ האָט געהודזשעט. נאָר שימקע האָט אַרויסגעכאַפּט עסטערקען פֿון אַ „רויטגוואַרדייִשן״ קאָמונאַר, ווײַל זי איז געווען אין די הויכע כאַדאָשים. און אויך ווײַל עס איז שוין געווען פֿאַרטאָג. אין צימער האָט ער זי גוט אויסגעמוסערט, און נאָך יאָמטעוו, ווען דאָס לעבן איז אוועק ווי געוויינלעך, האָט זיך עסטערקע דערמאָנט וועגן קופּערטל:

— שימעלע, — האָט זי געזאָגט, — ברענג, אויב דו האָסט טאַקע דאָס קופּערטל. ס׳איז מיר שוין נימעס געוואָרן איבערצוּוואַרפֿן דײַן אײַזנוואַרג פֿון איין ווינקל אין צווייטן, בייס איך וואַש דעם דיל.

נאָר די צײַט איז געגאַנגען, און שימקע האָט דאָס קופּערטל אַלץ ניט געבראַכט. עסטערקע האָט געהאַט אַ שווער טראָגן. דאָס קופּערטל איז איר אַרויס פֿון זינען. אין די אָוונטן פֿלעגט עסטערקע גלײַך גיין אין צימער. זי פֿלעגט נייען אַ העמדעלע, אַרומזוימען אַ ווינדל. איצט איז זי געזעסן און האָט צונויפֿגענייט אין דער ברייט צוויי האַנטעכער. שימקע איז אַרײַנגעגאַנגען. זי האָט אויסגעקערעוועט צו אים דעם קאָפּ און דערזען אין זײַן האַנט אַ קופּערטל, אַן אָפּגעפֿאַרבטס אין זיגזאַגע בלוי־ווײַסע פּאַסן. זי האָט מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם געפֿרעגט:

— ווי קומט עס צו דיר?

— וואָס האָסטו זיך אַזוי דערשראָקן? איך האָב עס בא קיינעם ניט צוגענומען כאָלילע. אין בירגערקריג האָב איך געהאַט אַ כאַווער מוישקע קריין, ער איז אומגעקומען, דאָס קופּערטל איז געבליבן בא מיר.

מער האָט שימקע ניט באַוויזן זאָגן גאָרנישט, ער האָט אַ שטעל געטאָן דאָס קופּערטל בא דער שוועל, גענומען עסטערקען פֿאַר אַ האַנט, זי צוגעפֿירט צום בעט. זי האָט זיך צוגעלייגט. ער איז געזעסן אויפֿן ברעג בעטל לעבן איר, זי האָט געגלעט איבערן קאָפּ און זיך געבעטן:

— באַרויִק זיך, עסטערל, זאָג מיר כאָטש, וואָס דאָ שטעקט, וואָס ביסטו אַזוי אויפֿגערעגט?

און ווען זי האָט זיך אַ ביסל באַרויִקט, האָט זי באַמערקט:

— האָסט פֿאַרגעסן, ווי מײַן פֿאַמיליע־נאָמען איז?

— נו, איז וואָס? ווינציק קריינס זײַנען דאָ אויף דער וועלט? — האָט שימקע נאָך אַלץ גאָרניט פֿאַרשטאַנען.

— קריינס זײַנען דאָ עפּשער אַ סאַך, אָבער דאָס קופּערטל האָט געמאַכט דער טאַטע, בייס ער איז מיט מוישקען אוועק אין בירגערקריג.

שימקע האָט זיך אויפֿגעהויבן, געשפּאַנט איבערן צימער. פֿון מאָל צו מאָל אַ קוק געטאָן צו עסטערקען און געטראַכט: „ווי זײַנען געווען מײַנע אויגן, זי איז דאָך אויסגעגאָסן מוישקע״. ער האָט אויפֿגעציטערט, ווען זי האָט בא אים שטיל געפֿרעגט:

— ווו האָט עס געטראָפֿן?

— באַם סיוואַש.

— דער טאַטע איז געווען מיט אים?

— ניין.

— ווען און ווו דער טאַטע איז אומגעקומען, האָבן מיר ניט געוווּסט. די מאַמע האָט אַלץ געשריבן בריוולעך, אָבער זי האָט זיך גאָרניט דערשלאָגן. נאָכדעם איז זי געשטאָרבן פֿון פֿלעקטיפֿוס. איך האָב נאָך אַלץ געהאָפֿט, אַז מוישקע וועט זיך געפֿינען, — האָט עסטערקע געזאָגט, און מער האָבן זיי דעם גאַנצן אָוונט קיין וואָרט ניט אַרויסגעבראַכט.

---

[1] אויסגעטרונקען פֿאַר אַ גראָשן, און אַ טומל געמאַכט אויף אַ הונדערטער.

לייב טאַלאַלײַ

די וועלט געראַם איז

עס איז געווען א זאַטער אָסיען,
איך זע באַם אַקער א ייִדן שטיין,
און אף זײַן פּאָנעם איז אויסגעגאָסן
דער צען מאָל קלוגער — טעוויעס כיין.

די ערד איז קלעפּיק. די פעטע גליבעס
צום שטאָל דעם ברייטן זיך נעמען אָן.
דאָס איז דער אָנהייב פון נײַער ליבע,
וואָס איז געווען פון אייביק נאָ'נט.

עס האָט זײַן העמדל פון ווינט
געפלאַטערט,
און ס'האָט דאָס פּאָנעם געלאַכט געזונט.
און יעדער איינער דערקאָנט זײַן טאַטן
אין אָט דעם מענטשן, פאַרברוינט פון זון.

די וועלט געראַם איז. אַזויפיל פעלדער,
אַזויפיל וועלדער, אַזויפיל שײַן.
איז טו זיך, טעוויע, ווי עס געפעלט דיר,
און לאָמיר אַלע גליקלעך זײַן.

1939

דאָס ברויט איז איבערגעזעסן

די קיך פון דער איינציקער פּריצישער שטוב איז גראָד גאַנץ געבליבן פון אַלע בירגערקריג־פײַערן און האָט איצט טרײַ געדינט דער קאָמונע. אָפּגערוקט פון דער וואַנט, זײַנען אף נידעריקע פּיסלעך געשטאַנען צוויי ברייטע דיי־זשעס, וועלכע זײַנען געווען צוגעדעקט מיט אַן אויסגעוואַשענעם ברעזענט, א דורכגעלעכערטן אין א סאַך ערטער פון ביקס־קוילן. רעכטס, באַם איינציקן פענצטער, איז דער דעמבענער טיש צוגעשלאָגן געוואָרן מיט אײַזערנע קרוקעס צו דער וואַנט. ווען דער טיש וואָלט געקאָנט באַווײַזן ניסים, וואָלטן, ווי אַמאָל, אף אים געלעגן שפּעסענע טושעס, קעלבערנע זאַדעקעס, גענדז און אינדעטשקעס. איצט זײַנען אָבער אף זײַן בידנער פלאַך געשטאַנען בלעכענע טעפּעלעך, ליימענע שיסעלעך. עס זײַנען געלעגן הילצערנע לעפל, מיט וועלכע די קאָמונאַרן האָבן טאָגטעגלעך פּאַרטיק געמאַכט די שיטערע פּאַרמישקע, די גראָ־בלאָלעכע גערשטענע קאַשע.

אין דער פריִער שאָ זײַנען פון ברייטן פּריפּעטשיק באַם אויוון, וואָס האָט פאַרנומען א האַלבע קיך, אַראָפּגעהאַנגען סאַרקעס פיס אין לאַנגע שוואַרצע סאַטינענע שאַראַוואַרעס. סאַרקע איז געווען קליינוווקסיק. דעריבער האָט זי שטענדיק אײַנגעהייצט דעם אויוון האַלב־ליגנדיק, האַלב־אַראָפּהענגענדיק פון דעם פּריפּעטשיק. איצט האָט איר קאָפּ געשטעקט אין אויוון. זי האָט געבלאָזן מיט אַלע קויכעס. די דינע שפּענדלעך מיט דעם טרוקענעם קוריי האָבן שוין איבערגעברענט, און די בריקעטן פון שאָפּן־מיסט האָבן זיך נאָך אַלץ ניט אָנגעכאַפּט, ווײַל די זאַווייע, וואָס האָט געבושעוועט, האָט צוריק אַרײַנגעפּאַטשט דעם רויך אין קוימען אַרײַן, געשטיקט דאָס פײַער. סאַרקען האָט געהאַקט אין די שלייפן. זי האָט זיך אַראָפּגעשאַרט פון פּריפּעטשיק, בייס זי האָט דערהערט, ווי די טיר האָט זיך געעפנט. זי האָט אויסגעקערעוועט דאָס פאַרייכערטע פּאָנעם, אָפּגעטרייסלט די סאַזשע־שופן פון דער פּאַטשיילקע, און די פאַרטרערטע אויגן אירע האָבן אַרויסגעבראַכט אַזאַ ווייכע, גינציקע שײַן, אַז שמולקע האָט זיך פאַרלאָרן, ווײַל ער איז אין דער פריִער שאָ געקומען אַהער ניט ווי שטענדיק, נאָר צוליב פּאַשעטער פאַרזיכ־

טיקײַט. אָבער סאָרקע האָט אָף אים געקוקט מיט אזא װײכער געטרײַקײַט, אז שמולקע האָט גלײַך שטיל געזאָגט:

— סאָרעלע, איך רײַט קײן טעמעש. די קאָלעקטיװיזאַציע האָט זיך דאָרטן פארהאקט. װיפל די פארזאמלונג װעט געדױערן, װײס איך ניט. אין סטאָלאָװע איז קײן ברעקל ברױט ניטאָ. האָט עלקינד געזאָגט, זאָלסט אױסבאקן א פלעצל.

— קײן צעטעלע האָט ער דיר ניט געגעבן?

— זײַן בלאָקנאָט איז אױסגעגאנגען, — האָט זיך שמולקע געװיצלט.

סאָרקע האָט א קוק געטאָן אין אױװן, א פּאטש געטאָן מיט די הענט און באמערקט:

— זע, כ׳האָב געבלאָזן און געבלאָזן — װי א טױטן באנקעס! ביסט נאָר ארײַן, פלאמט דער אױװן. אײנס און צװײ האָסטו פאָדפאלעקעס. זעץ זיך אָף װאָס דו שטײסט. רײַטסט אײנינקער אלײן. א שפּײַער האָסטו?

— נײן, — האָט שמולקע געזאָגט און זיך אראָפּגעלאָזן אָף דער פּאָדלאָגע.

עס האָט טאקע לאנג ניט געדױערט. ביז דער אױװן האָט זיך גוט צעפלאמט, האָבן זײערע ליפּן נאָר עטלעכע מאָל באװיזן צוגעזאָטן צו װערן אײנס אין אנדערן מיט פארכלינעטער מעסיקעס. פאראײנס האָט שמולקע מיט זײַנע ליפּן אױסגעלאשטשעט סאָרקעס פּאָנעם, איר װארעמען, הױכן האלדז. ער האָט א רעגעלע געהאלטן זײַן האנט אין גאנײדן־סטעזשקעלע אונטער סאָרקעס קאָפּטל, און אין א װײַלע ארום איז ער ארױסגעגאנגען מיט צװײ װארעמע פּאָדפאלעקעס אונטערן װאטניק.

שמולקע איז נאָר ארױס, איז ראָכקע איזשעװסקע א פארסאָפּעטע ארײַנגעגאנגען. זי האָט געװונטשן, אָנגעזאָגט, פאראײנס געבעטן:

— א רױך זאָל גײן פון די קולאקעס, די אײװעלעך אין קינדערהײם ברענען ניט, כאָטש פּלאצן! ניטאָ װוּ אױסצוטריקענען א העמדעלע, א װינדעלע. גיב שװעבעלעך.

— נאָר א רױך, קײן ליכטיק פײַער פארגינסטו זײ ניט? נא שװעבעלעך. אָבער רײַב מיט א כעזשבן. אין דרױסן טוט זיך כױשעך, מע װעט זיך ניט גיך אױסקלײַבן קײן יעװופּאטאָריע.

— יאָ, אין דרױסן איז פרײלעך, נאָר איך זע, אז דו ביסט צעטראָגן ניט נאָר פון דער פּאָגעדע.

— אין דרױסן איז א פינצטערע פארדרײעניש, טעמעש איז אזא װאָלפיש דאָרף, האָט דער קאָמונע־ראט געמעגט שיקן נאָך א רײַטער מיט שמולקען.

— איך בין זיכער, אז שמולקע האָט זיך אלײן ארױסגערופן. און ער איז גערעכט, װאָרעם אז מע קומט זאלבעצװײט, קאָן עס אמאָל זײַן ניט קײן גוטער סימען. אָדער, עפּשער, װאָלסטו געװאָלט, אז די זאך זאָל זיך באגײן אינגאנצן אָן שמולקען?

— אזױ?! די רעװאָליוציע קאָן זיך ניט באקלאָגן אָף אונדז. מײַנע צװײ ברידער מיטן טאטן זײַנען אומגעקומען אין בירגערקריג, די מאמע מיט דעם ייִנגערן שװעסטערל זײַנען געשטאָרבן פון פלעק־טיפוס. כ׳האָב מער קײן קױעך ניט זיך צו פרײען, װאָס מיר קאָנען שטארבן מיט געװער אין האנט!

— אונדזערע קױכעס טאָרן ניט אױסגײן! װאָס קאָנען מיר טאָן, עס איז דאָך טאקע א גליק, װאָס מיר קאָנען געבן א קױל, אױב די רעװאָליוציע דארף עס, — האָט ראָכקע געזאָגט און, עפענענדיק די טיר, צוגעגעבן: — זײַ ניט צעטראָגן, שמולקע איז ניט קײן מאפּעלע...

בײס ראָכקע איז ארױסגעגאנגען, האָט סאָרקע א רוק געטאָן די שיסעלעך מיט די טעפּעלעך, דאָס באפרײַטע אָרט אפן טיש האָט זי באשאָטן מיט קלײַען, מיט רוגזעדיקן אימפּעט האָט זי געריסן שטיקער טײג, אױסגעפּאטשט די לאבנס, מיט דער קאָטשערע צעשארט די איבערגעגליטע בריקעטן אין אױװן, א װײַלע געװארט, ארױסגעשארט דעם זשאר און ארײַנגעזעצט דאָס ברױט. זי האָט מיט דעם בלעך פארמאכט דעם אױװן, ארופגעכאפּט דעם װאטניק און איז ארױסגעגאנגען פון קיך.

אין דרױסן האָט זיך געמישט א מילכיק־גראָע דינע גרײַפּלדיקײַט. סאָרקע האָט מיט בײדע דלאָניעס פארשטעלט דאָס פּאָנעם. זי האָט געקוקט אהין, װוּ טעמעש געפינט זיך, נאָר געזען האָט זי, װי עס טראָגן זיך און דרײען זיך אין סטעפּ לענגלעך־צעפּאטלטע, געשפּענסטערישע כװאליעס, און כאָטש זי האָט געװוּסט, אז שמולקע קאָן נאָך צוריק ניט קומען, איז זי היפּש אזױ געשטאנען און צוריק אװעק אין קיך.

דאָ האָט זי ארומגענומען אזא װארעמקײַט, דאָס הארץ האָט איר אזש פארקלעמט. זי האָט זיך אראָפּגעלאָזן אָף דער פּאָדלאָגע און איז אזױ געזעסן אָן אײַנגעהילטע אין אומעט. װען זי דארף ניט פארקנעטן דאָס צװײטע געבעק ברױט, װאָלט זי געכאפּט דעם װאטניק און װאָלט אװעק צופוס קײן טעמעש.

...אָבער סאָרקע האָט װידער געקנאָטן.

דאָס ארבעס־קאָרן־גערשטענע טײג האָט ארײַנגעצױגן אירע הענט ביז איבער די עלנבױגנס. זי האָט זיך געדרײט רונד־ארום דער דײזשע, און פון אירע אױגן זײַנען געפאלן שװערע טראָפּנס אין טײג ארײַן.

װען זי האָט פארקנאָטן, האָט זי ארױסגענומען די פארטיקע לאבנס פון אױװן, און אין א װײַלע ארום זײַנען װידער געהאנגען אירע פיס אין די לאנגע שװארצע שאראָװארן פון פריפּעטשיק. און דער װינט האָט װידער ניט ארױסגעלאָזט דעם רױך פון קױמען. איז טאקע אקוראט גוט געװען, װאָס ראָכקע איז ארײַנגעגאנגען.

— קריך ארויס פון אויוון. וואָס מער מע בלאָזט, אַלץ ערגער ברענט! מיט פינף שוועבע־לעך האָב איך אײַנגעהייצט די אייוועלעך אין קינדערהיים. די קינדער האָבן אופגעלעבט, — האָט ראָכקע געזאָגט, אוועקגעלייגט דאָס קעס־טעלע שוועבעלעך אפן שטענדיקן אָרט — אפן געזימס בא דער יושקע און זיך גראָד ניט געײַלט אוועקצוגיין.

זי האָט זיך מיט די הענט אָנגעשפּאַרט אין טיש, געקוקט דורכן פענצטער און שטיל גע־שמועסט ווי מיט זיך אַליין:

— אין אזא וועטער זײַנען אונדזערע טאַטעס געזעסן באַם אויוון. דו וואָלסט געגאַנגען עפּעס איבערכאַפּן. אין סטאָלאָווע איז הײַנט א לײַטי־שער ארבעסענער סופּ. אָדער נעם א שטיקל פריש ברויט, דו האָסט דאָך נאָך הײַנט אין מויל ניט געהאַט.

— ביז הײַנט האָט נאָך ניט געטראָפן, אז אין א געבעק ברויט זאָל פון א לאַבן זײַן אָפּגעשניטן אָדער אָפּגעבראָכן. איך ווייס ניט, וואָס דײַן טאַטע האָט געטאָן, אָבער מײַן טאַטע איז געשטאַנען מיטן האַמער בא דער קאָוואַדלע ווינטער און זומער. און טאָמער איז טאַקע אזוי ווי דו זאָגסט, און דײַן טאַטע איז יאָ געזעסן באַם אויוון, האָט ער מיסטאמע ארײַנ־געקוקט אין א סייפער. וואָרעם אויב מיר פאַר־שטייען עפּעס און קאָנען האָרעווען, איז דאָס אונדז ניט געפאַלן פון הימל...

— ביסט גערעכט. איך מוז גיין צו די קינ־דער. ביז דער אויוון וועט זיך אויסהייצן, וועסטו צען מאָל באַווײַזן גיין אין סטאָלאָווע. איך ווייס, אז די ערשטע כאַדאָשים קריכט צוריק, אָבער מע מוז... — האָט ראָכקע געזאָגט און איז ארויס־געגאַנגען.

סאָרקע האָט אויסגעפּאַטשט די לאַבנס פון דעם צווייטן געבעק, און זי האָט מיט א ווידער־געפיל געטראַכט וועגן דעם, וואָס ראָכקע האָט צו איר געזאָגט: „עס קריכט צוריק".

כאָטש עס איז קיין סאָד ניט געווען, אז שמול־קע מיט סאָרקען זײַנען א פּאָרפאָלק, איז פונדע־סטוועגן סאָרקען געווען פריקרע, וואָס ראָכקע האָט צו איר אזוי געזאָגט. מער פון אַלץ וואָלט סאָרקע איצט געוואָלט זײַן דאָרטן, ווו שמולקע איז געווען. אָבער עס האָט געמוזט ארײַנגעזעצט ווערן דאָס צווייטע געבעקס ברויט. און ווי נאָר זי האָט זיך אָפּגעפּאַרטיקט, האָט זי געכאַפּט דעם וואַטניק און איז אוועק צו דער סטאָלאָווע.

די זאַווייע איז געוואָרן א ביסעלע רויקער, און סאָרקע האָט פונווײַטן דערזען א לענגלעכן שאָטן, איבער וועלכן עס האָבן זיך געהוידעט צעפּעכערטע שניי־כוואַליעס. בייס זי איז צוגע־גאַנגען נאָענט, האָט זי דערזען א צוגעבונדן פערד צו דער קליאַמקע פון סטאָלאָווע־טיר. זי האָט א צי געטאָן דאָס צײַמל, דאָס פערד איז אָפּ־געטראָטן, סאָרקע האָט געעפנט די טיר, ארײַנ־געגאַנגען אין סטאָלאָווע און האָט גלײַך דער־פילט, אז עס האָט געטראָפן עפּעס שוידערלעכס.

כאָטש די קאָמונארן זײַנען געשטאַנען אזוי, אז סאָרקע האָט צו דעם לעצטן טיש, אף וועלכן שמולקע איז געלעגן, ניט געקאָנט צוגיין, און זי האָט געזען נאָר די פּאָדעשוועס פון זײַנע קיר־זענע שטיוול, וואָס האָבן געקוקט צו איר, האָט זי זיך ניט אדורכגעשטופּט. זי האָט אויך ניט אויסגעשריגן, ווי דאָס וואָלט געקאָנט טרעפן: „לאָזט מיך צו אים!" קיין טרער האָט זיך ניט באַוויזן אין אירע אויגן, וואָרעם איר אומגליק און איר וויי איז געווען אזוי פּלוצעם און טיף, אז קיין שום אויסערלעכע סימאָנים האָט עס ניט ארויסגעבראַכט...

און קיינער האָט ניט געוויינט. און קיינער האָט ניט דערציילט סאָרקען, וויפל מעסער־שטעך די קאָמונארן האָבן געפונען אף שמולקעס ברוסט. אף מאָרגן האָט מען אין דער פאַרפרוירענער ערד אויסגעהאַקט א קייווער, און נאָך דער קוורע זײַנען דרײַ באַוואָפנטע קאָמונארן אוועק־געריטן קיין טעמעס.

1967

איך, דער ייִדישער מוזשיק

קעגן גאָלד פון זון גייט אויף דאָס גאָלד פון ווייצן,
קעגן גאָלד פון זון גייט אויף מייַן גאָלדן גליק.
נייַע האָריזאָנטן רופן מיך און רייצן,
נייַע לידער זינג איך, ייִדישער מוזשיק.

קיינער פרעגט נישט, קיינער: ווער איך בין, פונוואַנען?
זון איז מייַן הודאָק, און פעלד איז מייַן פאבריק.
נעכטן — ווייַטע שכיינים, הייַנט — שוין אזוי נאָענט:
אוקראַיִנער פויער, ייִדישער מוזשיק.

קעגן גאָלד פון זון גייט אויף דאָס גאָלד פון ווייצן,
קעגן גאָלד פון זון גייט אויף מייַן פרייד, מייַן גליק.
נייַע האָריזאָנטן רופן מיך און רייצן,
נייַע לידער זינג איך, ייִדישער מוזשיק.

1928

א בריגאדע אין וואלדהיימער קאָלווירט

דער פאָרזיצער פון אלרוסלענדישן צענטראלן אויספיר־קאָמיטעט מ. אי. קאלינין
אין ייִדישן קאָלווירט „לענינדאָרף“ (קרים 1930)

ליפּמאן־לעווין

די קאָנסטיטוציע אויסוויייניק

איר האָט אָפּגערעדט, כאַווער? איצט לאָזט מיך א ביסל. איר זײַט נאָך א יונגער כאַווער, איר זײַט געקומען אַף אַלעם גרייטן, אז ס'איז שוין געווען אויסגעראמט, צוגעקליבן און אין אַלע ווינקע־לעך — יאָמטעווו! איך פארגין אײַך, וואָס איר האָט דאָס מיסט און די קרעץ אין די אויגן ניט אָנגעזען, ווי איך פארגין מײַנע אייגענע קינדער. איר זײַט מיר אַלע טײַער — אייגענע און פרעמדע. וואָס הייסט פרעמדע? ניטאָ גאָר הײַנט קיין פרעמדע, וואָס זאָלן איינער פונעם אנדערן צופּן און רײַסן, ווי ס'איז, ניט הײַנט געדאכט, געווען אמאָל. פאר־קערט: הײַנט נעמט מען זיך פאר די הענט איינע מיט די אנדערע, ווי אין איין קייטעלע געקייטלט, מע גייט אין איינע קאָלאָנעס. און אַלע זינגען איינע לידער. אײַ, לידער! איך האָב זיי ליב, די הײַנטיקע לידער. עס הייבט מיך אינדערלופטן. איך ווער יונג, הערנדיק. אייגנטלעך, בין איך ניט גאָר קיין אַלטער. עמעסע יאָרן איז מיר ניט מער ווי צוואנציק. עמעס, אהינטער די פּלייצעס באָמב־לען זיך בא מיר ווי בא א גילגל א פּעקל יאָרן פון אן אנדער וועלט — א יאָר עטלעכע און פערציק פון דעם צאריש־קאפּיטאליסטישן קאַף־האקאל...

יענץ פּעקל יאָרן איז גראָד א צעקארדאשעטעס, וואָרעם די קאפּיטאליסטישע וועלט האָט מענטשן אריינגענומען ווי קאָרן־זאנגען צווישן מיל־שטיינער און האָט זיי צעריבן, צעמאָלן... אָבער איצט האָב איך זיך אָפּגעיִינגערט. א יונגער און א שלאָגלער בין איך! מער נישט — אין קאָמסאָמאָל קאָן איך ניט גיין, ווײַל דער קאָפּ איז בא מיר א גראָווער. איר מיינט עפּשער, אז גראָווע האָר שטערן דעם קאָפּ יונג צו זײַן?

זעצט זיך צו א ביסל, כאַווער, מײַן סאָרקע וועט אײַך דערלאנגען א גלאָז טיי. נישקאָשע, בא א שלאָגלער אין דער היים מעגט איר אויסטרינקען א גלאָז טיי און צובײַסן א זעמל. פּאראן, פּאראן! און איך וועל דערווײַל אויסטאָן די פּאלטאָ און די ספּעצאָווקע מײַנע און איך וועל א ביסל שמועסן. איר זײַט געקומען אהער פארטײַטשן די קאָנסטיטוציע אונדזערע און דעם וואל־געזעץ פאר די שטוביקע באלעבאָסטעס און פאר אינוואלידן. אָט, לאָמיר זאָגן, גערשן איז אַן אינוואליד — ער האָט זיך אויסגעהאָרעוועט בא די קאפּיטאליסטן, אָבער דאָס סאָציִאליסטישע היימלאנד זיכערט אים א גוטע עלטער. בא אונדז איז ער א כאָשעווער מענטש, אַן אינוואליד פון ארבעט! דאָס איז א כאָשעווער טיטל, וואָס באווײַזט, אז ער האָט אף זײַן לעבן געארבעט פאר דער געזעלשאפט. באקומט ער איצט דערפאר סכירעס פון דער מעלוכע, וואָס רופט זיך פּענסיע, און מע טראָגט עס אים ארײַן אהיים מאָנאטלעך אין א באשטימטן טאָג.

איז דאָס פארשריבן אין דער קאָנסטיטוציע?

פארשריבן: „פארזיכערונג אף דער עלטער“!

און אמאָל... האָט מען דאָך אויסגעזויגן און ארויסגעוואָרפן. פריִער — בייס דו האָסט נאָך געארבעט, ביסטו געווען אַן אָרעמאַן, און אף דער עלטער אָן קויכעס — א קאפּצן, א בעטלער. גיי קלאפּן אין די טירן בא דער קאָהאָלשער צדאָקע נאָך א פּיטאקל אף שאבעס אָדער אײַנבעטן זיך אין שמוציקן העקדעש צוזאמען מיט שטילע מעשוגאָיִם און כוילע־נויפלים. און די רײַכע גאבאָיִם פלעגן זיך נאָך פאָרויס באזאָרגן מיט א באצאָלטן שאמעס בא דער טיר, א גרויסן, א געזונטן, וואָס זאָל קאָנען אָנכאפּן א צען אָרעמעלײַט מיטאמאָל און ארויסוואַרפן זיי אף יענער זײַט טיר בא דעם ערשטן געמורמל... מע האָט נאָך ניט געטאָרט א פּיפּס טאָן... פארבײַס די ליפּן און שא־שטיל.

כאַווער, איך בעט אײַך נאָכאמאָל: איר טרינקט טיי, און איך וועל ריידן. איר זײַט ניט מיט א סאך עלטער פון מײַן מיזיניקל, פון מײַן הירשלען — אים איז אכצן יאָר. ווי זאָגסטו, סאָרע, אכצן דארף אים ערשט ווערן אין יענעם יאָר? איז ער אויך א כאָשעווער מענטש, פון קינדווײַז אָן א כאָשעווער — מע האָט זיך מיט אים געצאַצקעט, גענומען אין די קלאסן, געלערנט, געפירט אין די קאָלאָניעס, אין זומער־לאגערן, געהאָדעוועט, געפּעסטעט. און ס׳איז אויסגעוואקסן א יאט — געזונט און שטארק, מיט געענדיקטע צען קלאסן, מיט א קוטשמע האָר אפן קאָפּ, וואָס נייטיקט זיך קיינמאָל ניט אין א היטל, מיט אן אָפענער ברוינער ברוסט אפילע אין ווינטערדיקע פרעסט.

איז דאָס פארשריבן אין דער קאָנסטיטוציע?

פארשריבן: „רעכט אף בילדונג“! דאָס איז שוין בא מיר אין דער היים, בא מײַן הירשלען אין קאָפּ, גאנצע צען קלאסן מיט אומזיסטער לער.

איך אין זײַנע יאָרן האָב ניט געהאט אזא קאָנסטיטוציע, פאר מיר איז געווען א פינצטערע, א כאָרעווע טאלמעד־טוירע מיט א הינקעדיקן רעבן — דעם שלימסטן פלעגט מען אָפּגעבן פאר די אָרעמע קינדער. פלעגן מיר מיט אים מילכאָמע האלטן, מיטן רעבן, א יאָר, צוויי. ער — אונדז מיט דער קוליע, און מיר — אים מיט נאסע טיכער. ער פלעגט קעסיידער דרעמלען, נעצן מיר אָן טיכער און ווארפן אין אים פון דערווײַטן. דערעסט עס אונדז, און מיר גייען אוועק צו א באלמעלאָכע. צוערשט מיט די שוואכע קינדערשע הענטלעך טראָגן פּאָמויניצעס פון שטוב, האָלץ און וואסער, לויפן א גאנג, פארשפּאָרן יעדערן א טירכע און כאפּן קלעפּ דערבײַ. אָבער א מאָגער ריטעלע אף א פּײַכטן באָדן, אָן בלעטלעך אפילע, ציט זיך אויך אין דער הייך, — קלוימערשט אויסגעוואקסן, אויסגעלערנט זיך א מעלאָכע, און מע קאָן שוין אָנהייבן צו באקומען געצאָלט פאר דער ארבעט — איז קיין ארבעט ניטאָ. באלעבאטים נעמען לערן־ייִנגלעך, און געזעלן זוכן ארבעט. איר זײַט א יונגער כאַווער, און איר ווייסט גאָר ניט, וואָס עס באטײַט זוכן ארבעט. מע פאָרט אויס שטעט, מע גייט אויס צופוס גרויסע מעהאלעכס, מע קלאפּט אין אלע טירן: ארבעט! ארבעט! מע ווארפט מעקעך, מע ווארפט זיך אליין, מע מאכט זיך דערנידערט, געשלאָגן, אבי נעם אף ארבעט...

מײַן הערשל אָבער ווייסט ניט דערפון, פון זוכן ארבעט. ער האָט געענדיקט די קלאסן און האָט, ערשטנס, צוויי מאָנאטן אָפּגערוט. ס׳קומט אים דאָך רו, און אַן אָפּרו־הויז איז פאראן. אַן אָפּגערוטער, אַן אויסגעפּעסטעטער, האָט ער אויסגעקליבן א פאבריק דאפקע אזא, וואָס געפעלט אים — ער האָט א גוסט צו מאשינעריע, און מע האָט אים גלײַך אָנגענומען און מע צאָלט שוין, און מע צאָלט גוט... און דאָרטן טאקע איז ער מיט זײַנע צען קלאסן גלײַך אָנגעקומען אף די אָוונט־קורסן לערנען זיך אלס מעכאניקער.

איז דאָס פארשריבן אין דער קאָנסטיטוציע?

פארשריבן: „רעכט אף ארבעט“! גאראנטירטע ארבעט פאר יעדערן. ארבעט מיט קאָוועד און ערע.

און א זאוואָד פארמאָגט בא זיך קורסן, א ביבליאָטעק, א קלוב, א לייען־זאל — ס'איז א גאנצער אוניווערסיטעט! ארבעטער לערנען זיך און יאָגן אָן זייערע אינזשעניערן: זיי גלייַכן זיך אויס באלד.

און הערשל איז א יאט — ער איז אויך ניט הינטערשטעליק. ער האָט זיך שוין באקענט מיט דער מאשינעריע און גענומען יאָגן נאָרמעס, און די ארבעט איז בא אים דאפקע פון הויכער קוואליטעט. איז אדעראבע! ארבעט קלעקט. פארדינט געלט, ביסטו נאָך א לייַט!

האָט קיין פאריבל ניט, יונגער כאווער, וואָס איך פארהאלט אייַך. איר האָט שוין אפילע פארענדיקט אייַער געשפרעך מיט די באלעבאָסטעס — מיט די ווייַבער. די ווייַבער — ארבעטערנס און שטוב־באלעבאָסטעס — האָבן בא אונדז א דייע אין לאנד גלייַך מיט אלעמען. יעדער מענטש איז בא אונדז דערהויבן. זייער אָנגעלייגט, וואָס איר זייַט צו אונדז געקומען. מייַן סאָרקע וואָלט אייַך אויך געקאָנט א סאך דערציילן, נאָר זי איז א שווייַגנדיקע... זי איז געווען א יעסוימע, דאָס ווייַב מייַנס. דער טאטע אירער, א שוסטער, איז פרי פון דער וועלט אוועק. ניט געווען דעמלט וואָס צו זשאלעווען. איצטער, דעם עמעס זאָגנדיק, ווילט זיך זייער לעבן. אייַ, לעבן! אז ס'ווערט קעסיידער פריידיקער דאָס לעבן! איז זי דעמלט, מייַן ווייַב, זאָג איך, א יונג קינד, א יעסוימע, אוועק אף אן „אָרט“, דינען בא פרעמדע לייַט. דאָס ערשטע אָרט אירס איז געווען בא דעם שויכעט פון שטעטל. אָפגערעדט: דאָס ערשטע יאָר דינען גאָר אָן געלט, בלויז פארן עסן, און אפן צווייטן יאָר באקומט זי א רובל א כוידעש. אזוי, סאָרקע? איך לייַג ניט? ארבעט זי שווער, האָדעוועט פרעמדע קינדער, טוט אין שטוב און העלפט נאָך אין דער שכיטע. די פעדערן פון די געקוילעטע אויפעס האָבן דאָרט אין שטעטל געהערט צום שויכעט — אזא אָפמאך איז געווען, — ווייַל דאָס מעזומען געלט פארן קוילען האָט געהערט צו דער „קאָראָבקע“, וואָרעם דאָס שטעטל איז אָרעם, עסט ווייניק פלייש, האָט מען באשטייַערט אויך אויפעס. און פארן שויכעט איבערגעלאָזט די פעדערן. האָט דאָס קליינע סאָרקעלע זיי באדארפט פליקן. א שווערע ארבעט. קוים אויסגעהאלטן א יאָר, איז זי אוועק פון דעם אָרט און איז אָנגעקומען צו א קאצעוו. איז דער שויכעט געלאָפן צום ראָוו מיט א טייַנע, ער זאל פאסקענען, אז די יעסוימע דארף זיך אומקערן צוריק צו אים, ווייַל זי איז אים שולדיק געבליבן. דאָס ערשטע יאָר איז זי דאָס עסן אויך ניט ווערט געווען... דארף זי נאָך בא אים אָפדינען פאר דאָס פריִערדיקע... וועט איר פרעגן, און ווי איז איר דערנאָך געווען באם קאצעוו? פון דעם קאצעוו איז זי אמאָל אינמיטן נאכט אנטלאָפן, אז ער האָט גענומען צו איר צושטיין... איז זי געבליבן אף דער גאס א צייַט, הונגעריק און עלנט...

אזוי, כאווער, איז געווען אמאָל...

און הייַנט זייַנען אלע קינדער באזאָרגט: קינדער בליִען בא אונדז ווי בלומען אין פעלד. און א מיידל איז א מענטש! און דער מענטש איז דער גרעסטער קאפיטאל בא אונדז אין לאנד, און מע היט עס אָפ, ווי א גוטער סעדער א פרוכטבוים.

מייַן רייזעלע, מייַנע א טאָכטער, האָט גאָר אן אנדער לעבן. אויך א מיידל, און פון עלטערן ארבעטער, און ס'איז גאָר אנדערש. זי האָט געענדיקט פריִער די שול און איז דערנאָך ערשט אוועק ארבעטן, א דערוואקסענע שוין. און איצט — פליט זי. זי פליט, אינדערלופטן טאקע, און הויך, און ווייַט — אף א מאשין. זי האָט דערצו כיישעק געהאט, האָט זי זיך אויסגעלערנט פליִען. און פארוואָס זאל זי ניט פליִען? אז מ'איז א פרייַער פויגל, אָן זאָרגן, אָן קלעמעניש. און פליִען איז בא איר אן אָפרו, א פארווייַלונג נאָך דער ארבעט. בא רייזעלען איז א גרינג לעבן, א פריידיקס — פליט זי. און ס'איז איר אויך א קאָוועד, זי וויל אָפהיטן און שיצן איר פריידיק לעבן און איז גרייט זיך א לאָז טאָן אף איר מאשין אנטקעגן דעם סוינע, וואָס וועט נאָר וואגן לאָזן זיך צו אונדזערע גרענעצן.

מייַן וועלוול, דער עלטערער זון, איז שוין לייטענאנט אין דער רויטער ארמיי בא טאנקען. אָט ערשט געווען א רויטארמייער, און מיר פלעגן אין א רו־טאָג גיין צו אים צוגאסט. דער גרעסטער פארגעניגן איז געווען בא אונדז צו פארברענגען דאָרטן בא אים. א גרויסער זאל צו אופנעמען געסט. דער שענסטער קלוב, מיט געזאנג, מוזיק און טענץ. צייַטונגען און ביכער. וואָס פאר א קלוג און שיין לעבן ס'איז בא אונדזערע רויטארמייער!

כאווער, איך האָב אף אייַך פאריבל, וואָס עסט איר ניט?.. עסט, עסט, און איך וועל אייַך דערציילן, ווי איך בין געווען א סאָלדאט, אין קאזארמע. מיילע, פון מיר איז ניטאָ וואָס צו ריידן: א ייִד איז — „זשיד“ אין איין באק, און „זשיד“ — אין דער אנדערער באק. די באקן האָבן געפלאמט פון פעטש ווי פאמפעשקעס. און פויערים פון דאָרף, און ארבעטער פון שטאָט, ניט־ייִדישע, וואָס שרייַען די „מאָליטווע“, אז זיי צערייַסן זיך די גאָרגלען, — אזוי האָט דער פעלדפעבל געפאָדערט, — האָט מען זיי אויך ארייַנגעשאָטן אין באק פעטש, מער ווי גרויפן אין דער קאשע. געווען בא אונדז א סאָלדאט א פויער, וואָס האָט ניט באנומען די צוויי ניקאָלייַען מיטאמאָל — איינעם מיט א „וועליטשעסטוואָ“ און דעם אנדערן מיט א „וויסאָטשעסטוואָ“, און ער פלעגט זיי צעפלאָנטערן, דעם פעטער מיט דעם פלעמעניק... האָט דער פעלדפעבל זיך געמאכט א כוי־

זעק־שפּיל איבער אים, און מאָנאַטן־לאַנג פלעגט ער צוויי מאָל אין טאָג אים טראַסקען איבערן גאַנצן פּאָנעם איינס נאָכן אַנדערן: אַ פּאַטש פאַר „וועליטשעסטוואָ“ און אַ פּאַטש פאַר „וויסאָטשעסטוואָ“.

אַזוי איז געווען אַמאָל אַ סאָלדאַט אין קאַזאַרמע.

באַ אונדז איז די רויטע אַרמיי אַ באַשיצער פון אונדזער גליקלעך לאַנד און אַ בויער פון אונדזער פרײדיק לעבן. ס'איז אַ קאָוועד צו שיצן דאָס טײַערע לאַנד.

דאָס איז פאַרשריבן אין דער קאָנסטיטוציע? — פאַרשריבן! און דער קאָוועד איז אָנגעקומען מיר אויך — מײַן פאַמיליע. מײַן וועלוול איז לייטענאַנט באַ טאַנקען, און מײַן רייזעלע פליט שוין דאָס צווייטע יאָר אויף אַן אַעראָפּלאַן.

און די עלטערע טאָכטער מײַנע מיטן מאַן, מיט מײַן איידעם הייסט עס, קלײַבט זיך, זײַנען שוין גרייט צו פאָרן — טרעפט וווּהין? אין דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט, אַרבעטן דאָרט, בויען דאָרט.

די ייִדישע אווטאָנאָמע געגנט איז פאַרשריבן אין דער קאָנסטיטוציע? — פאַרשריבן! אין וואַלגעזעץ — פאַרשריבן. מיר וויילן געהעריקע דעפּוטאַטן אין אויבער־ראַט פון ס. ס. ס. ר., און אין די אויבער־ראַטן פון די פאַרבאַנדישע רעפּובליקן, און אין די אָרטיקע ראַטן: אין דאָרף־ראַט, אין יישעוו־ראַט, אין שטאָט־ראַט און אין געגנט־ראַט.

אָט דאָס איז טאַקע די קאָנסטיטוציע פון סאָציאַליזם אין אונדזער נײַעם לעבן: מענטשן זײַנען דערהויבן געוואָרן און פעלקער זײַנען דערהויבן געוואָרן, אַלע גלײַך, און אַלע — כאַשעווע. מענטשן זײַנען כאַווײרים. און פעלקער — ברידער. און אַמאָל, אוי, אַמאָל! איך וויל גאָר ניט דערמאָנען יענע פינצטערע יאָרן, ווען מע האָט אַלע האָרעפּאַשניקעס געטרײַבערט, פעלקער געמאַטערט, געפּײַניקט, און אָנגערייצט נאָך איינע אויף די אַנדערע, אויף האַריגעס און פּאָגראָמען. איצט אָבער זײַנען אַלע פעלקער גלײַך — אַלע אָן אונטערשייד, ווי אין דער קאָנסטיטוציע איז פאַרשריבן. און פעלקער צווישנאַנאַנד זײַנען פרײַנט, העלפן איינע די אַנדערע, אַז יעדער איינער פון זיי זאָל שטײַגן וואָס העכער. געבענטשט זאָל זײַן די פרײַנטשאַפט צווישן פעלקער! סאָציאַליזם האָט באַפרײַט יעדן מענטשן, ווי דעם מאַנצבל, אַזוי די פרוי, ווי די עלטערן, אַזוי די קינדער. סאָציאַליזם האָט באַפרײַט יעדעס פאָלק, יעדע נאַציע, ווי גרעסערע — אַזוי קלענערע.

סאָציאַליזם — איז אויס עקספּלואַטאַציע פון אַ מענטש און אויס אונטערדריקונג פון אַ פאָלק. סאָציאַליזם איז דער פונדאַמענט פון אונדזער קאָנסטיטוציע, און אַזאַ פונדאַמענט איז אײַזנפעסט! דאָס איז אַן אײַזערנער בריק אויף איבערצוגיין צו קאָמוניזם.

איך ווייס, איך פאַרשטיי, איך זע, איך הער, איך לייען ביכער, צײַטונגען באַ אונדז אין קלוב, אין לייען־זאַל. אַז איך קום אַהיים פון דער אַרבעט, טו איך אָן די שפּאַקולן און לייען צײַטונגען, ביכער, און די קינדער לייענען מיר. אויך פאַרשטיי איך און איך ווייס, אַז מיר האָבן נאָך איינציקע שוועריקײַטן, אָבער מיר אַלע זײַנען זיכער, אַז זיי זײַנען צײַטווײַליקע.

נו, מער וועל איך אײַך הײַנט ניט פאַרהאַלטן, נאָר איך וויל אײַך בעטן, יונגער כאַווער, קומט טאַקע צו אונדז צוגאַסט אין אַ רו־טאָג, צו אַ יאָמטעוודיקן מיטיק מיט אַלע מײַנע קינדער, וועט איר זיך באַקענען מיט זיי. אַדרעבע, קומט אַרײַן.

אַז איר וועט זיך באַקענען מיט מײַנע קינדער, וועט איר זען, וואָס פאַר אַ געבענטשטער טאַטע איך בין — לייבע דער שלאָגלער. געבענטשט איז אַ טאַטע פון אַזעלכע קינדער. און געבענטשט זײַנען קינדער מיט אַזאַ געבענטשטן טאַטן, וואָס איז פאַרשריבן אין פּאַס איבער זעכציק יאָר, און איז עמעסע יאָרן אומגעפער נאָר צוואַנציק, און איז פון די ערשטע שלאָגלער אין דער פאַבריק, און האָט אין די אַמאָליקע יאָרן אויך אַ קלאַפּ געכאַפּט פון אַ זשאַנדאַר, בײַס די עלטערע טאָכטער איז נאָך אויף דער וועלט ניט געווען. איך האָב וואָס צו דערציילן, אַדרעבע, יונגער כאַווער, קומט אַרײַן צו מיר צוגאַסט...

זײַט אַזוי גוט, כאַווער, נאָך איין ווײַלע נאָר, איך וועל אײַך ניט פאַרהאַלטן לאַנג.

אָט זעט, אַדרעבע: טוט אַ קוק באַ מיר אין מויל, זעט איר — אין דער אונטערשטער ריי פעלן באַ מיר דרײַ ציין... יענע, די זײַטיקע און עטלעכע אייבערשטע ציין, זײַנען אויך אַרײַנגעשטעלטע, שטאָלענע ציין, גאָלדענע ציין, נאָר די דרײַ לאָזט מיך ניט דאָס האַרץ אַרײַנצושטעלן... איך וויל ניט פאַרשטעלן מײַן יוגנט... אין דער יוגנט אַמאָל אויף אַ דעמאָנסטראַציע האָט אַ זשאַנדאַר זיי מיר אויסגעשלאָגן, איז זאָל זײַן אַן אָנדענק: אין גוטע יאָרן דאַרף מען ניט פאַרגעסן די שלעכטע... אַז ניט אומזיסט בלוט פאַרגאָסן!

1938

הערשל קאמענעצקי

וועסנע אין ראיאָן

אויסגעלאָשן זיך די קעלטן,
ס׳איז קיין שפור פון זיי ניטאָ.
ס׳קומט די וועסנע, ס׳גייט די וועסנע,
אין א מאזלדיקער שאָ!

און מיט פרישקייַט, און מיט שטראלן
אונדזער גאָרטן טרינקט זיך אָן,
און א וואָלקנדל אהערצו
שוועבט פון מאָליעווער ראיאָן.

אין א פײַערדיקן רעמל
איז דאָס וואָלקנדל געפאסט,
הויך — פארהייב די אויגן העכער:
סארא וווּנדער־שיינער גאסט.

נאָר אפילע אויך א וואָלקן
האָט זײַן גורל און זײַן צײַט:
ס׳איז דאָס וואָלקנדל צערונען
אינדערלופטן, אָן א זײַט.

אויסגעלאָשן זיך די קעלטן,
כ׳האָב אף דעם־אָ א באווײַז:
ס׳איז נאָרוואָס די פרימאדאָנע
פון דעם אָרטיקן דראמקרײַז

דורכגעשווומען, פרײַע טאליע,
פארבײַ פענצטער פון ראיקאָם,
און די זון האָט זי באגאָסן
מיט א לויטער־העלן שטראָם.

קוק: ס׳האָט זיך געזעצט א שטראלכל
אף א יאָגנדיקן פערד,
און אזוי־אָ דורכגעריטן
אף דער וועסנעדיקער ערד.

ניט אומזיסט איז אונדזער בושל
שוין געקומען צו זײַן בוים
און אפסנײַ דערזען ווײַסרוסלאנד —
זײַן געטרײַע אלטע היים.

שטיי איך, קוק איך, וואָס זשע שטיי איך?
ס׳איז דער הימל בלענדיק־ריין,
אלע וועגן, אלע שטעגן
ליגן אָפן. לאָמיר גיין.

לאָמיר בריוועלעך צעשיקן
און באגריסן אלע פרײַנט
מיט דער אימפעטדיקער וועסנע,
מיט אזא מין טאָג, ווי הײַנט.

אין קאָלווירטן האָב איך קרויווים,
וועל איך אָנשרײַבן צו זיי,
און די פעטערס גראטולירן
מיטן יאָמטעוו פון פארזיי.

ס׳קומט די וועסנע, ס׳גייט די וועסנע,
אונדזער קאָמונאלן הויף
האָט די זון ארומגעשלאָגן
מיט א גינגאָלד־דינעם רייף.

סארא זויבערע קאָלירן.
רונד־ארום — בלאנקיט און גאָלד.
וועסנע־צײַט האָב איך, ווײַסרוסלאנד,
טויזנט מאָל נאָך מער דיך האָלט.

1932

מינסק באגלייט די ערשטע איבערוואנדערער קיין בירָאבידזשאן (1928)

ליובע וואסערמאן

מײַן היים

איך מאך צו די אויגן און וויל זיך דערמאָנען,
איז וואָס זשע האָב איך דאָ באם קומען געטראָפן?
א קליינינקע סטאנציע, צעוואקסענע קליאָנען.
פארכאָלעמט אין בלויקײַט די טײַגע געשלאָפן.

קליינינקע הײַזלעך באגאָסן מיט שײַן,
ווײַסינקע בײַדלעך, געהילטע אין טויען.
די ברויזיקע בירע, וואָס גיסט זיך ארײַן
אין ברייטן אמור אין ריזיקן, בלויען.

מיט ציטער די ערשטע טריט כ׳האָב געשטעלט,
און געזאָגט כ׳האָב אזוי: גענוג שוין צו גיין.
אין ראכוועס דער בלויער דערזען כ׳האָב מײַן וועלט,
דערפילט מיטן הארץ, אז דאָ איז מײַן היים.

1947

דער מאָנומענט אפן מאמײַ־עווער קורגאן אין וואָלגאָגראַד

פאָטאָ — א. סטעשאנאָוו

אונדזער פאָן איז גערעכט

עזראַ פינינבערג

די וועלט איז אין קאָן

כ׳רייד אזוי מיטן לאַנד אינעם וואך זײַן פון נעכט:
„איצטער גייען מיר ארויס אף א גרויסן געפעכט.
אונדזער פאָן איז גערעכט! אונדזער הארץ איז גערעכט!

ווו עס איז נאָר פאראנען א ליכטיקער העלד,
א גיבער א ריינער, א מ ע נ ט ש אף דער וועלט —
ער קומט און אין אונדזערע רייען זיך שטעלט.

איבער שטאָט, איבער דאָרף, איבער בארג, איבער טאָל
קומט א כאַיל איצט אוף אָן א ברעג, אָן א צאָל,
קומט א כאַיל איצט אוף, וואָס איז ריין ווי קרישטאָל,

און עס נעמט אונדזער מעכטיקע שטאָלענע שווערד,
און פון נידער ביז הימל א שטים זיך דערהערט:
„עס איז הייליק דאָס לאַנד! עס איז הייליק די ערד!״ —

כ׳רייד אזוי מיטן לאַנד אין די פלאַמען פון קריג:
„דארף איך ווערן אין פײַער אין גרעסטן געשיקט
פאר דײַן ערד, פאר דײַן הייך, פאר דײַן זון, פאר דײַן גליק —

בין איך שוין, בין איך שוין, בין איך טייקעף שוין גרייט,
איך וועל גיין מיט געזאנג, איך וועל פאָלגן מיט פרייד, —
זאָל זיך שפרייטן דאָס ליכט אף דײַן טײַערער ברייט!

אונדזער כאַיל וואקסט אוף, נאָך און נאָך קומען אָן.
און מײַן הארץ איז אין קאָן, און די וועלט איז אין קאָן.
זיגן וועט אונדזער פאָן, — ס׳איז גערעכט אונדזער פאָן!״

יון 1941

פּערעץ מאַרקיש

דעם ייִדישן שלאַכטמאַן

איך ווייס: דו האָסט געקושט די ביקס אין יענעם טאָג,
וואָס האָט אף וואָגשאָלן געלייגט פון פאָלק דאָס לעבן,
און מיט איעדן שאָס, ווי מיט א דונערדיקן גלאָק,
האָסטו געבענטשט דאָס לאַנד, וואָס האָט זי דיר געגעבן.

האָסט א דערקלערונג מאַכן פײַערלעך געהאַט
מיט פײַער און מיט בלוט דורך אופשטײַג און דורך ווייען —
דו! דער ייִדן! דער בירגער! דער סאָלדאַט!
דו! דער ייִדן! דער רויטאַרמייער!

געהאַט האָסט א דערקלערונג מאַכן מיט דער ביקס,
אַזאַ, וואָס ניט פאַרוועלקן וועט זי ווי די שטערן —
דו ביסט געווען, וועסט זײַן, דו ביסט
קעגן דער פינצטערניש און קנעכטשאַפט דער פאַרשווערער!

דו האָסט אמאָל פון בערג געבאָטן צען דערקלערט,
אַז ס'זאָל מיט זיי דאָס האַרץ פון וועלט זיך פיטערן און פעסטען.
פאַרפאָלגטע, טראָגן מיר זיי שטאָלץ איבער דער ערד
דורך אַלע אַרבע מיסעס בעסדן —

פון פאָלק צו פאָלק — מיט דערנער אף די הענט,
פון לאַנד צו לאַנד — מיט וואָגל־ווינט געפּאָרט דאָרט.
מיר מעלדן זיי אויך דאַן, ווען אונדזער מויל איז שוין פאַרברענט!
מיר מעלדן זיי אויך דאַן, ווען אונדזער האַלדז איז שוין געשאָכטן!

אַצינדער טראָגט זיך דײַן דערקלערונג צו דעם קאַט,
אַזאַ, וואָס נאָר מיט ביקס אין האַנט דערקלערן קאָן מען,
ס'באַוועגט זיך באַרג און טאָל, עס מורמלט גראָז און בלאַט,
און בלוט אף אַלע וועגן שרײַט: — נעקאָמע!

איך ווייס: דו האָסט געקושט די ביקס אין יענעם טאָג,
וואָס האָט דיך אויג־אף־אויג געשטעלט מיטן באַגרעבער,
און מיט איעדן שאָס, ווי מיט א דונערדיקן גלאָק,
האָסטו געבענטשט דאָס לאַנד, וואָס האָט זי דיר געגעבן.

1941

שמועל ראָסין

בארג־ארוף — דער וועג

כ׳הייב אוף דעם קאָפּ,
כ׳צעעפן ברייט די אויגן,
ווי שווערע קוועקזילבער —
די מוסקלען פון די הענט, —
כ׳האָב קיינמאָל נאָך, ווי איצט,
מײַן סינע ניט געוויגן,
כ׳בין קיינמאָל אזוי וואך,
ווי איצטער, ניט געווען.

די ביקס צו ברוסט
איך דריק צו פעסט און פעסטער,
דאָס בלוט אין הארץ
א ווײַלע ווערט פארשטילט...
ס׳פּלאצט אוף אין לופט
אן אויסגעשריי א לעצטער, —
כ׳האָב קיינמאָל אזוי פּינקטלעך
אין סוינע ניט געצילט.

בארג־ארוף — דער וועג,
אין מאָרגן־שײַן אין קלאָרער
גייט אוף דאָס לאנד פאר מיר
אין ווײַטסטער ווײַט געווענדט, —
ס׳איז קיינמאָל אזוי רײַך
נאָך ניט געווען מײַן צאָרן,
ס׳האָט קיינמאָל אזוי הייס
מײַן ליבשאפט ניט געברענט.

1941

ארן קושניראָוו

ווי ווײַט איז דער וועג קיין בערלין

— ווי ווײַט איז דער וועג קיין בערלין?
— עס ווענדט זיך, וויאזוי מע זאָל מעסטן.
ניט ווײַט איז דער וועג קיין בערלין,
אויב מעסטן אף מײַלן און ווערסטן,
פיל וועגן צום גיין איז פאראן,
צו פאָרן אף זיי איז נאָך פראָסטער.
נאָר אנדערש מיר זײַנען געגאן,
און אנדערש מיר האָבן געמאָסטן
די ערד אין איר ברייט, אין איר לענג,
די ערד אין איר גרויסער באוועגונג,
נאָר זי האָט געוווּסט און געדענקט
די מאָסן פון אונדזערע וועגן.

— ווי ווײַט איז דער וועג קיין בערלין?
— עס ווענדט זיך, וויאזוי מע זאָל מעסטן.
מיר זײַנען געגאנגען אהין
איבער ערד, וואָס דער פײַנט האָט געלעסטערט,

אונדזער ערד, וואָס דער פֿייַנט האָט געשענדט,
אונדזער ערד, וואָס דער פֿייַנט האָט
פֿאַרפּעסטעט —
מיר האָבן עס בייַשטיין געקענט —
מיט מאָסן אוועלכע דאָס מעסטן?
פֿון צאָרן פֿון אונדזער דער פֿלאַם,
וואָס האָט ווי אַ יאַם זיך צעגאָסן,
פֿון אונדזערע פֿייַנען דער טאַם —
געווען זייַנען אונדזערע מאָסן.
אַ מאָס איז געווען — אונדזער מוט,
אַ מאָס — אונדזער ליבע און סינע,
און וווּ ס'האָט גערינט אונדזער בלוט,
דאָרט האָט זיך דער סוינע פֿאַרכלינעט.

— ווי ווייַט איז דער וועג קיין בערלין?
— נאָך איידער מיט זינען באַנומען —
ווי ווייַט איז דער וועג קיין בערלין,
דאָס האַרץ האָט געגלייבט: מירן קומען!
געגלייבט: מירן קומען אַהין

מיט אונדזערע מאָסן און צאָלן,
וואָס נאָר מיטן אַש פֿון בערלין
דער פֿייַנט וועט פֿאַר זיי זיך צעצאָלן.
און אָט זייַנען וועגן באַפֿרייַט,
און גרענעצן זייַנען צעבראָכן,
און איבערגעמאָסטן די ווייַט
פֿון האָפֿענונג ביז צו ניצאָכן.
מיט ליב זאָל ניט בלייַבן פֿאַרטיילט
די טרייַהייַט פֿון אונדזערע הערצער,
וואָס האָבן די יאָרן געציילט
פֿון איין און ביז פֿינף און פֿערציק.
געלויבט איז דער גרויסער באַגין
פֿון די רויטאַרמייישע שייַטערס,
וואָס אויפֿגעגאַן איז אַף בערלין —
אַן ענטפֿער פֿאַר דוירעס און צייַטן:
ווי ווייַט איז דער וועג קיין בערלין?

1945

שמועל פערסאָוו

האַרמאָניקע

באַנאַכט, ווען דער טייל פונעם פאַרטיזאַנישן אָטריאַד, וואָס האָט זיך געפונען אַף אָפּרו, איז געשלאָפן מיט אַ שווערן און אומרויִקן שלאָף פון זייער מידע מענטשן, האָט דער יונגער פאַר־טיזאַנער סטעפּאַן קאַסאַטקין פּלוצעם זיך אויפ־געזעצט אַפן געלעגער, זיך אַ ציִ אויס געטאָן מיט אַ קנאַק פון די ביינער און אַ פיר געטאָן מיט די פינגער איבער די קנעפּלעך פון זײַן האַרמאָניקע.

— ש־ש־ש! — האָט אים לייבל גאָלוב בייז אָפּגעשטעלט.

קאַסאַטקין האָט אפילו קיין קוק ניט געטאָן אין דעם כאַווערס זײַט און האָט ווײַטער אונ־טערגעקליבן קאָלערליי טענער, פונקט ווי ער וואָלט געהאַט בעדייע אויסשפּילן עפּעס זייער באַדײַטנדיקס פאַר אַן אוילעם, וואָס איז געקומען אים הערן. גאָלוב איז אַרויס פון די כיילים:

— וועסט אַנשטומט ווערן, צי ניט?!

קאַסאַטקין האָט רויִק אַ קער געטאָן דעם קאָפּ אין לייבלס זײַט און אַף אַ רעגעלע איבערגע־ריסן דאָס שפּילן.

— לייבאַ, — האָט ער געזאָגט, — דו פאַר־שטייסט ניט, וואָס אַזוינס איז אַ האַרמאָן... ווײַל דו ביסט אַ ייד, אָט וואָס...

— עפּשער איז דיר ניט געפעלן מײַן נאָז?.. — איז גאָלוב געוואָרן נאָך מער אופגעפלאַמט.

— פאַרשטייסט... — קאַסאַטקין האָט קאָנטיק געזוכט אַ פּאַסיקן אויסדרוק. — פאַרשטייסט מיך, לייבאַ, און עפּשער שפּילט דאָס אַ מענטש דאָס לעצטע מאָל? אופרײַסן די אײַזנבאַן וועט דאָך דער קאָמאַנדיר מיר פאַרטרויען... מיר... — האָט ער באַזונדערס באַטאָנט דאָס וואָרט און ווידער גענומען זיך פאַר דער האַרמאָניקע.

ער איז דורכגעלאָפן מיט די פינגער איבער די פּערלמוטערנע קנעפּלעך, צעצויגן די זײַטן פון דער האַרמאָניקע, און פונעם געפלעכט פון טע־נער האָט זיך גענומען וועבן אַ גוט־באַקאַנטע ליד. עס האָט זיך געגאָסן אַ ליד פון אָפּשייד און מוט, פון טײַנע און שמייכל, פונקט ווי קאַסאַטקין וואָלט איצט געשפּילט אַף אַ טײַך־ברעג. פאַר־נאַכט, פון די אַרומיקע לאָנקעס שמעקט מיט פריש־געשניטן היי, מיט טערפּקע פּאָלין, זשאַ־בעס קוואַקען, און די האַרמאָניקע רופט דאָס געליבטע מיידל.

לייבל גאָלוב איז נאָך אַלץ געווען צערייצט. דער קאַסאַטקין מיט די צערעפּעטע פינגער, — ער איז אַ טראַקטאָריסט, — האַלט די האַרמאָן אַזוי צאַרט, ווי אַ פּיצל קינד, און וואָס איז דאָ צו ברײַען, — שפּילט, אַז עס נעמט באַם האַרצן... אָבער איצט, נאָך דעם שווערן און ריזיקאַלישן שטיקל אַרבעט, — די פאַרטיזאַנער האָבן אײַ־בערגעכאַפּט אַ דײַטשישן אָבאָז, — ליגן די מענטשן ווי קלעצער, און אינגיכן, עפּשער אין די נאָענטסטע שאָען, וועט נאָך אויסקומען אָפּפאַר־טיקן זיך מיט דער אײַזנבאַן. איז איצט די צײַט צו באַלעווען זיך אַף דער האַרמאָן?.. און וואָס זײַנען דאָס פאַראַ ווערטער פון אַ פאַרטיזאַנער: „דו ביסט, לייבאַ, אַ ייד“?..

— לייבאַ... — קאַסאַטקין האָט עטוואָס פאַר־לאַנגזאַמט דאָס שפּילן, גאָלוב האָט אים ניט געענטפערט.

— כאַווער גאָלוב, — איז קאַסאַטקין ניט אָפּ־געשטאַנען. — דערקלער מיר, איך בעט דיך, פאַרוואָס עפּעס האָב איך קיינמאָל ניט געזען אַ יידן שפּילן אַף אַ האַרמאָן?

— פאַרבייד מיר ניט די ציין!.. — גאָלוב האָט זיך געקליבן אוועקגעבן אים אַ גאָב, נאָר גראָד איצט איז אַרײַנגעקומען דער קאָמאַנדיר.

— כאַווײרים שלאַכטלײַט!

אין איין אויגנבליק זײַנען אַלע פאַרטיזאַנער געוואָרן אויף. אַלע זײַנען געווען זיכער, אַז עס איז געקומען די צײַט אַרויסטרעטן אַף דער אָפּעראַ־ציע צום באַן־וועג.

— פאַרטיזאַנער, — האָט פאַרגעזעצט דער קאָמאַנדיר פונעם אָטריאַד, — מיר האָבן באַקו־מען אַ יעדיע: אינעם שכייניש שטעטל האָבן די דײַטשישע הינט צונויפגעטריבן די גאַנצע יידי־שע באַפעלקערונג אינעם שטעטלשן קלוב, און דער קלוב, ווי איר ווייסט, געפינט זיך אַפן צווייטן שטאָק, און באַפוילן שפּרינגען דורך די פענצטער אין גאַס. די, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט שפּרינגען, האָט מען פאַר אַלעמען אין די אויגן

מ ו י ש ע ט ײ ף

ד ע ם ק ל ע ז מ ע ר ס
א ײ נ י ק ל

א פינצטערע נאכט. עס רוט די דיוויזיע.
עס שווײַגן אין קוסטעס די טאנקען.
א קאלטער ווינט פון א דײַטשישן טײַך
רײַסט זיך ארײַן אין זעמליאנקע.

באלד הייבט זיך אָן די לעצטע שלאכט,
געבליבן געציילטע שאָען,
און בלויע ראקעטעס וועקן די נאכט —
די דײַטשישע הויפּטשטאָט איז נאָענט!

דערווײַל איז נאָך שטיל, עס ווייסט
ניט דער פײַנט,
ווען אָנקומען וועט יענע רעגע,
ווען ס׳וועט זיך פארציִען דער
אײַזערנער שלייף
און אראָפּ וועט פון פײַער א רעגן...

עס קלאפּט א מאָטאָר. ווער טראָגט
זיך אהער
אין כוישעך פון נאכט פארוויקלט?
דאָס פליט פון שטאב דער אדיוטאנט,
און ס׳קנאקט זײַן מאָטאָציקל.

א לעמפּעלע בליצט בא אים אין
דער האנט,
ער נישטערט צווישן די טאנקען...
— אווו איז לעווין דער סערזשאנט?
— לעווין? דאָרט, אין זעמליאנקע!

— שטיי אוף, סערזשאנט! עס ווארט
אף דיר דער גענעראל,
דאכט זיך, דו ווייסט זײַן טעווע...
הער און ענטפער, קורץ און קלאָר.
פארשטאנען, מיילעך לעווין?

עס קלאפּט א מאָטאָר. עמעצער יאָגט
אין כוישעך פון נאכט פארוויקלט.
צוויי מענטשן שפּרינגען אראָפּ לעם שטאב
פון הייסן מאָטאָציקל.

א בענקל, א טישל, און אף דער וואנט
עס וויגט זיך א שאָטן אהער און אהין...
א רויטער בלײַער צייכנט א שלייף
ארום דעם האלדז פון בערלין.
— מיילעך לעווין?
— איך הער, גענעראל!
— צווייטער נומער?
— יאָ, גענעראל!
— א מוזיקאנט?
— יאָ, גענעראל!
— שפּילסט אף א פּויק?
— ניין, גענעראל!
— נו, אף א פלייט?
— ניין, גענעראל!
— אף א טרומייט?
— ניין, גענעראל!
— אף וואָס זשע שפּילסטו, ענטפער,
סאָלדאט!
— אף א הארמאט.
— און פאר דער מילכאָמע?
— א פידל געהאט!
— א פידל! אן אידעלער אינסטרומענט!

שאף אן אָרקעסטער! דו — דיריגענט!
אָבער עקסטרע. הײַנט באנאכט.
און קום ראפּאָרטירן — מאָרגן. אכט.
איך וויל, אין בערלין, ווען מיר׳ן ארײַן,
זאָל שפּילן מוזיק, זאָל פריילעך זײַן.
אלץ פארשטאנען? ענטפער, סערזשאנט!
זע נאָר, דו שווײַגסט עפּעס גאָר,
מוזיקאנט...
מיילעך לעווין, וואָס איז מיט דיר? —
פרעגט אים דער אלטער קאָמאנדיר.
— האָסטו א ווײַב?
— געהאט, גענעראל!
— האָסטו א קינד?
— געהאט, גענעראל!
— א טאטן, א מאמען?
— געהאט, גענעראל!
— ווו זײַנען זיי אלע?
שטיל אין זעמליאנקע, א לעמפּעלע
ציטערט.
און ס׳הערט זיך אן ענטפער:
— אלע... צעשניטן...
אפילע דעם זיידן געשלעפּט פון
דער שטוב
שפּילן א „פריילעכס“ בא דער גרוב.
נאָר איך האָב געשוואָרן, געגעבן א וואָרט,
בא זיך אין דער היימשטאָט, אף
יענעם אָרט,

אז קאַלזמאַן עס לעבט נאָך דער
לעצטער פאַשיסט,
בין איך ניט קיין פידלער — אָן
אַרטילעריסט!
איך שווער אײַך — איך ווייס ניט קיין
גרעסערן גליק,
ווי דאַן, ווען עס שפּילט מײַן האַרמאַט
זײַן מוזיק...
דערלויבט, גענעראַל, לאָזט מיך צוריק...
א ראַקעטע שנײַדט ווי א דימענט דעם
הימל...

א בלויער פלאַם אין דער נאַכט.
און ס'פליִצט פון האַרמאַטן א פײַער —
די לעצטע אַנטשיידנדע שלאַכט.

עס ברענט בערלין!
און ערגעץ אַף גאַסן
פאַרלעשט זיך דער לעצטער קנאַל...
— אכטונג! עס פּאַרט דער גענעראַל!
— סערזשאַנט לעווין!
— איך הער, גענעראַל!
— פאַר דיר א מאַטאָנע...
— א דאַנק, גענעראַל!
— זעסטו די פידל?
— איך זע, גענעראַל!
— דו ביסט ניט מיד?
— ניין, גענעראַל!
— איז שפּיל אויס א ליד...
— איך שפּיל, גענעראַל!
— שפּיל איצט אין פריידן...
— איך שפּיל, גענעראַל!
— פאַר טאַטע־מאַמע, פאַר דעם זיידן...
— איך שפּיל, גענעראַל!

* * *

עס ברענט בערלין. פון הויכע מויערן
דערטראָגן זיך אופרײַסן איינציקע...
בא די בראַנדענבורגער טויערן
שפּילט א „פריילעכס" דעם קלעזמערס
אייניקל.

1945

מיט גוואַלד אוועקגעשטעלט אַף די פענצטער, געשאָסן אין זיי פון הינטן, און ווען א דערהאַרגעטער איז אַראָפּגעפאַלן, האָבן די הינט געשריִען: „איר זעט, ווי די ייִדן נאַרן? ער קען שפּרינגען, און זאָגט, אַז ער קען ניט"... איז אָט... — און דער קאָמאַנדיר האָט קורץ באַפוילן: — בלוט פאַר בלוט!

אין איינע עטלעכע רעגעס איז דער גאַנצער אָטריאַד געווען גרייט ארויסצוטרעטן.

עס איז געווען א וואָלקנדיקע נאַכט. דער וועג איז געלעגן דורך א וואַלד. דער קאָמאַנדיר פונעם אָטריאַד, — א פּאַרזיצער פון א דערבײַיקן אוקראַיִנישן קאָלווירט, וואָס האָט געוווּסט דאָ אַלע שטעגן און וועגן, — האָט געפירט די מענטשן אזוי, אַז אַפילו א ריטעלע האָט אונטער די פיס ניט געפּלאַצט. לייבל גאָלוב האָט געשפּאַנט אַקסל צו אַקסל מיט סטעפּאַן קאַסאַטקינען און געטראַכט: מ'גייט זיך צעצאָלן מיט די פאַשיסטן פאַר די יעסורים און פּלאָג, וואָס זיי האָבן פאַרשאַפט זײַן, גאָלובס, געבורטשטעטל, און דער — פריש, געזונט און מעשוגע דערבײַ — האָט אַף זיך אָנגעטשעפּעט די האַרמאָשקע.

און אָט האָט דער קאָמאַנדיר געגעבן א צייכן:

— פויזען!

און דער גאַנצער אָטריאַד האָט גענומען פויזען.

דעם ערשטן דײַטשישן וואַך־פּאָסטן האָט אַראָפּגענומען גראַד קאַסאַטקין. און ווען פּריץ אָדער האַנס, שיידים ווייסן ווי ער הייסט דאָרט, האָט שוין א טויטער זיך א וואַקל געטאָן, האָט אים קאַסאַטקין העפלעך אונטערגעהאַלטן און פאַרזיכטיק געהאָלפן אים אויסציִען זיך: זאָל ער באַם פאַלן ניט אופהייבן קיין פאַרדעכטיקן גערויש.

דערנאָך האָבן די פּאַרטיזאַנער זיך ארײַנגעריסן אין שטעטל און צעצאָלט זיך מיט די דײַטשן ווי עס געהער צו זײַן — בלוט פאַר בלוט!

אין סאַמע ברען פונעם אָנפאַל האָט קאַסאַטקינען געטראָפן א פאַשיסטישע קויל.

גאָלוב האָט גענומען דעם כאַווער צו זיך אַף דער פּלייצע און אַף אַלע פיר זיך אוועקגעלאָזט צוריק אין וואַלד. קאַסאַטקין איז געווען א געזונטער יאַט, אַן אָנגעגאָסענער מיט גוווּרע, און גאָלוב — א דאַר, קוואַר מענטשל מיט א קורצן אָטעם. אָבער דער גרויסער פאַרלאַנג צו ראַטעווען א כאַווער האָט אים צוגעגעבן קויעך. קוים כאַפּנדיק דעם אָטעם, האָט ער געשלעפּט אַף זיך די שווערע לאַסט.

— לייבאַ, שטיי... — האָט דער פאַרווונדעטער א שעפּטשע געטאָן. גאָלוב האָט זיך אָפּגעשטעלט. — לייבאַ... — האָט קאַסאַטקין אָפּגע־

קרעכצט. — געמיינט האָב איך, אַז מיטן וועג וועל איך זיך אָפּפּאַרטיקן... איך...

גאָלוב האָט פּאַטערלעך אַ גלעט געטאָן דעם כאָוער איבערן קאַלטן, שווייסיקן שטערן.

— סטיאָפּאַ, ניט איצט... שפּעטער... אין זעמליאַנקע.

— ניט דאָס, לייבאַ... — באַ קאָסאַטקינען איז מיטאַמאָל דאָס קאָל געוואָרן לויטער, ווי באַ אַ געזונטן. — טו אַ קוק, זײַ אַזוי גוט, די האַרמאָן איז ניט צעקאַליעטשעט?.. עך, ווען דו שפּילסט!.. אַ האַרמאָן איז אַ גוטע כאַווערטע... גאָר אַ גוטע...

און איז לעבנסלאָז געבליבן הענגען אויף גאָלובס פּלייצע.

צוריק צו זיך אין וואַלד זײַנען די פּאַרטיזאַנער געקומען אָן דעם אומגעקומענעם קאָסאַטקינען. עטלעכע מענטשן זײַנען געווען פאַרוווּנדעט. אויך לייבל גאָלוב האָט דעם סוינעס קויל ניט געמיטן. ער איז געווען פאַרוווּנדעט אין דער רעכטער האַנט.

אַ גאַנצן טאָג איז אין זעמליאַנקע געווען טומלדיק. צו פאַרנאַכט איז מען זיך צעגאַנגען ווער וווּהין, און גאָלוב איז געלעגן איינער. אויף קאָסאַטקינס אָרט איז געלעגן זײַן טרײַע כאַווערטע — די האַרמאָניקע. גאָלוב האָט זיך עטוואָס אויפגעהויבן, גענומען מיט דער געזונטער, לינקער האַנט די האַרמאָניקע און עטלעכע מאָל אַ צי געטאָן אַרויף און אַראָפּ. די האַרמאָניקע האָט אָפּגעענטפערט מיט אומדײַטלעכע, ראַכמאָנעסדיקע טענער און איז אַנשוויגן געוואָרן מיט אַ לאַנגן, דומפּן זיפץ.

גאָלוב האָט אויך אָפּגעזיפצט:

— ווירקלעך, אַ ייִד שפּילט ניט אויף אַ האַרמאָן...

ער, גאָלוב, איז גאָר אַ זעצער. צוויי צענדליק יאָר איז ער אָפּגעשטאַנען באַ די זאַץ־קאַסעס און געזעצט ביכער. דערנאָך, ווען די שטאָט, ווו ער האָט געאַרבעט, האָבן פאַרכאַפּט די פאַשיסטן און אונטערוועגנס — אויך זײַן געבוירט־שטעטל צעטאָפּטשעט, איז ער, גאָלוב, אַוועק צו די פּאַרטיזאַנער. קיין גרויסע העלדנטאַטן האָט ער ניט אויפגעטאָן, אָבער דאָס פּאַרטיזאַנישע ברויט האָט ער אומזיסט ניט געגעסן. צײַטנווײַז האָט ער געטרוימט: עס וועט נאָך קומען אַ צײַט, ווען ער וועט ווידער שטיין באַ די קאַסעס און וועט זעצן. אָבער וואָס האָט זיך אויסגעלאָזן?.. אין דער רעכטער האַנט איז ער שוין ניט קיין זעצער און ניט קיין פּאַרטיזאַנער.

גאָלובס שווערע געדאַנקען האָט איבערגעריסן דער קאָמאַנדיר. דער געווײנלעך רויִקער קאָמאַנדיר איז איצט געווען היפּש אויפגערעגט.

— ענדלעך... — האָט ער קורץ און אָפּגעהאַקט געזאָגט און אײַליק גענומען זיך גרייטן אין וועג.

לייבל האָט געוווּסט, אין וואָס עס גייט. ענדלעך, הייסט דאָס, איז געקומען די צײַט אויפרײַסן די אײַזנבאַן. געהאַנדלט האָט זיך אָט וועגן וואָס: די פאַשיסטישע הינט האָבן ווי פאַר פײַער מורא פאַר די פּאַרטיזאַנער. באַטאָג וווערט די אײַזנבאַן אינגאַנצן ניט באַנוצט. קיין שום באַוועגונג. די איינציקע טראַנספּאָרט־מאַגיסטראַל זײַנען די גרונט־ און שאָסיי־וועגן. די לאַסט־אויטאָמאָבילן און די פויערישע פורן ווערן באַגלייט פון פּאַנצער־אויטאָס, נאָר באַנאַכט באַנוצן זיך די אָקופּאַנטן מיט דער אײַזנבאַן, און אויך, פאַרשטייט זיך, מיט גרויס פאָרזיכטיקײַט. די פּאַרטיזאַנער האָבן שוין עטלעכע מאָל געוואָלט אויפרײַסן די אײַזנבאַן, קעדיי אַראָפּפירן פון די רעלסן די פאַשיסטישע עשעלאָנען מיט אַלץ מיטאַנאַנדער. נאָר עס האָט זיך אַלץ ניט אײַנגעגעבן. און גראָד דאָ ניט לאַנג האָט די אויסשפּירונג געבראַכט אַ ידיִעה, אַז הײַנט באַנאַכט דאַרף דורכגיין אַ צוג מיט זייער וויכטיקער באַוואָפענונג. דעריבער דאַרף נאָך הײַנט אָפּגעטאָן ווערן דאָס נייטיקע שטיקל אַרבעט...

און „דאָס שטיקל אַרבעט“ איז אַזאַ: נאָענט באַ דער באַן־ליניע געפינט זיך דאָס וועלדל, וואָס טראָגט די צונעמעניש „קריניצע“. דער באָדן אינעם וועלדל איז אַזוי זומפּיק, אַז ווען מע גייט אַ שטעל אַ פוס, ווערט מען אײַנגעזונקען, ווי מע וואָלט אַרײַנגעפאַלן אין אַ טיפער קרענעצע. ווײַכן די דײַטשן פונעם וועלדל, ווי זיי ווײַכן פון די געדיכטע וועלדער, ווו עס געפינען זיך די פּאַרטיזאַנער. איז אָט, אין אָט דער „קריניצע“ באַהאַלטן זיך הײַנט אויס די פּאַרטיזאַנער. איינער פון זיי רײַסט אויף די רעלסן גאָר נאָענט פונעם וועלדל. דער אויפרײַס דאַרף דורכגעפירט ווערן אַזוי, אַז דער צוג זאָל טייקעף אַראָפּ פון די רעלסן. בלײַבט דער צוג גאַנץ, דאָס הייסט דער מאַשיניסט באַווײַזט אים באַצײַטנס אָפּשטעלן, דעמלט שפּרינגען אַרויס די פּאַרטיזאַנער פון זייער באַהעלטעניש — פון דער „קריניצע“, פאַלן אָן אויפן צוג, ברענגען אום די וואַך, און ווײַטער איז מען שוין באַלעבאָס איבער דער פאַרכאַפּטער באַוואָפענונג.

— ניט באַשערט מיר אָנטיילצונעמען... — האָט גאָלוב טויב אַרויסגערעדט און טרויעריק אַ ווונק געטאָן אויף דער פאַרוווּנדעטער האַנט.

— יאַ־אַ־אַ!.. — האָט אים אונטערגעהאַלטן דער קאָמאַנדיר. — אַ שאָד, אַ שאָד קאָסאַטקינען... אָך, איז דאָס געווען אַ מײַדים אויפרײַסן... נו!.. — ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט. — לאָמיר זיך צעקושן... ווער ווייסט?..

גאָלוב האָט זיך ניט קיין וואָרף געטאָן קושן, — ער האָט זיך אַ ריס געטאָן פונעם אָרט און געבליבן שטיין אויסגעצויגן.

— קאָמאַנדיר... איך מיין, כאָווער... דאָס הייסט, טײַערער כאָווער... — ער האָט זיך פאַר־

5—3062

כלינעט פון ווערטער. — דערלויבט מיר... אָנ־שטאָט קאָסאַטקינען...

— ביסט פון זינען אַראָפּ?.. — ער האָט א ווונק געטאָן אַף דער קראַנקער האַנט און גלײַך צוגעגעבן ווייך: — די צײַט איז טײַער... נו!.. — און ווידער געוואָלט זיך אָפּגעזעגענען.

נאָר גאָלוב איז ניט אָפּגעשטאַנען. ער האָט גערעדט, און דערוויזן, און געטײַנעט. ס׳האָט זיך באַקומען, אַז זײַן פּאַך איז, אייגנטלעך, אויסשליסלעך אופרײַסן אײַזנבאַנען.

— נו, רעכט...

דער קאָמאַנדיר איז, ענדלעך, אײַנגעגאַנגען. ער האָט דערקלערט גאָלובן, ווו, אַף וואָסער באַ־צירק די אײַזנבאַן דאַרף אופגעריסן ווערן, און האָט אים איבערגעגעבן דעם אופרײַס־שטאָף און דעם צינד־שנור.

די דרײַ קלעצלעך אופרײַס־שטאָף זײַנען לויטן קאַליר און לויט דער פאָרם געווען גוואַלדיק ענ־לעך אַף דרײַ שטיקלעך טואַלעט־זייף.

די דרײַ קלעצלעך אופרײַס־שטאָף און דעם שנור האָט גאָלוב פאַרוויקלט מיט מאַרליע אַרום דער קראַנקער האַנט, אַזוי, אַז איצט האָט ער זי געמוזט אָנטאָן אַף אַן איבערבונד איבערן האַלדז. א האַנט־גראַנאַטע האָט ער אַראָפּגעלאָזט דורך דער דורכגעריסענער קעשענע אונטערן אונ־טערשלאַק פון דער פּאַלטאָ און זיך געלאָזט פון זעמליאַנקע. נאָר מיטאַמאָל האָט ער זיך א וואָרף געטאָן צוריק, גענומען די האַרמאָניקע און אָנ־געטאָן זי איבער דער פּלייצע.

— לייבאַ! — האָט דער קאָמאַנדיר פאַרוווּנ־דערט אויסגערופן. — דו שפּילסט דען אַף אָט דער צאַצקע?..

— אָהאָ, נאָך ווי!..

די צוויי פּאַרטיזאַנער האָבן זיך האַרציק צע־זעגנט.

ווי אַפּצולאָכעס האָט די לעוואָנע געשײַנט, כאָטש קלײַב נאָדלען. און רונד־אַרום קיין לעבע־דיקער נעפעש. א שטילע נאַכט. גאָלוב איז זיך געגאַנגען און זיך אָנגעשטרענגט אײַנגעהערט צו יעדן קלאַנג. בלויז די האַרמאָניקע האָט עטוואָס פאַרשווערט דעם גאַנג.

און אָט איז שוין דער באַצירק, ווו ער דאַרף אָפּטאָן דאָס נייטיקע „שטיקל אַרבעט“. גאָלוב איז מיטאַמאָל צוגעפאַלן צו דער ערד: עפּעס רוישט. ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין א גראָבן לעבן וועג. עס זײַנען פאַרלאָפן עטלעכע גע־ציילטע מינוטן, און איבער די רעלסן האָט זיך דורכגעטראָגן א דרעזינע. גאָלוב האָט קאָנטעט א שמייכל געטאָן: דאָס קאָנטראָלירן די פאַשיסטן דעם וועג. הייסט עס, מע וואַרט אַף א צוג. די אויסשפּירונג האָט געבראַכט פּינקטלעכע ידיעות. גאָלוב איז אַרויסגעקראָכן פונעם גראָבן, צוגע־

אווראָם גאַנטאַר

לייעלע

דרײַ סאָסנעס האָבן עס געזען,
דרײַ שלאַנקע סאָסנע־ביימער.
איצט וויגן זיי די קרוינען
אַף א גרוב מיט ביינער.

מ׳האָט געבראַכט פון שטאָט אַהער
קליינע קינדער שטילע.
אויסגעטאָן זיי נאַקעטע —
די העמדעלעך אַפילע.

און א גרוב פאַר אַלעמען
איז שוין גרייט געשטאַנען.
נאָר די קלענסטע, לייעלע,
האָט גאָרנישט ניט פאַרשטאַנען.

לייעלע די לאָכערקע
האָט דעם קאָפּ פאַריסן:
ווער עס שיט עס זאַמד אַף איר,
וויל די קליינע וויסן.

און די דינע הענטעלעך
האָט זי אויסגעצויגן:
— פעטערל, וואָס שיט איר עס
זאַמד מיר אין די אויגן?

ס׳האָט דאָס פעטערל געלאַכט
און געשאָסן פלינקער.
מיר פאַר לייעס אייגעלעך,
מיר פאַר אירע פינגער.

דרײַ סאָסנעס האָבן עס געזען,
דרײַ שלאַנקע ביימער שטומע.
וויגן זיי זיך וויינענדיק,
וויינען זיי און ברומען.

ניט קיין פעך פון ביימער טריפט,
בלוט אַף נאָדל־בלעטער.
קינדער מײַנע, טײַבעלעך,
אייביק לעבן וועט איר.

1945

פויזעט צו די רעלסן, אײנעם געהעריקן אָרט אונטערגעלײגט די דרײַ שטיקלעך אופרײַסשטאָף, דערנאָך צוגעפּעסטיקט דעם צינד־שנור. איצט בלײַבט נאָך אוועקפּויזען צוריק אַף די דרײַסיק מעטער — די לענג פונעם שנור, — אָפּליגן אין באהעלטעניש, ביזוואנען עס וועט זיך דערהערן די קלאפּערײַ פון די רעדער, אין דער געהעריקער רעגע אונטערצינדן, און —

— הורא!

א סאָף צום פאשיסטישן צוג...

אין דער זעלבער רעגע אָבער האָט גאָלוב דערזען, אז פון ערגעץ זײַנען ארויסגעשפּרונגען עטלעכע פאשיסטישע מאָטאָציקלען און שיסן לענגויס דעם וועג. א קויל האָט א ברי געטאָן לייבל גאָלובס געזונטע האנט. א שארפער ווייטעק האָט אָפּגעלײמט די האנט. און אָט הערט זיך שוין דער שווערער, האמעטנער גאנג פון א פאנצערצוג. לאנג טראכטן איז איצט ניט די צײַט. איין אויסוועג.

גאָלוב האָט בליצשנעל אראָפּגעריסן פון זיך די הארמאָניק און אָפּגעשלײַדערט זי ווײַט אין פעלד ארײַן — זי זאָל ניט שטערן. דערנאָך, פּונקט אזוי בליצשנעל, האָט ער אונטערגעצונדן דעם שנור. א דונער־קנאל האָט זיך צעטראָגן ווײַט ארום אין דער נאכט. און דער צוג, וואָס האָט זיך געטראָגן מיט אזא אימפּעט, האָט ווייטעקלעך א קרעכץ געטאָן מיט אלע זײַנע פארווונדעטע גלידער, און א וואגאָן נאָך א וואגאָן האָבן ווי שיקורים גענומען פאלן אונטערן באַנשיט.

די פאשיסטישע וואך האָט זיך גענומען טראָגן הין און הער, ווי צעדולט: ארויסשלעפּן די פארוווּנדעטע און די טויטע. נאָר דאָ האָט א זעץ געטאָן די „קריניצע": די פּארטיזאנער זײַנען ארויסגעשפּרונגען פון זייער באהעלטעניש און גענומען פארניכטן אײנעם נאָכן צווייטן די היטלערישע הינט.

דער אָנגעמערקטער פּלאן האָט זיך אײַנגעגעבן: דער פאשיסטישער צוג איז געבליבן אין די הענט בא די פּארטיזאנער.

ווען מע איז געקומען א ביסל צו־זיך, האָבן די פּארטיזאנער גענומען זוכן לייבל גאָלובן. פון אים איז אָבער קיין זייכער ניט געבליבן. צוזאַמען מיט שטיקער שפּאלעס און צעבראָכענע רעלסן האָט דער אופרײַס ווײַט צעוואָרפן לייבל גאָלובס צעמאָלענעם קערפּער.

בלויז די הארמאָניק איז געלעגן אין הוילן פעלד א גאנצע, אן אומבארירטע, אָן איין פּגימע, און געווארט אַף מענטשלעכע פינגער, וואָס וועלן אַף איר אויסשפּילן די הערלעכע ליד פון אונדזער גרויסן זיג.

1943

אנע סטעלמאך

א געמעל אף א בעכער

— אַבי ניט קיין געוויטער, — האָט געזאָגט ראָזענבערג, באַטראַכטנדיק דעם האָריזאָנט, — אַבי ניט קיין רעגנס, קיין בלאָטעס, וואָלט מען נאָך געקאָנט לעבן אף דער וועלט...

ער איז געווען הויפּט־ענערגעטיקער פון דער בויונג, און מער פון אַלץ אף דער וועלט האָט ער איצט מוירע געהאַט פאַר א וואָלקן, וואָס מע רופט אים איצט אין דער מעטעראָלאָגיע „קאָוואַדלע". אָנהייב זומער פלעגט דער דאָזיקער וואָלקן דאַפקע ליב האָבן באַווײַזן זיך איבער דער בויונג, און שטענדיק פלעגט ער ברענגען מיט זיך געוויטערן, שלאַקסרעגנס און אַוואַריעס. לעכאַטכילע פלעגט עס, אייגנטלעך, צוגיין גאַנץ לײַטיש: אף א לויטער־בלויען הימל באַווײַזט זיך אַן אומשולדיק געדיכט־ווײַס כמאַרעלע, וואָס האָט ניט אַרויסגערופן קיין שום כשאַד, דערנאָך נעמט אָן דאָס כמאַרעלע א פאָרם פון אַן „אוגערקע", און די ראַנדן ווערן באַלויכטן גרוילעך־געל, ווי כיילעוו אָדער פּאַראַפין, וואָס האַלט זיך אין איין שמעלצן. מיטאַמאָל בײַט דער וואָלקן זײַן מאַרע, און אפן הימל באַווײַזט זיך א סילועט פון א „קאָוואַדלע" מיט א גראָבן „פּוס" און מיט צוויי הערנער, כאַטש נעם און האַק איבער איר מיט א האַמער. די הערנער הייבן זיך אָן רייכערן און צעשווימען זיך אין א שוואַרץ־רויכיקער כמאַרע, וואָס פאַרציט א האַלבן הימל. באַזונדערס שרעקלעך איז געווען דעמלט, ווען אפן הימל פלעגן זיך אויסשטעלן מיטאַמאָל צוויי־דרײַ אַזעלכע „קאָוואַדלעס".

נאָר איצט איז דער הימל געווען וווּנדערלעך קלאָר, און ראָזענבערג האָט געקאָנט רויִק נעמען זיך צום טואַלעט. דער טאָג איז געווען ניט קיין געוויינלעכער — דער טאָג פונעם צווייטן מײַ, וואָס מע פלעגט אים באַזונדערס פײַערלעך אָפּמערקן אף דער בויונג, ווײַל פריִער מיט עטלעכע יאָר האָט מען אין אָט דעם טאָג די בויונג געגרינדעט. אינדערפרי, אַזייגער צען, פלעגן זיך שוין באַווײַזן בא די גאַנעקעס מאַנצבלען — גוט אויסגעשלאָפענע, ריין אײַנגעוואַשענע, מיט א רייעך פון אָדעקאָלאָן, אויסגעפּוצט אין נײַע אָנצוגן און גלאַנציק געוועקסלטע שיך.

אַזייגער עלף פלעגן מיטאַמאָל זיך צעעפענען אַלע טירן און פענצטער איבער דער גאַנצער בויונג, און פון אינעווייניק פלעגן זיך לאָזן זען געשפּרייטע טישן, באַלאָדן מיט קאָלטווו. פון אַלע הײַזער הערן זיך גערוכן פון געפּרעגלט פלייש און פיש, טאָרט און פּאַרפּראַוועטע בראַנפנס, וואָס מישן זיך מיטן רייעך פון פעלד־טולפּאַנען און ראָמאַשקעס, ווײַל אַלע אף דער בויונג פלעגן באַקומען באַזאָרגונג פון די זעלבע קראָמען און רײַסן בלומען אין דעם זעלבן סטעפּ. א גאַנצן טאָג דערנאָך שטייען שוין די הײַזער מיט אָפענע טירן און פענצטער, און פון שטוב צו שטוב גייען אַרום כאָפּטעסווײַז געסט.

באַטאָג, אַזייגער דרײַ, איז ראָזענבערג שוין געזעסן אף זײַן פערטן וויזיט. ער האָט געהאַלטן אין האַנט א זילבערנעם בעכער און געוואַרט אפן אָרדנטלעכן טאָסט. דער באַלעבאָס האָט ניט געקאָנט זיך אײַנפּאָרען מיט די פילצאָליקע געסט. און ראָזענבערג האָט געהאַט דערווײַל גענוג צײַט אף צו קלערן. די געפאַר פון א געוויטער האָט אים ניט געלאָזט צורו. ער האָט גוט געוווּסט, אַז די הויכוואָלטיקע ליניע פאָדערט א קאַפּיטאַלן רעמאָנט. די אַכרײַעס פאַר איר נאָרמאַלער אַרבעט ליגט אף אים, און פריִער ווי אין צוויי וואָכן אַרום קאָן מען צו דעם דאָזיקן רעמאָנט זיך ניט נעמען, ווײַל פונעם לעצטן געוויטער און פון די פרילינגדיקע רעגנס איז די ערד שטאַרק צעווייקט. ער האָט באַשלאָסן איצט וועגן דעם ניט טראַכטן און גענומען קוקן אף זײַן בעכער.

אַזעלכע בעכערס — גרעסערע און קלענערע — איז אים אויסגעקומען זען אַמאָל אין דער קינדהײַט, בא זײַן מאַמען און בא די קרויווים אין די איצט ווײַטע אוקראַיִנישע שטעטלעך. אַזעלכע בעכערס זעט ער אויך דאָ אף סימכעס אין זײַן קאָלעקטיוו, אף דער בויונג. דער בעכער זײַנער איז געווען באַדעקט מיט א מין אײַנגעקריצט געפלעכט פון רינגעלעך און דריידעלעך, און איןביידע זײַטן — צוויי אײַנגעשניטענע פּייזאַזשן אין צוויי קײַלעכדיקע רעמעלעך פון שוואַרצלעכן אָקסידירטן זילבער, וואָס האָט זיך שטאַרק אויסגעטיילט אפן ווײַסן, שוואַך באַגילדטן זילבער פונעם בעכער. אייגנטלעך, ניט קיין צוויי פּייזאַזשן, נאָר צוויי געמעלן פון איין

און דער זעלבער גאס אין פארשיידענע עקן אירע, אָדער פון צוויי גאסן, זייער ענלעכע איינע אף דער צווייטער. אין איין רעמעלע — עטלעכע דרײַשטאָקיקע הײַזער מיט שארפע גאָטישע דעכער, מיט הויכע, שמאָלע פענצטער. א טורעם און נאָך א טורעם. א ווינקל פון א רײַכער געבײַדע (א פאלאץ אָדער א ראָטהויז) מיט א הויכן שפיץ. דערנאָך א שטאָט־וואל, א שטעטך וואסער און לעבן דעם וואל א מאָדנער מין בוים, וואָס זײַן גאנצע קרוין איז פאָרגעשטעלט אין דער פאָרם פון איין בלאט. אינעם צווייטן רעמעלע — דער זעלבער שטעטך וואסער, נאָר מיט געוועלבן פון א בריק איבער אים, און מיט פונקט אזעלכע הײַזער און שפיצעכדיקע טורעמס.

ראָזענבערג האָט געקוקט און האָט געטראכט: פונוואנען שטאמט דאָס דאָזיקע געמעל? וועלכע מיטלאלטערלעכע שטאָט איז דאָ פאָרגעשטעלט? רעגענסבורג? קעלן? אמסטערדאם? גיכער פון אלץ אמסטערדאם, וואָס איז געווען באוווּסט מיט זײַנע ייִדישע גאָלדשמידן. דאָס האָבן זיי איינמאָל פאר אלעמאָל ארײַנגעשניטן זייער שטאָט אין זילבער. און אזוי גייט זי בעירושע פון בעכער צו בעכער ביז אהער. מעגלעך, אז דאָס דאָזיקע געמעל איז ניט איין מאָל ארײַנגעפאלן אין די הענט פון געניִאלע מײַסטערס, וואָס זײַנען געווען בעקויעך ארײַנטראָגן נײַע מאָטיוון אין זײַן אינהאלט, נאָר די הייליקע טראדיציע האָט זיי געצוווּנגען איבערכאזערן דאָס טויזנטסטע מאָל דאָס זעלבע געמעל.

אין צימער איז פלוצעם געוואָרן שטיל. דער באלעבאָס פון שטוב — אניסימאָוו — האָט געגעבן א צייכן, און דער שעף פון דער בויוּנג האָט צום וויפלטן מאָל שוין הײַנטיקן טאָג אויסגערופן א טאָסט:

— פאר אונדזער ניצאָכן!

אנטקעגן ראָזענבערגן איז געזעסן דזשאלמאגאָמבעטאָוו, דער בארימטער ערדגרעבער, דער אינסטרוקטאָר פון סטאכאנאָווישע ארבעטס־מעטאָדן. די פיגור דזשאלמאגאָמבעטאָווס איז געווען פונקט אזוי לאנג און אויסגעצויגן, ווי זײַן נאָמען, נאָר יעדער שמייכל פון זײַן פרישן מויל און פון די לאנגע טונקעלע אויגן איז געווען אײַנגעטונקען אין כיין. ראָזענבערגן איז ניט איין מאָל אויסגעקומען צו ארבעטן צוזאמען מיט אים. ער האָט אים ליב געהאט אהאוואס־נעפעש, און ער האָט געוווּסט, אז דזשאלמאגאָמבעטאָוו האָט אים ליב ניט ווייניקער. דעריבער האָבן זיי זיך אָנגעקוקט און, ניט וויסנדיק וואָס צו זאָגן, האָבן זיי לאכנדיק געשריִען איינער צום אנדערן אריבערן טיש:

— יאָסיף אבראמאָוויטש!

— דזשאלמאגאָמבעטאָוו!

לעבן ראָזענבערגן איז געזעסן דער הויפט־ אינזשעניער יאָזעפאָוויטש. ער האָט געפרעגט בא ראָזענבערגן:

— פונוואנען קומען אהער אָט די בעכערלעך? אין אלע הײַזער זע איך פונקט אזעלכע בעכערלעך.

ראָזענבערג האָט א שמוך געטאָן און געזאָגט:

— פרעגט בא דער באלעבאָסטע!

מיטאמאָל האָבן אלע אָנגעהויבן שרײַען צו יאָזעפאָוויטשן:

— א טאָסט! א טאָסט! אבראם איליטש, א טאָסט!

און יאָזעפאָוויטש האָט געענטפערט:

— ניט דאָ, בא די סאזאָנאָווס. קומט, זיי ווארטן. זיי קאָנען זיך באליידיקן.

בא די סאזאָנאָווס האָט מען אויך דערלאנגט גערייכערט פלייש, ווי בא די אניסימאָווס, און אָנשטאָט פראָסטן בראנפן האָט מען דערלאנגט זובראָווקע. ראָזענבערגן האָט מען אָנגעגאָסן אין א בלויען גלעזערנעם קעלישעקל, אָבער „זײַן“ בעכער איז אויך געווען אפן טיש. ער איז געשטאנען אנטקעגן אָסטראָווסקין און האָט געשײַנט מיט דער גאנצער פראכט פון זײַנע שפיציקע טורעמס. דערפאר איז לעבן ראָזענבערגן געשטאנען א שיינער טעלער, פול מיט געבעקס. אז מע האָט אראָפגענומען דאָס לעצטע שטיקל טאָרט, האָט דער טעלער א גלאנץ געטאָן פאר זײַנע אויגן, ווי א געפלאסטערטער הויף. אינמיטן הויף איז געשטאנען א פרעכטיקער האָן — א גיבער, אינעם רומפולן בלענד פון זײַנע רויט־גרין־גאָלדענע פעדערן, מיט א קרעפטיקער ברוסט, מיט א שטאָלענעם שטאָלץ־אויסגעבויגענעם האלדז, מיט א קריגערישן רויט־אָנגעגאָסענעם קאם — א האָן א קעמפער, אין זײַן גאנצער גרויזאמער שיינקײַט.

— א וווּנדערלעכע זאך, — האָט געזאָגט יאָזעפאָוויטש, — ווּהין מיר קומען ניט, זײַנען אומעטום פאראן אזעלכע טעלער און אזעלכע בעכערלעך. וואָס זאָל עס באטײַטן?

ראָזענבערג האָט ווידער געענטפערט:

— פרעגט בא דער באלעבאָסטע!

נאָכן אָרדנטלעכן טאָסט האָט יאָזעפאָוויטש זיך אנידערגעזעצט און זיך אָנגעבויגן צו דער באלעבאָסטע. א ביסל האָט ער זיך שוין אָנגעשטויסן. ער האָט אָבער געוואָלט גענוי דערגיין דעם סאָד פונעם געפעס. נאָר זי, די באלעבאָסטע, האָט אים ניט אזוי פארשטאנען. דער מאן האָט זי ניט לאנג אהער געבראכט פון א דערפל אין סיביר, און לויטן מינהעג פון דעם דאָזיקן דאָרף, האָט די באלעבאָסטע געדארפט זיך קושן מיט די געסט נאָך יעדן לעכאיִם — אזוי האָט געפאָדערט דער דאָרטיקער עטיקעט. זי איז אופגעשטאנען און האָט אויסגעצויגן יאָזעפאָוויטשן אירע פוכקע קינדערשע ליפן. לעכאטכילע האָט ער ניט באנומען, וואָס קומט דאָ פאָר, נאָר באלד פארשטאנען און זיך צעקושט מיט דער באלע־

באָסטע. אַלע האָבן געקוקט מיט גרויס ערנסט אַף דער דאָזיקער צערעמאָניע.

וועגן דעם געפּעס האָט שוין יאָזעפּאָוויטש מער ניט געפרעגט: ער איז געפאַלן אַפן סייכל, אַז אַף סימכעס לײַגן די באַלעבאָסטעס איינע דער אַנדערער דאָס געפּעס. און קעדיי ער זאָל נאָך בעסער פאַרשטיין, האָט ראָזענבערג אים דערלאַנגט אַפן וועג צו די קאַהאַנס אַ געפלאָכטן קוישל מיט טעלער, און ער האָט עס געטראָגן צוגלײַך מיט אַנדערע.

אַפן וועג צו די קאַהאַנס איז שוין אין דרויסן געווען קאַלט. ס'האָט געבלאָזן אַ שטאַרקער ווינט, און אַפן אויסגעקלאָרטן הימל איז געשטאַנען אויסגעצויגן אַ געדיכט־ווײַס כמאַרעלע מיט פּאַראַפינענע ראַנדן. ראָזענבערג האָט אַ ציטער געטאָן. יאָזעפּאָוויטש האָט געפרעגט:

— מיט די „אַנשפּאַרן“ איז בא אײַך דאָרט אין אָרדענונג?

ראָזענבערג האָט געענטפערט:

— דער געוויטער קאָן נאָך דורכגיין מיט א זײַט.

בא די קאַהאַנס האָט מען ווידעראַמאָל דערלאַנגט געריכערש פליש, און דער בראָנפן איז געווען פאַרפּראַוועט מיט ווילדרויזן, דער אַמסטערדאַמער בעכער איז ווידער געשטאַנען לעבן ראָזענבערגן.

אין זײַן האַלב־דרעמלדיקן באַוווסטזײַן האָבן אַרומגעבלאָנדזשעט לאַנג פאַרגעסענע קינדערשע באַגערן. אים האָט זיך געגלוסט אין אַלץ באַטייליקן זיך, אין אַלץ זיך ארײַנמישן. ער האָט געקוקט אַפן בעכער, און ס'האָט זיך אים געוואָלט ארײַנקריכן אינעם שמאָלן הויכן פענצטער פונעם ראָטהויז, אַראָפּשפּרינגען אַף אַ שאָבבערעט־געפלאָסטערטן דיל, ארויסגיין דורך אַ געשניצטער שפּיצעכדיקער אַרקע, אַריבערגיין דעם וואַסערשטעט, אַנידערזעצן זיך אונטערן איינבלאַטיקן בוים לעבן „וואָל“...

ער האָט געטראַכט:

רעגענסבורג, וואָרמס, מאַגענצא — ערטער פון רעדיפעס אַף יידן און פון זייער וונדערבאַרער שטאַנדהאַפטיקײַט... ווען איז דאָס געווען? אין מיטלאַלטער? אין דער נײַערער צײַט... און איצט — מײַדאַנעק, אָסווענצים... און איבער דעם אַלעם — אַ שרעקלעכער טשאַד פון געברענט מענטשלעך לײַב. נאָר איך בין געוואַקסן, און איינצײַטיק מיט מיר איז אַף אַ זעקסטל פון דער ערד געוואַקסן און גערײַפט די גרעכטיקײַט.

פון אַלע זײַטן האָט מען צו אים גערעדט. מע האָט אים געשלעפט פאַר די אַרבל:

— ראָזענבערג, אַ טאָסט! יאָסיף אַבראַמאָוויטש, אַ טאָסט!

ער האָט זיך אופגעהויבן און געזאָגט, פונקט ווי פריער יאָזעפּאָוויטש:

— ניט דאָ, בא די באַלענקאָס. קומט. זיי וואַרטן אַף אונדז!

אַז מ'איז ארויס אַפן גאַנעק, האָט ראָזענבערג מיט שרעק דערזען: גלײַך אַנטקעגן זײַנען געשטאַנען אַפן הימל צוויי בלויע, קלאָר געצייכנטע „קאַוואַדלעס“, מיט גראָבע „פיס“ און מיט שאַרפע „הערנער“ — כאָטש שטעל זיך קאַווען אַף זיי. ער האָט אַ קוק געטאָן אַף יאָזעפּאָוויטשן, און יאָזעפּאָוויטש האָט צוגעזשמורעט די אויגן — דאָס הייסט, ער האָט פאַרשטאַנען.

ראָזענבערג איז טייקעף אַוועק אין דירעקציע און האָט זיך אַוועקגעזעצט באַם טעלעפאָן. איינגיכן האָט ער באַקומען אַ ריי קלאָרע ידיעס. פון די סובסטאַנציעס האָט מען טעלעפאָנירט, אַז זיי זײַנען אַף דער וואַך און אַז אין אַ נויט וועט מען געבן צו וויסן. פונעם „עלעקטראָמאָנטאַזש“ האָט מען געמאָלדן, אַז אַ בריגאַדע איז גרייט צום ארויספאָר, אַז פאַר 10—15 מינוט קאָן מען צונויפזאַמלען אַ צווייטע בריגאַדע; די פײַערלעשער האָבן פאַרזיכערט, אַז זיי זײַנען שטענדיק אַף דער וואַך; פונעם גאַראַזש האָט מען געענטפערט: „יעסט“ — צוויי מאַשינעס צו באַלענקאָס הויז און איינע צום „עלעקטראָמאָנטאַזש“.

אַז ראָזענבערג האָט געדאַרפט ארויסגיין פון דער דירעקציע, האָט ער שוין אַליין ניט געקאָנט עפענען די טיר, — אַזוי גרויס איז געווען די „שאַרגע“ אין דרויסן. דער וואַכטיאָר האָט אים געהאָלפן ארויסרײַסן זיך אין גאַס. בא די באַלענקאָס האָט געברענט דער לאָמפּ, און אַלע זײַנען געזעסן שטיל, אײַנהערנדיק זיך אינעם געהויל פון דער „שאַרגע“. ס'איז געוואָרן שטאַרק פינצטער. ראָזענבערג האָט זיך אַוועקגעזעצט בא באַלענקאָן אין שלאָפצימער, ווו ס'איז געשטאַנען דער טעלעפאָן. פּלוצעם איז די שײַן אויסגעלאָשן געוואָרן, און ס'האָט אָנגעהויבן קלינגען דער טעלעפאָן. פון אַ סובסטאַנציע האָט מען געמאָלדן:

— אַפן פינפטן פידער — ערד!

און טייקעף פון דער אַנדערער:

— אַפן נײַנטן פידער — ערד!

דאָס האָט באַטײַט: אַן אַוואַריע אַף דער הויכוואָלטיקער ליניע. די דראָטן האָבן זיך ערגעץ אָנגערירט אין דער ערד.

באַלד זײַנען עטלעכע מענטשן געשטאַנען גרייט צום אָפּפאָרן.

יאָזעפּאָוויטש האָט געזאָגט:

— נעמט מײַן „ווילִיס“, ער גייט דורך אין אַלע וועטערן אַף אַלע וועגן. די איבעריקע מאַשינעס וועלן אים נאָכגיין.

שוין באַם זעצן זיך אין מאַשין האָט ראָזענבערג פּלוצעם זיך אומגעקערט, און אונטערן שלאַקסרעגן איז ער צוריק געגאַנגען אין פּאָדערצימער. גלײַך אַנטקעגן אים אין אַ רעגנמאַנטל איז געגאַנגען דער באַרימטער ערדגרעבער. ראָזענבערג האָט נאָר אויסגעשריִען:

— דזשאַלמאַגאַמבעטאָוו!

דאָס האָט באַטײַט זייער אַ סאַך. דאָס האָט געהייסן: „דזשאַלמאַגאַמבעטאָוו, איך האָב זיך ניט געקענט באַשליסן אָנוועקפֿאָרן אָן דיר. איך ווייס זייער גוט, דו ביסט אַן ערדגרעבער פֿון גאָר אַן אַנדער פֿאַך, בײַ מיר איז אָבער די לאַגע אַן אויסערסט שווערע: ווי גראָבט מען אַרײַן די „אָנשפּאַרן“ אין אַזאַ צעווייקטער ערד?“

דזשאַלמאַגאַמבעטאָוו האָט גלײַך פֿאַרשטאַנען און געענטפֿערט:

— יאָסיף אַבראַמאָוויטש!

זיי האָבן זיך געלאָזט פֿאָרן. די „שאַרגע“ האָט זיך אײַנגעשטילט. אַן איינטאָניקער געדיכטער גוסרעגן האָט געקלאַפּט אין טענט און געשפּריצט פֿון דער זײַט אויף די פֿאָרנדיקע, קורצע בליצן האָבן באַלויכטן דעם „ווילים“, און די צוויי מאַשינעס זײַנען מיט גרויסע שוועריקײַטן נאָכגעפֿאָרן פֿון הינטן. בײַם אַריבערפֿאָרן די באַן־ליניע זײַנען די מאַשינעס שטיין געבליבן, און עמעצער האָט זיך אַרײַנגעזעצט אין „ווילים“. ראָזענבערג האָט דערפֿילט אַן ענגשאַפֿט לעבן זיך, און אַ נאָענט קול, וואָס האָט געשמעקט מיט רעגן און מיט רויזן־בראַנפֿן, האָט אים געזאָגט:

— איך האָב געבראַכט די בריגאַדע פֿון עלעקטראָמאָנטאַזש.

דאָס איז געווען אַניסימאָוו — דער פֿאַרטאָרג פֿונעם ענערגאָ־צעך. צען שטיינער מיטאַמאָל זײַנען אַראָפּגעפֿאַלן פֿון ראָזענבערגס האַרץ. ביז אַהער איז ער געזעסן אין איינע זאָרגן: וויאַזוי וועט זיי די בריגאַדע געפֿינען אין דער פֿינצטער? איצט איז שוין אַלץ געווען רעכט. ער איז געזעסן אין דער פֿינצטער, ענג פֿאַרפּרעסט צווישן פֿרײַנט און מיטאַרבעטער, — ער איז געפֿאָרן מיט זײַנע נאָענטע ליקווידירן אַן אַוואַריע, און קעגן אַזאַ געשלאָסענעם קאָלעקטיוו וויל ן האָט זיך גאָרנישט ניט געקאָנט קעגנשטעלן. אים איז געוואָרן וואַרעם און געמיטלעך. דער רעגן האָט געפּויקט אין טענט, ביזן אָרט פֿון דער אַוואַריע איז נאָך גאַנץ ווײַט, און ניט ווילנדיק האָט ראָזענבערג ווידער גענומען טראַכטן וועגן דעם געמעל אויפֿן בעכער...

„רוים, שפּאַניע, דײַטשלאַנד... — האָט זיך בײַ אים געפּלאָנטערט אין מידן קאָפּ, — שאַרפֿע וויקוכים, פּאָגראָמען, אַלילאַס־דאַם... די „ייִדן־פֿראַגע“ האָט מען דאָס שפּעטער גערופֿן — אַ שרעקלעכער לאַבירינט, וווּ ס'האָבן געלויערט אין יעדן ווינקל פֿינצטערע געשפּענסטער. דעמלט האָט זיך געדאַכט: ס'וועט דורכדרינגען אַמאָל אַהער אַ ליכטיקער שטראַל, ס'וועט קומען וועַן אַהער די זון?“

— עס טאָגט, — האָט זיך פּלוצעם דערהערט אַניסימאָווס קול.

ער האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פֿון אונטערן טענט, און אַלע האָבן אים באַלד נאָכגעטאָן.

דאָס געוויטער איז שנעל געגאַנגען צום סאָף. דער הימל איז געוואָרן קלערער — ס'האָט געטאָגט אינמיטן באַטאָג.

דרײַ טעג און דרײַ נעכט האָבן די מענטשן געאַרבעט בײַם רעמאָנטירן די הויכוואָלטיקע ליניע...

אין איינעם אַ פֿאַרנאַכט איז ראָזענבערג אַרײַנגעגאַנגען אין דער האַלב־אויסגעבויטער געבײַדע, וווּ ער האָט צווישן די דרײַ וועגט אײַנגעאָרדנט אַן עסצימער פֿאַר די אַרבעטער. ער איז געווען שרעקלעך מיד. באַוואַקסן און אויסגעשמירט אין ליים. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפֿן דיל און זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט. אין געדאַנק איז בײַ אים דורכגעלאָפֿן דאָס געשעענע פֿאַר די לעצטע דרײַ טעג. ער האָט געטראַכט: אַניסימאָוו, דזשאַלמאַגאַמבעטאָוו, יאָזעפֿאָוויטש... אין פֿעסט־צעמענטירטע סאָוועטישע מישפּאָכע — גראַניט, געמישט פֿון פֿאַרשיידענע שטאָפֿן. אָט ליגט מײַן קאָפּ אויף אַ שטיקל גראַניט, צונויפֿגעשמאָלצן אין די גרויסע פֿײַערן פֿון דער אורוועלט, — פּרוּוו צעשמעטער עס.

בײַ דער טיר האָט זיך דערהערט אַ באַוועגונג. פֿון דער בויונג איז געקומען קאַהאַן — דער באַרימטער מאָנטאַזשניק. מע האָט אים אַהער אַרויסגערופֿן אויף קאָנסולטאַציע. קאַהאַן האָט געבראַכט מיט זיך אַן עמער.

— אַ גרוס! — האָט ער אויסגעשריִען נאָך בײַ דער טיר, צולייגנדיק די האַנט צום שלייף. — געקומען אין אײַער רעשוס, און אָט דאָס האָבן אײַך געשיקט די ווײַבער.

אין עמער איז געווען געבעקס — פֿון אויבן איז ער געווען צוגעדעקט מיט אַ טעלער. ראָזענבערג האָט אַראָפּגענומען דעם טעלער און האָט אַ קוק געטאָן אויף אים. אַ ברייטער געפּלאַסטערטער הויף האָט אים אַ בליאַסק געטאָן אין די אויגן. אויפֿן הויף איז געשטאַנען אַ האָן אַ גיבער אינעם רומפּולן בלענד פֿון זײַנע רויט־גרין־גאָלדענע פֿעדערן. זײַן קרעפּטיקע ברוסט איז געווען אָנגעשטרענגט, און זײַן גאַנצער קערפּער אויסגעבויגן, ווי אַ מעכטיקער האַרן, וואָס איז גרייט געווען אויסשרײַען אַ בשׂורה אויף דער גאַנצער וועלט: ניצאָכן! ניצאָכן!

און אינגיכן, אַז די אַרבעטער זײַנען געקומען עסן און מע האָט צעגאָסן די מאַשקע אין בעכער און קענדלעך, האָט ראָזענבערג אויפֿגעהויבן דעם אַלטן אַמסטערדאַמער בעכער און האָט געזאָגט:

— כאַווירים! איך בין אײַך שולדיק געבליבן אַ טאָסט. פֿאַר אונדזער ניצאָכן איבערן פֿאַשיזם!

דאָס אַלטע גאָלד האָט אַ שטראַל געטאָן פֿון הינטער די שפּיצעכדיקע טורעמס אויפֿן בעכער, און עטלעכע צענדליק קויסעס האָבן אַ קלונג געטאָן אינעם באַגילדעטן זילבער.

1946



„אונדזער לאַנד האָט דורכגעלייגט דעם וועג צו דער אויספאָרשונג פונעם קאָסמאָס, ארויסגעשיקט דעם ערשטן קינסטלעכן סאַטעליט פון דער ערד־פּלאַנעטע, פאַרווירקלעכט דעם ערשטן פלוג פונעם מענטשן אין קאָסמאָס. דאָס איז א רעזולטאַט פון די מעסירעסנעפּעשדיקע אָנשטרענגונגען, מי און טאַלאַנט פון די סאָוועטישע געלערנטע, אינזשעניערן, טעכניקער, ארבעטער, פון דעם מוט און העראָיזם פון אונדזערע רומפולע קאָסמאָנאַווטן".

טעזיסן פונעם צק קפסס „50 יאָר גרויסע סאָציאַליסטישע אָקטיאַבער־רעוואָלוציע".

שלוימע ראַבינאָוויטש

זין פון דער רעוואָלוציע

(קורצע פאַרצייכענונגען)

ייִדן קאזאקן

1 אנומלטן האָט בעשאס אָן אָוונט אין מאָסקווער שרײַבער־הויז צוגעצויגן מײַן אופמערקזאמקײַט אן עלטערער מענטש, פעסט געבויט, הויך און שלאנק, מיט א שטײַפן טראָט. ווי באקאנט עס זײַנען מיר די אויגן זײַנע! ווו האָב איך אים געזען? פלוצעם האָט א בליץ געטאָן אין מײַן זיקאָרן: יאָ, דאָס איז ער!

— אײַער פאמיליע איז דובינסקי?

— יאָ, דובינסקי. ווער זײַט איר?

— א געוועזענער רויטער קאזאק פון אײַער פּאָלק, פונעם נײַנטן טשערוואָני קאזאטשי פּאָלק.

...1923. סטארי איזיאסלאוול — א קליין שטעטל אַף די מײַרעוו־גרענעצן. מיר זײַנען שוין דאָ א פּאָר כאדאָשים. מיר — יונגע יאטן פון פּאָלעסיע, טשאָנאָווצעס[1], וועלכע זײַנען לויטן רוף פונעם קאָמיוג פרײַוויליק געוואָרן רויטע קאזאקן. איך דערמאָן זיך, ווי גליקלעך איך האָב זיך געפילט, ווען איך האָב אין איין שיינעם פרימאָרגן באקומען א פערד, א פערד — א לייב, א קאזאקישן זאָטל, א לאנגע שפּיז, און דערצו נאָך א שווערד אין א שייד. איידער איך האָב זיך ארײַנגעזעצט אין זאָטל, האָב איך, פארמאכנדיק די אויגן, זיך פאָרגעשטעלט, ווי איך טראָג זיך פּאָרויס און האק מיט מײַן שווערד די קאָנטרא, פּונקט אזוי ווי עס האָבן געטאָן די בודיאָנאָווצעס, טראָגנדיק זיך איבער מײַן שטעטעלע אושאָמיר.

געעפנט די אויגן, האָב איך אָבער דערזען, אז די רעאלעווירקלעכקײַט איז א סאך א הארבערע. מע דארף קוידעמקאָל הארעווען און קנעלן ניט נאָר מיט זיך אליין, נאָר אויך מיטן פאראקשנטן פערד, וואָס בריקעוועט זיך און פאָלגט ניט. נאָר סאָפּקאָלסאָף איז געקומען דער גליקלעכער טאָג: אונדזער סאָטניע[1] נעמט אָנטייל אין די רײַטער־פארמעסטונגען. הייסט עס — שוין עמעסע קאזאקן!

אָט זיצן מיר אין די זאָטלען, אויסגעשטעלט אין רייען אַפן פּלאץ, ווו עס קומען פאָר די פארמעסטונגען. ארום־און־ארום — א וואלד מיט שפּיזן. דער אָרקעסטער הייבט אָן שפּילן א רײַטער־מארש. בליצשנעל רײַט דורך אַף זײַן פערד דער קאָמאנדיר פון פּאָלק, באווײַזנדיק אזעלכע קאזאקישע קונצן, אז מיר אלע גאפן.

— אָט דאָס הייסט א קאזאק! — האָט מיר ארײַנגעשושקעט אין אויער מײַן שאָכן. — א פּאָטאָמסטווענער דאָנער קאזאק.

דאָס האָט געריטן איליא דובינסקי, דער קאָמאנדיר פונעם 9־טן פּאָלק פון דער צווייטער טשערוואָנער קאזאקישער דיוויזיע.

איך האָב דערמאָנט דובינסקין וועגן יענעם אליור און וועגן דעם רוישעם, וואָס ער האָט געמאכט אַף אונדז, יוגנט. דובינסקי, פון זײַן זײַט, האָט מיר דערציילט, ווי אין די צײַטן פון בירגערקריג האָט, נאָך איינער א ביטערער שלאכט, געזאָגט צו אים א פאָרשטייער פון גענעראל־שטאב, א געוועזענער צארישער גענעראל:

---

[1] מיליטערישע טיילן מיט א ספּעציעלן אופטראָג. זיי זײַנען געשאפן געוואָרן אין די יאָרן פון בירגערקריג און זײַנען באשטאנען אויסשליסלעך פון קאָמוניסטן און קאָמיוגיסטן. עקזיסטירט ביזן 1924 יאָר.

[1] מייע.

לענין און קרופּסקאַיאַ דעם ערשטן מײַ 1919 אפן רויטן פּלאץ אין מאָסקווע מיט א גרופּע פּארטייִשע און סאָוועטישע טוער. דער ערשטער פון לינקס (הינטער קרופּסקאיא — פּראָפעסאָר ערנעסט קאָלמאן)

— ווען איך האָב זיך צוגעקוקט, ווי איר פירט אײַערע קאזאקן אין שלאכט, בין איך געווען זיכער, אז איר זײַט אמווייניקסטן א געוועזענער קאָרנעט[1].

איליא דובינסקי האָט, פארשטייט זיך, קיין שום שײַכעס ניט געהאט ניט צו די דאָנער קאזאקן, ניט צום אָפיצערישן קאָרפּוס פון דער צארישער ארמיי. זײַן טאטע, א ייִשוּווניק פונעם דאָרף בורטענקי, פּאָלטאווער גובערניע, האָט געדינט בא רײַכע וואלד־הענדלער. ווען איליושע האָט געענדיקט א קאָמערץ־שול, איז דער טאטע געווען מאָלע־סימכע: א קלייניקײַט, דער זון וועט ווערן א קאָמערסאנט, עפּשער גאָר א גרויסער וואלד־סויכער. עס איז אָבער דעמלט געגאנגען דאָס 1917 יאָר. די ייִדישע יוגנט האָט זיך געריסן צו א פּראָדוקטיוו געזונט לעבן. איליא דובינסקי איז געוואָרן א סטודענט פון פּעטראָגראדער פּאָליטעכנישן אינסטיטוט און, ווי פיל סטודענטן, פארכאפּט געוואָרן פון די רעוואָליוציאָנערע געשעענישן. אין 1918 ווערט דובינסקי א באָלשעוויק. דערוווּסט זיך, אז אַף אוקראַיִנע באלעבאטעוועט דער העטמאן סקאָראָפּאדסקי, האָט ער פארלאָזט פּעטראָגראד און איז ארײַנגעטראָטן אין דער אונטערערדישער אָרגאניזאציע פון די אוקראַיִנישע באָלשעוויקעס. שפּעטער האָט ער געדינט אין דער רויטער ארמיי: אלס קאָמיסאר, דערנאָך אלס קאָמאנדיר פון קאזאקישע טיילן.

איך האָב געפרעגט דובינסקין, וויִאזוי האָט ער אזוי גלענצנדיק באהערשט די קאזאקישע רײַטער־קונסט. האָט ער מיר דערציילט, אז ווען ער איז געווען קאָמיסאר אין א קאזאקישער טייל, איז צו אים צוגעגאנגען איינער א קאזאק, וואָס איז בארימט געווען מיט זײַן געוואגטקײַט, און געזאָגט צו אים: „ריידן רעדסטו שיין, א פארגעניגן צו הערן, אָבער אין זאָטל זיצסטו, ווי א באבע". „וואָס זשע טוט מען, ברודערקע?" — פרעג איך אים. „פארלאָז זיך אַף מיר". נאָך אָט דעם שמועס איז דובינסקי טאָג און נאכט ניט אראָפּ פון פערד, ביזוואנען זײַן לערער האָט אים א קלאָפּ געטאָן גוטברודעריש אין פּלייצע און מיט א ווונק געגעבן צו פארשטיין, אז דער קאָמיסאר האָט דאָס רעכט צו רײַטן פאָרויס פון א קאזאקישער מייע.

דובינסקי מיט זײַנע רײַטער האָבן זיך געשלאָגן קעגן דעניקינען און ווראנגעלן, קעגן די פּוילישע לעגיאָנערן, קעגן פּעטליורען, מאכנאָ, גריגאָריעוון און אנדערע באנדעס. אין הארבסט 1920 האָט דובינסקיס טייל באפרײַט וואָלאָטשיסק, פארכאפּט פּעטליורעס פּאנצערצוג „יאן קארמעליוק" און א גרויסע צאָל טראָפּייען. פאר

[1] אן אָפיצערישער טשין אין דער צארישער קאוואַלעריע.

אָט דער געוואגטער אָפּעראַציע איז ער באַלוינט געוואָרן מיטן שלאַכט־אָרדען „רויטע פאָן".

פון סטאַרי איזיאַסלאַוול האָט מען דובינסקין געשיקט זיך לערנען אין דער מיליטערישער אַקאַדעמיע אַף פרונזעס נאָמען. דער קאַזאַק ווערט אַ טאַנקיסט. איליאַ דובינסקי געהערט צו יענער שטאָלענער קאָהאָרטע קאָמאַנדירן, וואָס האָט פיל אויפגעטאָן אַף צוגרייטן די סאָוועטישע אַרמיי צו די קומענדיקע שלאַכטן קעגן פאַשיזם.

מײַן ערשטער קאָמאַנדיר איז ניט נאָר אַ טאַלאַנטפולער קריגסמאַן, ניט נאָר אַ דרייסטער קאַזאַק, נאָר אויך אַ שרײַבער. שרײַבן האָט ער אָנגעהויבן נאָך אין די יונגע יאָרן. ער איז דער אווטאָר פון ראָמאַנען, דערציילונגען, מעמוארן. זײַנע ביכער ווערן פאַרשפּרייט אין הונדערטער טויזנטער עקזעמפּליאַרן.

איצט האָט דובינסקי שוין צעביטן דעם אַכטן צענדליק. פון אַ זאָקן אָבער איז ער נאָך זייער ווײַט. ער האָט בעדייע אין זײַנע קומענדיקע ווערק נאָך פיל דערציילן וועגן די העלדן פונעם גרויסן אָקטיאַבער.

2 אין פּרילוקי, פּאָלטאַווער געגנט, איז פאַראַן אַ גאַס, וואָס טראָגט דעם נאָמען שמידט. לעכאַטכילע האָט עס מיך געוווּנדערט: ווי קומט דער באַרימטער לייטענאַנט פון שוואַרצ־יאַמישן פלאָט צו פּרילוקי? צי איז ער ניט אַמאָל אַ היגער געבוירענער?

— ניין, די גאַס איז אָנגערופן אַפן נאָמען פון אַן אַנדער שמידט, — האָט אַף מײַן פראַגע געענטפערט אַ פּרילוקער ייִד.

און דער ייִד האָט דערציילט:

— אונדזער שמידט איז אַ העלד פון בירגערקריג, אַ געבוירענער אין פּרילוקי. זײַן עמעסע פאַמיליע איז גוטמאַן, דאָוויד גוטמאַן. דעם נאָמען שמידט האָט ער זיך גענומען, ווײַזט אויס, צוליבן אָפּשײַ צום אָנדענק פונעם לייטענאַנט שמידט. מע דערציילט, אַז אונטערשרײַבן פלעגט זיך גוטמאַן „טאָוו. שמידט" (כאַווער שמידט). פאַרוואָס „טאָוו"? ער אַליין פלעגט עס דערקלערן אַזוי: קעדיי מע זאָל מיך ניט פּלאָנטערן מיט עפּעס אַ פאָן שמידט אָדער גראַף שמידט...

צו „טאָוו. שמידט" האָבן מענטשן זיך געקלעפּט, מע האָט אים גרענעצלאָז געגלייבט, געגאַנגען נאָך אים, ווי נאָך אַ מענטשן, וואָס איז מיט לײַב־און־לעבן טרײַ דער רעוואָליוציע. אין שווערן 1918 יאָר האָט ער אין פּאָלטאַווער גובערניע אויפגעהויבן קעגן פּעטליורעס באַנדעס די גאַנצע יוגנט. איינמאָל האָט געטראָפן, אַז שמידט איז אַרײַנגעפאַלן אין די הענט פון די פּעטליוראָווצעס. די באַנדיטן האָבן אים דערשאָסן און אַרײַנגעוואָרפן אין אַ ריוו. באַנאַכט האָבן די אָרטיקע פויערים אַרויסגעאַנוועט דעם קערפּער, אין וועלכן עס האָט נאָך געגליט אַ פונק פון לעבן. טרײַע הענט האָבן שמידטן אַרויסגעריסן פון טויט. זײַנע רעטער האָבן געוווּסט: שמידט וועט נאָך ווײַזן, וואָס ער קען.

און ער האָט געוויזן. איינער פון די ערשטע האָט דאָוויד גוטמאַן זיך אָפּגערופן אַף דעם באַרימטן לאָזונג פון דער פּאַרטיי: „פּראָלעטאַריער, אַפן פערד!" צוזאַמען מיט זײַן קאַזאַקישער דיוויזיע האָט ער זיך געטראָגן איבער די פראָנטן פון בירגערקריג. צוויי שלאַכט־אָרדענס פון דער רויטער פאָן האָבן באַצירט זײַן ברוסט.

ווען איך האָב דערציילט דובינסקין דאָס, וואָס איך האָב זיך דערוווּסט אין פּרילוקי, האָט ער געזאָגט:

— יאָ, דער קאַזאַק שמידט־גוטמאַן איז געווען אַן עכטער העלד...

און אַזוי איז דאָס געשען

איך בין געווען צוגאַסט באַם פּראָפעסאָר ערנעסט קאָלמאַן. אַף זײַן שרײַבטיש איז געלעגן אַ פאָטאָ־אַלבאָם. איך האָב גענומען בלעטערן די האַרטע קאַרטאָן־זײַטלעך און מיט נײַגער זיך אָפּגעשטעלט אַף אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ גרופּע מענטשן, צווישן וועלכע עס האָבן זיך אויסגעטיילט לענין און קרופּסקאַיאַ.

— אויב איך האָב קיין טאָעס ניט, זע איך אויך אײַך אין אָט דער גרופּע. דער ערשטער פון לינקס. ווער זײַנען עס די מענטשן?

דער פּראָפעסאָר האָט מיר דערציילט:

— דאָס איז געווען דעם 1 מײַ 1919, אַפן רויטן פּלאַץ אין מאָסקווע, אַף דעם זעלבן אָרט, ווו עס שטייט איצט דער לענין־מאַוזאָליי. לענין האָט געשמועסט מיט אַ גרופּע פּאַרטיי־טוער וועגן דעם דאָרעם־פראָנט, פונוואַנען איך בין נאָרוואָס געקומען. ער האָט זיך געווענדט מיט אַ פראַגע אויך צו מיר. דערוווּסט זיך, אַז איך בין אַ מאַטעמאַטיקער, האָט לענין געייצעט, מע זאָל מיך אויסנוצן לויט מײַן פאַך. איך האָב געפּרוווט דערווידערן: דער סוינע גרײַפט אָן, עס זײַנען נייטיק מענטשן אַפן פראָנט. לענין האָט דערויף געענטפערט, אַז בילדונג און וויסנשאַפט איז אויך אַ פראָנט, און זייער אַ וויכטיקער.

ערנעסט קאָלמאַן שטאַמט פון טשעכאָסלאָוואַקיע. בײַס דער ערשטער וועלט־מילכאָמע איז ער אַרײַנגעפאַלן אין דער רוסישער געפאַנגענשאַפט, צוזאַמען מיט פיל אַנדערע טשעכן האָט ער באַלד אין די ערשטע טעג זיך געשטעלט אַף דער זײַט פון דער רעוואָליוציע.

נאָך דער באַגעגעניש מיט לענינען אַפן רויטן פּלאַץ האָט זיך אָנגעהויבן אַ נײַע בלאַט אין קאָלמאַנס ביִאָגראַפיע. זײַן שפּעטערישע טעטיקײַט איז

געגאנגען אין צוויי ריכטונגען — מאטעמאטיק און פילאָסאָפיע. די ביידע וויסנשאפטן זײַנען בא אים געקניפט און געבונדן, ווײַל זיי ביידע העלפן צו פארשטיין די געזעצן פון דער נאטור און פון דער געזעלשאפט.

ערנעסט קאָלמאן איז דאָקטאָר פון פילאָסאָפיע, פּראָפעסאָר פון מאטעמאטיק. ער האָט אָנגעשריבן העכער 400 וויסנשאפטלעכע ווערק. די לעצטע יאָרן איז ער באזונדערס אקטיוו אין דער קיבערנעטיק.

אָט אזוי איז דאָס געשען: דער אַנטיילנעמער פון די ערשטע שלאכטן באם פארטיידיקן די יונגע ראטן־רעפּובליק האָט געפאָלגט די אייצע, וואָס עס האָט אים געגעבן לענין, און אין מעשעך פון קארגע פופציק יאָר איז ער א שלאכטמאן אף די פראָנטן פון דער סאָוועטישער וויסנשאפט.

רוּוון ספּרינצאָן

צווישן די עקספּאָנאטן פונעם מוזיי פון דער באשיצונג פון לענינגראד האָב איך באמערקט א מיליטערישע פּאָרטאטיווע ראציע און לעם איר דעם פּאָרטרעט פונעם עלטערן סערזשאנט רוּוון ספּרינצאָן.

ווער איז ספּרינצאָן? כ׳קאָן שווערן, אז די פאמיליע איז מיר באקאנט. אומגעקערט זיך אהיים קיין מאָסקווע, האָב איך גענומען מישן די פארגעלטע בלעטער פון דער צײַטונג „ווּפּעריאָד נא זאַפּאד" (פאָרויס אף מײַרעוו), וועלכע האָבן זיך בא מיר פארהיט (מילכאָמע־צײַט בין איך געווען רעדאקטאָר פון דער דאָזיקער צײַטונג). יאָ, אָט איז ער! אין איינער א נאָטיץ רעדט זיך וועגן זעקס העלדנמוטיקע סאָוועטישע ראדיסטן אויסשפּירער, צווישן זיי — וועגן רוּוון ספּרינצאָן.

רוּוון איז א וויטעבסקער. ער האָט דאָרט געארבעט אלס געהילף־מאשיניסט אף דער אײַזנבאן־סטאנציע. בייס דער מילכאָמע איז ער געוואָרן א ראדיסט.

...1942, לענינגראדער פראָנט. פיר ראדיסטן אויסשפּירער, בעראָש מיטן עלטערן סערזשאנט רוּוון ספּרינצאָן, האָבן זיך פארקליבן אין הינטערלאנד פון סוינע. מיט זייער פּאָרטאטיווער ראציע האָבן זיי קאָרעגירט דאָס פײַער פון אונדזער ארטילעריע. די היטלעריסטן האָבן פּארפּעלענגירט די אויסשפּירער און באפאלן דאָס הויז, ווו זיי האָבן זיך פארמאסקירט. צוויי מעסלעס האָבן די אויסשפּירער אָפּגעשלאָגן די אטאקעס און אין דער זעלבער צײַט ניט אופגעהערט צו ראדירן. אפן דריטן מעסלעס האָבן צום קעלער זיך דורכגעריסן נאָך צוויי סאָוועטישע אויסשפּירער, און די שלאכט האָט זיך צעפלאקערט אפּסנײַ. קעגן די גיבוירים איז געשטאנען א גאנצער באטאליאָן היטלעריסטן. צוויי אויסשפּירער זײַנען שווער פארוואונדעט געוואָרן. אפן פינפטן מעסלעס האָבן די היטלעריסטן ארויסגעשיקט טאנקען. פון די אויסשפּירער איז געבליבן לעבן בלויז רוּוון ספּרינצאָן. ער האָט ארויסגערופן אף זיך דאָס פײַער פון אונדזערע אייגענע הארמאטן. שוין א שווער־פארוואונדעטער, האָט ער ניט אופגעהערט צו שיסן, ביז דעם סוינעס א קויל האָט ניט איבערגעריסן זײַן יונג לעבן.

...פיל לייענער פון „סאָוועטיש היימלאנד" האָבן מילכאָמע־צײַט געוויס געזען דעם פילם „דוואַ באָיצא" (צוויי שלאכטלײַט). דער הויפּטהעלד פונעם פילם איז ארקאדי דזובין — א דרייסטער סאָלדאט, א שארפער אף דער צונג, א פריילעכער און לעבנסלוסטיקער, אן אויסגעשפּראָכענער אָדעסיט. די ראָל שפּילט מארק בערנעס.

דער פּראָטאָטיפּ פון דזובינען איז טאקע געווען דער וויטעבסקער ייִדישער יונגערמאן רוּוון ספּרינצאָן. וועגן דעם האָט דערציילט לעוו סלאָווין, דער אווטאָר פון דער דערציילונג, לויט וועלכער עס איז געמאכט דער פילם. דער שרײַבער האָט פּערזענלעך געקענט ספּרינצאָנען, געטראָפן זיך מיט אים אפן לענינגראדער פראָנט. אליין אן אָדעסיט, איז סלאָווין געווען זיכער, אז אזא יאט, ווי ספּרינצאָן, מוז אוודאי שטאמען פון אָדעס. ווי דען אנדערש?

רוּוון ספּרינצאָן איז געבוירן געוואָרן אין איין צײַט מיט דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע. האיאָר וואָלט ער אלט געוואָרן 50 יאָר. און כאָטש אים איז ניט באשערט צו פײַערן דעם טאָפּלטן יאָמטעוו — זײַן אייגענעם געבורטסטאָג און דעם יובילײַ פון דער גרויסער רעוואָליוציע, וועמענס טרײַער זון ער איז געווען, דאָך איז ער איצט צווישן אונדז, — זײַן העלדנטאט וועט ניט פארגעסן ווערן.

דער פּארטיזאנישער שנײַדער

דער דירעקטאָר פון דער קיִעווער שנײַדער־פאבריק לעאָניד בערנשטיין האָט מיך באקאנט מיט זײַן ווירטשאפט. אין די ווארשטאטן פון אָט דער פאבריק קאָן מען אופנייען, וואָס פאר אן אָנטאָן דאָס הארץ גלוסט, און דאפקע לויט דער לעצטער מאָדע. אז א יונגע פרוי זאָגט איר כאווערטע „איך ניי בא בערנשטיינען", ווייסט מען שוין, אז זי איז פון די גרויסע מאָדניצעס.

שטייענדיק אזוי אין צעך מיט בערנשטיינען, האָב איך דערהערט, ווי עמעצער באמקעט אונטער דער נאָז א באקאנט ניגנדל.

— ווער איז דער זינגער?

— אָ, א גרויסער באַלמעלאָכע. דאָס איז כאַים דראַכמאַן. אונדזערע מאָדניצעס שטאַרבן נאָך אים אוועק.

— ער האָט אַמאָל געניט אין וואַרשע, — זאָגט אונטער איינער פון די אַרבעטער.

— און ניט נאָר אין וואַרשע. אויך אין די וועלדער, — גיט צו בערנשטיין מיט א שמייכל.

...האַרבסט 1942. אַף דער אוקראַיִנישער ערד ווילדעווען די דײַטשיש-פאַשיסטישע האָרדעס. אַף דער צענטראַלער גאַס פון ראָוונע שפּאַצירט זיך געמיטלעך, ניט געײַלט, מיט א גייִוועדיק פאַריסענעם קאָפּ, א דײַטשישער לייטענאַנט. א געקעכלטע פיזיאָנאָמיע, אַן אויסגעפּוצטער, פאַר א מײַל טראָגט פון אים מיט פאַרפום. אין דער ברוסט-קעשענע ליגט א דאָקומענט, אין וועלכן עס איז פאַרשריבן, אַז ער הייסט פּאָול זיבערט, קאָמאַנדיר פון א גרופּע, וואָס פאַרגרייט שפּײַז־פּראָדוקטן.

פּאָול זיבערט שפּאַנט זיך רויִק ביז עק גאַס. פּלוצעם וואַקסט פאַר אים אויס א פאַיעטאָן. דער לייטענאַנט טוט א שפּרונג אַרײַן אין דער קאַרעטע, און די פערד טראָגן זיך אוועק אין א גאַלאָפּ... צו די פּאַרטיזאַנער.

דער „לייטענאַנט" איז געווען דער לעגענדאַרער פּאַרטיזאַנישער אויסשפּירער, העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד ניקאָלײַ קוזנעצאָוו. זײַן „שפּאַציר" איבער דער ראָוונער הויפּט-גאַס איז אַדורך געלונגען. ער האָט אויסגעזען ווי אַן עכטער אַריער און האָט בא קיינעם ניט אַרויסגערופן קיין כשאַד. אָבער...

אין גאַס איז האַרבסט. די דײַטשישע אָפיצערן טראָגן שוין רעגנמאַנטלען און ווער אפילע א וואַרעמע שינעל. און ער, אַן אָפיצער פון היג־טערלאַנד, טראָגט גאָר א זומערדיקן קיטל און א דינינקע פּילאָטקע אַפן קאָפּ. קלאָר, אַז דאָס קאָן אַרויסרופן א כשאַד.

ווען קוזנעצאָוו האָט ראַפּאָרטירט דעם קאָמאַנדיר פון דער פּאַרטיזאַנישער מאַכנע דמיטרי מעדוועדיעוו וועגן זײַן „וויזיט" אין ראָוונע און וועגן די שוועריקײַטן מיט דער אוניפאָרם, האָט מעדוועדיעוו געענטפערט, אַז די מאַכנע האָט שוין אַן אייגענעם שנײַדער, און אַן אוניפאָרם מיט אַן אָפיצעריש היטל וועט זײַן נאָך הײַנט. ער האָט טייקעף געשיקט רופן כאַים דראַכמאַנען.

— איר וועט קענען אופנייען לויט א מאָס א דײַטשישן אָפיצערישן מונדיר?

— פאַרוואָס זאָל איך ניט קענען? זאָל נאָר זײַן פון וואָס צו נייען.

מע האָט געפונען א ניי-מאַשין, א שער, א פּרעסל, אפילע א שנײַדערשן טיש. עס האָט בלויז אויסגעפעלט סכוירע. האָט דער שנײַדער אָפּגעקליבן א דײַטשישן טראָפּיי-מונדיר און גענומען איבערנייען אים אַף קוזנעצאָווס מאָס.

אינעם ערדשטיבל, וווּ ער האָט געאַרבעט, איז געווען קאַלט, דער רויך פונעם שײַטער האָט אויסגעגעסן די אויגן.

פּאַרנאַכט איז אַלץ געווען פאַרטיק. כאָטש דראַכמאַן איז געווען א שנײַדער און ניט קיין קירזשנער, האָט ער זיך אויסגעבעריעט צו אופּנייען פאַר קוזנעצאָוון אויך אַן אָפיצעריש היטל. דער „לייטענאַנט" פּאָול זיבערט, אַן עלעגאַנטער, אויסגעכאָליעטער, אין א מונדיר און אין א היטל נאַרוואָס פון דער נאָדל, האָט זיך אוועקגעלאָזט אַף אַן אויסשפּיר-אָפּעראַציע קיין ראָוונע.

געבוירן אין 1917 יאָר

מישע פּאַסטאָווסקי האָט ניט געשטורעמט דעם ווינטער-פּאַלאַץ. אין יענער היסטאָרישער נאַכט האָט ער צום ערשטן מאָל דערזען די ליכטיקע וועלט.

— אַלע יאָרן, — דערציילט פּאַסטאָווסקי, — בין איך בייס די אָקטיאַבער-פײַערונגען שטענדיק, ווי מע זאָגט, דאָס אייבערשטע פון שטייסל — סײַ אין שטוב, בא טאַטע-מאַמע, סײַ אין שול, צווישן כאַווירים, סײַ אַפן זאַוואָד. א ווערטעלע: געבוירן אין איין צײַט מיט דער רעוואָליוציע.

— טאַקע דערפאַר, — זאָג איך אים, — וויל איך נעמען בא אײַך אַן אינטערוויו.

— אַן אינטערוויו? וואָס קאָן איך אײַך דערציילן?

— וועגן אײַערע פופציק יאָר.

מישעס טאַטע, שמועל פּאַסטאָווסקי, איז געווען שאָלעם-אַלייכעמס א בען-איר — א פּרעיאַסלאַווער. זײַן באַשעפטיקונג — א סטראַכיראַגענט. און אַזוי ווי׳ קיין סאַך באַלאָנים צו סטראַכירן זיך איז ניט געווען, האָט ער טאַקע גוט געבידעוועט.

נאָך דער רעוואָליוציע איז דער טאַטע א מעלוכע-אַנגעשטעלטער. אין שטוב איז געוואָרן פרייִלעכער. עס זײַנען געוואַקסן דרײַ זין. אין יענער צײַט האָט די יוגנט זיך געריסן אין דער גרויסער וועלט אַרײַן. דערצו איז אין דער היים טאַקע געווען צו ענג — א קאָפּ אַף א קאָפּ. לעכאַטכילע האָט מען אַרויסבאַגלייט קיין מאָסקווע דעם עלטערן זון, אַלעקסאַנדערן. „דו ביסט א יאַט מיט פאַרשטאַנד, וועסטו ניט פאַרפאַלן ווערן", — האָט אים געזאָגט די מאַמע.

דער קאָמיוג האָט געהאָלפן סאַשען מיט א צוזאַמענוווינונג, מיט אַרבעט. דערנאָך — די פּלעכאַנאָווקע[1]. מיר וועלן לאַנג ניט ברײַען —

---

[1] מאָסקווער אינסטיטוט פון פאָלקסווירטשאַפט אַף פּלעכאַנאָווס נאָמען.

מישע פּאַסטאָווסקי

הײַנט־צו־טאָג איז אַלעקסאַנדער שוין א קאנדידאט פון עקאָנאָמישע וויסנשאַפטן, ער פארנעמט א הויכן פּאָסטן אין א וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישן אינסטיטוט.

דערנאָך איז קיין מאָסקווע געקומען דער מיטלסטער זון — יויסעף. געווען א „פאַבזײַעץ"[1], געארבעט אַלס עלעקטריקער, פאַרענדיקט א טעכנישע הויכשול, געוואָרן אַן אינזשעניר.

ווי נאָר דער ייִנגסטער, מישע, האָט פאַרענדיקט די שול, האָט דער אַלטער שמועל א זאָג געטאָן צו זײַן ווײַב:

— נו, לייג צונויף די בעבעכעס, מיר פאָרן קיין מאָסקווע.

און אָט איז שוין די גאַנצע מישפּאָכע אין דער הויפּטשטאָט. פון אַלע זאָרגן איז פאַרבליבן איינע: אויף וועלכן וועג לאָזן דעם מיזיניק? אַנומלטן, ווען טאַטע־מאַמע האָבן צום הונדערטסטן מאָל באַרעדט די פראַגע וועגן טאַכלעס, האָט מישע, ווי א וויכער, זיך אַרײַנגעריסן אין שטוב און אויסגעשריִען:

— פאַריאַדאָק! איך בין א פאַבזײַעץ! דער קאָמסאָמאָל האָט מיר געגעבן א פּוטיאָווקע! אָט, לייענט!

— איך בין דאַן אַרײַנגעפאַלן אין גוטע הענט, — דערציילט מישע פּאַסטאָווסקי, — מײַן לערער איז געווען אַן אַלטער רוסישער ארבעטער, וולאַדימיר אַפאַנאַסיעוויטש. אַדאַנק אים בין איך געוואָרן א קוואַליפיצירטער טאָקער. די פאַבריק־זאַוואָדישע שול האָט מיך געשיקט אַרבעטן אינעם זאַוואָד אויף איליטשעס נאָמען. די יאָרן זײַנען מיר מעקאַנע געווען: אין אָט דעם זאַוואָד איז פאר די ארבעטער ארויסגעטראָטן מיט א רעדע לענין! טאַקע דעם ערשטן טאָג האָב איך געבעטן דעם מײַסטער, ער זאָל מיר ווײַזן, פון וועלכן אָרט האָט גערעדט לענין און ווו איז געשטאַנען די עסערקע קאַפּלאַן, ווען זי האָט געשאָסן אין לענינען.

א צײַט האָט מישע געארבעט אַלס טאָקער, דערנאָך געוואָרן מײַסטער, געלערנט אַנדערע די טאָקערײַ־קונסט.

ווען עס ברעכט אויס די מילכאָמע, איז פּאַסטאָווסקי אַן אַרטילעריסט. אין סטאַלינגראַד ווערט ער שווער פאַרוווּנדעט. נאָכן שפּיטאָל גייט ער ווידער אַוועק אויפן פראָנט, און אַזוי — ביזן ניצאָכן.

— און נאָך דער מילכאָמע? — פרעג איך.

— פון יענעם טאָג אָן, ווען איך האָב ווידער אָנגעטאָן א ציווילן מאַלבעש, ארבעט איך דאָ, אויף אָט דעם זאַוואָד. מיר מאַכן קלוגע מאַשינעריעס פאר די געאָלאָגן. פריִער בין איך געווען מײַסטער, און איצט עלטערער מײַסטער. די אַרבעט איז דאָ א שעפערישע. און דאָס באַפרידיקט מיך פולשטענדיק. וועגן פאַרדינסט איז ניט שײַעך צו ריידן — האַלעוואַי אויף ווײַטער ניט ערגער.

די סטאַלינגראַדער וווּנד לאָזט זיך, פאַרשטייט זיך, פילן. ערשט פאַראַיאָרן האָט מישע איבערגעטראָגן א שווערע אָפּעראַציע. אַלס מילכאָמע־אינוואַליד האָט ער רעכט אויף פּענסיע, און ער איז טאַקע א צײַט געווען א פּענסיאָנער. נאָר לאַנג האָט ער ניט אויסגעהאַלטן — ער איז ווידער ארויס אויף דער ארבעט.

די לעצטע פראַגע מײַנע:

— וואָס וואָלט איר וועלן זאָגן צו אײַער געבורטסטאָג און צום געבורטסטאָג פון דער רעוואָליוציע?

— איך וועל זאָגן איינס: ווען מיר קומט אויס אָפּסנײַ אָנהייבן דאָס לעבן, וואָלט איך געגאַנגען מיט דעם זעלבן, וועג, מיט וועלכן איך בין געגאַנגען ביז איצט און מיט וועלכן מיר אַלע קומען צו אונדזער גרויסן יאָמטעוו.

1967

[1] די שילער פון די פאַבריק־זאַוואָדישע שולן פלעגט מען אין א שפּאַס רופן פאַבזײַצעס.



טעוויע גען

אונדזערע צײַטן

(ראָמאַן)

דאָס נײַע הויז

צו דער היפשער צאָל מויערן אינעם נײַעם מיקראָ־ראַיאָן איז צוגעקומען נאָך א הויז — דער קאָרפּוס נומער 26. דער קויל־שוואַרצער געפאַרבטער נומער גלאַנצט פריש אף דער פאָדער־שטער וואַנט און פאַרנעמט א דריטל בעטאָנענע פּליטע — פּונקט אזויפיל, וויפל עס פאַרנעמען די נומערן אף די פריִערדיקע מויערן, וואָס זײַנען שוין אַלט א יאָר, און צוויי, און אפילע דרײַ. יענע, די פריִערדיקע, האָבן שוין זיך אָנגעזאַפּט מיט אַלע רייכעס פון א וווינונג. דער בעטאָן האָט זיך אָנגעוואַרעמט פון די באַהייצונגס־באַטאַרייעס און פון מענטשלעכן אָטעם. די פריילעכע אָפּבריִענדיקע כאַנוקאַס־האַבאַזיִס־קעלישעקלעך האָבן אויך צוגעגעבן א היפּש ביסל וואַרעמקײַט. די יונג־פאַרפלאַנצטע בעז־ביימער דערגרייכן ביז צום מיטן פון צווייטן שטאָק, און די דעמבלעך מיט די ליפּעס האָבן מיט זייערע שפּיצן זיך אַרופגעכאַפּט נאָך העכער. די באַלקאָנען פון די דירעס זײַנען היימיש־אַקוראַט אַרומגעשלאָגן מיט הילצערנע שטאַכעטן, יעדער באַלקאָן האָט זײַן קאָליר (אָפּהענגיק פונעם געשמאַק פון באַלעבאָס): רויט, אָראַנזש, געל, בלוי, לילאָווע. די אָמערסטן באַנוצטע פאַרב איז גרין, זי איז מילדער פאַרן אויג, דערמאָנט אין דער נאַטור. אף די אַספאַלטירטע סטעזשקעס, וואָס פירן צום הויז, שפּילן מיידעלעך אין „קלאַסן“, אפן אַספאַלט זײַנען מיט קרײַד אָנגעמאָלט קרומע קוואַדראַטן און לאָמע ציפערן. יעדעס פּיצל ערד בא די אַלטע מויערן האָט שוין אַלע סימאָנים פון א פאַרפונדעוועט, אײַנרעגולירט לעבן. דער נײַער,



אַקאָרשט־אויסגעפּאַרטיקטער מויער, וואָס האָט זיך אוועקגעשטעלט דער לעצטער אין דער לאַנגער ריי הײַזער, איז נאָך רוי און הויל, צוקומען צו אים איז ניט אַזוי פּאַשעט, מע דאַרף קריכן איבער קופּעס ערד און מיסט, דורכגיין, ווי אַ צירקאַטש, דאָס ברעטל, וואָס איז אַריבערגעוואָרפן איבער אַ קאַנאַווע. אַ בריגאַדע אַרבעטער דעמאָנטירט דעם הייב־קראַן, צענעמט און צעגלידערט זײַן מעגושעמדיקן גוף, דערבײַ שטייט אַ פּרוי אויפן שיידוועג צווישן צוויי אויסגעטראָטענע סטעזשקעס און זי וואָרנט די פאַרבײַגייער, זיי זאָלן זיך האַלטן פונדערווײַטנס: עס קאָן געבן אַ פּיק דער שנאָבל, אַ גלעט — דער טראָס מיטן האַטשיק. עס שטייט אויף דער ערד די קאַבינע פונעם קראַן. לאַנגע כאַדאָשים איז זי געהאַנגען הויך אינדערלופטן און מעטושטעשדיק האָט פון איר זיך אַרויסגעזען דער קאָפּ פון מאַשיניסט. איצט זעט זי אויס, ווי אַ פאַרלאָזענע שטײַג. ביכלאַל, אָן דעם האָרעפּאַשניק דעם הייב־קראַן, וואָס האָט דורך די טעג און אָפּטמאָל, דערהויפּט ערעוו אַ יאָמטעוו, אויך דורך די נעכט געהאָרעוועט ווינטער און זומער, געשלעפּט אַרופּצו קאָלערלייַ מאַסעס, און צו וועלכן מע האָט זיך שוין גוט צוגעוווינט, ווי מע געוווינט זיך צו צו אַן אומרויִקן, טומלענדיקן, אָבער אין אַלגעמיין זייער געמיטלעכן שאָכן, — אָן דעם הייב־קראַן האָט שוין אין דעם אַרומיקן פּייזאַזש עפּעס געפעלט, ווי ס׳פעלט אַ שויב אין אַ פענצטער, דער הימל אין יענעם אָרט האָט אויסגעוויזן פּוסטלעך, אַ ליאַדע וואָלקן האָט ניט געהאַט באַ וואָס זיך אָנצוהענגען.

אויף די בײַשטידלעך פון די טירן אין נײַעם הויז זײַנען שוין פאַראַן די קנאָפּקעס פון די גלעקלעך, אָבער ס׳קלינגט נאָך ניט. די פריש־געפאַרבטע דילן זײַנען אויסגעשפּרייט מיט אַלטע צײַטונגען; אַרײַנטרעטן אינווייניק אין די בלאַנקענדיקע צימערן פאַרגינט זיך נאָר דער „אָטדיעלאָטשניק" — סערגיי אַפאַנאַסיעוויטש באָראָדולין, — אַ באַיאָרטער און פאַרזאָרגטער מאַנספאַרשוין מיט צוויי בינטלעך שליסלען אין ביידע קעשענעס פונעם בלויען אַרבעטס־רעקל. באָראָדולינען איז ניטאָ וואָס מעקאַנע צו זײַן. ער מיט די צוויי שלאָסערס און מיטן איין־און־איינציקן סטאָליער פון דער הויז־פאַרוואַלטונג דאַרף פאַריכטן אַלע בלויזן, וואָס די בויער האָבן איבערגעלאָזט. סערגיי אַפאַנאַסיעוויטש האָט אַ לאַנג צעטל דעפעקטן: אין איינער אַ דירע איז אָפּגעפאַלן אַ שטיק שטוקאַטורקע, אין אַ צווייטער אַרבעט ניט די קאַנאַליזאַציע, אין אַ דריטער פאַר־

מאַכט זיך ניט די טיר. ער איז פֿאַרטאָן, פֿאַרהאַוועט, ליפֿט אום פֿון איין שטאָק אַפֿן צווייטן, ניט איבערצוציילן, וויפֿל מאָל דער מענטש שמײַעט אום אין מעשעך פֿון טאָג אויף און אָפּ איבער די פֿאַרליאַפּעטע טרעפּ, דערבײַ טיילט ער ארײַן אַ גוטן מישעביירעך דעם פּראָראַב, דעם דעסיאַטניק. אויב ער געפֿינט אַ שטיקל צײַט, איז נאָר אַף צוצוגיין צום נאָענטן קיִאָסק און זיך אופֿמונטערן מיט אַ קופֿל ביר. דאָס איז אים מעכאַבעד אַ באַלסימכע, וועלכער האָט אָקאָרשט געקראָגן דעם שליסל פֿון דער נײַער דירע. אָבער ניט געזאָרגט, ביסלעכווײַז וועט אויך אײַנגעשרומפּן באַראָדולינס דעפֿעקטנע צעטל, עס שעפּט זיך אויס, ווי אַלץ אַף דער וועלט. גרויסע לאַסטמאַשינעס האָבן אַוועקגעפֿירט דאָס מיסט, אַנדערע האָבן געבראַכט פּאַרטיקעראַייט די קלעפּיקע שוואַרצע אַספֿאַלט־מאַסע. אַ טאָג צײַט איז אינעם קוואַרטאַל געשטאַנען אַ הייסער און שאַרפֿער, טשאַדענדיקער רייעך, דערפֿאַר האָט זיך פּאַזע דעם הויז אַוועקגעלייגט אַ טראָטואַרל, אַ שוואַרצס, ווי שוואַרצער רויג, און צו אַלע פֿינף ארײַנגאַנגען אין מויער האָבן זיך דורכגעשלענגלט פּונקט אַזעלכע געשמאַקע סטעזשקעס. זיי האָבן ניט באַוויזן גוט זיך צו פֿאַרהאַרטעווען, ווי ס׳איז שוין צוגעפֿאָרן די ערשטע מאַשין מיט די געקינצלטע אָנגעמאָלטע טישן, שטולן, דיוואַנען. עס איז די פֿריילעכסטע בויד אַף דער וועלט. פֿון אינוויינינק, פֿון צווישן די איבערגעבונדענע קלומעקעס, האָבן פֿון אַ קוישל ארויסגעלויכטן די גרינע אויגן פֿון אַ קאַץ. זי זאָל ניט ארויסשפּרינגען, האָט מען זי געהאַלטן פֿאַרבונדן אין אַ טיכל. קוים האָט זיך די מאַשין אָפּגעשטעלט, איז אַ צעהיצטער און אַ צעפּלאָמטער אַראָפּ פֿון איר אַ יונגערמאַן און מיט אַ יאַם ענערגיע זיך אַ כאַפּ געטאָן צו די שווערע זאַכן, וואָס מע דאַרף טראָגן אינצווייען אָדער אינדרײַען. ער האָט געוואָלט אַפֿן רוקן נעמען די שאַפֿע. דאָס ווײַב זײַנס האָט אים אָפּגעקילט זײַן מעשוגאַס, ער זאָל זיך ניט אונטערײַסן. מיט אַ פּאַוואָליען, געמאָסטענעם גאַנג — עלעהיי יעדער טראָט באַטרעפֿט אַ רובל נײַ געלט — איז צוגעגאַנגען דער שאָפֿער, וואָס ווייסט זייער גוט, פֿון וועלכן ברעג מע דאַרף די מאַסע אָנעמען און וויִאַזוי מע דאַרף זי טראָגן, קעדיי ניט צו בלײַבן שטעקן מיט איר אַף די טרעפּ. אַלע באַוועגונגען זײַנען בא אים אויסגערעכנט און אויסגעמאָסטן. דאָס פֿינפֿערל, וואָס ער קריגט פֿאַר דער טירכע, טוט ער אָן שום רעספּעקט אַ קנייטש צונויף אין דער דלאָניע און שטופּט עס ארײַן אין קעשענע.

דערווײַל ליפֿט שוין ארום איבער די צימערן די קאַץ, זי באַקענט זיך מיט די ווינקלען. דאָס מיידעלע, וואָס האָט זי ארופֿגעטראָגן, איז צוגעפֿאַלן מיטן נעזל צום פֿענצטער — אָנצוקוקן אַלץ, וואָס עס רינגלט ארום איר נײַע היים.

נאָך דער ערשטער מעבל־מאַשין איז געקומען אַ צווייטע, אַ דריטע, אַ צענטע... אין אָוונט לײַכט זיך שוין אין אַ סאַך פֿענצטער. די העלע קריפּטאָנעווע לעמפּלעך — דערווײַל נאָך אָן אַבאַזשורן — באַשײַנען די אײַנפּאַכע געמעלן פֿון די טאַפּעטן. אינעם הויז איז אַכציק דירעס, און יעדע דירע איז אַ גלײַכער יאַכסן מיט אַלע איבעריקע — די זעלבע טאָפּלטע שויבן, די זעלבע שטריקלעך, וועלכע מע דאַרף אַ צי טאָן אַף אָנצינדן און אויסלעשן די עלעקטרע, די זעלבע צוויי רעדלעך פֿונעם קראַן — אַ רעדל מיט אַ בלוי קנאָפּקעלע פֿאַר קאַלט וואַסער און אַ רעדל מיט אַ רויט קנאָפּקעלע פֿאַר הייס וואַסער. די פֿריידן און די זאָרגן בא די נײַע אײַנוווינער זײַנען אין אַ היפּשער מאָס איינע און די זעלבע, האַגאַם מיט שאַטירונגען און ניואַנסן. מע ווייסט שוין, אין וועלכער דירע עס וווינט אַ דאָקטער, און, ניט דאָ געדאַכט, אין וועלכער עס האָט זיך ארײַנגעקליבן אַ שיקער. דעם עמעס געזאָגט, גיין איינער צום צווייטן צוגאַסט אײַלט מען זיך דערווײַל ניט. די, וואָס האָבן פֿריִער געלעבט מיט שכיינים, און אַזעלכע זײַנען קימאַט אַלע, ווילן זיך אַ ביסל אָפּרוען אין דער באַזונדערער קיך און אין באַזונדערן קאָרידאָר. אַ פֿאַרגעניגן: ניט די גוטע שכיינע, ניט די שלעכטע קוקן ניט ארײַן אין טעפּל.

גיכער פֿון די דערוואַקסענע באַפֿרײַנדן זיך די קינדער. ס׳איז זיי אַ וווּנדער, וויִאַזוי זײַנען זיי עס ניט געווען באַקאַנט פֿון פֿריִער. צוויי אונטערגעוואַקסענע מיידלעך,ביידע הייסן לידמילע, האָבן זיך צונויפֿגערעדט, אַז איינע וועט זיך רופֿן לידע, די אַנדערע — מילע, מע זאָל זיי ניט פּלאָנטערן. לידע און מילע גייען ארום געאַרעמט, ווי זיי וואָלטן צוזאַמען אויסגעוואַקסן.

די נײַע אײַנוווינער לייגן זיך שפּעט שלאָפֿן. זיי קלאַפּן מיט העמערלעך, דרעלעווען דעם האַרטן בעטאָן, שלאָגן ארײַן טשוועקעס. יעדע לאָך אין דער וואַנט איז אַ ריס אין האַרצן — אַוועקגעפּאַטערט אַזאַ נײַע שיינע וואַנט, אָבער די צאָרע איז גאָר ניט אַזוי גרויס. די לעכער ווערן פֿאַרקלעפּט, פֿאַרשמירט, פֿאַרווײַסט. אויב ס׳איז ערגעץ געבליבן אַ סימען פֿון אַ שפּעלטל, אַ טונקעלער פֿלעק, באַהאַלט מען עס הינטער אַ טעפּיך, הינטער אַ צאַצקע אַפֿן פֿינקלענדיקן

סערוואַנט, הינטער אַ גראַבן בוך אויף דער ביכער־פּאָליצע. און גופֿא דאָס קלאַפּן מיטן דרעלער־וועגן ווערט פּאַרטויבט פֿון דער הילכיקער מוזיק, וואָס טראָגט זיך דורך די ווענט אויף אַלע שטאָקן.

וואַסער

דער אַלטער מיכל פּרילוצקי מיט זײַן ווײַב איטע און דער טאָכטער ליזע האָבן זיך אַהער אַריבערגעקליבן ניט פֿון דער ווײַט. זיי איז ניט אויסגעקומען צו נעמען אַ מאַשין אויף אַריבער־צופֿירן די זאַכן. פֿינף געציילטע מעטער פֿונעם נײַעם הויז איז געשטאַנען זייערס אַן אייגן שטיבל, אַן אַרומגעצאַמטס מיט ניט קיין הויכן שיטערן פּלויט, וואָס יעדן ווינטער פֿלעגט ער אומפֿאַלן און יעדן פֿרילינג ווידער ווערן אויפֿגעשטעלט. באַ דער שטוב איז געווען אַ סעדל מיט צוויי ווײַנשלבײמער, איין עפּלבוים און אַ בעשוטפֿעסדיקן באַרנבוים — דער שטאַם איז געוואַקסן באַ מיכלען, די צווײַגן מיט די פּיירעס זײַנען געווען באַם שאָכן. אין הויף איז געשטאַנען אַ שטעלכל פֿאַר האָלץ, אַ קאַטוך פֿאַר הינער און, בימכילע, אַן אָפּטריט־אָרט מיט אַ שלעסל אויפֿן צעבראָכענעם טירל. די נאַכלע האָט מיכל אײַנגעשאַפֿן אַריבער דרײַסיק יאָר צוריק, ווען ער איז פֿונעם שטעטל ליפּאָוועץ געקומען צו פֿאָרן קיין מאָסקווע, ווו עס האָט שוין דאַן געוווינט זײַנער אַ פֿעטער — אַ גוטער און געטרײַער פֿעטער, וואָס האָט אַלע זײַנע קרויווים געציצעט איבערוואַנדערן קיין מאָסקווע. בעסער, ווי אין מאָסקווע, — האָט ער געשריבן, — איז אין ערגעץ ניט. ייִדן האָבן דאָ ברויט און צום ברויט. אין שטעטל איז מיכל געווען דער אָרעמסטער באָכער, און כאַסענע האָט ער געהאַט פֿאַרן אָרעמסטן מיידל. אַ קליינוווּקסיקער, מיט אַ קײַ־לעכיק, ליכטיק, פֿול פּאָנעם, האָט ער אויסגעזען אַזוי, פּונקט ווי ער וואָלט אַפֿילע אינדערוואָכן געגעסן טשאָלנט און פֿאַרטרונקען מיט ווישניק. דער שטערן באַ אים — אַ הויכער, מיט אַ פּאָר פּריִע קנייטשן, ווי באַ אַן עמעסן טאַלמיד־כאָכעם. אָבער ניט מיט טוירע, ניט מיט כאָכמע האָט ער זיך ניט געקאָנט באַרימען. קלוגשאַפֿט איז געווען באַ איטען. נאָך דער כאַסענע האָט זי איבער מיכלען גענומען די אויבערהאַנט אַזוי פֿעסט, אַז דער יונגערמאַן איז אינעם שטעטל גלײַך געקרוינט געוואָרן מיטן צונאָמען: דאָס עקסעלע. ער האָט זיך גוט געלאָזן גיין אין שפּאַן, געטרײַ געשלעפּט דעם וואָגן, פֿאַרלאָפֿן דעם ווײַבל אַלע גענג, ניט געלאָזט זי אַן איבעריקן מאָל זיך אָנבייגן. דער צונאָמען האָט מיכלען זיך נאָכגעשלעפּט אַזש קיין מאָסקווע. די אַלטע באַ־קענטע און קרויווים רופֿן אים אַזוי הינטער די אויגן ביז הײַנטיקן טאָג.

די גאַס אין עק שטאָט, ווו מע האָט זיך באַזעצט נאָכן אַראָפּקומען פֿון ליפּאָוועץ, האָט מיט אירע נידעריקע הילצערנע הײַזקעס און קליינע ענגע הויפֿן קנאַפּ זיך אונטערשיידט פֿון דער שטעטלשער גאַס. אַ מינוט צען גאַנג פֿונדאַנען איז געלעגן דער ראַכוועסדיקער שאָסיי־וועג, וואָס רופֿט זיך „לענינגראַדער“. דאָרטן האָט געוויימלט, מע האָט געדאַרפֿט בענטשן גוימל, ווען מע איז אים בעשאָלעם דורכגעגאַנגען און ניט אַרונטערגעפֿאַלן אונטער אַ מאַשין, און דאָ, אויף דער קאַזאַרמע־גאַס, — זי האָט אַזוי געהייסן, ווײַל אַמאָל זײַנען אויף איר געווען די סאָלדאַ־טישע קאַזאַרמעס, — איז געווען אַזוי שטיל, אַז דער קריי פֿון אַ האָן אויף איין עק גאַס האָט זיך געהערט אויפֿן צווייטן עק. אַ הײַסינער ייִדענע מיט אַ ייִדענע פֿון כמעלניק האָבן געמיטלעך זיך דורכגעשמועסט דורך די אָפֿענע פֿענצטער.

מע האָט זיך דאָ אין אַלגעמיין נישקאָשעדיק אויסגעלעבט די יאָרן — אין די צײַטן פֿון נעפּ איז מען געווען קוסטאַרן, געשוסטערוועט, געקירזשנעוועט, געשנײַדערט, די אויסגעפּאַר־טיקטע פּאָר סאַפּאָזשקעלעך, דאָס בעגעדל, די קעפּקע לויט דער לעצטער מאָסקווער מאָדע האָט מען געטראָגן אויפֿן פּעראָווער מאַרק, ווו — אַ קערבל אַרויף, אַ קערבל אַראָפּ — דאָס שטיקל סכוירע האָט געפֿונען אַן אָפּזאַץ. שפּעטער איז מען אַרײַנגעטראָטן אין די אַרטעלן, אָבער קעדיי אויסצושלאָגן די פּאַרנאָסע, האָט מען נאָך אַלץ אונטערגעאַרבעט אין דער היים. באַטאָג איז די ניי־מאַשין געווען פֿאַרדעקט מיט אַ סערוועט און אויף איר איז געשטאַנען אַ גלאָז מיט בלימ־לעך — פֿאַרן פֿין־אינספּעקטאָר, אויב ער וועט אין אַ גוטער שאָ אַרײַנבלאָנדזשען אַהער. און בישטיקע, באַדערנאַכט, באַ פֿאַרמאַכטע לאָדנס, האָט מען גענייט. אונטערגעוואַקסענע קינדער האָבן שוין געשטרעבט אין די אינסטיטוטן, געהאַט באַם אָנקומען אַ היפּש ביסל מאַטערנישן — דער סאָציאַלער אָפּשטאַם איז באַ זיי געווען ניט קיין געהויבענער. אין אַ יאָר פֿיר־פֿינף אַרום האָבן טאַטע־מאַמעס זיך אָפּגעגעבן מאַזלטאָוו:

— אונדזערע האָט שוין האַיאַר געקאָנטשעט... און אײַערער?

— מע לאָזט אים איבער אין אַספּיראַנטור.

מע האָט פארענדיקט דעם אוניווערסיטעט, דעם מעדיצינישן אינסטיטוט, דעם איניאַז[1]. קאָראָסטישעווער און כאשטשעוואטער מיידלעך האָבן גערעדט ענגליש און פראנצויזיש, ווי זיי וואָלטן געבוירן געוואָרן אין לאָנדאָן און פאריזש. מילכאָמע־צײַט האָט מען דאָ, אף דער ראנד־גאס, געמאכט א גרויסע טראנשיי, א קעגנטאנקען־גרוב. די עלטערע לײַט מיט די קינדער האָט מען עוואקוירט, די יוגנט איז אוועק אפן פראָנט אָדער אף די מיליטערישע זאוואָדן. נאָך דער מילכאָמע האָט די גאס ווידער אופגעלעבט, מע האָט זיך אומגעקערט אין די אלטע שטיבער...

איצט טראָגט מען די גאס אראָפּ — שטוב נאָך שטוב. אייגנטלעך, האָט מען זי שוין אראָפּגעטראָגן. איטע שטייט אין איר נײַער קיך, קאָכט דעם וואַרמעס און קוקט בייסמײַסע אין גרויסן פענצטער מיט די צווייענדיקע שויבן. זי זעט, ווי אן ארבעטער איז ארופגעקראָכן אפן דאך פון איר געוועזענעם שטיבל און רײַסט אראָפּ דאָס בלעך. יעדע בלאט איז פארזשאווערט, אויסגעביסן, דורכגעלעכערט, זי פאלט אראָפּ מיט א טויבן קלונג אף דער קופּע פרישער ליים בא דער טראנשיי, וואָס דער עקסקאוואטאָר גראָבט פון אינדערפרי אָן. אין דער טראנשיי וועט מען ארײַנלייגן די טרויבן פון דער צענטראלער באהייצונג פאר דעם נײַעם מיקראָ־ראיאָן. וויפל קויכעס און געלט האָט געקאָסט דעקן דעם דאך, אלע יאָר אָדער איבער א יאָר האָט מען אים געמוזט לאטען. אזוי גרינג איז געווען צו קריגן א שטיקל בלעך? דאָס עקסעלע פלעגט ברענגען צו שלעפן א פעקל טאָל, א ביסל שיפער, ס'זאָל ניט רינען איבערן קאָפּ.

פונעם דאך איז שוין ניט געבליבן קיין סימען, עס שטארצט נאָר דער קוימען. דער עקסקאוואטאָר האָט א ווײַלע אופגעהערט גראָבן די טראנשיי, שווער, מיט די אָנגעוואקסענע הרודעס ליים אף די רויפן, האָט ער צוגעטראכקעט צום שטיבל און, ניט אויסקערעווענדיק זיך, געגעבן הינטן־ארום א זעץ אין דער וואנט. די הײַזקע איז אײַנגעפאלן. קיין איין גאנצן קײַלעכיקן סלופּ זעט מען ניט, בלויז האלבע, פאָלאָווינקעס — דערפאר האָט אזוי געבלאָזן פון די ווענט. אײַניקע ברעטער האָבן זיך פארהיט, מע וואָלט זיי נאָך געקאָנט אויסנוצן, אָבער די מערהײַט איז טרוכליאווע, עס שיט זיך פון זיי שטויב. מיכל, וואָס דרייט זיך אומרויִק ארום אין הויף, ווי א הינדל, בא וועלכן מע צענעמט די סידעלע, איז זשוואווע ארופגעקראָכן אף דער כורווע און גענומען אָפּקלײַבן ברעטלעך אף ארומצושלאָגן דעם באלקאָן פון דער נײַער דירע. ער האָט אויסגעזוכט און ארויסגעשלעפּט פונעם אָנגעוואלגער לענגערע דרענגלעך פאר די שטריק צו הענגען גרעט. ס'וועט אים שוין סטײַען ברעטלעך און דרענגלעך ניט פאר איין באלקאָן און ניט פאר איין שטריקל, נאָר ער בייגט זיך ווידער, זוכט, גראָבט, נישטערט. וואָס זוכט ער? וואָס וועט ער אין דער קופּע מיסט געפינען? קארג זאכן איז אויסגעקומען איבערצולאָזן? צוויי קראָסינקעס, א קעראָגאז, א פרימוס, — איטע האָט געפּרוווט עס פארקויפן האלב אומזיסט, האָט מען נאָר געקנייטשט מיט די פלייצעס; האָט זי געוואָלט אָפּגעבן עס אינגאנצן אומזיסט, האָבן זיך אויך ניט געפונען קיין באלאָנים. ווארפן אף העפקער האָט ניט דערלאָזן דאָס הארץ, יאָרנלאנג האָבן די כפייצים געטרײַ געדינט — געזשומעט, גערייכערט, געטשאדעט, געשלונגען בידאָנען קעראָסין. דעם קעראָגאז האָט איטע באשטאט אין א ווינקל אפן באלקאָן פון דער נײַער וווינונג, איבערגעדעקט אים מיט א שווארץ טיכל, ווי א בארמינען. די קעראָסינקעס מיטן פרימוס האָט זי נאָך א יישעווו־האדאס מיט זיך אליין אוועקגעשטעלט אין הויף אף אן אָנגעזעען אָרט, נעענטער צו דער גאס — ווער עס דארף, זאָל נעמען. נאָר אפילע קיין אוטילשטשיק האָט זיך ניט געיאווועט. כעוורע קונדייסים האָבן גענומען מיט זיי שפילן, ווי מיט פילקעס, געוואָרפן זיי און געשלײַדערט.

די בערעזע, וואָס וואקסט אף דער גאס און וואָס פריִער האָט מען דורכן נידעריקן פענצטערל פונעם שטיבל געזען בלויז אירס אן אונטערשט צווײַגל, קוקט איצט ארײַן אינעם הויכן פענצטער און אין דער גלעזערנער טיר פון דעם גרויסן צימער מיט דער גאנצער מילדער ווײַסקײַט פון אירע צוויי מעכטיקע שטאמען, וועלכע ציִען זיך פון איין שוירעש, און מיטן גאנצן טונקל־גרינעם געבלעטער פון די זאפטיקע צווײַגן. דער שיינער בוים האָט גליקלעך אויסגעלעבט און געבליבן מיט זײַן לאנגאָניקער פארוואָרצלטקײַט א ניט־גערירטער אפן באצירק פון דער בויונג. אויבן, בא דער קרוין, הענגט די סקוואָרעשניע, און די פייגל פליִען אין דער אלטער נעסט, זיי באמערקן אפילע ניט, אז די פריִערדיקע גאס איז ניטאָ און אז אלץ ארום האָט זיך געביטן. די שאָפערן האָבן אן ארבעט צו קוקן, זיי זאָלן ניט צעשעדיקן דעם בוים, ניט ארופאָרן אף אים מיט א ראָד, ניט פארטשעפען אים. איצט האָט א זאָרג דער מאשיניסט פונעם עקסקאוואטאָר, ער האלט אין איין ארויסקוקן פון זײַן הויכן טורעמל אף רעכטס און אף לינקס. ער

[1] אינסטיטוט פאר אויסלענדישע שפראכן.

ברעכט זיך אויס די הענט באַם רודער, מאַנעווורירט, דרייט די מעגושעמדיקע רויפֿן־רעדער אַהער און אַהין, ניט אַרופּצוקריכן מיט זיי אויף די איידעלע פּרוכט־ביימלעך, וואָס וואַקסן אַ שפּאַן ווייַטער פֿונעם אָרט, וווּ ער גראָבט. דעם עפּלבוים, דעם באַרנבוים און איין ווייַנשלביימל האָט ער אויסגעהיט. דאָס צווייטע ווייַנשלביימל האָט ער פֿאַרטשעפּעט, אַ גראָבל געטאָן עס מיטן קאָווש. דאָס געוויקס איז אומגעפֿאַלן, די וואָרצלען, באַקלעפּט און באַהאַנגען מיט אַש־קאַליריקע הרודקעס ערד, האָבן זיך אַרויסגענומען פֿון דער ערדישער שויס, ווי אַ קוגל פֿון אויוון.

איטע האָט צעפּראַלט דאָס פֿענצטער און צוזאַמען מיט אַנדערע שכנים, וואָס זייערע פֿענצטער קוקן אַרויס אין סעדל, אויפֿגעהויבן אַ גוואַלד:

— וואָס האָסטו, רעצייעך, געטאָן? — האָט זי אָפּן עקסקאַוואַטאָרשטשיק גענומען מאַכן מיט די פֿויסטן. — ווייסט ניט, אַז גרינס טאָר מען ניט רירן? איך לויף גלייַך צום פּראָקוראָר!

דער עקסקאַוואַטאָרשטשיק, שוין ניט קיין יונגער מענטש, — ניט אײן טויזנט קובאָמעטער ערד האָט ער אויף זייַן לעבן אויסגעגראָבן און ניט איין בוים איז אים אויסגעקומען אַראָפּטראָגן, האָט צוערשט אויף די ווייַבערשע קוויטשעס ניט געוואָלט ענטפֿערן, ער האָט זיך געמאַכט ניט הערנדיק. דערנאָך איז ער פֿונדעסטוועגן אַרויסגעקראָכן פֿון דער קאַבינע און אויפֿגעהויבן אַ פּאָר ריינע, הימל־בלויע אומשולדיקע אויגן אַרויפֿצו צו די באַלקאָנען. זייַן בליק האָט ער אָפּגעשטעלט אויף איטען, זי האָט מער און העכער געשריִען פֿון די איבעריקע, אָבער זייַן קורצע רעדע איז געווען געווענדט צו אַלעמען:

— ווייַבעלעך, טומלט ניט, וויפֿל איך וועל דאַרפֿן, אַזויפֿיל וועל איך אויסהאַקן. קיין איבעריק צווייַגל וועל איך ניט נעמען. עפּל און ווייַנשל וועט אייַך סטייַען פֿון די פֿאַרבליבענע ביימער, איר וועט מיך נאָך מעכאַבעד זייַן. כ'מיין, אַז דרייַ קיסליציעס האָסטו, מאַמאַשע, געהאַט פֿון אַ בוים? — האָט ער ווויליונגעריש אַ פֿרעג געטאָן באַ איטען און מיט דער דאָזיקער פֿראַגע שוין איינגעאַנצן זי אַרויסגעבראַכט פֿון די קיילים.

— כ'האָב פּאַווידלע פֿון די אייגענע עפּל נאָך פֿון פֿאַרצווייאָרן, — האָט זי געכאַפּט אַ פֿאַרבודענעם סלאָיִק פֿון אַ ווינקל אויפֿן באַלקאָן און אים אויפֿגעהויבן איבער דער פּאַרענטשע. — אַזאַ גוט יאָר זאָל איך האָבן, וואָס פֿאַרא עמער עפּל איך האָב פֿאַרצווייאָרן אַראָפּגענומען!..

— און פֿאַראיאָרן? — דער עקסקאַוואַטאָרשטשיק האָט, קענטיק, געהאַט האַנאָע פֿונעם איבערריידן זיך, ס'איז געווען פֿאַר אים אַ שטיקל אָפּרו.

— וועגן פֿאַראיאָרן רעדט מען ניט. פֿאַראיאָרן איז געווען אַן אומגערעטעניש. און אייַנגעמאַכטס פֿון ווייַנשל האָב איך ניט?

— נאָך דער אַרבעט וועל איך אַרייַנקומען און פֿאַרזוכן, — האָט דער פֿריילעכער עקסקאַוואַטאָרשטשיק צוגעזאָגט. — ווישניק איז אויך פֿאַראַן?

— דאַרפֿסט נאָך ווישניק?

— אַ גלאָז בראַנפֿן מאַכט אויך ניט אויס.

— כאַכמע זיך ניט, ס'וועט אַזוי גלאַט ניט אַראָפּ, — האָט איטע מיט ביידע הענט געטייַטלט אויפֿן אומגעפֿאַלענעם ביימל.

דער עקסקאַוואַטאָרשטשיק איז אַרייַנגעקראָכן אין דער קאַבינע און שוין פֿון דאָרטן אַ זאָג געטאָן ערנסט און אפֿילו ווי באַליידיקט, וואָס אים קומט אויס זיך צו פֿאַרענטפֿערן:

— ווינטער וועט איר פֿאַרפֿראָרן ווערן, אויב מע וועט ניט צופֿירן צו אייַער הויז קיין טרויבן פֿון דער צענטראַלער באַהייצונג. — די לעצטע ווערטער זייַנע האָט פֿאַרטויבט די הודזשעריי פֿונעם עקסקאַוואַטאָר.

מיכל, וואָס האָט אין ערגעץ ניט פֿאַרזאַמט, געווען אויפֿן באַצירק דאָ און דאָרט, — האָט גענומען דאָס אומגעוואַלגערטע ביימל, ווי אַ לולעוו, אין די הענט און איבערגעטראָגן עס אויף דער אַנדערער זייַט פֿון דער טראַנשיי, אַנטקעגן די פֿענצטער פֿון זייַן דירע. צום דריטן שטאָק וועלן די פֿײַרעס ניט דערלאַנגען, אָבער אַ ביסל גרינס וועט מען זען. ער האָט מיט דער לאָפּעטע פֿלייַסיק גענומען מאַכן אַ גריבל אויף איבערצוזעצן דאָס געוויקס, און איטע האָט אים פֿון אויבן, דורכן פֿענצטער, געהאָלפֿן מיט אַן אייצע.

אַ סאַך צייַט גייט באַ איטען אַוועק אויף קוקן דורך די פֿענצטער. פֿריִער, אין איר שטיבל, האָט זי דורך די נידעריקע שייַבלעך געזען באַ די פֿאַרבייַגייער בלויז די פֿיס ביז די קני. דעם גאַנצן טאָג האָט זי געזען קני, עס האָט געקניט אין די אויגן. איצט זעט זי אַ מענטשן אינגאַנצן, און פֿריִער פֿון אַלץ זייַן קאָפּ. וואָס איטע זאָל ניט טאָן, מוז זי אויך צוגיין צום פֿענצטער. ווען זי שטייט באַ דער פּליטע, איז — אַ קוק צום טעפּל און אַ קוק אין פֿענצטער. ווען זי וואַשט דאָס געפּעס, איז דאָס זעלבע: אַ וואַש, אַ וויש און אַ קוק. אין דרויסן, אויף דער אַראָפּגעטראָגע־

נער גאַס, קומען נאָכאַנאַנד פּאָר געשעענישן, וואָס זי דאַרף לעמאַנעשעם זײַן פון זיי אַן אײדעס. פונדעסטוועגן, בלײַבט געגנוג צײַט אויך פאַר דער שטוב. קיין האָלץ פון דרויסן דאַרף מען ניט טראָגן, דעם אויוון ניט הייצן, נאָך קעראָסין ניט לויפן. צוגעטראָגן אַ שוועבעלע צום גאַז־קאָל־פעק, און ס׳צינדט זיך אָן אַ בלוי פלאַטערנדיק בלימעלע, אַ כיעס צו קוקן. אוועקגעשטעלט אַף די קאָנפאָרקעס קאָכן דעם מיטיק, מע באַווײַזט ניט אָפּדעקן די דעקלעך פון די טעפּ — עס זידט שוין, עס לויפט שוין, ס׳איז שוין באַלד פאַרטיק! וויפל צײַט האָט עס פאַרנומען אָפּקאָכן אַ זופּ מיט פלייש אַף דער קעראָסינקע, וואָס אָט ציען זיך אַרוף די קנויטן, עס ווערט שיר ניט אַ סריפּע, אָט פאַלן זיי אַראָפּ, ווי אין אַ טהאָם אַרײַן.

אָפּגעפאַרטיקט דעם וואַרמעס און אים גוט באַוואָרנט — אײַנגעוויקלט אין מיכלס אַן אַלטן וואַטניק דאָס עסיק־פלייש, מע זאָל ניט דאַרפן נאָכאַמאָל עס וואַרעמען, ווײַל דאַן פאַרלירט עס דעם טאַם; אַוועקגעשטעלט לויט דער אַלטער געוווינשאַפט אַפן פּענצטער אויסקילן דעם קאָמפּאָט (כאָטש פונעם איצטיקן פּענצטער בלאָזט שוין ניט), — איז איטע זיך דורכגעגאַנגען איבער די צוויי צימערן און באַטראַכט דאָס מעבל. מיטן מעבל האָט קאָמאַנדעוועט די טאָכטער ליזע. דאָס גאַנצע לעבן זײַנען איטע און מיכל, מיט לײַטן צוגלײַך, געשלאָפן אַף אַ בעט מיט אַ מאַטראַץ, אַפילע מיט צוויי מאַטראַצן, און ס׳איז געווען אַ פּערענע און קישנס ביז דער סטעליע. די קישנס זײַנען געווען איטעס נאַדן, די פּעדערן פאַר זיי האָט נאָך געפליקט די באָבע. איצט איז באַטאָג קיין סימען פון אַ קישן ניטאָ אין שטוב. אינדערפרי שטופּט איטע אַרײַן דאָס גאַנצע בעטגעוואַנט אין דער שאַפע, וואָס איז אײַנגעמויערט אין דער וואַנט, ס׳בלײַבט נאָר אַף דער טאַכטאַ אַ מאָנטשינק סאַמעטן קישעלע מיט אַן אויסגענייט בערעלע. די טאַכטאַ איז דרײַ ווערש־קעס פון דער ערד; ווען מע ליגט אַף איר, איז ווי מע וואָלט געלעגן אַף דער פּאָדלאָגע. אַזוי־פיל גוטע יאָר זאָל נאָך צוגעגעבן ווערן צום לעבן, וויפל מע האָט נאָך געקאָנט שלאָפן אַף דעם אַלטן בעט. עמעס, ס׳האָט אַ ביסל געסקריפּעט, און דאָס וועגטל, קעדיי עס זאָל ניט אומפאַלן, האָט מען עס געדאַרפט האַלטן צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט. עס זײַנען געווען וואַנצן... דאַרף מען צוליב דעם אַרויסוואַרפן אַ בעט?

ווען איטע, מיכל און ליזע זײַנען אַרײַן אין גרויסן מעבל־מאַגאַזין אַפן לענינגראַדער פּראָ־ספּעקט, האָט ליזע ניט געלאָזן דעם טאַטן און די מאַמע צוגיין צו די בעטן, זי האָט זיי נאָר געשלעפּט צו די סאָפּקעס און צו די טאַכטאַ.

— וויפל דאַרף מען אײַך דערקלערן, אַז אַף אַ בעט שלאָפט מען איצט ניט, ס׳איז אַן אַנאַכראָניזם, — האָט ליזע שטיל, אַנדערע זאָלן ניט הערן, אײַנגעקנעלט מיט טאַטע־מאַמע. — דאָרטן, ווו עס שטייט אַ בעט און ס׳איז אָנגעלייגט אַ פּיראַמידע מיט קישנס, קאָן מען אין שטוב ניט אַרײַנגיין...

ווען ליזע נערווירט, טרייסלט זיך בא איר אַפן קאָפּ די הויכע פריזור מיטן ווײַדעלע אַפן נאַקן, ס׳פינקלען די אויגן — גאָר עפּעס פרעמדע אויגן, זיי גלאַנצן מיט פאַרב פון דער פאַבריק־מאַכערסקע.

לויט איר עלטער וואָלט ליזע געמעגט זײַן איטעס און מיכלס אַן אייניקל. ווען מיכל האָט נאָך דער מילכאָמע זיך אומגעקערט פון פראָנט מיט הענט און מיט פיס, — וויאַזוי האָט מען די סימכע ניט געזאָלט אָפּמערקן לעדוירעס? דאָס פאָרפאָלק, וואָס איז שוין דעמלט געווען ווײַט ניט יונג, האָט זיך פאַרגונען, און פונקט אין נײַן כאָדאָשים אַרום נאָך דער דעמאָביליזאַציע איז געבוירן געוואָרן אַ מיידעלע, עמעס אַ שוואַכינקע, פּאָרט אַ שפּעט צווײַגעלע...

אַ היפּשע ווײַלע איז איטע געשטאַנען אין גרעסערן צימער און מאַרקירט, וויאַזוי ס׳וואָלט געווען בעסער איבערצושטעלן דאָס מעבל. דערנאָך האָט זי אָנגעטאָן דעם נײַעם ציצענעם כאַ־לאַט, די בלימלדיקע שטעקשיך און אַרײַנגעשוועבט, ווי אַ מאַלקע, אין וואַנע־צימער, אַרײַנ־כאַפּן אַ וואַנע, קאָלזמאַן מיכל איז אין דרויסן און די טאָכטער האָט זיך נאָך ניט אומגעקערט פון דער אַרבעט. איטע האָט גענומען רעגולירן די קראַנען — דאָס איז איר באַליבטע מעלאָכע. זי האָט געעפנט דעם הייסן קראַן, געעפנט דעם קאַלטן, געדרייט די קראַנען אַהין און אַהער, געמישט וואַרעמס מיט קאַלטס, ביז דאָס וואַסער איז איר געוואָרן געפעלן, ס׳איז אַזאַ ווי זי דאַרף. דאַן האָט זי אײַנגעשלאָסן דעם דוש און ס׳האָט גענומען גיסן פון אויבן. מיטאַמאָל איז אַוועק רויט וואַסער, ווי אויסגעמישט מיט ליים, און איטע האָט אָנגעהויבן באַנײַס אַ קאָן — אַרויסגעלאָזן דאָס וואַסער, וואָס האָט זיך שוין אָנגעגאָסן, אויסגעשווענקט און אויסגעוואַשן די דעק מיט די ווענטלעך פון דער וואַנע און גענומען אָנגיסן נײַ וואַסער, דערבײַ יעדעס מאָל אונטערגעשטעלט די הענט אונטערן שטראָם, געגעבן אַ טאַפּ, צי ס׳האַלט די טעמפּעראַטור, וואָס זי האָט זיך אויסגעקליבן. ענדלעך האָט זי זיך אויסגעטאָן, צונויפגעלייגט די זאַכן אַף דער טאַבורעטקע און אַרײַנגעקראָכן אין דער וואַנע. דעם קאָפּ מיט די פאַנאַנדערגענומענע גראָווע האָר האָט זי אָנגעלענט אָן דעם ווײַס־פינקלענדיקן פאָרצעלײַענעם צוקאָפּנס, זי האָט זיך

גענומען פליושקען, און גרינג איז געוואָרן דאָס אַלטע לײַב — אַ העלפט יאָרן זײַנען אוועק־געשווומען.

אַלץ איז פאַרגעניגנדיק אין דער נײַער דירע, אָבער דער גרעסטער אוצר איז דאָס וואַסער.

דאָס גאַנצע לעבן האָט איטע געפילט אַ מאַנגל אין וואַסער. פון קינדווײַז אָן האָט זי פאַר־געדענקט, ווי אין שטוב האָט מען זיך געקריגט, ווער עס זאָל גיין נאָך וואַסער, און טאָמיד האָט מען געהערט ריידן, ווער עס האָט אויסגעגאָסן אַן איבעריקע קוואָרט. הײַנט וויפל עמער זײַנען אַרײַנגעפאַלן אין ברונעם און וויפל מאָל איז מען שיר אַליין ניט אַרײַנגעפאַלן, ווינטער־צײַט שיר ניט געבראָכן האַלדז־און־נאַקן, ווען מע איז געשטאַנען אויף אָנגעוואַקסענעם גליטשיקן בערגל און מיטן עמער אויף דער שטריק געבאָמבלט אינווייניק, אינעם טונקעלן שמאָלן כאָלעל, צווישן די דיקע פלעכטלעך אײַז, וואָס זײַנען אָנגעוואַקסן אויף די ווענטלעך פונעם ברונעם. זומער איז געווען גרינגער, אָבער איידער עס פלעגט זיך אָנעמען אַ פולער עמער, האָט מען לאַנג געדאַרפט מיט אים קלינגען און קאַלויצען, צען מאָל אים אופהייבן און צען מאָל צוריק אַראָפּלאָזן צום אויסגעשעפטן דעק.

מילכאָמע־צײַט האָט איטע געלעבט אין אַ דאָרף, וווּ מע האָט געטראָגן וואַסער פונעם טײַך. מיטן ליידיקן איז מען געלאָפן אַראָפּ־באַרג, מיטן פולן — זיך געשלעפּט אַרויף־באַרג. ס׳זאָל זײַן פאַרקערט, וואָלט מען אינגאַנצן ניט געקאָנט זיך געבן אַן אייצע. דערנאָך איז זי אַריבערגע־פאָרן אין איסיק־קולער געגנט, אין קירגיזיע, דאָרטן שעפט מען וואַסער פון אַן אַריק — אַ ריטשקע, וואָס פליסט אין אַן אויסגעגראָבענער שמאָלער קאַנאווע. דאָס וואַסער דאַרף אַ צײַט זיך אָפּשטיין, עס זאָל אויפן דעק זיך אָפּזעצן די שמוץ. דאָס אַריקל איז גערונען לענגויס דער גאַס, פאַרבײַ די געפלאָכטענע פלויטן פון די הויפן. מיט אירע אייגענע הענט האָט איטע גע־האָלפן גראָבן אַ גרויסן אַריק, אַ גאַנצן קאַנאַל אין אַ נײַ אָרט, אַ וויסטעניש. וואַסער פאַר די בויער האָט מען אַהין געפירט פון דער ווײַט, אין ציסטערנעס, אײַנגעטיילט יעדן בעצימצעם, צוזאַמען מיטן כיילעק ברויט, ווי אַ גלאָז מאַשקע און נאָך עפּשער ציטעריקער פון מאַשקע. ווען אינעם קאַנאַל האָט גענומען פליסן דאָס ערשטע ליימיק־רויטע געדיכטע און קלעפּיקע וואַ־סער, איז איטע צוגעפאַלן צו אַ קירגיזקע און זיך געקושט מיט איר, ווי מיט אַ שוועסטער.

אין מאָסקווע האָט מען גענומען וואַסער פון אַ קאָלאָנקע — ס׳איז ניט צו פאַרגלײַכן מיט אַ ברונעם און מיט אַן אַריק, איז זי אָבער, די קאָלאָנקע, געווען ווײַטלעך. אַ גוטע פּאָר הונדערט שפּאַן פון דער שטוב.

דער געטרײַער מיכל האָט צוליב זײַן ווײַב געטאָן אַלע שווערע אַרבעטן, נאָר אין צוויי זאַכן האָט ער איר ניט געקאָנט העלפן: גיין פאַר איר צו קימפּעט און טראָגן וואַסער. אַ קליינ־טשקער, מיט קורצע הענט און קורצע פיס, האָט ער בעשום־אויפן ניט געקאָנט טראָגן צוויי עמער וואַסער און ניט צעגיסן זיי. אויפן וועג האָט ער האַלב צעפּליעסקעט. עס האָט זיך געצויגן אַ ריטשקע פון דער קאָלאָנקע ביז דער שטוב — אַ געלעכטער פאַר לײַטן, אַ קוויקעניש פאַר די אומאַנער, בערשאַדער, כאַשטשעוואַטער, נאָוואָזיבקאָווער לעצאָנים, וואָס האָבן געוווינט אויף דער גאַס: עקסעלע דער גיבער! איטע האָט געטראָגן די עמער אויף אַ קאָראָמיסלע, דער טיפער אויסבייג פון דער דוהע איז ווי אַ צוגעשמידעטער געלעגן אויפן אַקסל, דער הויכער בוזעם איז געווען אַ גוטער גלײַכגעוויכט צו די פולע עמער, און זי איז געגאַנגען גלײַך, ניט געבויגן, קיין טראָפּן וואַסער האָט זי ניט פאַרגאָסן ניט אויפן ברוק, ניט אויפן טראָטואַר.

איטע האָט די קאָראָמיסלע מיטגענומען אין דער נײַער דירע, אוועקגעשטעלט אויפן באַלקאָן. ערשטנס, קאָן עס דינען פאַר אַ שטעקן, צווייטנס, זאָגט מען, אַז ס׳מאַכט זיך: אויף די אייבערשטע שטאָקן הערט אויף צו גיין וואַסער, וועט דאַן דאָס שטיקל אַלטוואַרג נאָך צוניץ קומען. די קאָ־ראָמיסלע איז אויסגעריבן און גלאַט אָפּגעפּאָלירט, באַזונדערס יענץ אָרט, וואָס פלעגט ליגן אויפן אַקסל, ס׳איז ווי אַ שטיינדל, וואָס איז געלעגן אויפן דעק פון יאַם.

די וואַנע ווערט אַלץ פולער, עס קלאַפּט דער וואַרעמער שטראָם, דאָס וואַסער נעמט אַרום, גלעט די ביינער, ציט אַרויס די מידקײַט פון די פיס. אַזאַ וואַנע — כאָטשבי מיט אַ צען יאָר צוריק... איטע רײַבט איין פוס אינעם צווייטן און פילט מאַמעש, ווי ס׳גייט אַראָפּ פון זיי דאָס געשווילעכץ. זי דערמאָנט זיך, וויִאַזוי מיכל איז די ערשטע צײַט נאָכן אַראָפּקומען פונעם שטעטל קיין מאָסקווע געשטאַנען אויף דער גאַס און געהאַנדלט מיט פּאַפּיראָסן. אין די פרעסט פלעגן בײַ אים אָפּפאַלן די הענט פון קעלט, די פינגער פון די הענטשקעס זײַנען פון אויבן געווען אָפּ־געשניטן, קעדיי מיכל זאָל קאָנען נעמען דאָס געלט, געבן אויסגאָב. האַנדלען מיט די פּאַפּיראָסן אויפן שטיק, פונעם אָפּענעם פּעקל, קאָן מען אויך ניט מיט פאַרקוטעטע הענט, מע דאַרף דעם פּאַפּיראָס אַרויסשלעפּן פון פּעקל. גראָד פון די פּאַפּירעסלעך, וואָס מיכל האָט פאַרקויפט אײַנ־ציקווײַז, האָט מען געצויגן די כאַיונע... אַהיים פלעגט ער קומען מיטן פראָסט אונטער די נעגל.

מע זאָל אים דאַן אַרײַנזעצן אין אַ הייסער וואַנע, וואָלט ער זיך דערפֿילט ווי אין אַ גן־עדן...

די טאָכטערקע ליזע, — טראַכט איטע ווײַטער, — שטייט אין אַ גרויסן ביכער־מאַגאַזין, אין צענטער פֿון מאָסקווע, ס׳איז דאָרטן וואַרעם, און זי האָט צו טאָן מיט אַ פֿײַנעם עולם — ניט קיין פּראָסטע מענטשן קויפֿן ניט קיין ביכער, — און פֿונדעסטוועגן שעמט זי זיך, ליזע, מיט איר אַרבעט, זי האָט בעקיוון זיך אײַנגעאָרדנט וואָס ווײַטער פֿון דער שטוב און פֿאָרט יעדן טאָג מיטן אויטאָבוס און מיט דעם מעטראָ, אַבי נאָר באַקענטע זאָלן זי ניט זען בײַ דער ביכערפּאָליצע. עפּשער איז זי גערעכט: אַן איצטיקער באָכער, אַן אינזשעניער, וויל אַ ווײַב אַן אינזשעניערשע, אַ דאָקטערשע; אַ פֿעלדשעריצע נעמט מען שוין ניט גערן. הײַנטיקע ייִנגלעך פֿרעגן גלײַך: וווּ אַרבעט זי? וואָס איז זי? אויף דער גאַס, וואָס מע האָט אַראָפּגעטראָגן, האָט איטע געהאַט אין אויג אַ פּאָר ווױלע ייִדישע באָכערים. אויב מיט איינעם וועט ניט אַרויסקומען, איז פֿאַראַן אַ צווייטער, נאָך אַ בעסערער. זײַנען די ייִנגלעך זיך צעפֿלויגן, זיי האָבן געקראָגן דירעס — איינער אין קוזמינקע, דער צווייטער — אויך ערגעץ אין אַ ווײַסרוסעניש, גיי זוך זיי, מע הערט זיי ניט און מע זעט זיי ניט. זיי האָבן גענוג מיידלעך אויפֿן נײַעם אָרט.

וויפֿל קאָן מען אין דער וואַנע זיך קוויקן אינמיטן העלן טאָג? איטע האָט זיך אויפֿגעהויבן, דערבײַ זיך אויסגעגליטשט, אַ נעס, וואָס זי האָט מיט דער האַנט אָנגעכאַפּט זיך פֿאַרן שטריקל, וואָס הענגט אונטער דער סטעליע. שוין גאָר פּאַוואָליע און באַדאַכט האָט זי אַוועקגעשטעלט איין פֿוס אויף דער צעראַטע, וואָס איז געלעגן אויסגעשפּרייט אויפֿן דיל, דערנאָך אַוועקגעשטעלט דעם צווייטן פֿוס. אַן אָפּגעשוואַכטע און אַ צעמאַרעטע, האָט איטע ניט גוט פֿאַרדרייט דעם קראַן, און דאָס וואַסער האָט ניט אויפֿגעהערט צו רינען. זי האָט זיך אײַנגעוויקלט אין אַ קאָנאַקנדיקן אויסגעפּרעסטן לײַלעך, דעם קאָפּ פֿאַרבונדן מיט אַ בלאַנקענדיקן ווײַסן טשיפּעק און אַוועקגעשלײַכט אין צימער.

איטע האָט געכאַפּט אַ געשמאַקן דרעמל. ס׳איז דורך עפּשער אַ גאַנצע שעה, ביז זי האָט אויפֿגעעפֿנט די אויגן. דוכט זיך, אַז מע קלינגט. צי עס ווײַזט זיך איר אויס? אין קאָפּ הודזשעט, ווי פֿון אַ וואַסערפֿאַל. ניין, כּוח דעם, וואָס עס הודזשעט, קלינגט מען טאַקע, יעדער מאָל שטאַרקער, לענגער, ס׳לעכערט די אויערן. ווער קאָן דאָס זײַן? מיכל האָט אַ שליסל פֿון דער שטוב, ליזע — אויך. עס מאַכט זיך — ס׳קלינגט כּעוורע קליינוואַרג, שטיפֿערס, זיי קאָנען ניט דורכגיין רויִק פֿאַרבײַ אַ גלעקל. אָבער מע קלינגט ווידער... איטע האָט פֿאַרשפּיליעט די קנעפּלעך פֿון כאַלאַט און זיך געלאָזן צו דער טיר.

— וואָס איז געשען? עס ברענט? ס׳איז אַ סרייפֿע? — איטע האָט אומפֿרײַנטלעך, פֿאַרדעכטיק באַקוקט דעם אומגעדולדיקן באָכער, וואָס ווי נאָר זי האָט געעפֿנט די טיר, האָט ער אָן אַן אײַנלאַדונג, ווי אַ צעהיצטער לאָשעק, זיך אַרײַנגעריסן אינווייניק אין קאָרידאָר.

— ניט קיין סרייפֿע, נאָר אַ פֿאַרפֿלייצונג, — האָט דער כּעוורעמאַן געענטפֿערט מיט אַן אומרויִק קול, מיט וועלכן מע רופֿט געוויינלעך אַרויס דורכן טעלעפֿאָן די „גיכע הילף“. — בײַ אונדז איז די גאַנצע סטעליע געוואָרן נאַס. דערלויבט אַ קוק טאָן, וואָס טוט זיך דאָ בײַ אײַך...

איטע איז אַ מעוווּלוועלע און איבערראַשטע געבליבן שטיין אין קאָרידאָר. דער אומגעריכטער גאַסט האָט געגעבן אַ גרעסערן שפּאַן און איז אַרײַן אין וואַנע־צימער. דאָ איז טאַקע געווען אַ פֿאַרפֿלייצונג, פֿון דער איבערפֿולטער וואַנע האָט געגאָסן אויפֿן דיל, דאָס וואַסער האָט שוין פֿאַרכאַפּט אַ שטיקל קאָרידאָר און די קיך. דער באָכער האָט קוידעמקאָל גוט פֿאַרדרייט דעם קראַן, דערנאָך האָט ער פֿון זיך אַראָפּגעוואָרפֿן דאָס פּידזשאַקל, אַ שלײַדער געטאָן עס אויף דער טאַבורעטקע, אויף וועלכער עס זײַנען פֿון פֿריִער געלעגן אייניקע איטעס זאַכן, פֿאַרקאַטשעט דעם אַרבל פֿונעם לאַווסאַן־העמדל און אַרײַנגעטאָן די גאַנצע האַנט, ביז דער פּלייצע, אין דער וואַנע — גענומען דורכרייניקן דעם פֿאַרפּראָפּטן רינשטאָק. מיט אַ פֿריילעכער היכצערײַ און פֿאַרכלינעטקײַט האָט דאָס וואַסער גענומען אַראָפּפֿליסן. דאַן האָט דער פֿלינקער יונגאַטש אין דער קיך אַרויסגעכאַפּט פֿונעם שאַפֿקעלע אונטערן קראַן דעם עמער און גענומען שעפּן דאָס וואַסער פֿונעם דיל. ווען מיטן עמער האָט זיך שוין ניט אָנגענומען, איז אַוועק אין גאַנג אַ שמאַטע. איטע איז דערווײַל געקומען צו־זיך, די אָפּגעליימטקײַט איז אַראָפּ פֿון איר, און זי האָט אָנגעהויבן רײַסן די שמאַטע בײַם באָכער פֿון די הענט, זי קען בעסער, נאָר יענער האָט אַ קוק געטאָן אויף איר אַלט בלאַס פּאָנעם און באַשלאָסן פֿאַרזעצן אַליין. ער האָט פֿון די פֿיס אַראָפּגעוואָרפֿן די פּיטש־נאַסע סאַנדאַליעטן און העכער אונטערגעהויבן און פֿאַרקאַטשעט די הויזן — דאָס איז אָנגעקומען ניט אַזוי גרינג, ווײַל די הויזן זײַנען שמאָלע. די שמאַטע האָט ער יעדער מאָל אויסגעדרייט מיט אַזאַ קראַפֿט און אָנשטרענגונג, פּונקט ווי זי וואָלט געווען אַ פֿאַדקעווע, וואָס ער דאַרף איבערברעכן. ער איז געווען פֿאַרטאָן אין דער דאָזיקער אַרבעט, בייס עס איז

אַרײַנגעקומען ליזע. דאָס בלויע גרינע שטאָף פֿונעם פֿלאַשטש „באַלאַניע“ האָט אױף איר גע־גלאַנצט און זיך געמיניעט, געהאָרכזאַם איבערגעכאַזערט יעטווידע באַוועגונג פֿונעם שטאָלטנעם מיידלשן קערפּער. אין איין האַנט האָט ליזע געהאַלטן אַ קליין זאַמשן רידיקיולעכל, פֿאַרמאַכט אױף אַ בליץ־שלאָס, אין דער צווייטער האַנט — אַ גראָבן בוך אין זייער אַ פֿאַרביקער סופּער־הילע. אויסגעזען האָט זי, ווי אַ יאַפּאַנקע. דאָס לענגלעכע טונקל־ראָזע פּאָנעם, וואָס צינדט זיך, ווײַזט אויס, אָן פֿון דער מינדסטער אופֿרעגונג, האָט אופֿגעפֿלאַמט.

— מאַמע, וואָס קומט דאָ פֿאָר? — האָט זי אויסגעשריִען.

— אוי, אָן אומגליק, קינד מײַנס! — האָט איטע זי אַרומגעכאַפּט. — איך וואָלט דאָ אַליין דער־טרונקען געוואָרן און דאָס וואַסער וואָלט פֿאַרגאָסן דאָס גאַנצע הויז! זאָג אַ דאַנק דעם יונגנמאַן. ווען ניט ער...

דערזען דאָס יונגע מיידל, האָט דער באָכער באַשטימט, אַז ער האָט שוין ווען איבער־צוגעבן די שמאַטע. ער האָט אײַליק פֿאַריכט די הויזן, אַרויסגעגאָסן פֿון די סאַנדאַליעטן דאָס וואַסער און אַרופֿגעשלעפּט זיי נאַסערהייט אױף די פֿיס. אָנגעטאָן דאָס פּידזשאַקל, האָט ער מיט אַ מענערשן באַס אַ זאָג געטאָן „זײַט געזונט“ און זיך געלאָזן צו דער טיר. ער האָט געוואָלט וואָס גיכער אַרויס, נאָר ער האָט זיך געמוזט פֿאַרהאַלטן — ניט געקענט אופֿשליסן דעם קונציקן שלאָס, וואָס עפֿנט זיך ניט ווי געוויינלעכע שלעסער, מע דאַרף אַ דריי טאָן מיטן שליסל ניט פֿון לינקס אױף רעכטס, נאָר פֿאַרקערט — פֿון רעכטס אױף לינקס. ליזע האָט אים באַוויזן, וויאַזוי מע דאַרף עפֿענען, בייסמײַסע האָבן אירע וואַרעמע טרוקענע ציכטיק־ריינע פֿינגער זיך באַרירט מיט זײַן פֿײַכטער שמוציקער האַנט. דער באָכער איז פֿײַל־אויסן־בויגן אַרויסגעלאָפֿן.

— אַ דאַנק, — האָט אים איטע נאָכגעשריִען, ווען ער איז שוין געווען אױף די טרעפּ.

— ווער איז ער? — האָט ליזע געפֿרעגט, אָנווײַזנדיק אױף דער טיר.

— איך ווייס? — האָט איטע אַ קנייטש געטאָן מיט אַן אַקסל. — אַ מאַלעך פֿון הימל. איך וואָלט דאָ אומגעקומען.

— ווי איז ער אַרײַן?

— וואָס הייסט ווי? דורך דער טיר.

— און אויב ער וואָלט געווען פֿון מאָסגאַז?

— פֿון וועלכן מאָסגאַז? — האָט איטע פֿאַרוואונדערט איבערגעפֿרעגט.

— געדענקסט ניט, מאַמע, פֿון אַוועלכן? דער באַנדיט, וואָס איז אומגעגאַנגען אין די הײַזער און געקוילעט קליינע קינדער און אַלטע לײַט[1].

— אָך, טאָכטער מײַנע, — האָט איטע אַ זיפֿץ געטאָן. — אױף מײַן לעבן האָב איך שוין געזען ניט איין באַנדיט, איך האָב געזען פּעטליוראָוועס, דעניקינצעס, מאַכנאָווצעס, איך האָב פֿאַר קיינעם ניט קיין מוירע, און די פֿאַשיסטן, מיינסטו, האָב איך ניט געזען, ווען מע האָט זיי געפֿירט איבער מאָסקווע, צום קרעמל? — אַ ווײַלע האָט זי געשוויגן, דערנאָך זיך דערלויבט צו געבן אַ שמייכל. — דאָס באָכערל איז טאַקע ענלעך אױף אַ גאַזלען?

— אָבער וויאַזוי איז דאָס אַלץ געשען? — האָט ליזע זיך נאָכגעפֿרעגט.

— איך האָב זיך געבאָדן אין דער וואַנע, דערנאָך זיך אַ ביסל צוגעלייגט... אין שלאָף האָב איך טאַקע געזען אַ וואַסער. כ׳בין געשווומען אין אונדזער שטעטלשן טײַכל, דערנאָך אין דער אָזערע איסיק־קול. וואַסער איז אַ שלעכטער סימן.

— און וווּ איז דער טאַטע?

— מיטן שיינעם טאַטן וועל איך נאָך אַ רעד טאָן, — איז איטע אופֿגעקאָכט געוואָרן. — ווען נאָר ס׳איז אַן אומגליק, ווערט ער פֿאַרפֿאַלן!

— מער זאָלסטו, מאַמע, זיך ניט באָדן, ווען קיינער איז ניטאָ אין שטוב, — האָט ליזע קאַטעגאָריש באַפֿוילן. זי האָט זיך איבערגעטאָן און גענומען פֿאַרווישן די לעצטע שפּורן פֿון דעם מאַבול. איטע האָט שוין אויך באַלעבאַטעוועט, דערבײַ איז איר אַרויף אַפֿן זינען עפּעס אַ זאַך, וואָס האָט אַפֿילע אָפּגערוקט אין הינטערגרונט די פֿאַרפֿלייצונג.

— וואָלסט אים כאָטש געזאָגט אַ דאַנק, — האָט זי זיך אָנגערופֿן צו דער טאָכטער.

— וועמען אַ דאַנק?

---

[1] דאָ רעדט זיך וועגן אַ ווירקלעכן צופֿאַל, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין מאָסקווע, ווען אַ מעטורעף, וועל־כער האָט זיך אַרויסגעגעבן אַלס אָנגעשטעלטער פֿון דער גאַז־פֿאַרוואַלטונג, איז אַרײַנגעדרונגען אין פּריוואַטע דירעס און געהאַרגעט מענטשן.

— מאכסט זיך טאמעוואטע... איך מיין דעם באָכער... דוכט זיך, א ייִדיש ייִנגל.

— גוט, מאמע, כ׳וועל אים אָפּדאנקען, — איז ליזע אפגיך מאסקים געוועז, זי האָט ניט געוואָלט זיך פארטיפערן אינעם איניען.

נעענטערע באקאנטשאפט

דער באָכער הייסט וואָלאָדיע, ער וווינט אַף א שטאָק נידעריקער פון די פּריליוצקיס, אונטער זייער דירע. בא דער אַלטער איטע איז וואָלאָדיע שטארק נויסע־כיין געווען, ס׳האָט זיך איר פארקריצט אין זיקאָרן, וויאַזוי ער האָט פלײַסיק געדרייט די שמאטע. אַן ארבעטזאם ייִנגל, און זעט אויס צו זײַן א באשיידענער. די פּאָר ווערטער, וואָס ער האָט געזאָגט, זײַנען געווען מאָלע־טאָם: „ניט קיין סרייפע, נאָר א פארפלייצונג". איטע ווינטשט דער טאָכטער צו האָבן אזא מאַן, ווי זי אליין האָט. אין די שווערסטע צײַטן פלעגט מיכל אינדערפרי צוטראָגן איטען צום בעט א גלאָז טיי מיט סאכארין און א סעכערל. איצט דערלאנגט ער א גלאָז קאווע מיט א קאלאָריע־בולקעלע. וואָלאָדיע איז א הײַנטיקער באָכער, ער טראָגט שמאָלע הויזן, אָבער אַן עקסעלע, זעט אויס, איז ער סײַוויסײַ, מע דארף אים נאָר קענען נעמען אין שפּאַן.

איטע האָט אָפט גערעדט מיט ליזען וועגן די נײַע שכיינים, און יעדן מאָל האָט זי געפרעגט בא דער טאָכטער, צי זעט זי וואָלאָדיען, צי ווייסט זי, ווו ער ארבעט אָדער לערנט, און צי דארף ער גיין אין ארמיי?

— פונוואַנען זאָל איך וויסן און וואָס גייט עס מיר אָן? — האָט ליזע נערוועז יעדן מאָל אָפּגעהאקט.

— יאָ, יאָ, טאָכטערקע, וואָס גייט עס דיר טאקע אָן, כ׳ווייס אליין ניט, וואָס איך פּלאַפּל, — האָט איטע זיך געכאפּט, אז ס׳איז ניט גוט אזוי אָפן און מאמאָשעסדיק זיך נאָכצופרעגן בא א יונג מיידל וועגן א ייִנגל. אָבער דער געדאנק וועגן וואָלאָדיען האָט זי ניט פארלאָזן. אַף דער אַלטער אראָפּגעטראָגענער גאס האָט איטען זיך אײַנגעגעבן צו מאכן עטלעכע שטילע שידוכים. די יונגעלײַט האָבן אליין ניט געוווּסט, ווער עס האָט זיי געשלייערט. איטע האָט עס געטאָן ניט צוליב געלט, ניט צוליב טײַערע מאטאָנעס — עמעס, פון דעם האָט זי זיך אויך ניט אָפּגעזאָגט. דערהויפּט איז בא איר געווען די אײַנגעוואָרצלטע נייגונג, וואָס מערקט זיך דערהויפּט בא עלטערע פרויען, צו שאדכאָנעס. זי האָט פּאָשעט ליב דעם אייסעק. אַף דער נײַער גאס איז איר פאַרגעשטאנען צו מאכן דעם ערשטן נײַעם שידעך, ניט אבי וועמען, נאָר דער אייגענער טאָכ־טער, און ס׳האָט זיך איר געדוכט, אז זי האָט שוין פאר ליזען געפונען דעם גליקלעכן זיווע.

דעם ערשטן טאָג פייסעך איז מיכל אוועקגעפאָרן דאווענען אין דער גרויסער כאָר־שול — האלעווײַ וואָלט שוין איטע אויך געפאָרן, זי האָט שטארק איבערגעלעבט פאר אים. פארטאָג איז געגאנגען א רעגן, דערנאָך איז פלוצעם אויסגעפאַלן א שניי, ס׳האָט געכאפּט א פרעסטל. אַפן גאס איז גליטשיק, פון אויבן איז ווײַס צוגעפּוצט, און אונטן איז מאמעש גלאָז. מיכל האָט כאָ־לילע געקאָנט אומפאלן. און עפשער איז אים אין שול ניט גוט געוואָרן, דאָרט איז זייער הייס, און ער איז אָנגעטאָן אין א קיטײַסקע פּאָרל גרעט, וואָס מע קאָן אין דעם צעשמאָלצן ווערן.

זיצנדיק אזוי אינעם יאָמטעוודיק־אויסגעפּוצטן צימער און קימערנדיק זיך וועגן מאַן, האָט איטע דורכן פענצטער דערזען וואָלאָדיען. ער און נאָך א פּאָר כעוורע אין בלויע טריקאָטאזשנע העמדלעך האָבן צווישן די צוויי מויערן געיאָגט מיט קרומע שטעקלעך א פּילקעלע איבערן אײַז. דאָס דינע הײַטל אײַז האָט זיך געבראָכן אונטער די פיס, און די פּילקע איז יעדן מאָל ארײַנ־געפאלן אין א שפאָגל־נײַער לוזשע. איטע האָט מיט די קני זיך אוועקגעשטעלט אַף א ווייכן בענקל און געעפנט די פאָרטקע.

— וואָלאָדינקע! — האָט זי היימיש, ווי אַן אייגענעם זון, אים א רוף געטאָן.

וואָלאָדיע האָט אוועקגענומען פונעם פארשוויצטן שטערן די צעוויכערטע האָר, ארופגעט־שאַרט זיי העכער אַפן קאָפּ און פאַריסן דעם קאָפּ ארופצו. „ווידער א פארפלייצונג", — איז ער געפאַלן אַפן געדאנק, ווי נאָר ער האָט דערזען איטעס פאַרזאָרגט פּאָנעם. צוזאמען מיט דער קליושקע איז ער ארופגעלאָפן אַף די טרעפּ. קלינגען האָט ער ניט באדארפט, איטע האָט פאר אים באצײַטנס געעפנט די טיר.

— איך האָב צו דיר א גרויסע באקאָשע, — האָט איטע געזאָגט נאָך דעם, ווי זי האָט אים מיט קאָוועד ארײַנגעפירט אין פאראדנע צימער, אוועקגעזעצט אַף א שטול און אליין אויך זיך צוגעזעצט אנטקעגן. — איך וואָלט אליין געגאנגען, דינען שלעכט די פיס, און אין אזא וועטער בין איך גאָר א געליימטע... זאָג מיר, וואָלאָדינקע, דו ווייסט, ווו עס געפינט זיך די שול, די גרויסע ייִדישע כאָר־שול?

— נײן, קײנמאָל דאָרטן ניט געווען, — וואָלאָדיע האָט זיך אַף אַלץ געריכט, נאָר ניט אַף אַזאַ פראַגע.

— מײַן אַלטער איז אַהין אַוועקגעפאָרן גאַנצפרי, ווי נאָר ס'האָבן אָנגעהויבן גײן די אויטאָבוסן... אַז הײַנט איז פײסעך, ווײסטו?

— נײן, כ'ווײס ניט.

— ווײסט ניט, אַז הײַנט איז פײסעך? באַ אײַך אין שטוב האָט מען אַפילע ניט דערמאָנט?

וואָלאָדיע האָט זיך דערפילט ניט באַקוועם. עפּעס גאָר מאָדנע פראַגעס שטעלט אים די אַלטע, און עס קומט אויס, אַז ער איז אַ קײַלעכדיקער אַמהאָרעץ. נאָר פונוואַנען זאָל ער וויסן, ווען ס'איז פײסעך? דער טאַטע זײַנער איז אַ געלערנטער, די מאַמע — אַ דאָקטערשע, קײן שפּור פון רעליגיע איז ניטאָ באַ זײ.

— איך האָב געהערט וועגן אַזאַ יאָמטעוו. באַ די רוסישע הײסט ער פּאַסכאַ, מע עסט קוליטש, — האָט וואָלאָדיע דאָך געפּרוווט אַרויסווײַזן זײַנע קענטעניש. — און די ייִדן, דוכט זיך, עסן... איך האָב פאַרגעסן, ווי דאָס הײסט...

— מאַצע, — האָט איטע אים אונטערגעזאָגט, מיטן כשיוועסדיקן קאָל פון אַ מענטשן אַ לאַמדן. — מע עסט מאַצע אַ גאַנצע וואָך, אָן אַ פּיצל ברויט.

— און איר זײַט ניט הונגעריק? — וואָלאָדיע האָט מיט אַ מיטגעפיל אַ קוק געטאָן אַף איטעס אַלט בלײַך פּאָנעם, דערנאָך האָט ער פונעם צימער, ווו ער איז געזעסן, געכאַפּט אַ קוק צו דער קיך, ווו ס'איז טאַקע ניט געווען קײן סימען פון אַ ברעקל ברויט אַפן טיש. די קיך האָט געשפרענקלט פון רײנקײַט, די גאַזעווע פּליטע איז געשטאַנען לײדיק, די וואַסער־קראַנען האָבן שטאַרק געהודזשעט, גלײַך ווי פאַרוווּנדערטע, פאַרוואָס מע צאַפּט ניט פון זײ.

— מײנסט, מיר פראַווען יאָמטעוו נאָר פײסעך און ראָשעשאָנע? — האָט איטע באַשלאָסן אַרויסבאַווײַזן איר וועלטלעכקײַט, דער באָכער זאָל ניט האָבן וועגן איר מישפּאָכע אַן אײנזײַטיקע פאַרשטעלונג. — פּערווע מײַ און אָקטיאַבערסקע זײַנען באַ מיר ניט ערגער. איך גרײט צו, קײן אײַנהאָרע, אַ טיש מיט אַ כאָלאָדיעץ, מיט געפילטע פיש, מיט געהאַקטע לעבער, אונדזערע סאָנים זאָלן עס קײנמאָל ניט זען. הײַנטיקע צײַטן מײנט מען דען די האַגאָדע? מײַן ליזע האָט דאַפקע ליב מאַצע. הײַנט אינדערפרי האָב איך איר אַרײַנגעבראַכט מאַצע אין אַ גלאָז וואַרעמער מילך, איז זי זיך מעכײַע געווען, דערנאָך אָבער האָט זי, מיר אַפצולאָכעס, געזאָגט, אַז זי וויל אַ שטיקל ברויט. זי איז זײער אַ געבילדעטע, לײענט אָן אַ שיר, יעדן טאָג — אַ נײַ בוך... נו, און אַז עס איז פאַראַן יאָמקיפּער, האָסטו אַוואַדע געהערט? — איז איטע, נאָכן קאָמפּלימענט, וואָס זי האָט פאַרבײַגײענדיק געגעבן דער טאָכטער, ווידער אַריבער צום פריִערדיקן.

— נײן, — איז וואָלאָדיע זיך מודע געווען. — ס'איז אויך אַ ייִדישער יאָמטעוו?

— וואָס זשע, אַ קריסטלעכער? האָסטו אַפילע ניט געהערט? — איז איטע בעעמעס געווען פאַרוווּנדערט. — אַ גאַנצן טאָג פאַסט מען...

— איר פאַסט אויך? — האָט וואָלאָדיע ווידער מיט מיטגעפיל אַ קוק געטאָן אַף דער אַלטער פרוי.

— פאַראַיאָרן יאָמקיפּער האָב איך געזינדיקט, — האָט איטע אַ זיפץ געטאָן. — עס איז מיר געוואָרן ניט גוט, און כ'האָב גענומען אַ פלוים פון דער וואַרעניע, אַ ביסל געהאַלטן די פלוים אין מויל און זי אַרויסגעשפּיגן, נאָר דער זיסער טאַם איז געבליבן אין מויל, און ס'איז מיר געוואָרן נאָך ערגער. ס'האָט אָנגעהויבן אַזוי מלאָשניען, אַז כ'האָב געמוזט נעמען אַ טרונק וואַסער. ס'איז געווען אַ שווערער טאָנעס... נאָך דער מילכאָמע איז שוין ניטאָ קײן קויעך צו פאַסטן. פײסעך איז פרײלעכער... מײַן עקסעלע... כ'וויל זאָגן, מײַן מאַן, מיכל... — האָט איטע אײַליק זיך פאַריכט, — אינדערפרי איז ער אַוועקגעפאָרן אין שול, און איך לעב שטאַרק איבער. ער האָט ראַדיקוליט, און ס'איז אַ גרויסער גליטש אַפן גאַס. ס'קאָן, כאָלילע, געשען אַן אומגליק, און אין אַלץ איז שולדיק מײַן אָפּגעשוואַכטער זיקאָרן. כ'האָב אינדערפרי פאַרגעסן אָנזאָגן ליזען אַז זי זאָל אַרײַנגײן נאָך אים אין שול. זי אַרבעט גראָד ניט ווײַט פון דאָרטן. עפשער וועט זי זיך אַלײן כאַפּן, נאָר איך צווײפל אין דעם...

די פרומע איטע האָט דאָ בעפּײרעש געזאָגט אַ ליגן. זי האָט ניט פאַרגעסן אָנצוזאָגן ליזען, נאָר זי האָט געהאַלטן, אַז די אוויירע פונעם ליגן זאָגן וועט זיך דעקן מיט דער מיצווע, וואָס וואָלאָדיע וועט פײסעך, אין אַזאַ פײַן אָרט, ווי די גרויסע כאָר־שול, אומגעריכט זיך באַגעגענען מיט איר טאָכטער. אַזאַ באַגעגעניש וועט דאָס פּאָרל פאַרגעדענקען.

— ביסט אַוואַדע הונגעריק, כ'וועל דיך באַלד מעכאַבעד זײַן מיט אַ ביסל קאַלטן ראָסל מיט מאַצע. ס'איז אַן אַנטיק. אָנבײַסן וועלן מיר עסן שפּעטער, ווען איר וועט זיך אומקערן. ס'איז, קײן אײַנהאָרע, דאָ פון קאָלטווו — אַ גילדענע יויך און קנײדלעך, און אַן עסיק־

פלייש, — האָט איטע אָנגעוויזן אפֿן אײַז־אַלמער „סאַראַטאָוו“, וואָס האָט ווײַס געבלאַנקט אין א ווינקל פֿון דער קיך.

צו וואָלאָדיען האָט אָנגעהויבן דערגיין, וואָס מע וויל פֿון אים. ער האָט זיך אופֿגעהויבן פֿונעם בענקל און ניט געוווּסט, וואָס צו זאָגן. די פּאַרשטייענדיקע יאָזדע איז געווען פֿאַר אים א ווילדע זאַך, ער וואָלט שוין פֿיל בעסער נאָכאַמאָל מיט דער שמאַטע געווישט דעם דיל אינעם וואַנע־צימער. צום ערשטן מאָל פֿאַר די קאַרגע עלף יאָר, וואָס ער איז א שילער, האָט ער באַדויערט, וואָס גראָד הײַנט לערנט ער ניט. הײַנט איז פּראַקטיק אין די וואַרשטאַטן, און אַזוי ווי אין דער פֿרײַערדיקער שול האָט ער געלערנט אַף א פֿאַך, וואָס איז אין דער איצטיקער ניטאָ, און קריגן דעם פֿאַך, וואָס עס איז יאָ פֿאַראַן, איז פֿאַר אים, אין עלפֿטן קלאַס, שוין צו שפּעט, האָט וואָלאָדיע צוויי טעג אין וואָך, אויסער זונטיק, פֿרײַע. הײַנט איז ער גראָד פֿרײַ. ער וואָלט אַוואַדע געקאָנט געפֿינען א טערעץ, זאָגן א ליגן, נאָר אָפּנאַרן אַן אַלטן מענטשן האָט ער ניט געוואָלט.

— דו ווּעסט דערפֿאָרן אין מעטראָ ביז דזערזשינסקע, — האָט איטע אָנגענומען זײַן שווײַגן אַלס א האַסקאָמע און מיט גרויס פֿלײַס אים אָנגעהויבן אויסמאָלן דעם וועג. — פֿון דער מעטראָ וועט דיך מיטן אוילעם ארויסטראָגן אַף אויבן, אַף דער גאַס, ווּעסטו זיך לאָזן גיין צו מאַראָסייקע, ביזן געסל, אין וועלכן דו ווּעסט דערזען א סאַך ייִדן. ארײַנגייענדיק אין שול, זאָלסטו אָנטאָן דאָס היטל...

— קיין היטל טראָג איך ניט.

— ווּעסטו ארופֿלייגן א טיכעלע אפֿן קאָפּ... אינגאַנצן מיט א נאַקעטן קאָפּ טאָר מען ניט. זאָג דער מאַמען דײַנער, אַז איך האָב געבעטן טאָן אַזאַ טויווע. שפּעטער וועל איך אַליין אראָפּגיין צו איר.

— די מאַמע איז ניטאָ אין דער היים.

— און דער טאַטע?

— אויך ניט.

— ביסטו דאָך אַוואַדע הונגעריק. כ׳האָב שוין פֿאַרגעסן, אַז איך וויל דיר געבן ראָסל מיט מאַצע...

— א דאַנק, איך בין זאַט.

— מײַן פּייסעכדיקן ראָסל עסט מען אויך זאַטערהייט. — איטע האָט אָנגעגאָסן א פֿולן טעלער ראָזלעכע פֿליסיקײַט, ארײַנגעבראָקט אהין מאַצע. דאָס מײַכל איז געווען נײַ, פֿריש און געשמאַק. וואָלאָדיע האָט שנעל אויסגעזופּט דעם טעלער און העפֿלעך אָפּגעדאַנקט.

— ביסט ניט געוווינט, — האָט איטע געזאָגט מיט באַדויערונג.

וואָלאָדיע איז ארײַן צו זיך אין שטוב און דאָ ערשט זיך אונטערגעקרעפּטיקט מיט א קאַלטער פּרעזשעניצע, וואָס ער האָט געדאַרפֿט הייסעראהייט אופֿעסן אינדערפֿרי, פֿאַרביסן האָט ער מיט א רויטן מאַראָקאַנער אַפּעלסין, ער האָט אים אײַנגעשלונגען צוזאַמען מיט די יאָדערן — ווען די מאַמע איז אין דער היים, פֿאַרגעסט זי קיינמאָל ניט דערמאָנען, אַז מע דאַרף זיי ארויסנעמען. דערנאָך האָט וואָלאָדיע א ווײַלע געקלערט, צי ער דאַרף זיך אויספּוצן, אָנטאָן דעם גרינעם אָנצוג — דעם ערשטן מאַלבעש זײַנעם, וואָס איז געוואָרן געקויפֿט ניט אין „דעטסקי מיר“, נאָר אין „גום“, אינעם אָפּטייל, ווו מע האַנדלט מיט גאַרניטערס, אָנגעהויבן פֿון דער 48־טער מאָס און העכער. ער האָט באַשלאָסן, אַז פֿאַר אים איז די רײַזע קיין יאָמטעוו ניט, בלויז אַן אָנגעצוווּנגענע שליכעס, פֿון וועלכער ער האָט זיך ניט געקענט אָפּזאָגן, און באַשטימט פֿאַרן אינעם זעלבן בלויען טריקאָטאַזש־קאָסטיום, וואָס איז אַף אים געווען. ער האָט נאָר אראָפּגעוואָרפֿן פֿון די פֿיס די שווערע פּײַכטע קעדעס מיט די ברייטע בולדאָגישע נעזז, וואָס האָבן אַף זיך געטראָגן אַלע סימאָנים פֿון דער פּײַכטער פֿילקע, און אָנגעטאָן זומערדיקע געלע סאַנדאַליעטן. ווען איטע, וואָס איז ניט אָפּגעטראָטן פֿונעם פֿענצטער, האָט מיט איר ווײַטזיכטיקער ריִע דערזען אים ארויסגיין פֿון הויז, האָט זיך באַ איר פֿון האַרצן ארויסגעריסן: „מיר זאָל זײַן פֿאַר אים, א קראַסאַוועץ“.

וואָלאָדיע האָט זיך ארײַנגעזעצט אין אוטאָבוס. עס איז געווען ווינציק פּאַסאַזשירן, און דער באָכער האָט באַקוועם און בעהאַרכאָוועדיק פֿאַרנומען די פֿאָדערשטע קרעסלע, פֿונוואַנען ער האָט געקענט קוקן ניט נאָר דורך דער שויב, באַ וועלכער ער איז געזעסן, נאָר אויך דורך די שויבן פֿונעם שאָפֿערס קאַבינע. זינט וואָלאָדיע האָט מיט די עלטערן זיך איבערגעקליבן אין דער נײַער דירע, איז אים נאָך קימאַט ניט אויסגעקומען צו פֿאַרלאָזן דעם מיקראָ־ראַיאָן. אַלץ איז דאָ אפֿן אָרט — די שול, ווו ער לערנט, די מאַגאַזינען, דער קינאָ־טעאַטער, עס איז פֿאַראַן אַן אייגענער מיקראָ־סטאַדיאָן, און אַן אייגענע יוגנטלעכע מיקראָ־קאַפֿע־הויז. די אויסטערלישע פּאַנאַראַם פֿונעם מיקראָ־ראַיאָן, די פֿינף־, נײַן־, צוועלף־שטאָקיקע מויערן, די גרויסע לויכטנדיקע שילדן און די שויפֿענצטער פֿון די מאַגאַזינען אַף די ערשטע שטאָקן, די קאַלערליי מאַשי־

נעס, וואָס פילן אָן דעם ארום מיט א הודזשערײַ און טראסקערײַ, נאָכאנאנד זיי גראָבן, שלעפן, הייבן מאסעס, פרעסן דעם באָדן, די אָנצאָליקע לײַכטע אווטאָמאָבילן, וואָס טראָגן זיך הין און צוריק איבערן פראָספעקט, די מענגעס פוסגייער, וואָס פאר זיי איז ענג דער ברייטער טראָטואַר, — די דאָזיקע באַלעבטע גרויסע פאנאָראם האָט זיך עפעס ווייניק געקלעפט מיטן וואָרט מיקראָ, וואָס עס באַטײַט קליין, אָבער דער אווטאָבוס איז טאקע ניט מער ווי אין געציילטע מינוט דורכגעלאָפן דעם גאנצן מיקראָ־ראיאָן, עס זײַנען פארשוואונדן די באקאנטע מאגאזינען, דער קינאָ־טעאטער „קאָסמאָס“, די קאפע „יונאָסט“. דער אווטאָבוס האָט פארקערעוועט און דורכגעשווינדלט פארבײַ א דערפל מיט א צענדליק הילצערנע שטיבער, וועלכע האָבן גאנץ געמיטלעך, אָן אגמעסנפעש געלעבט זייערע לעצטע עטלעכע כאדאָשים אָדער טעג. אַף די דעכער האָבן געשטארצט די שטעקנס פון אנטענעס, יעדער שטעקן — גרעסער פון דער הײַזקע. דאָס הילצערן אינדזעלע איז שוין געווען אין אײַזן־בעטאָנענעם קלעם פון די מויערן, וואָס האָבן ארום אים זיך געבויט. נאָכן דערפל איז דער אווטאָבוס ארויף אַף א לאנגן אײַזערנעם בריק. וואָלאָדיע האָט באוויזן איבערצולייענען דאָס וואָרט „מאָסקווא“, וואָס איז מיט לעמפעלעך אָנגעצייכנט פון אויבן, אַף דער אזשורנער באלקע. אונטערן בריק ליגט דער מאָסקווע־קאנאל.

אַפן לינקן ברעג פונעם קאנאל און אַפן רעכטן, הארט באם וואסער, זײַנען געשטאנען אָנגעבויגן אָדער געזעסן אַף די קני איינצלנע פישפאנגער, יעדערער מיט איין און דעם זעלבן אָנגעשטרענגטן און אויסערגעווינלעך ערנסטן אויסדרוק אַפן פאָנעם: „באלד וועל איך ארויסכאפן אַן אָנהייב־פרילינגדיקן פיש, וואָס אזא האָט נאָך די וועלט ניט געזען“... אַפן וואסער האָבן געלאָסן זיך געהוידעט שיפלעך, אויך מיט פישפאנגער.

גלײַך נאָכן בריק איבערן קאנאל האָבן פון ביידע זײַטן פונעם ברייטן לענינגראדער שאָסיי, לענגויס און אין דער טיף, אַף וויפל נאָר עס האָט אופגעכאפט דאָס אויג, ווידער זיך אוועקגעצויגן שערענגעס מויערן, פונקט אזעלכע, ווי אין וואָלאָדיעס מיקראָ־ראיאָן. אנטקעגן די הויכע, ווי פעלדזן, מויערן זעט זיך קוים אָן די מעטראָ־סטאנציע „רעטשנאָי וואָקזאל“ מיטן פלאכן נידעריקן דאך און קליינעם וועסטיביול. צו דער פלאטפאָרמע איז צען שפאן, און דער קורצער עסקאלאטאָר ארבעט נאָר אַף אופצוהייבן די פאסאזשירן ארופצו. וואָלאָדיע איז אראָפגעלאָפן פון די עטלעכע טרעפ און באוויזן ארײַנשפרינגען אין לעצטן וואגאָן, ווען די ביידע העלפטן פון דער טיר האָבן שוין גענומען זיך צוזאמענשליסן, — ער האָט זיי צוגעהאלטן מיט די הענט. די דעזשורנע פון דער סטאנציע האָט צוגעהאָלפן אים ארײַנשטופן זיך אינווייניק. וואָלאָדיע האָט דאנקבאר א שאָקל געטאָן מיטן קאָפ צו איר, און יענע — אין רויטן היטל מיטן שווארצן לאקירטן דאשעק, וואָס האָט איר זייער געפאסט צום קײַלעכיקן ראָזעוון יונג־מיידלשן פאָנעם, — האָט שטרענג א פאָכע געטאָן צו אים מיטן סיגנאל־שטעקעלע, און דאָס האָט געדארפט באַטײַטן, ער זאָל פארגעדענקען אַף ווײַטער, אז נאָכאמאָל וועט ער אזוי גרינג ניט אָפקומען. אליין איז זי געשטאנען אַפן ווײַסן גרענעץ־פאס פון דער פלאטפאָרמע א רויִקע און זיכערע, אז אלע געפארן, פון וועלכע זי באוואָרנט און היט אויס די מעשונע־אײַלנדיקע, צעיאָצטע פאסאזשירן, האָבן אַף איר ניט קיין שליטע. דער צוג האָט זיך אוועקגעטראָגן ווײַטער, און אין צוואנציק מינוט ארום איז וואָלאָדיע אראָפגעשטיגן אַף דער סווערדלאָוו־סטאנציע, קעדיי פון דאָרטן אריבערצוגיין אַף דער סטאנציע פונעם מארקס־פראָספעקט. הילכיק האָבן איבערן שפיגלדיק־אָפגעשליפענעם מירמלנעם דיל געקלאפט די טריט פון הונדערטער מענטשן, וואָס האָבן געפלייצט אין צוויי שטראָמען, אין קעגנזעצלעכע ריכטונגען. איין לאנגער קאָרידאָר האָט פארקערעוועט און זיך אָנגעקייטלט אין א צווייטן, אָן א דריטן קאָרידאָר. אין וועסטיביול האָט וואָלאָדיע פרײַער אָפגעעטעמט און זיך מעכאבעד געווען מיט אײַז־קרעם. דאָס העל־ברוינע וואפלנע טעפעלע איז געווען מיט א גרויסן בלענדיק־ווײַסן קויפ. דאָס פארגעניגנדיקע מײַכל האָט וואָלאָדיען געקלעקט קימאט ביז דער דזערזשינסקע־סטאנציע, פונוואנען ער איז, ווי איטע האָט אים ריכטיק פאָרויסגעזאָגט, ארויסגעטראָגן געוואָרן מיטן געדיכטן אוילעם אַפן פלאץ. וואָלאָדיע האָט פארגעסן דעם אדרעס. ער האָט אָפגעשטעלט א פרוי, וואָס האָט זיך אים אויסגעוויזן צו זײַן א ייִדישקע, און געפרעגט, ווו איז די כאָר־שול. זי האָט ניט געוווּסט און געייצעט פרעגן באם מיליציאָנער. וואָלאָדיע האָט פאריכט דעם צעקנייטשטן מאלבעש, ארופגעשארט דעם יאָזשיק העכער אַפן קאָפ און האָט זיך געלאָזט גיין צום מיטן פלאץ, ווו דער אײַזערנער פעליקס דזערזשינסקי, א שטרענגער, מיט שארפע קינבאקן און א שארפן קוק פון די אויגן, שטייט אַפן הויכן פאָסטאמענט, און אונטער אים, ווי אונטער זײַן שוץ, שטייט א לעבעדיקער מיליציאָנער. ביידע, דער לעגענדארער טשעקיסט און דער געווינלעכער מיליציאָנער, זײַנען אַף דורך־און־דורך געווען דורכגענומען פון די ווינטן פון דער ראשיקער טראנספאָרט־באוועגונג, ביידנס לאנגע שינעלן האָבן געגלאנצט פונעם רעגנדל, וואָס האָט מאראקעט. די לעצטע פאָר מעטער צום מיליציאָנער, וואָס האָט אינטענסיוו געארבעט מיטן רעגוליר־שטעקל, איז וואָלאָדיע דורכגעגאנגען מיט א געמאָסטענעם טראָט.

ווען ער האָט אין א געוויסער פארלעגנהייַט ארויסגעבראכט דאָס וואָרט „סינאגאָגא“, האָט דער מיליציִאָנער, ניט פאטערנדיק קיין איבעריקע סעקונדן, אָנגעוויזן די ריכטונג, אין וועלכער מע דארף גיין אהין.

וואָלאָדיע איז אוועק ארופצו, פארקערעוועט אף דער שמאָלער און ענגער מאראָסייקע, און זייַענדיק שוין גאָר נאָענט פונעם שול־געסל, איז ער א טיף־פארווּנדערטער געבליבן שטיין אפן ראָג, זיך אייַנקוקנדיק אינעם מיידל, וואָס האָט מיט א קליינעם ביכער־פורגאָן זיך געלאָזן איבערגיין די גאס. וואָלאָדיען האָט געשווינדלט אין די אויגן פונעם גאסן־געווימל, אָבער קיין סאָפעק איז ניט געווען: דאָס וועגעלע האָט געשטופט ליזע, איטעס טאָכטער. מיט יעדער באוועגונג און מיט יעדן שטויס אירן האָט זיך בא איר אפן קאָפ א באָמבל געטאָן די פריזור מיטן ווייַדעלע, וואָס איז אריבערגעפאלן דאָ אף איין אקסל, דאָ אף א צווייטן. אף אזא באגעגעניש האָט וואָלאָדיע זיך ניט געריכט. ער האָט אָבער לאנג ניט געטראכט און איז צוגעלאָפן, אָנגעכאפט א שטיקל פרייַ הענטל פונעם ביכער־פורגאָן און גענומען העלפן פירן די מאסע. מאשינעל האָט דאָס מיידל געגעבן א שטופ דעם פלוצעמדיקן באהעלפער. איר פייַכטע, שטארק אָנגעווארעמטע האנט האָט געפרוּווט אוועקנעמען די פרעמדע האנט, אָבער דער באָכער האָט געהאלטן פעסט, און ער איז ניט נאָר ניט אָפגעגאנגען, נאָר, פארקערט, ענערגיש איבערגענומען אינגאנצן דאָס וועגעלע אין זייַנע ביידע הענט, אזוי אז די איבעריקע איז שוין געוואָרן ליזע. דערווייַל האָט דער גרינער סוועטאָפאָר געגעבן א וועג דעם אווטאָ־טראנספאָרט, און די מאשינעס האָבן זיך א טראָג געטאָן, מאנעווורירנדיק פארבייַ דעם האנט־וועגעלע. צוויי אווטאָס — א „מאז“ און א „גאז“ — איז אפילע אויסגעקומען זיך אָפשטעלן און געדולדיק אויסווארטן, ביז דער פורגאָן האָט זיך דורכגעשלעפט. ווען דאָס וועגעלע איז ארוף אפן טראָטואר, האָבן ליזע און וואָלאָדיע געקראָגן צייַט גוט אָנקוקן איינער דעם צווייטן און זיך איבערצייַגן, אז יעדערער פון זיי זעט טאקע דעם, וועמען ער מיינט. ליזע איז געווען ווייַט ניט צופרידן מיט דער באגעגעניש. זי האָט גאָר ניט געוואָלט, אז אינעם הויז, וווּ זי וווינט, זאָל מען וויסן, אז נאָך אירע קלאסן און נאָך דער גאנצער שיינקייַט אירער און די פייִקייַטן, וואָס זי פארמאָגט, שטייט זי בעסאכאקל אף מאראָסייקע אין א ביכער־מאגאזין. און מע שיקט זי נאָך אָפטמאָל מיטן פורגאָן האנדלען אף דער גאס צוליב אויספילן דעם פלאן. אויב ס'איז אזא טאָג, ווי הייַנט,

איז עס גאָר א קנאַפּער פאַרגעניגן. זי האָט ערשט באַוויזן פאַנאַנדערצוליגן די ביכער, האָט אַנגעטראָגן א וואָלקן און ס'האָט גענומען רעגענען.

— א פײַנער „מאָסקוויטש“, — האָט וואָלאָדיע א גלעט געטאָן דאָס באַמאָלטע ווענטל פון פורגאָן, — ווײַט פאַרסטו אָף אים?

די איראָניע האָט ליזען א שניט געטאָן, ווי מיט א מעסער.

— וווהין איך דאַרף, אהין פאָר איך! — האָסטיק, מיטן גאַנצן קויעך האָט זי גענומען קייַקלען דאָס וועגעלע איבערן טראָטואַר. איר פאַרלאַנג איז געווען: וואָס גיכער פּאָטער ווערן פון דער פּלוצעמדיקער אָנשיקעניש. וואָלאָדיע איז אָבער ניט אָפּגעשטאַנען, ער האָט ווידער גענומען העלפן. ווען זיי זײַנען צוגעקומען צום מאַגאַזין און זי האָט באַדאַרפט אַרײַנטראָגן אהין די בי־כער, האָט ער בא איר פון די הענט איבערגעכאַפּט די פּעקלעך, דערבײַ נאָך געגעבן לאַקאָנישע אָפּשאַצונגען דעם און יענעם בוך.

ליזע האָט באַמערקט, אז דער פלינקער שטאָלטנער באַכער האָט אויסגענומען בא אירע כאַוורטעס, די פאַרקויפערנס, זיי קוקן אָף אים מיט נײַגעריקייט. אויב אזוי, איז ער איר אויך שוין א ביסל געפעלן געוואָרן. און זי האָט אופגעהערט צו קאָכן זיך. ווען ער האָט אַרײַנגעטראָגן דאָס לעצטע פּעקל, האָט זי מילד אים אָפּגעדאַנקט פאַר דער טירכע, און אזוי־ווי וואָלאָדיע האָט זיך ניט געײַלט אוועקצוגיין, האָט זי צוגעגעבן, אז זי פאָרט נאָך ניט אהיים.

— איך פאָר נאָך אויך ניט, — איז וואָלאָדיע געווען צופרידן, וואָס זייערע פּלענער פאַלן זיך צונויף. — די מאַמע דײַנע האָט מיך געבעטן אַרײַנגיין אין שול, א קוק טאָן, וואָס עס מאַכט דײַן טאַטע, זי לעבט שטאַרק איבער פאַר אים, אַפּן גאַס איז א גליטש, און איך דאַרף אים א גאַנצן און געזונטן ברענגען אהיים.

איטעס גרויס גליק, וואָס זי איז איצט ניט געווען דאָ, לעבן דער טאָכטער, זי וואָלט פון איר געקראָגן די עמעסע גאָב. נאָר אזא ספּריטנע, ווי איר מאַמע, קאָן זיך דערטראַכטן צו שיקן א פרעמדן מענטשן אין אזא שליכעס. דערצו האָט מען זיך דאָך צונויפגערעדט, אז אין מיטיק־איבערײַס וועט זי, ליזע, אַרײַנגיין צום טאַטן.

— דאָס האָט דיך טאַקע מײַן מאַמע געבעטן ספּעציעל פאָרן? — האָט ליזע א דערשטוינטע און דערצאָרנטע איבערגעפרעגט.

— ווײַזט אויס, אז אָף דער טאָכטער פאַרלאָזט זי זיך ניט, — האָט וואָלאָדיע געגעבן אָן איראָנישן שמייכל, פון וועלכן ליזע איז נאָך מער געוואָרן אָנגעצונדן. א יונגער כעוורעמאַן זאָל ליב האָבן צו וואַרפן שטעכווערטלעך!

דאָס באַרג־אַראָפּיק געסל, אין וועלכן ליזע און וואָלאָדיע זײַנען אינגיכן אַרײַן, איז געווען זייער באַלעבעט. בא דעם געלן מויער מיט די גרויסע מאַסיווע זײַלן און ברייטע טרעפּ זײַנען גע־שטאַנען פיל מאַנצבלען און פרויען, יאָמטעוודיק געקליידט. דורכגייענדיק צוזאַמען מיט ליזען צווישן אוילעם, האָט וואָלאָדיע געהערט, ווי מע כאָכמעט זיך, מע דערציילט זיך מײַסעס. ער האָט געהאַלטן ליזען פעסט פאַר דער האַנט, קעדיי זי ניט פאַרלירן. זיי זײַנען אַרויף אָף די טרעפּ און אַרײַן אין א געראַמען פירהויז, ווו עס איז געווען טונקל, קיל און אומדערוואַרט לײַדיקלעך. א נידעריקער מאַנספאַרשוין אין א לאַנגן אַלט־פאַרגעלטן טאַלעס איז אומגעגאַנגען הין און צו־ריק, יעדן מאָל זיך אָפּגעשטעלט לעבן די מוידאָעס, וואָס זײַנען אופגעקלעפּט אָף דער וואַנט, פּונקט ווי ער וואָלט זיי געלערנט אָף אויסווייניק. דער ייִד האָט גענומען מאַכן מיט די הענט צו ליזען, ווײַזנדיק אָף שטומלאָשן, אז זי דאַרף ניט אַרײַן אין דער גרויסער טיר, נאָר אין דער זײַ־טיקער, וואָס פירט אַפּן העכערן שטאָק. וואָלאָדיען האָט ער אָנגעוויזן אָף זײַן אַנטבלויזטן קאָפּ, און דער כעוורעמאַן האָט אָנגעטאָן די ספּאָרטיווע בערעטקע מיטן פרענדזל פון אויבן, וואָס ער האָט פאַרכאַפּט פון שטוב און די גאַנצע צײַט געהאַלטן צונויפגעלייגט אינצווייען אין דער בוזעם־קעשענע. ליזע האָט ניט געוואָלט גיין אָף דער ווײַבערישער שאַלקע, און זי האָט זיך צונויפ־גערעדט מיט וואָלאָדיען, אז זי וועט אויסוואַרטן אין דרויסן, באַם אַרײַנגאַנג, ביז דער טאַטע וועט אַרויסגיין.

— ווועסט וואַרטן נאָר אַפּן טאַטן, און אָף מיר ניט? — האָט וואָלאָדיע קלוימערשט זיך אָנגעברויגעזט.

— כ'האָב גאָר ניט געוווסט, אז איך האָב א שאָכן, וואָס האָט זיך ליב אזוי צו וויצלען, — האָט זי געענטפערט.

וואָלאָדיע איז אַרײַן אין שול. נאָכן כמורנעם אינדרויסן און טונקעלן, קימאַט פינצטערן פירהויז האָט א שלאָג געטאָן אין די אויגן די שטאַרק העלע שײַן פון די גרויסע ליוסטרעס און־טערן הויכן באַלקן און פון די פּילצאָליקע מענורעס מיט די עלעקטרישע ליכטלעך בא די ווענט און אָף דער בימע. די אײַנגעשטאַנענע הייסע לופט האָט פאַרשווערט דעם אָטעם. וואָלאָדיע

האָט נײַגעריק זיך אײַנגעקוקט אינעם אוילעם, וואָס האָט פלײַסיק נאָכגעפאָלגט דעם כאַזן, הויך, מיט א ניגן געדאַוונט. וואָלאָדיע האָט אופגעהויבן דעם קאָפּ ארופצו, צו דער גאַלעריי, און דאָרטן דערזען א מענגע עלטערע, אלטע און גאָר אלטע פרויען, וואָס זײַנען געזעסן אָנגעשפּי־געוועט איינע לעבן די אנדערע הארט בא דער פּאָרענטשע. אלעמענס פּענעמער, אומאָפּהענגיק פון דער עלטער, האָבן אנטקעגן די העלע ליכט אויסגעזען ראָזעווע, אפילע רויטע. די ווײַבער האָבן געוויינט, עמעצן האָט מען אפילע געמינטערט. „פרויען וויינען שטענדיק“, — וואָלאָדיע האָט אוועקגענומען די אויגן פון דער שאַלקע און גענומען קוקן צום אָמעד. דעם כאַזנס פּאָנעם האָט וואָלאָדיע ניט געזען, ער האָט נאָר געזען די פּענעמער פון די זעקס מעשוירערים, וואָס זײַנען איינע אנטקעגן די אנדערע געשטאַנען באביידע זײַטן פון אָמעד — יונגע, ריין־געגאָלטע באָכערים, נאָר בא איינעם האָבן פון אונטער דער הויכער ווײַסער יארמלקע זיך ארויסגעזען גראָווע האָר.

וואָלאָדיע האָט זיך דערמאָנט, צוליב וואָס ער איז אהער געקומען, און אָנגעהויבן זוכן מיכ־לען. דער אלטער האָט זיך אײַנגעמאָסטיעט אין א מיטלסטער ריי, אף איין „שטאָט“ מיט נאָך א ייִדן. ביידע, פארפלאמטע און צעהיצטע, האָבן עפּעס אונטערגעזונגען, דערבײַ יעדן מאָל זיך אונטערגעהויבן פון אָרט. וואָלאָדיע האָט זיך דורכגעשטופּט צו זיי. מיכל האָט אים באַ־מערקט, צופרידן אונטערגערוקט דעם סידער און געגעבן מיטן ווײַז־פינגער א טײַטל, ווו מע האַלט. וואָלאָדיע האָט ארײַנגעקוקט אין סידער. ער האָט אזא בוך ביז איצט קיינמאָל אין די אויגן ניט געזען. פרעמד זײַנען אים געווען די אויסיִעס, פרעמד די ווערטער.

וואָלאָדיע האָט זיך דערמאָנט, אז ער האָט ערגעץ געלייענט צי געהערט דערציילן, וויִאזוי מילכאָמע־צײַט האָבן די פאשיסטן פארברענט די ייִדן אין די שולן, און דאָס געוויין און די קלאָגערײַ פון די ווײַבער אף דער שאַלקע האָט זיך אים שוין ניט אויסגעוויזן צו זײַן איבעריק, ווי מיט א פּאָר מינוטן צוריק, עס האָט אים אליין פארקלעמט באם הארצן. ער האָט זיך פאָר־געשטעלט, וויִאזוי די שול ברענט, עס ברענען אלע און ער, וואָלאָדיע, איז אויך מיט אלעמען אין פלאַם. א שוידער איז אים דורך איבערן לײַב.

דערווײַל איז אין שול שוין געוואָרן א וואָכיקער גערודער. דער כאַזן מיט די באהעלפערס האָבן פארלאָזט דעם אָמעד, דער אוילעם האָט גענומען פארמאכן די סידורים, אראָפּנעמען פון די אקסל און צונויפלייגן די טאַלייסים. א ייִד, וואָס האָט דעם טאַלעס אײַנגעוויקלט אין אן „איזוועסטיִא“, האָט ארופגעשריִען אין דער הייך צום ווײַב: „קום שוין גיכער, איך כאַלעש עסן“. די בענק זײַנען געוואָרן פרײַ, עס זײַנען געבליבן זיצן נאָר אלטע לײַט. מיכל האָט זיך ניט געײַלט אופצוהייבן. ער האָט, ווי לויט דער אינערציע, אלץ נאָך געמורמלט. „א לעבן אָפּגעלעבט אין מאָסקווע, און אזוי פאנאטיש“, — האָט וואָלאָדיע פארוואונדערט א קלער געטאָן וועגן אים.

— ליזע וואַרט אף אײַך, — האָט וואָלאָדיע אים דערמאָנט.

— ליזע איז דאָ? — האָט מיכל מיט אן אומגעריכטער זשוואוקײַט זיך אויסגעדרייט צו וואָלאָדיען. — אָט שוין גיי איך, כ׳וועל נאָר א קאפּעטשקע דערדאַוונען.

ווען זיי זײַנען ארויס פון שול, איז דאָס געסל שוין געווען א געוויינלעך געסל. רוישנדיק מיט די מאָטאָרן און גליטשנדיק זיך מיט די נאסע רעדער, זײַנען באַרג־אראָפּ און באַרג־ארויף געלאָפן מאשינעס, וואָס האָבן א האלבן טאָג ניט געקאָנט דורכפאָרן און געדארפט מאכן אן אומקרײַז דורך אנדערע גאסן. פון צווישטאָקיקן מויער, הארט בישכיינעס מיט דער שול, האָט א מיידלשע שטים זאפטיק און מיט געפיל געזונגען:

> У моря, у синего моря,
> Со мною ты рядом, со мною.
> И солнце светит лишь для нас с тобой, —
> Целый день поет прибой...

אין אן אנדער הויז אנטקעגן דער שול האָט זייער הויך גערעדט די ראַדיִאָ. דער ספּאָרט־איבערזיכטלער יאַן ספּארע מיט זײַן לײַדנשאפטלעך קאָל פון א מענטשן, וואָס דארף, ווי א מאמע פאר די קינדער, וויטעקן פאר אלע קאָמאנדעס גלײַך, האָט געמאכט פּראָגנאָזן צום פּאָר־שטייענדיקן פוטבאָל־מאטש. נאָך דער מאָדנער, אומפארשטענדלעכער און דריקנדיקער סוויווע, אין וועלכער וואָלאָדיע האָט אין שול זיך אָפּגעטונקען, ווי אין א שטייענדיק וואסער, איז ער איצט ווידער געווען אין זײַן היימישער, גוט־באקאַנטער וועלט. ליזע איז געשטאַנען בא די טרעפּ. ווי נאָר זי האָט דערזען וואָלאָדיען מיטן טאטן, האָט זי זיך געלאָזט זיי אנטקעגן און גענומען דעם אלטן אונטער דער האַנט, דערבײַ קוים געשאָנקען א בליק זײַן באגלייטער, אונ־טערשטרײַכנדיק דערמיט, אז ניט אף אים האָט זי עס אומגעדולדיק געוואַרט און ארויסגעקוקט.

— עפשער וועלן מיר נעמען א טאקסי? — האָט וואָלאָדיע געגעבן א נעגידישן קלאַפּ איבער דער קעשענע פון די טריקאָטאזשנע הויזן, ווי איינער זאָגט: „מיר קאָנען זיך פארגינען“.

— אפן מעטראָ און מיטן אווטאָבוס איז בעסער, — האָט מיכל, באַנעצנדיק מיט דער צונג די פאַרטריקנטע ליפּן, נאָכגעשריִען, בייס דער באַכער האָט זיך שוין געלאָזט זוכן א טאַקסי. וואָלאָדיע האָט אזוי לאַנג אימפּעטדיק געהויבן די רעכטע האנט צו די פאַרביַישווינדלענדיקע מאַשינעס מיט די אָנגעמאָלטע שאַך־קעסטעלעך, ביז איינע, א העל־גרינע „וואָלגע", האָט פון דער מיטן גאס פאַרקערעוועט צום טראָטואַר און אריַינגענומען דעם דריַיִלינג. ליזע מיטן טאַטן האָבן זיך געזעצט פון הינטן, וואָלאָדיע — לעבן שאָפער. דאָס דינע בערשטעלע האָט באַלע־באַטיש געווישט די שויב פון דער קאַבינע. פאַרויס האָט זיך געשפּרייט דער וועג, א מעטוש־טעשדיק־באַלויכטענער פון דער דרויסנדיקער פאַרנעפּלטער שיַין. דער אַספאַלט האָט, ווי מאָ־קוכע, געגלאַנצט פון די טראָפּנס רעגן, וואָס האָבן אים אַלץ מער און מער געפּלעקט. א פּאָר מאָל האָט וואָלאָדיע אויסגעדרייט דעם קאָפּ אף הינטן, און דאַן האָט ער אין דער טונקל זיך גע־טראָפן מיט ליזעס גרויע אויגן, אונטערגעפּירטע מיט שווארצער פארב, — מאָדנע גרוי־שווארצע אויגן, וואָס ציִען צו און שטויסן אָפּ. דעם בליק זייערן האָט ער געפילט בא זיך אפן רוקן. ווען עס איז געקומען די צייַט צו באַצאָלן דעם שאָפער, איז צווישן ליזען, מיכלען און וואָלאָדיען פאַרגעקומען א שטיקל סיכסעך, ווער עס זאָל צאָלן. ליזע האָט ארויסגענומען פון איר רידיקיול א פּאַפּירל און עס געוואָלט דערלאַנגען דעם שאָפער, נאָר מיכל האָט ענערגיש אָפּגעווענדט איר צו גוטע האנט און זיך אָנגעהויבן גריבלען אינעם אייגענעם לעדערנעם ביַיטעלע, באַקוקט יעדע מאַטבייע, צי ס'איז קופּער אָדער זילבער. דערוויַיל האָט וואָלאָדיע אריַינגערוקט דעם שאָפער אין האנט דאָס גאַנצע ביסל פאַרמעגן, וואָס דער טאַטע זיַינער, וועלכער וויל ניט באַלוועגן דעם זון, גיט אים בעצימצעם, אויסגערעכנט אף א כוידעש — אף צו גיין א פּאָר מאָל אין קינאָ און אף זיך אונטערשערן.

— אזוי לאַנג דאַוונט מען? — איז איטע אָנגעפאַלן אף מיכלען גליַיך נאָכן „גוט־יאָמטעוו", מיט וועלכן ער איז אריַינגעקומען אין שטוב. — ייִדן האָבן שוין באַוויזן דריַי מאָל אָפּעסן, און דו ביסט נאָך אַלץ א פאַרכליאַנעטער. ווו איז דאָס ייִנגל? — האָט זי געפרעגט א ביסל שפּע־טער. — ער איז אין שול געווען?

— אוואדע, געווען, צוזאַמען מיט ליזען.

— וויִאזוי האָסטו אים דאָרטן דערזען? — האָט איטע גענומען אויספרעגן די טאָכטער.

— איך געדענק ניט, מאַמע.

— ער האָט פריִער דיך דערזען, צי דו פריִער אים?

— מאַמע, לאָז רויק אָפּעסן...

— עס, עס, קינד מיַינס, פאַרביַיס, — האָט איטע אוועקגעלייגט אין איר טעלער א מיטלסט שטיקל געפילטע פיש. — ער האָט דיר ניט דערציילט, — איז זי אין צוויי מינוט ארום ווידער צוגעשטאַנען, — עס האָט זיך שוין בא זיי אויסגעטריקנט דער באַלקן נאָך דער פאַרפלייצונג?

— ניין, מאַמע, עס האָט זיך נאָך ניט אויסגעטריקנט! — האָט ליזע אויסגעשריִען. — ווו האָסטו באַהאַלטן דאָס ברויט? איך קען די פיש ניט עסן מיט מאַצע, ס'איז אזוי ווי קלאָטשע.

— ווו זאָל איך דיר, מעשומעדעסטע, נעמען ברויט? איך האָב אויסגעריינִיקט ביז א ברעקל.

— ריר איך זיך ניט צו צו די פיש!

— נאַרעלע, מיט מאַצע איז דאָך געשמאַקער, טאַם־גאַניידן. נעם א ביסל כריין, — האָט אָנגעהויבן איַינריידן מיכל. ער האָט שוין דערהאַלטן די נעשאָמע מיט צוויי קעלישעקלעך פּאַ־ראַריקן וווישניק, אופגעגעסן א טעלער גילדענע יויך מיט מאַצעלעך און איצט געשמאַק באַאר־בעט דעם געדיכט־אָנגעשטאָפּטן קאָפּ פונעם העכט.

קעדיי דער וואַרמעס זאָל בא ליזען ניט ווערן צעשטערט, איז איטע אוועק אין קיך און ארויסגענומען א האַלב לעבל ברויט, וואָס איז צווישן אנדערע כאָמעצדיקע זאַכן געווען פאַרוקט אף דער אונטערשטער פּאָליצע פון בופעט.

— נאַ, ביסט נאָך געווען א שמאַד־שטיק בא מיר אין בויך, — האָט זי אוועקגעלייגט לעבן ליזען דאָס ברויט, און יענע האָט אפּצולאָכעס מיט גרויס אַפּעטיט גענומען ריַיבן אף ביידע באַקן.

— קיינמאָל שלינגט זי גאָר ניט אזוי קיין ברויט, — האָט איטע אי געהאַט הארצווייטעק, אי זיך געפרייט, וואָס די טאָכטער וועט זיך גוט אָנעסן.

אין שטוב איז געווען הייס, די קאַטשעהארקע האָט געהאַט איבעריקע קוילן און איצט, פרילינג־צייַט, געהייצט בעסער, ווי אין די גרויסע פרעסט. צו די באַטארייעס האָט מען ניט געקאָנט זיך צורירן. ליזע האָט אָפּגעגעסן איר פייסעכדיק־כאָמעצדיקן וואַרמעס און ארויס אין הויף זיך אָפּקילן. קיין הויף איז, אייגנטלעך, ניטאָ. צווישן איין קאָרפּוס און א צווייטן איז א פריַיער פּאַס ערד, וואָס האַלט פונקט אזויפיל, וויפל עס וואָלט געהאַלטן דער מויער, ווען מע זאָל אים אוועקלייגן אף דער ערד. וואָס איז נאָך ניט פאַראַן אף אָט דעם קליינעם שמאָלן,

„פרײַען“ שטעקט: יעדער מעטער איז אויסגערעכנט ניט ערגער, ווי אין די דירעס. פיר סטויפּ־טשיקעס מיט א לאַבירינט שטריקלעך אַף צו הענגען גרעט, א טיש פאַר די ליבהאָבער פון דאָ־מינאָ און שאָך, א הילצערן טורעמל מיט א מעשופּעדיקער ברעט, פון וועלכער די קינדער פאָרן אראָפּ אַף די געזעסלעך, א קארוסעל מיט בענקלעך. און אומעטום, ווו עס איז נאָר פאראַן א ניט־פארנומען פיצל ערד, איז אריַינגעשטעקט א ביימל, א קוסט. דער פארשפּעטיקטער פרילינג האָט פון אונטערן נאסן שניי שוין גענומען זיך דורכשלאָגן א וועג צו די יונגע, איידעלע לינדנ־ביימלעך און בערעזקעס, אונטערגעמונטערט זיי מיט א ווארעמען דאָרעמדיקן ווינטל, אונטער־געהאָדעוועט מיט די ערשטע זאפטן, וואָס ער טראָגט מיט זיך. ליזע האָט זיך געלאָזט גיין צווישן די ביימלעך. די שטיוועלעך אירע זיַינען אלץ מער ארומגעוואקסן מיט בלאָטע. זי האָט זיך צוגעזעצט אפן בענקעלע פון דעם קארוסעל און צוזאמען מיט דריַי קליינע קינדער, וואָס זיַינען גליַיך מיט איר געוואָרן שוטפים און האָבן זיך אויסגעזעצט אַף די איבעריקע בענקלעך, האָט זי גענומען זיך דרייען און הוידען מיט ניט ווינציקער אימפּעט, ווי דאָס קליינוואָרג. איר איז געווען פריילעך — זי האָט אליין ניט געוווּסט פון וואָס. וואָלאָדיע האָט זי דערזען דורכן פענצטער, און, ניט לאַנג געטראכט, איז ער אויך ארויס אין דרויסן. ליזע האָט זיך אליין ניט געוואָלט מוידע זיַין, אז זי האָט געוואַרט אַף דעם. וואָלאָדיע האָט אין דער האנט געהאַלטן צוויי ראַקעט־קעס און דאָס פארביקע קאַפּראָן־פּילקעלע, דעם וואָלאַן, אַף צו שפּילן אין דער נײַסטער שפּיל, וואָס איז אָקאָרשט דאָ אריַין אין דער מאָדע, — באַדמינטאָן.

— ווי פילט זיך דער טאַטע? — האָט ער געפרעגט, ווען ער איז צוגעגאַנגען צו איר.

— גוט. די מאַמע האָט דיך געוואָלט מעכאַבעד זיַין מיט פייסעכדיקע קניידלעך.

— ס'איז געשמאַק?

— זייער געשמאַק. די מאַמע מאַכט זיי אַזעלכע גרויסע, אַז מער ווי איין קניידל קאָן מען ניט אויפעסן...

וואָלאָדיע האָט געגעבן ליזען א ראַקעטקע, און זיי האָבן גענומען שפּילן אין באַדמינטאָן. ביידע האָבן זיך צערויטלט. בייס ליזע איז אונטערגעשפּרונגען אָפּצושלאָגן דעם וואָלאַן, האָבן בא איר זיך ארויסבאַוויזן די קיַילעכיקע ראָזעווע קני אונטער די דורכזיכטיקע קאַפּראָנאָווע זאָקן, וואָלאָדיע האָט זיך א פּאַר מאָל פארקוקט, און די פּילקע איז געפאַלן אַף דער ערד.

נאָך דער שפּיל זיַינען זיי פון הויף ארויס אַף דער גאַס און פון דאָרט ארוף אַף איינער פון די צעצוויַיגטע סטעזשקעס, וואָס פירן צום פּאַרק און צום קאַנאַל. אַף א סאַך ביימער אין פּאַרק זיַינען געווען צו צוויי און אפילע צו דריַי נעסטן — זייער גראַמע און, וויַיזט אויס, אויך זייער באַקוועמע סכאַך־קוישעלעך, זאַרגזאַם און ליבלעך אויסגעפּלאָכטענע אונטער די קרוינען. די זון האָט זיי עטוואָס באַלויכטן, און זיי האָבן געגליט, ווי האַלב־אויסגעלאָשענע שיַיטערס.

א שפּאַן פאָרויס פון ליזען און וואָלאָדיען זיַינען געגאַנגען צוויי פּאָרלעך, איינס הינטערן אַנדערן. די כעוורעליַיט האָבן פריַי געהאַלטן די הענט אַף די אַקסל פון די מיידלעך. וואָלאָדיע האָט ניט לאַנג געטראכט און אויך ארופגעלייגט די האַנט אַף ליזעס אַקסל.

— מײַנע אַלטיטשקע איז גוט, — האָט ליזע א זאָג געטאָן.

— און דיר איז שלעכט? — וואָלאָדיע האָט זי צוגעצויגן נעענטער צו זיך.

— וועגן זיך רייד איך ניט, — האָט זי געענטפערט. — זיי איז גוט, וויַיל זיי גליַיבן...

— זיי גלייבן דאָך אין גאָט, — האָט וואָלאָדיע זיך פארכידעשט.

— און אין וואָס גלייבסטו? — צום ערשטן מאָל, זינט זיי קענען זיך, האָט זי אים טיף אריַינ־געקוקט אין די אויגן.

די פראַגע איז געווען אַן אומגעריכטע, ער האָט זי קיינמאָל זיך ניט פארגעבן, פּונקט ווי ער האָט זיך ניט געפרעגט, צוליב וואָס עסט ער.

— איך... — האָט וואָלאָדיע געפּרוווט אָפּקומען מיט א כאָכמע, — איך גליַיב אין זיך.

— און מער אין קיינעם ניט?

— איך גליַיב אין דיר אויך...

— א דאַנק פאַרן צוטרוי, וואָס דו האָסט שוין צו מיר... מיר קענען זיך נאָך זייער ווינציק. אָבער ענטפער מיר ערנסט אַף מײַן פראַגע.

— אויב ערנסט ריידן, גליַיב איך אין זייער א סאַך זאַכן. איך גליַיב אין גרויסע, געניַאַלע אנטדעקונגען. איך גלייב אין איינשטיינען, איך גליַיב אין לענינען, איך גלייב אין אַלץ, וואָס עס איז גוט... און דו דען ניט?

— איך אויך. נאָר אין זיך אַליין גליַיב איך ניט שטאַרק... איך וויל דיך וועגן עפּעס בעטן, — האָט זי אָנפאַרטרויִלעך א זאָג געטאָן, און ס'איז געווען צו זען, אַז די דאָזיקע ביטע איז שוין פון פריִער געלעגן איר שטאַרק אין זינען. — נאָר זאָג מיר צו, אַז דו וועסט עס אויספילן.

— איך זאָג צו, — וואָלאָדיע איז געווען פאַרינטריגירט און אויסער דעם זייער צופרידן, וואָס זי האָט צו אים אַ באַקאָשע.

— כ׳וואָלט ניט געוואָלט, זאָלסט דאָ דערציילן, אַז דו האָסט מיך געזען מיטן וועגעלע.

— וואָס האָסטו מוירע?

— קיין מוירע האָב איך ניט, נאָר איך וויל ניט. ס׳איז בײַ מיר אַ צופעליקע אַרבעט.

— איך האָב גראָד זיך געקליבן עפּעס אויסלײַען בײַ דיר פון דײַנע נײַע ביכער...

— וועסט זיי אויסשמירן, און קיינער וועט דערנאָך זיי ניט וועלן קויפן.

— איך וועל די ביכער אײַנוויקלען אין אַ צײַטונג.

— גוט. נאָר זאָלסט קיינעם ניט זאָגן, בײַ וועמען דו האָסט גענומען. האָסט ליב ביכער וועגן שפּיאָנען?

— איך פאַרצוקער זיי.

דער הימל, וואָס האָט פון אינדערפרי זיך געלײַטערט און דאָך יעדער מאָל אַרויס מיט אַ נײַ זיפּנדיק רעגנדל, האָט ענדלעך גוט זיך אויסגעלײַטערט.

— וועגן מיר ווייסטו שוין קימאַט אַלץ, — האָט ליזע געזאָגט. — איצט דערצייל וועגן זיך.

— מײַן ביאָגראַפיע איז אַ קאָמפּליצירטע. אויף איין פוס — ניט אויסצודערציילן.

— איז דערצייל אויף ביידע פיס.

וואָלאָדיע האָט זיך געקווענקלט, צי דאַרף ער טאַקע איצט נעמען דערציילן אַזעלכע זאַכן, וועגן וועלכע ער האָט ניט גערעדט מיט די נאָענטסטע כאַווײרים. דער פאַרלאַנג זיך אַרויסצוריידן איז אָבער געווען בײַ אים אַזוי גרויס, אַז ער האָט זיך אַנטשלאָסן. אַזוי טרעפט אָפט, ווען פון די נאָענטסטע מענטשן, אַפילע פון דער אייגענער מאַמען באַהאַלט מען אויס, און פאַר אַ פרעמדן אַנטפּלעקט מען זיך. איבעריקנס, איז ליזע פאַר אים שוין ניט אינגאַנצן געווען קיין פרעמדע.

— לאָמיר זיך צוזעצן, — האָט וואָלאָדיע אָנגעוויזן אויף אַ באַנק אין אַ זײַט פון דער צענטראַלער אַליי.

— זי איז דאָך נאַס, — האָט ליזע זיך צעלאַכט.

וואָלאָדיע האָט אַרויסגעריסן אַ בינטל אײַנגעלעגערט, אויסגעווינטיקט גראָז, געמאַכט פון דעם אַ בעזעמל און זאָרגזאַם־באַלעבאַטיש די באַנק אויסגעווישט. „ער האָט זיך ספּעציאַליזירט אויף צו ווישן״, — האָט ליזע אַ טראַכט געטאָן מיט אַ שמייכל, דערמאָנענדיק זיך די געלעגנהײַט, בײַ וועלכער עס איז פאָרגעקומען זייער ערשטע באַגעגעניש. זיי האָבן זיך ביידע אַוועקגעזעצט אויף דער קימאַט טרוקענער באַנק.

— האָסט געזען מײַן טאַטן? — האָט ער האַסטיק אַ פרעג געטאָן.

— אַוואַדע.

— ער איז ניט מײַן טאַטע. איך האָב זיך דערוווּסט וועגן דעם, ווען איך בין אַלט געוואָרן זעכצן יאָר און כ׳האָב געקראָגן אַ פּאַס... מײַן עמעסער טאַטע איז אומגעקומען אויפן פראָנט. ער האָט געהייסן דאָוויד. דעם שטיפטאַטן רופט מען לעוו באָריסאָוויטש...

קימאַט דעם גאַנצן וועג אויף צוריק האָבן זיי געשוויגן. זיי האָבן זיך צעשיידט אויף די טרעפּ פון זייער הויז. זי האָט זיך אויפגעהויבן אויף אַ צען טרעפּלעך העכער, וואָלאָדיע איז געבליבן שטיין אויף זײַן שטאָק, ביז ער האָט דערהערט, ווי עס האָט זיך געעפנט און זיך פאַרמאַכט נאָך ליזען די טיר. דאַן איז ער אויך אַרײַן אין שטוב.

אין דער דירע נומער 25

ניטאָ אַזאַ נײַע וווינונג, ווו מע זאָל ניט פּראַווען כאַנוקאַס־האַבאַיִס. אין אייניקע דירעס מאַכט מען די יאָמטעווודיקע וועטשערע גלײַך, ווי מע קלײַבט זיך אַרײַן. מע לייגט ניט אָפּ אין דער לאַנגער באַנק, מע צעשטעלט אין די צימערן שילדלעך מיט אָנזאָגנדיקע אויפשריפטן, אַז בײַ דער־אָ וואַנט וועט שטיין אַ טשעכישער סערוואַנט, און אַז בײַ יענער וועט מען אַוועקשטעלן אַ פּיאַנע. ס׳וועט זײַן אַ דיוואַן, וואָס איז באַנאַכט אַ בעט, און ס׳וועט זײַן אַ בעט, וואָס איז באַטאָג אַ שטול. ס׳וועט זײַן אַ גרויסאַרטיקער שרײַבטיש, און ס׳וועט זײַן אַן עס־טיש, וואָס אַז מע צענעמט אים, קאָנען זיך בײַ אים אויסזעצן דרײַסיק פאַרשוין. דערווײַל איז נאָך פון די אַלע אַנטיקלעך ניטאָ קיין זייכער, מע זיצט בײַ זייער אַ פּאָשעטן טיש אויף אַן אַפּגיך צונויפגעשלאָגענער באַנק. מע איז אָבער פריילעך און לוסטיק, עס גיסט זיך ווײַן, און ס׳טראָגן זיך ווינטשעוואַניעס...

אין אַנדערע דירעס, דערהויפּט דאָרט, ווו די באַלעבאַטים זײַנען באַיאָרטע מענטשן, אײַלט מען זיך ניט אָפּצוקומען מיט דער סימכע אַבי־ווי, אויף איין פוס, מע פוצט און מע באַשטאַט יעדעס ווינקעלע פון דער שטוב, און אויב עס פעלט נאָך אַ שטיקל מעבל, פאַרבעט מען ניט קיין געסט. אַלץ דאַרף פינקלען און שעמערירן.

הײַנט איז כאנוקאס־האבאיס אין דער דירע נומער 25, ווו עס וווינט דער עלטערער וויסנשאפט־טוער לעוו באָריסאָוויטש כאנין מיט דער פרוי פּאָלינע יאקאָוולעוונע און זײַן ניט־אייגענעם זון וואָלאָדיע. ווי אין א גוטער וויטרינע פון א קראָם, זײַנען אין קאָרידאָר געהאנגען קאָלערליי מאנטלען און רעגן־מאנטלען, אופגעניייטע פון סינטעטישע שטאָפן. אויבן, אף דער פּאָלקע, זײַנען געלעגן צוויי פּעטראָווע היט און א גאנץ בערגל פרוייִשע שליאפּקעס. דאָס טישל, וואָס איז אָנגעגרייט פאר א טעלעפאָן־אפּאראט, איז געווען באלייגט מיט די אראָפּגעבראכטע מאטאָנעס, דאָסראָוו טאָרטן און שאָקאָלאד־קאָנפעטן אין שיינע קארטאָנענע שאכטלעך, איבערגעבונדענע מיט דינע זײַדענע סטענגעס.

עס האָבן זיך צוזאמענגענומען א סאך געסט. ווען פּאָלינע יאקאָוולעוונע האָט מיט צוויי וואָכן צוריק גענומען א ריינעם בויגן פּאפּיר צו פארשרײַבן, וועמען מע דארף אײַנלאדן אף דער סימכע, האָט זי געהאט אין אויג א מענטשן פופצן, נאָר אינגיכן האָט זי געמוזט צום ערשטן בייגעלע פּאפּיר צוגעבן א צווייטס און דערנאָך אויך א דריטס. זי און לעוו באָריסאָוויטש האָבן געהאלטן אין איין דערמאָנען זיך וועגן נאָך און נאָך פרײַנט און באקענטע. וואָלאָדיע האָט ניט דרייסט אָנגערופן ליזען.

— ווער איז זי? — האָט געפרעגט די מאמע.

— אונדזערע א שכיינע. זי וווינט אקוראט איבער אונדז.

— דאָס האָט זי אונדז פארגאָסן מיט וואסער?

— ניט זי, די מאמע אירע.

— אויב אזוי, דארף מען דאָך רופן די מאמע. און א טאטן האָט זי?

— זי האָט. א גאנץ וווילער אלטיטשקער.

— איז נאָך דרײַ מענטשן, — האָט פּאָלינע יאקאָוולעוונע מיט הארץ ארײַנגעשריבן אינעם צעטל די ציפער „3“.

דער אוילעם האָט געזאָגט מעווינעס אפן נײַעם טשעכישן מעבל־גארניטור און אף דער „פוילישער קיך“ מיט די מיניאטיורישע שאפקעס און פּאָליצעס, אף די גארדינען מיט די אָנגעמאָלטע געאָמעטרישע פיגורן. די פרויען האָבן זיך געטיילט מיט זייערע אײַנדרוקן און דערבײַ

געהאַט אַ טײַנע צום יונגנמאַן, וואָס אַלע האָבן אים גערופן אַנטאָשע. ער האָט ניט לאַנג צוריק כאַסענע געהאַט פאַר פּאָלינע יאַקאָוולעוונעס אַ פּלעמעניצע און איז אַ סטודענט פונעם פינפטן קורס פון אַרכיטעקטור־אינסטיטוט.

— פאַרוואָס איז אַזוי קליין די קיך? — האָט מען זיך בײַ אים נאָכגעפרעגט, און אַנטאָשע האָט מיט דער ווירדע פון אַ גוט־באַהאַוונטן מענטשן מיטגעטיילט, אַז אין די נײַע פּראָיעקטן איז די קיך שוין גרעסער.

— און ווו זײַט איר פריִער געווען? — האָבן אַף אים אָנגעגריפן די ווײַבער.

— וואָס האָט איר צו אים זיך צוגעטשעפּעט? — האָט זײַן יונג ווײַבל ניוסיע אים גענומען אונטער איר שוץ. זי קאָן ניט פאַרטראָגן, אַז מע זאָל מיט איר אַנטאָשען אַפילע שפּאַסן.

בײַ לעוו באָריסאָוויטשן אין קאַבינעט האָט זיך פאַרזאַמלט אַ היפּש ביסל מאַנצבילען. דורכן אָפענעם פאָרטקעלע האָט ניט באַוויזן זיך אַרויסצוציִען דער רויך פון די רייכערער, און כאָטש ס'איז געווען אַ ווינט אין דרויסן, האָט מען געמוזט עפענען דאָס פענצטער. צווישן די געסט זײַנען געווען דרײַ מיטאַרבעטער פון דער לאַבאָראַטאָריע, מיט וועלכער לעוו באָריסאָוויטש פירט אָן, — יונגע לײַט, ייִנגער פון אים עפּשער אין צוויי מאָל. ווײַטער זײַנען געווען אַלטע גוטע־פרײַנט, לאַנגאָניקע כאַווײרים, מיט וועלכע דער הײַנטיקער בעל־סימכע האָט אַמאָל צוזאַמען געלערנט, געאַרבעט, געווען אַפן פראָנט. מע זעט זיך גאַנץ זעלטן, עס קומט אַלץ ניט אויס, מע איז פאַרנומען, מע ווינט ווײַט אײנער פונעם צווייטן. דערפאַר אָבער, אַז מע טרעפט זיך שוין, מע נעמט זיך צונויף אַף מײַ אָדער אַף אָקטיאַבער־יאָמטעוו, אָדער אַף נײַ־יאָר, אָדער בײַ אַן אַנדער געלעגנהײַט, איז עס אַ גרויסע סימכע. מע לאַכט, מע וויצלט זיך, מע דערמאָנט זיך אין פריילעכע זאַכן, די טרויעריקע לאָזט מען צורו, און אויב עמעצער הייבט אָן דערציילן אַן אומעטיקע געשיכטע, שלאָגט מען אים איבער מיט אַ פריילעכער. לעוו באָריסאָוויטש איז אַ מענטש אין די פופציקער, ער איז אַ הויכער, אַ ברייטביינערדיקער, זעט אויס יונג, כאָטש די שלייפן זײַנען שוין גראָוו. עס איז בײַ לעוו באָריסאָוויטשן ניטאָ קיין סימען פון דעם, וואָס די שנײַדער רופן „אַ סאָלידע פיגור". לעוו באָריסאָוויטש האָט, צום גליק, אויך ניט דאָס פאַרמעגן, וואָס הייסט בײַ אײדעלע פאַבריקמאַכערס „שיטערע האָר". ווי ער וואָלט געהאַט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך אַ גאַנצן יאָרצענדליק, האָט ער באַזונדערס יונג אויסגעזען איצט, זיצנדיק מיט די געסט בײַ זיך אין קאַבינעט. ער איז געזעסן בײַ זײַן שרײַבטיש, נאָר ניט, ווי געוויינלעך, מיטן פּאָנעם צום פענצטער. ער האָט געקוקט צו דער טיר, וועלכע האָט זיך אָפט געעפנט, — די פרויען האָבן אַ שמעק געטאָן, וואָס עס טוען די מאַנצבילען, אייניקע זײַנען אַליין אויך אַרײַן, אָבער זיך ניט פאַרהאַלטן, זיי האָבן געהאַט זייער אייגן רעדל און זייערע אייגענע געשפּרעכן, מיט וועלכע עס האָט אָנגעפירט די באַלעבאָסטע פּאָלינע יאַקאָוולעוונע. אויסער דעם, וואָס פּאָלינע יאַקאָוולעוונע קען גוט אונטערהאַלטן אַ געשפּרעך, נעמט זי נאָך אויס מיט אירע מיידלש־רייצנדיקע כיין־גריבעלעך אַף די ליכטיקע ברייטע באַקן. פון קינדווײַז אָן וואַקסט בײַ איר אַפן קאָפּ אַ זילבער־ווײַס טשוביקל, אַמאָל האָט עס אויסטערליש זיך אויסגעטיילט אינעם יאַם שוואַרצע געקרײַזלטע לאָקנס, איצט האָט דאָס ווײַסע פּאַסמעלע נאָך אויך אַ סאַך כיין, עמעס דאָ און דאָרט וואַרפן זיך דורך גראָווע פעדעמער.

לעוו באָריסאָוויטש האָט אין רוקן די גאַנצע צײַט געפילט אַן אָנגענעמען ווינטל פונעם פענצטער, דער ווינט האָט אויך געזוכט עפּעס אַראָפּצוּוואַרפן פונעם שרײַבטיש, דעם איינציקן שטיקל אַלט מעבל, וואָס לעוו באָריסאָוויטש האָט געבראַכט פון דער פריִערדיקער דירע. ס'איז אַ גרויסער שווערער טיש מיט צען לאַנגע, טיפע קעסטלעך, צו פינף בײַ ביידע זײַטן, און מיט גאָר אַ גרויסן טיש־קאַסטן אינמיטן. „לייגט אַרײַן אין אונדז וויפל איר ווילט", — ציִען זיך די קעסטלעך גרייט־פאַרטיק אַרויס מיט מעלאָדישער סקריפּערײַ. דער טיש איז ווי אַ לעבעדיק וועזן. אַ סאַך יאָרן, טויזנטער שאָען האָט זײַן באַלעבאָס בײַ אים פאַרבראַכט, ניט איין מאָל אויך געשלאָפן אַף אים. באַם דאָזיקן טיש האָט לעוו באָריסאָוויטש געמאַכט זײַן ערשטע דערפינדונג — זייער אַ פּראָסטן לויט דער קאָנסטרוקציע, אָבער אַ גאַנץ שאַרפזיניקן מעכאַניזם אַף איבערצולייגן פון איין קאַנט אַף אַ צווייטן באַלקעס, רעלסן. אין רעלסן־צעך פונעם מעטאַלורגישן זאַוואָד, ווו לעוו באָריסאָוויטש האָט דאַן געאַרבעט, איז דאָס איבערלייגן שווערע אײַזנס געווען אַ גרויסע פּלאָג פאַר די שוואַרצאַרבעטער, זיי זײַנען אָפּגעגאַן מיט שווייס. לעוו באָריסאָוויטש האָט אויסגעבויט אַף אָט דעם טיש אַ קונציקע אײַנריכטונג און אַזוי לאַנג זי פאַרפולקומט, ביז דער מיניאַטיורישער רעלס האָט מיט איר הילף געהאָרכזאַם גענומען זיך איבערקערעווען אַף אַ זײַט. מיט יאָרן שפּעטער האָט לעוו באָריסאָוויטש באַם זעלבן טיש אָנגעשריבן די קאַנדידאַט־דיסערטאַציע.

און איצט זיצט ער דורך די נעכט באַם טיש און אַרבעט איבער אַ זאַך, וואָס אויב זי וועט זיך אים אײַנגעבן, וועט עס זײַן דער גרעסטער אופטו און דאָס גרעסטע גליק אין זײַן לעבן. עס

איז אומעגלעך אַרויסוואַרפן אַזאַ טיש, אַזאַ אויסגעצייכנטן טרײַען האָרעפּאַשניק, וואָס שטייט אַף די גראָבע קלעצלדיקע פיסלעך, ווי אַ צוגעשמידעטער צו דער פּאָדלאָגע — אים פאַרבײַטן עפּעס אַף אַ נײַ פריש־לאַקירט טישל, אָקאָרשט פון אונטערן הובל...

וויפל פּאַלינע יאַקאָוולעוונע האָט ניט געטײַנעט, אַז אַזאַ אַלטע שווערע באַנדורע טאָר מען ניט שלעפּן אין דער נײַער קליין־געבאַריטנער דירע, און וויפל זי האָט לעוו באַריסאָוויטשן ניט געפירט אין די מעבל־מאַגאַזינען, פרוּוונדיק באַצויבערן אים מיט די נײַסטע נידעריקע, גרינגע טישן, האָט ער זיך אַלץ געקנייטשט און געבליבן גלײַכגילטיק.

אויסער אַלטן טיש איז אין קאַבינעט דאָס גאַנצע מעבל געווען נײַ. אַפן נײַעם דיוואַן, אַף די נײַע געבעטעטע שטולן זײַנען געזעסן די געסט, און צוזאַמען מיטן באַלעבאָס האָט מען זיך דערציילט מײַסעס, קעדיי צו פאַרטרײַבן די צײַט ביזן אָנהייב פון דער סודע. לעוו באַריסאָוויטש האָט דערציילט וועגן די „ווינקלען“, אין וועלכע ס'איז אים אויסגעקומען צו לעבן אין די יונגע יאָרן.

— ווי איר ווייסט, פאַרמאָגט דאָס וואָרט „ווינקל“ פאַרשיידענע באַטײַטן, — האָט לעוו באַריסאָוויטש אָנגעהויבן, — אין געגעבענעם פאַל האָב איך אין זינען אַ ווינקל אַף צו וווינען. אַ מאָסקווער טוישעוו בין איך אַן אַלטער, איך לעב אין דער הויפּטשטאָט אַ שאָק מיט יאָרן, נאָך פון יענער צײַט, ווען אַף דער טווערסקאַיאַ, איצט גאָרקי־גאַס, האָט זיך געשלעפּט אַ טראַמװײַ און מיט אים האָבן קאָנקורירט די באַרימטע מאָסקווער איזוואָשטשיקעס מיט זייערע קאַרעטעס און פּראָליאָטקעס אַף ווייכע רעסאָרן.

— איך בין דאַן אַלט געווען קוים אַכצן יאָר. אין דער פאַנטאַזיע האָב איך זיך שוין געזען אַלס גרויסער מאָסקווער געלערנטער, אַן אַרומגערינגלטער מיט אַ כאָפּטע פאַרערער, וואָס שלינגען יעדעס וואָרט זײַנס. ס'האָט זיך אָבער צוגעמישט אַ קליינינקע, אַ מינדערווערטיקע, מאַמעש אַ נישטיקע פּראָבלעם, וואָס האָט יעדן טאָג, איבערהויפּט פאַרנאַכט־צו, געלאָזן מיר דערמאָנען וועגן זיך. דער אינסטיטוט, וווּ איך בין אָנגעקומען לערנען, האָט געהאַט אַ צוזאַמענוווינונג, וואָס האָט געקענט באַפרידיקן ווײַט ניט אַלע סטודענטן. איך, מיט מײַן צײַגעניש, אַז מײַן טאַטע איז אַ קוסטאַר, בין געווען אין דער לעצטער ריי צו באַקומען דאָרטן אַ בעטל. איך האָב געדאַרפט געפינען אַ וווינונג אַף אַ פּריוואַטן אויפן. אין איינעם אַ שיינעם טאָג, ריכטיקער געזאָגט, אין איינעם אַ שיינעם אָוונט האָט זיך אָנשטאָט מײַנעם אַן עפּאָכיִאַל אַרטיקל אין אַ וויסנשאַפטלעכן זשורנאַל, וואָס זאָל מאַכן אַ רוישעם אַף דער גאַנצער וועלט, זיך באַוויזן אַף דער פערטער זײַט פון דער „וועטשאָרקע“[1] אַזאַ פּראָזאַיִשע מוידאָע:

„אַ סטודענט וועט דינגען אַ טייל פון אַ צימער, פאַרשלאָגן שיקן לויטן אַדרעס: הויפּטפּאָטשטאַמט, צום אַרויספאָדערן, ל. ב. כאַנינען“.

— ווען איך בין אין אַ פּאָר טעג אַרום געקומען אַפן פּאָטשטאַמט און אַרײַנגערוקט דעם קאָפּ אין פענצטערל, וווּ מע גיט אַרויס די בריוו „צום אַרויספאָדערן“, האָט מען מיר דערלאַנגט אַ קאַרטל. אַ באַפליגלטער און אויפגעמונטערטער, האָב איך זיך טייקעף געלאָזט גיין לויט דעם אָנגעוויזענעם אַדרעס. אַ דאַך איבערן קאָפּ, קימאַט אַף אַ גאַנץ גליקלעך יאָר, האָב איך געפונען אַף דער אָפּגעלעגענער, פאַרשלאָפענער גאַס, וואָס הייסט גאָראָכאָווסקע, אין אַ צווייִשטאָקיק הויז, אַנטקעגן דעם אינסטיטוט פון פיזקולטור. אַלע אײַנוווינער פון גאָראָכאָווסקע, קליין און גרויס, זײַנען געווען פיזקולטורניקעס. אינדערלופטן האָבן זיך געטראָגן די ווערטער „סטאַרט“, „גאָלקיפּער“, „שטאַנגע“. איינע פון די ערשטע פראַגעס, וואָס מײַן קינפטיקע באַלעבאָסטע האָט מיר פאַרגעבן, ווען כ'בין אַרײַן צו איר אין שטוב, איז געווען — צי בין איך אַ פיזקולטורניק. דער מאַן אירער איז געווען אַ שלאָסער, זי אַליין איז געווען באַשעפטיקט אין אַן אַרטעל „כימטשיסטקאַ“, דאָס צעניאָריקע מיידעלע זייערס איז געגאַנגען אין שול, אין דריטן קלאַס. אינדערפרי האָט דער באַלעבאָס געאַרבעט מיט די האַנטעליעס, די באַלעבאָסטע איז געשפּרונגען איבער די קאָזלעס, דאָס טעכטערל האָט געטאַנצט מיט דער סקאַקאַלקע. זיי האָבן מיך אויך אַרײַנגעצויגן, און מײַנע דערפאָלגן זײַנען געווען אַזוי גרויס, אַז איך בין אינגיכן געוואָרן זייער קאַפּיטאַן. פריִער האָבן זיי געריסן פון מיר די קאָלדרע און געוועקט מיך צו דער פרימאָרגעדיקער זאַריאַדקע, איצט האָב איך געריסן די קאָלדרעס פון זיי. דירע־געלט האָב איך געצאָלט ניט קיין סאַך, נאָר די געוויסנהאַפטע באַלעבאַטים האָבן אַראָפּגעזעצט נאָך אַף אַ צענערל, אַזוי־אַרום איז מײַן קאַפּיטאַנישע טירכע אַפילע געוואָרן באַלוינט. איך וואָלט מיסטאָמע געוואָרן אַן ערשטקלאַסיקער ספּאָרטסמען, נאָר אינגיכן איז אַראָפּגעקומען זייער עלטערער זון, וואָס האָט געדינט אין אַרמיי און וועמענס בעט איך האָב געהאַט פאַרנומען. מיר האָבן זיך צעזעגנט אַפן בעסטן אויפן, מיט אַן אויסגעשריי „פיזקולט־הוראַ!“, און איך האָב ווידער זיך געלאָזט גיין צו געבן אין דער „וועטשאָרקע“ אַ מעלדונג וועגן אַ ווינקל...

---

[1] די צײַטונג „וועטשערניאַ מאָסקוואַ“ (אָוונטיקע מאָסקווע).

— רו זיך אָפּ א ביסל מיט דײַנע ווינקלען, — האָט איבערגעריסן לעוו באָריסאָוויטשן איינער פון זײַנע אלטע באקענטע, א זשורנאליסט, וואָס איז געזעסן אָנגעשפּארט מיטן רוקן צום מיטלסטן קישן פון דיוואן און אומגעדולדיק איבערגעלייגט איין פוס אף דעם צווייטן. — איך וועל אײַך דערציילן וועגן מײַנע אינטערוויוען...

— און איך וועגן מײַנע מיטיקן, ס'וועט אונדז צוגעבן אפּעטיט, — האָט באנעצט מיט דער צונג די ליפּן איינער פון די אויסגעהונגערטע געסט. — איך האָב אויסגערעכנט, וויפל מיטיקן איך האָב פאר מײַן לעבן אופגעגעסן...

עס איז שוין טאקע צײַט געווען אָנצוהייבן די סודע, אלע געסט, אף וועלכע מע האָט געווארט, זײַנען שוין געקומען, און לעוו באָריסאָוויטש מיט פּאָלינע יאקאָוולעוונען האָבן גענומען רופן דעם אוילעם אין גרויסן גאסט־צימער, ווו עס זײַנען געשטאנען פײַן־געדעקטע דרײַ צונויפגעשטעלטע טישן. דער אוילעם האָט זיך גענומען אויסזעצן. ס'איז געווען זייער ענג און זייער פריילעך. די שכיינע איטע איז מיט איר מיכלען געזעסן אף איין שטול — זי האָט פארנומען דרײַ פערטל, ער — דאָס איבעריקע. ווי א גוטע מאמע און ווי א טרײַע קינפּטיקע שוויגער האָט איטע געזאָרגט, אז ליזעס און וואָלאָדיעס טעלערלעך זאָלן ניט זײַן פּוסט און די קינדער זאָלן געניסן פון אלע מײַכאָלים. נאָך די ערשטע צוויי קעלישעקס האָט וואָלאָדיען זיך פארדרייט דער קאָפּ, ער האָט זיך דערפילט שיקערלעך. קיינמאָל ביז איצט האָט ער ניט געטראכט, אז עס קאָן זײַן אזוי גוט אף דער וועלט. ער האָט גענומען א שאָקאָלאדקע, אראָפּגעצויגן פון איר דאָס אייבערשטע פארביקע העמדל און דאָס קנאקנדיקע זילבער־פּאפּיר און צוגעטראָגן עס ליזען צום מויל, זי זאָל אָפּבײַסן א ציגעלע. דאָס מיידל איז רויט געוואָרן און אָפּגעשטופּט זײַן האנט. „בײַס אָפּ, נארעלע, בײַס אָפּ, ס'איז זיס", — האָט איטע איבערן טיש געשריִען צו דער טאָכטער. ליזע איז נאָך רויטער געוואָרן, נאָר פונדעסטוועגן אָפּגעביסן.

די סימכע איז געווען אינעם רעכטן ברען, ווען מע האָט אָנגעקלונגען אין דער טיר. וואָלאָדיע איז אוועק עפענען, גלײַך זיך אומגעקערט און ארויסגערופן דעם טאטן. א ספּעציעלער שאָליעך פון איינעם פון די אינסטיטוטן פון דער וויסנשאפט־אקאדעמיע האָט געבעטן לעוו באָריסאָוויטשן טייקעף קומען, מע ווארט דאָרט אף אים. צום טיש האָט לעוו באָריסאָוויטש שוין מער זיך ניט געזעצט, ער איז נאָר ארײַן, קעדיי זיך געזעגענען מיט די געסט, די סימכע אין זײַן שטוב איז אים שוין קנאפּ אָנגעגאנגען. ער איז געווען צופרידן, וואָס ער דארף זיך ניט נעמען אָנטאָן, — אף אים איז דער בעסטער אָנצוג זײַנער, דער שענסטער שניפּס און די טײַערסטע זאפּאָנקעס, וואָס ער האָט גראָד הײַנט צום ערשטן מאָל ארײַנגעשטעקט אין די מאנזשעטן. ער האָט געבעטן דעם אוילעם פאָרזעצן די סודע, און דער אוילעם איז גערן אײַנגעגאנגען אף דעם, מע האָט נאָר אויסגעדריקט דעם פארלאנג, אז ער זאָל זיך גיכער אומקערן, מע וועט אף אים ווארטן. ביכלאל איז באם טיש שוין געווען אזוי פריילעך, אז ס'איז קנאפּ עמעצן אָנגעגאנגען, צי ס'זיצט דער באלעבאָס אָדער ניט. לעוו באָריסאָוויטש האָט ארופגעכאפּט אף זיך זײַן גרויען זומערדיקן מאנטל, אָנגעטאָן אפן קאָפּ דאָס קײַלעכיקע „אקאדעמישע" ווייכע היטעלע. בא דער שוועל פון דער האלב־אָפענער טיר האָט ער ארומגענומען זײַן פרוי, וואָס איז אים ארויס באגלייטן. פון אירע באקן איז אראָפּ די ראָזע פארב. אויסגעזען האָט זי שטארק פארמאטערט, אָבער אלציינס איז זי געווען רייצנדיק־שיין. זי איז שטענדיק שיין, די אויגן אירע לויכטן העל און ווארעם. לעוו באָריסאָוויטש האָט ליב זײַן ווײַב, און זי אים, ניט געקוקט אף די פארקאָמפּליצירונגען, וואָס זײַנען דערהויפּט לעצטנס פאראן אין זייערע באציִונגען.

ווען לעוו באָריסאָוויטש איז ארויס פון שטוב, איז פּאָלינע יאקאָוולעוונע, ווי געוויינלעך טייקעף נאָך זײַן אוועקגיין, ארײַן צו אים אין קאבינעט א קוק צו טאָן, צי האָט ער גאָרניט פארגעסן — די ברילן, דעם בלאָקנאָט, די פּען, דעם זייגער, די בלויע פּאפּקע, — עפּעס מוז ער פארגעסן. די ברילן זײַנען געלעגן אפן טיש, ער האָט אין דער קעשענע ארײַנגעשטופּט דאָס פּוסטע שיידל. פּאָלינע יאקאָוולעוונע איז ארויסגעלאָפן און אים גענומען אָניאָגן אף די טרעפּ.

— האָסט פארגעסן די אויגן, — האָט זי אים דערלאנגט די ברילן.

— טאקע, וואָס וואָלט איך אָן זיי געטאָן? — האָט ער צופרידן ארויסגעמורמלט.

— זאָג בעסער, וואָס וואָלסטו געטאָן אָן מיר?

ער האָט זי א קוש געטאָן און ווי אָן אָפּגעבריטער אָפּגעשפּרונגען — עמעצער איז געגאנגען פון אויבן.

עס איז געווען נאָך ניט שפּעט אין אָוונט. אין מיקראָ־ראיאָן איז עס די געמיטלעכסטע צײַט אין מעסלעס, ווען די פּילצאָליקע באטאָגיקע זאָרגן פון די אײַנוווינער זײַנען שוין אין א היפּשער מאָס אראָפּ און די שפּעטערע, באנאכטיקע אויסגעשלאָסנקײַט פונעם קלאל, בײַס יעדער מענטש איז פארנומען מיט זײַנע אייגענע קליינע און גרויסע פארגעניגנס און טארומעס, איז נאָך ניט אָנגעקומען. די קווארטאלן פונעם מיקראָ־ראיאָן האָבן געפינקלט מיט זייערע נײַע מאָדערנע

לאַמטערנס אַף די נײַע מאָדערנע שטיינערנע סלופּעס. נײַ זײַנען געווען די העל־באַלויכטענע שילדן, די וויטרינעס, נײַ איז געווען דער אַספאַלט — אַ קלעפּיקער און נאָכגיביקער, די פּאָדעשוועס פון די שיך האָבן זיך אַף אים אָפּגעשטעמפּלט, ווי אַף טריוואַקס. לעוו באָריסאָוויטש איז געווען אין אַ גלענצנדיקער שטימונג. עס האָט זיך געלאָזן געבן צו וויסן דער קאָניאַק, וואָס ער האָט געטרונקען, אָבער ווען ער וואָלט אפילע ניט געטרונקען, אַלציינס וואָלט אים איצט געווען גוט און פריילעך אַפן האַרצן. ס'האָט אים געפרייט, וואָס מע האָט אים עקסטרע אַרויסגערופן. דאָס איז אַ גוטער סימן, אַ באַשײַמפּערלעכער באַווײַז, אַז מע גיט צו אַ וויכטיקע באַדײַטונג זײַן לאַבאָראַטאָריע. מיטן איצטיקן עקסטרע אַרויסרוף איז, קאָן זײַן, פאַרבונדן זײַן גאַנץ ווײַטערדיק לעבן, די פאַרווירקלעכונג פון זײַנער אַן אידיי, מיט וועלכער ער טראָגט זיך אַרום אין מעשעך פון די לעצטע יאָרן. די לאַבאָראַטאָריע, מיט וועלכער ער, לעוו באָריסאָוויטש, פירט אָן, האָט נאָך, אייגנטלעך, ניט קיין שום וועזנטלעכע אופטוען, זי האָט נאָך אפילע ניט קיין פּאַסיקע געבײַדע, אַריבער צוואַנציק וויסנשאַפט־טוער און לאַבאָראַנטן זיצן געענגט אין דרײַ צימערן, ניטאָ וווּ דורכצוגיין צווישן די טישן און די אָנגעשטעלטע מאַכשירים. עס האָט זיך געשאַפן אַ פאַרקישעפטער קרײַז. מע קאָן ניט פּראַקטיש צוטרעטן צו אַ גרויסער אַרבעט, ווײַל עס זײַנען ניטאָ די געווונטשענע באַדינגונגען, און די באַדינגונגען ווערן ניט געשאַפן, ווײַל מע זעט ניט קיין אַרבעט. אייניקע טוער, ספּעציאַליסטן פונעם אינסטיטוט, אין וועלכן ס'גייט אַרײַן די לאַבאָראַטאָריע, גלייבן ניט, אַז דאָס, וואָס לעוו באָריסאָוויטש כאַניך און זײַנע מיטאַרבעטער טוען, איז טאַקע גראָד איצט נייטיק, און אַז מע דאַרף ניט קאַרגן אַף דעם קיין הויצאָעס. גופע ער, לעוו באָריסאָוויטש, זעט שוין לאַנג אין דימיען, וויאַזוי פון שמעלץ־אויוון גיסט זיך, פלייצט אומופּהערלעך די צעשמאָלצענע פײַערדיקע שטאָלענע מאַסע. דער אויוון איז ניט קיין מאַרטען, ניט קיין קאָנווערטאָר, ניט קיין דוהאָווע עלעקטראָוניע, אין וועלכער דער מעטאַל ווערט פּאַרטיק און גיסט זיך אַרויס פּעריאָדיש, — די שמעלצונג קומט דאָרטן לעפּיערעך פּאָר איין מאָל אין דרײַ שאָ. דער נײַער אַגרעגאַט, וואָס איז נאָך ניט פאַראַן אין דער נאַטור און וואָס כאַניך זעט געדאַנקלעך פאַר די אויגן, איז אַן אַנדערער, ער איז געבויט אַף אַ ראַדיקאַל אַנדערשדיקן פּרינציפּ — אַפן פּרינציפּ פון אַן אומופּהערלעכן פּראָצעס — אַן אומופּהערלעכן שטראָם. דער מעטאַל שטראָמט די גאַנצע צײַט, ווי אַ רויִקער, נאָר אייביקער טײַך, אָן אַן אופהער און אָן אַן איבעררײַס...

דער דירעקטאָר פונעם אינסטיטוט אַלעקסיי אַנטאָנאָוויטש סטראָפּאָוו האַלט אונטער די דאָזיקע אידיי. ערשט הײַנט באַטאָג, ווען זיי בײדע האָבן צווישן זיך גערעדט, האָט סטראָפּאָוו נאָכאַמאָל אונטערגעשטראָכן, אַז די לאַבאָראַטאָריע טוט אַן אויסערגעוויינלעך וויכטיקע אַרבעט און אַז מע דאַרף פאַרשנעלערן די אויספאָרשונג. דעם באַטאָגיקן געשפּרעך האָט לעוו באָריסאָוויטש צוזאַמענגעבונדן מיטן איצטיקן דרינגענדיקן אַרויסרופן אים. אַלעקסיי אַנטאָנאָוויטש איז אַן אָנגעזעענער מעטאַלורג, אַ טעאָרעטיקער און אַ פּראַקטיקער. זײַן מיינונג שעצט מען און מע הערט זיך צו איר צו. לעוו באָריסאָוויטש שעצט סטראָפּאָוון ניט נאָר ווי אַ טרײַער דאַנקבאַרער טאַלמיד. עס קאָן זייער זײַן, אַז ווען ניט סטראָפּאָוו, וואָלט ער קיינמאָל ניט דערגרייכט צו דעם, צו וואָס ער האָט דערגרייכט, ער וואָלט זיך קיינמאָל ניט אונטערגענומען צו שרײַבן אַ דאָקטאָרדיסערטאַציע. עס איז געווען אַ צײַט, ווען מע האָט סטראָפּאָוון געגעבן אָנצוהערן, אַז מע דאַרף אייניקע מיטאַרבעטער באַזײַטיקן פון אינסטיטוט, לעמאָשל אַזאַ דאָן קיכאָט, ווי לעוו באָריסאָוויטש כאַניך, וואָס טראָגט זיך אַרום מיט ניט־געשטויגענע אידייען און פּראָיעקטן.

— איך מיין ניט, — האָט אַלעקסיי אַנטאָנאָוויטש געענטפערט, — אַז אפילע אין אונדזער אויסערגעוויינלעך ניכטערער צײַט האָבן דאָן קיכאָטן שוין אינגאַנצן ניט קיין רעכט אַף עקזיסטענץ, ביפראַט, אַז אָפטמאָל קומט זיי אויס זיך צו שלאָגן ניט מיט אויסגעטראַכטע ווינטמילן, נאָר מיט גאַנץ רעאַלע שטערונגען. ביכלאַל, מיר פּערזענלעך איז דאָן קיכאָט זייער צום האַרצן, דערהויפּט נאָך, ווען ער באַנוצט די עלעקטראָנישע מאַשין און יעדער האַלב זײַטל טעקסט אַרגומענטירט ער מיט צען זײַטן טאַבעלן און ציפערן...

מיט אַ פריידיקן פּאָרגעפיל איז לעוו באָריסאָוויטש איצט געגאַנגען איבער דער גרויסער קאַלוזשסקער גאַס — אַ גאַס פון וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוטן און מעדיציניש אַנשטאַלטן. ער איז אַרײַנגעגאַנגען אינעם פּאַלאַץ, וואָס באַצירט דעם גאַנצן אַרום ניט נאָר מיט דער אייגענער אימפּאָזאַנטקײַט, נאָר מיטן פּרעכטיקן גאָרטן, וואָס ציט זיך אַוועק אין דער טיף הינטער דעם אָרנאַמענטאַלישן מאַסיוון אײַזערנעם פּלויט. דער גאַרדעראָבשטשיק איז ווי אַלע גאַרדעראָבשטשיקעס אין כאָשעווע אַנשטאַלטן אַליין אויך געווען זייער כאָשעוו און סאָליד, ער האָט געגלאַנצט אין זײַן אוניפאָרם מיט די בלאַנקעדיקע קנעפּ, מיטן סאַמעטענעם קאָלנער און סאַמעטענע אָבשלאָגן פון דעם רעקל. ניט געײַלט, מיט אַ סאַך אָפּשײַ און כשיוועס צו זײַן אייגענער פּערזאָן, האָט ער באַקוקט דעם שפּעטן באַזוכער אויך נאָכדעם, ווי ער האָט שוין געהאַט דעם מאַנטל אופגעהאַנגען לעבן די עטלעכע געציילטע מאַנטלען. לעוו באָריסאָוויטש האָט גענומען זיך

אופהייבן אַף די ברייטע טרעפ, און ווי דער טעפיך איז ניט געווען ווייך, האָט זיך אים פאָרט געדוכט, אַז זײַן גאנג הערט זיך אינעם גאנצן מויער, פון עק צו עק. אינעם קאָרידאָר איז אים ניט אַנטקעגנגעקומען קיין איין מענטש. אַ שטילקײַט איז געלעגן באַ די צוגעמאַכטע הויכע טירן מיט די אויסגעשײַערטע מעשענע הענטלעך. לעוו באָריסאָוויטש האָט אופגעעפנט איינע אַ טיר, און גלײַך האָט זיך אופגעהויבן פון זײַן אָרט באַם טיש און איז אַרויס אים אַנטקעגן דער באַלעבאָס פונעם קאַבינעט — אַ באַוווּסטער אַקאַדעמיקער אין לאַנד. ער האָט פרײַנטלעך זיך באַגריסט מיט לעוו באָריסאָוויטשן. סטראָפאָוו איז געזעסן באַ דער זײַט פון טיש, ער האָט ניט דערלאַנגט כאַנינעך די האַנט, נאָר גוטברודעריש, ווי אַ מענטשן, מיט וועלכן מע זעט זיך אַ סאַך מאָל אין טאָג, אַ קלאַפ געטאָן אים איבער דער פלייצע.

— די זיצונג האָט זיך שוין פאַרענדיקט? — האָט אַ ביסל מעוווּלוול געפרעגט לעוו באָריסאָוויטש, וואָס האָט זיך געריכט צו טרעפן אַ היפשן עולם און דערזען פאַר זיך נאָר די דאָזיקע צוויי מענטשן. אין האַרצן איז ער געווען העכסט צופרידן, גראָד זיי ביידן האָט ער באַדאַרפט מער ווי אַלעמען, מע וועט זיך קאָנען גוט דורכריידן.

דער אַקאַדעמיקער האָט אַרופגעשאַרט די אַשיק־גראָווע קוטשמע האָר אַרופצו, אַנטבלויזט דעם ניט־הויכן, נאָר ברייטן שטערן. דאָס לענגלעכע פּנים זײַנס איז געווען זייער אַ פאָשעטס, פאָשעטער און געוויינלעכער ווי באַם גאַרדעראָבשטשיק. אויסגעזען האָט ער יונג, און ער איז נאָך טאַקע געווען פאַרהעלטניסמעסיק יונג, ניט לאַנג צוריק האָט מען אָפּגעמערקט זײַן פופציקיאָריקן יובילײַ. „ווען האָט ער באַוויזן אַזויפיל צו דערגרייכן? — האָט לעוו באָריסאָוויטש ניט ווילנדיק אַ קלער געטאָן, זיך פאַרגלײַכנדיק מיט אים. — ער איז דאָך נאָך יינגער פון מיר“.

— אַלעקסיי אַנטאָנאָוויטש האָט מיר גאַנץ גענוי דערציילט וועגן אײַער לאַבאָראַטאָריע, אַזוי אַז אַ פאָרשטעלונג האָב איך שוין, — דער אַקאַדעמיקער האָט אַוועקגעלייגט אַפן טיש ביידע הענט מיט ברייט־צעשפּרייטע פינגער, ווי ער וואָלט זיך געקליבן עפּעס אויסשפּילן אַף אַ פּיאַנע. — איך בין פולקום מאַסכים מיט אים, אַז די אַרבעט איז אַ וויכטיקע. אויב אין די נאָענטסטע יאָרן קאָן נאָך די פּראָבלעם ניט ווערן געלייזט פּראַקטיש, איז זי אָבער זייער אַקטועל אין דער ניט־ווײַטער צוקונפט, ווען מע וועט מוזן זי לייזן. מיר האָבן שוין דאָ מיט אַלעקסיי אַנטאָנאָוויטשן גערעדט און זײַנען געקומען צו אַזאַ אויספיר, אַז ס׳וואָלט געווען צוועקמעסיק, אַז אַ סאַך פּראָטים, איר זאָלט דורכפירן אײַערע אויספאָרשונגען אַף דער מעכטיקער באַזע פון אונדזער דאָרעמדיקער אָדער, נאָך בעסער, מיזרעכדיקער מעטאַלורגיע. לויט מײַן מיינונג איז בעסער פון אַלץ די מיזרעכדיקע. דאָרטן האָבן מיר אַ גרויסן פיליִאַל פון דער אַקאַדעמיע. אײַער לאַבאָראַטאָריע וועט האָבן מיט איר אַן ענגן קאָנטאַקט, זי וועט אָרגאַניש זיך אײַנגלידערן אין איר סיסטעם, מיט דער פּערספּעקטיוו פאַרוואַנדלט צו ווערן אין אַ זעלבשטענדיקן אינסטיטוט. אַלעקסיי אַנטאָנאָוויטש האָט מיר געזאָגט, אַז איר האָט געאַרבעט דאָרט אַף אַ מעטאַלורגישן זאַוואָד...

— יאָ, מילכאָמע־צײַט.

— זײַט איר, הייסט עס, שוין אַן אַלטער טוישעוו אַפן מיזרעך... אַ סאַך יונגע ספּעציִאַליסטן אַרבעטן באַ אײַך אין דער לאַבאָראַטאָריע?

— העכער אַ העלפט, אַ פּראָצענט זעכציק.

— איך האָב עס געפרעגט ניט דערפאַר, ווײַל איך האַלט, אַז יונגע וויסנשאַפט־טוער, ביכלאַל אונדזער יוגנט, אויב זיי ווילן קומען צום געווינטשענעם ברעג, מוזן זיי אומבאַדינגט זיך פאַרהאַרטעווען אין די ווײַטערע מעקוימעס — וואָס ווײַטער, אַלץ בעסער. איך האָב אין אויג אַן אַנדער זאַך. אונדזערע פיליִאַלן זײַנען אַזוי אויסגעוואַקסן, דער שווּנג און דער פאַרנעם פון די וויסנשאַפטלעכע אויספאָרשונגען און עקספּערימענטן, די דרייסטקײַט באַם פּאַנאַנדעראַרבעטן די נײַע טעמאַטיק זײַנען דאָרט אַזוי גרויס, די גאַנצע וויסנשאַפטלעכע טעטיקײַט האָט זיך אַזוי צעצווײַגט און פאַרברייטערט, אַז אין אייניקע געביטן, דערבײַ גאַנץ וויכטיקע, זײַנען מיר דאָ, אין צענטער, אײַנדערעמעסן גאָר זייערער אַ פיליִאַל, מיר זעצן פאָר טאָן דאָס, וואָס זיי האָבן אָנגעהויבן און טוען שוין, און האָבן שוין פיל אופגעטאָן. דערמיט איז ניטאָ וואָס זיך צו שעמען, און קיין אומגליק איז עס אוודע ניט, פאַרקערט, עס איז זייער אַ געזונטער פּראָצעס. ווייסט איר, לעמאָשל, אַז אין סיבירער פיליִאַל זײַנען אַכציק פּראָצענט געלערנטע אין עלטער פון צוויי און צוואַנציק ביז דרײַסיק יאָר?

— איך בין שוין אַריבער די פופציק, — האָט לעוו באָריסאָוויטש באַמערקט.

— אויך מיר אַן עלטער! וואָס זאָל איך שוין זאָגן? — האָט סטראָפאָוו אַ לאַך געטאָן און זיך פאַרהוסט. ער האָט גענומען מאַכן מיט די הענט אַף צו פאַרטרײַבן דעם הוסט, און ביז מע־ײַסע האָט ער טאַקע אויסגעזען זייער אַלט — אַ זאָקן, וואָס רוקט זיך צו די זיבעציקער. אַפּאָנעם, אַז איצט, שפּעט אין אָוונט, האָט זיך אויך געלאָזט שפּירן די מידקײַט נאָכן לאַנגן טאָג. עס איז דורך

א היפשע ווײַלע, ביז דער הוסט איז אריבער און אלעקסיי אנטאָנאָוויטש איז געקומען צו־זיך. — מיר קענען זיך מיט לעוו באָריסאָוויטשן שוין ניט איין צענדליק יאָר, — האָט סטראָפּאָוו, א באַרויִקטער, ארומגענומען מיט די הענט די אָפּגעשליפענע פאָרענטשע פונעם פאָטערשטול, — איך געדענק אים נאָך פון יענער צײַט, ווען ער פלעגט אין אינסטיטוט קומען אָפּגעבן די עקזאַמענעס פאַר אנדערע סטודענטן. איך האָב אים אָבער געפּאַקט, דערקענט לויט זײַנע צעריסענע שיך. די צעפליקטע שיך, האָב איך באַמערקט, האָבן שוין איין מאָל און א צווייט מאָל מיר אָפּגעגעבן דעם עקזאַמען. — סטראָפּאָוו האָט זיך געוואָלט צעלאַכן, נאָר פאַרטריבן דעם דאָזיקן פאַרלאַנג, קעדיי עס זאָל ווידער ניט אָנפאַלן דער הוסט. — די לעקציעס האָט ער, געדענק איך, באַזוכט אלס א פרײַער צוהערער, ווײַל פאַר א סטודענט האָט מען אים לעכאַטכילע ניט אָנגענומען... דוכט זיך, עפּעס האָט ניט אינגאַנצן געטויגט זײַן סאָציִאַלע אָפּשטאַמונג, זײַן טאַטע איז געווען...

— א קוסטאַר... — האָט לעוו באָריסאָוויטש אונטערגעזאָגט. — ער האָט געהאַט א פּאַטענט.

— א דערפינדער, הייסט עס... — האָט דער אקאַדעמיקער א שמייכל געטאָן.

— א פּאַטענטירטער... — סטראָפּאָוו האָט זיך אָנגעבלאָזן, ער זאָל אפּסנײַ זיך ניט צעלאַכן. — א פּאַטענטירטער קאַפּצן... נאָר מײַנע לעקציעס האָט ער געהערט זייער אופמערקזאַם. דערנאָך בין איך געווען זײַן אָנפירער, ווען ער האָט געשריבן די קאַנדידאַט־דיסערטאַציע...

דער אקאַדעמיקער האָט אַף סטראָפּאָוון א קוק געטאָן מיט פאַרמאַטערטע אויגן. וואָס קאָן מען טאָן מיט א מענטשן, אויב אים האָט זיך אײַנמיטנדרינען פאַרגלוסט אריײַנצולאָזן זיך אין זיכרוינעס? קיין ברירע איז ניטאָ, מע דאַרף הערן... סטראָפּאָוו האָט דעם קוק פאַרשטאַנען און איבערגעביטן דעם געשפּרעך.

— אין אײַער ארבעט, לעוו באָריסאָוויטש, — האָט ער אוועקגענומען די פּלייצע פונעם ווענטל פון פּאָטערשטול און אָנגעבויגן פּאָרויס דעם שווערן קערפּער און דעם קאָפּ, — אין אײַערע זוכענישן און אויספאָרשונגען וועט אײַך נאָך אויך אויסקומען האָבן צו טאָן מיט א פּסיכאָלאָגישן מאָמענט אָדער, בעסער געזאָגט, מיט א פּסיכאָלאָגישן באַריער. מיר ווייסן דאָך, אז בא די אַלטע מעטאַלורגן, און ניט נאָר בא די אַלטע, בא די יונגע אויך, ביכלאַל בא אַלעמען — בא די געלערנטע, ספּעציאַליסטן, אינזשעניערן, מײַסטערס, בא די ארבעטער, בא אַלע, קליין און גרויס, איז א יאָמטעוו, ווען עס ווערט ארויסגעגעבן א נײַע שמעלצונג. א פּאַשעטע פּרווּ, וואָס ווינט אינעם יישעוו פון מעטאַלורגישן זאַוואָד, קוקט פאַרכידעשט און פאַרצויבערט אַף דער פּראַכטפולער שיינקײַט, וואָס עס צעגיסט זיך דאָרט איבערן הימל. איך אַליין, ווען כ'קום צו פאָרן אין א קאָמאַנדירונג, באַמי איך זיך אָפּצושטעלן אינעם האָטעל, פונוואַנען מע זעט, ווען ס'ווערט ארויסגעלאָזן די שמעלצונג. דאָס איז מײַן כאַלאַס און דער כאַלאַס פון שטאָלגיסערס, זייערע באַהעלפערס, פון אַלעמען, ווער עס האָט נאָר א שײַכעס צו אונדזער הייסן צעך. הײַנט שטעלט זיך פאָר, אז איר קומט אראָפּ און זאָגט, אז דאָס דאָזיקע הערלעכע בילד דאַרף מען פאַרניכטן, מע דאַרף מאַכן צו דעם א סאָף... כ'בין ניט זיכער, אז אפילו אײַערע סיבירער אַלטע גוטעפרײַנט וועלן אײַך מיט פרייד אונטערהאַלטן, דאָס אײַנגעוואָרצלטע עסטעטישע געפיל קומט דאָ אין א געוויסן קאָנפליקט מיט די ראַציאָנעלע אויסרעכענונגען פון דער עקאָנאָמיק. די דאָזיקע באַמער־קונג מײַנע איז נעגייע נאָר א בײַזאַך. בעעמעס שיין איז בלויז דאָס, וואָס עס איז פאַרנונפטיק. די מאַגיסטראַלע אנטוויקלונג פון דער מעטאַלורגיע ליגט אָפּן וועג פון אומופהערלעכע פּראָ־צעסן. די פּערספּעקטיוו איז א גרויסע, און אנטשפּרעכיק גרויס דאַרף אויך זײַן די אויספאָר־שערישע ארבעט.

— אַלזאָ, קיינע פּרינציפּיעלע כלוקעדייעס זײַנען ניט פאַראַן, — האָט דער אקאַדעמיקער געמאַכט א סאַכאַקל, — כ'וועל אײַך, לעוו באָריסאָוויטש, בעטן צו אונדזער נאָענטסטער זיצונג צוגרייטן קאָנקרעטע פאָרשלאָגן.

— איר האָט, דוכט מיר, זיך אריבערגעקליבן אין א נײַער דירע, — האָט סטראָפּאָוו זיך דערמאָנט.

— הײַנט איז געווען בא מיר כאַנוקאַס־האַבאַיִס.

— אזוי גאָר? עס גייט אום א ווערטל, אז צוויי נאָוואָסעליעס זײַנען געגליכן צו איין סרייפע...

— אָבער עפּשער לוינט אמאָל אפילו א סרייפע, אָפּסמאַליען די האָר, ווי מיינט איר? — דער אקאַדעמיקער האָט אַף לעוו באָריסאָוויטשן א קוק געטאָן ניט אזוי מיט די מידע אויגן, ווי מיט די אויסגעבויגענע שוואַרצע ברעמען. זייער שוואַרצקײַט האָט זיך באַזונדערס אויסגעטיילט אין פאַרגלײַך מיט די גראָוע האָר אָפּן קאָפּ.

— איך האַלט אויך אזוי, — איז לעוו באָריסאָוויטש גערן מאַסקים געווען.

— ווי פילט איר זיך אין געזונט? — האָט דער אקאַדעמיקער ווײַטער א פרעג געטאָן.

— ניט צו פֿאַרזינדיקן, — האָט לעוו באַריסאָוויטש געענטפֿערט. — אין די יונגע יאָרן האָט מען באַ מיר געפֿונען אַ האַרץ־פֿעלער און מע האָט מיר געגעבן אַ ווײַסן בילעט. מילכאָמע־צײַט בין איך אַוועק אין דער אָפּאָלטשעניע, געווען אויפֿן פֿראָנט, געלעגן אין די טראַנשייען, מאַרשירט צענדליקער קילאָמעטער אין דער פֿולער אַמוניציע, פֿאַרסירט אַ פּאָר טײַכן, געוואָרן שווער פֿאַרוווּנדעט, געלעגן אין שפּיטאָל אויפֿן אָפּעראַציע־טיש, אַלץ מיטן האַרץ־פֿעלער — און אויסגעהאַלטן.

— אַלזאָ, האָבן מיר זיך דערעדט, — האָט אַ צופֿרידענער געזאָגט דער אַקאַדעמיקער, — אויב איר דאַרפֿט, לעוו באַריסאָוויטש, צײַט אויף זיך צו באַטראַכטן וועגן אַריבערפֿאָרן, איז ביטע, מיר וועלן אויסוואַרטן.

— מיר דוכט, אַז דער פּלאַן איז אַ גוטער, ער איז מיר געפֿעלן, און ער וועט געפֿעלן ווערן אַלעמען אין מײַן לאַבאָראַטאָריע, יעדנפֿאַלס דער גרעסטער מערהײַט, — לעוו באַריסאָוויטש האָט זיך געזעגנט מיטן אַקאַדעמיקער און מיט סטראָפּאָוון.

זיצנדיק אין דער טאַקסי־מאַשין אויפֿן וועג אַהיים, האָט לעוו באַריסאָוויטש געטראַכט, אַז ער קאָן נישט ניט פֿאָרן, ווען עס האַנדלט זיך וועגן דער זאַך, וואָס ער ווידמעט איר זײַן גאַנץ לעבן. אָבער עס זײַנען גלײַך אַרויף אויפֿן זינען די פֿיל שוועריקײַטן, וואָס עס וועט אויסקומען באַ־ײַצוקומען און וועגן וועלכע ער האָט דערווײַל ניט געוואָלט טראַכטן. ער איז געזעסן לעבן שאָפֿער, געקוקט אויפֿן טונקעלן וועג, וואָס האָט זיך געטראָגן אַנטקעגן, און בייסמײַסע גאָר גע־פּרוּווט צו דערמאָנען זיך, וויִאַזוי האָט געהייסן דער גראַף אָדער דער פֿירשט, וואָס האָט אַמאָל געוווינט אינעם פּאַלאַץ, וווּ ער איז איצט געווען. ער האָט איבערגעקליבן אין קאָפּ אַלע נאַריש־קינס, אַלע טרובעצקאָיס, אַלע גאָליצינס און טאַקע זיך ניט דערמאָנט...

שפּעט באַנאַכט

אין אָוונט לויכט דער מיקראָ־ראַיאָן מיט אַלע זײַנע נײַע טויזנטער פֿענצטער, אָבער שאָ נאָך שאָ ווערט די העלקײַט קלענער. פֿריִער, איידער אין די אַנדערע צימערן, לעשט זיך, גע־ווייניגלעך, אויס דאָס ליכט אין די קיכן, עס איז געקומען זייער צײַט אָפּצורוען — מע האָט שוין אָפּגעגעסן וועטשערע, די שטוב־באַלעבאָסטעס האָבן אויסגעוואַשן דאָס געפּעס און לײַכטער אָפּגעעטעמט, אַראָפּגענומען די פֿאַרטעכער. עלף אַזייגער, אַמאָל אַ ביסל שפּעטער, ווינטשט די מילדע דיקטאָרשע פֿון דער טעלעוויזיע אַ גוטע נאַכט, און די פֿאַרמאַטערטע, פֿאַרטשאַדעטע מענטשן ווערן פּאָטער פֿון דער לאַנג־אָוונטיקער פֿרײַוויליקער טעלע־אָפּקומעניש. דורך די גאַרדינען אויף די פֿענצטער זיפּט זיך מער ניט די בלוילעכע ווירבלענדיקע שײַן פֿון די עקראַנען. קימאַט אין יעדער דירע איז באַלויכטן בלויז איין פֿענצטער, אָבער אויך אין יענעם איינציקן לעשט זיך אײַנגיכן אויס די שײַן, איצט ברענען שוין נאָר די דעזשורנע לעמפּ באַ די אַרײַנגענג אויף די טרעפּ. און בלויז ערגעץ־ווו, אויף אַ שטאָק אין אַ צימער, לײַכט אַ לעמפּל אַ מאַסמיד. דער העלער פֿלעק זײַנס ליגט, ווי אַ ליכטיק באַבעלע אויף אַ פּיצל טראָטואַר, אָדער אויף אַ שטיקל סטעזשקע, אָדער גאָר אין אַ טראַנשיי, אויפֿן שוואַרצן רוקן פֿון אַ פֿריש־אײַנגעלייגטער טרויב.

עס איז שוין געווען נאָך איינס באַנאַכט, נאָר לעוו באַריסאָוויטש איז נאָך געזעסן באַשעפֿטיקט אין זײַן קאַבינעט. די שײַן פֿון טיש־לאָמפּ האָט זיך אַרויסגעגאַנוועט אין דרויסן דורכן שפּאַלט צווישן דיביידע העלפֿטן גאַרדינען. אויך אין קאָרידאָר, אויפֿן רויטן קאַנט פֿונעם טעפּיך איז געלעגן אַ בינטל שטראַלן — זיי האָבן זיך אַרויסגעצויגן דורכן שפּאַלט פֿון דער עטוואָס אָפּענער טיר. לעוו באַריסאָוויטש האָט דורכגעקוקט די פּאָטשט, וואָס מע ברענגט, געוויינלעך, דרײַ מאָל אין טאָג: אינדערפֿרי — די פֿרימאָרגנדיקע צײַטונגען, אין אָוונט — די „וועטשאָרקע“, באַטאָג — בריוו. ווען ער קומט אין אָוונט פֿון דער אַרבעט, טוט ער אויף דער קאָרעספּאָנדענץ אַן אויבנאויפֿיקן בליק, כאַפּט אַרויס דאָס וויכטיקערע. גענוי לייענט ער די בריוו שפּעטער, ערעוו דער פֿיזקולטור־זאַריאַדקע, וואָס ער פֿאַרגעסט ניט, ווי אַ פֿרומער ייִד קרישמע, צו מאַכן פֿאַרן שלאָף. איצט האָט ער מיט אינטערעס דורכגעקוקט אַ בוך, וואָס איז נאָרוואָס אַרויס פֿון דרוק און וואָס עס האָט אים צוגעשיקט מיט אַ פֿרײַנטלעכן אויפֿשריפֿט דער אווטאָר, אַ באַקאַנטער מעטאַלורג. לעוו באַריסאָוויטש האָט, ווי זײַן שטייגער איז, געלייענט און בייסמײַסע גלײַך עפּעס פֿאַרנאָטירט אינעם גראָבן אויסגעשריבענעם בלאָקנאָט, וועלכן מע דאַרף שוין בײַטן, נאָר ס׳איז אַ שאָד זיך מיט אים צו צעשיידן, פּונקט ווי מיטן אַלטן אויסגעדינטן שרײַבטיש. לעוו באַריסאָוויטש שרײַבט אויף די ראַנדן, באַמיט זיך וואָס מער אַרײַנפּרעסן, דערפֿאַר אָבער געפֿינט ער אין

בלאָקנאָט אלץ, וואָס ער דארף, — עמעס, אָפטמאָל מיט היפשער מאטערניש (ער האלט, אז א דריטל לעבן גייט בא אים ביכלאל אוועק אף זוכן).

אין דער שפעט־באנאכטיקער שאָ איז ניט נאָר לעוו באָריסאָוויטש ניט געשלאָפן. ווען ער האָט זיך אומגעקערט אהיים, איז שוין קיינער פון די געסט ניט געווען. פאָליע האָט שוין אין שלאָפצימער געהאט אויסגעבעט, און א מידע נאָכן ארומהאַווען און באדינען דעם אוילעם איז זי געלעגן אפן שטיקל מעבל, וואָס באטאָג איז עס א דיוואן און באנאכט ווערט עס א ברייטע בעט — פאר צווייען. ווי געוויינלעך, האָט זי פארנומען דאָס אָרט בא דער וואנט, זי האָט געווארט אף לעבאָרן — אזוי רופט מען לעוו באָריסאָוויטשן פרײַנטלעך. וואָלאָדיע בא זיך אין צימער איז אויך נאָך ניט געשלאָפן, ער האָט געשלונגען א מאָדערנעם ראָמאן, וואָס ליזע האָט אים געגעבן ביז מאָרגן אינדערפרי. א צופרידענער, וואָס דאָס הויזגעזינדל שלאָפט נאָך ניט, האָט לעוו באָריסאָוויטש, קוים האָט ער נאָר באוויזן אויסטאָן דעם מאנטל, גלײַך זיך אוועקגעשטעלט אין קאָרידאָר אנטקעגןביידע צימערן און אין א געהויבענעם טאָן, זייער א צופרידענער, אויב ניט קיין גליקלעכער, געגומען דערציילן, צוליב וואָס מע האָט אים עקסטרע ארויסגערופן און וועגן וואָס מע האָט באם אקאדעמיקער גערעדט. דערבײַ האָט ער מיט דער לאנגער פיגור, מיטן לענגלעכן פּאָנעם, אף וועלכן עס האָבן געברענט די אויגן, טאקע אויסגעזען, ווי דאָן קיכאָט, א מעשונעדיקער פאנטאזיאָר, עס האָט אים נאָר געפעלט די שפאגע און דער העלם פון דעם זינלאָזן ריטער. אין די רייד זײַנע איז געווען עפעס גאָר קינדערשעס, וואָס עס קלעפט זיך ניט מיט דער ערנסטקײַט פון א וויסנשאפטלעכן טוער, אן עלטערן מענטשן.

זײַן היציקע באנאכטיקע רעדע האָט פאָלינע יאקאָוולעוונע געהערט מיט א שארף־ווידערשפּרעכלעכן געפיל. אוודע האָט זי געהערט מיט פרייד וועגן דעם, אז מע ווײַזט ארויס צו איר מאן גרויסן צוטרוי, מע שאצט זײַן ארבעט, און מע גיט אים די מעגלעכקײַט זי טאָן ווײַטער אין דער פולער קראפט. עס האָט זי אָבער שטארק פארדראָסן, וואָס ער פארגעסט בייסמײַסע, אז א שטוב איז א שטוב, און א פאמיליע איז א פאמיליע, מיט א מישפּאָכע עקספּערימענטירט מען ניט, ס'איז ניט קיין שמעלץ־אויוון און ניט קיין וואלץ־געשטעל. אלע אירע פראגעס און דעם לאנגן געשפרעך, וואָס דארף קומען, האָט זי אָבער אָפּגעלייגט אף אינדערפרי. איצט האָט זי נאָר געוואָלט, אז ער זאָל זיך לייגן שלאָפן, דאן וועט זי אויך אײַנשלאָפן. ער איז נאָך אָבער ארײַן צו זיך אין קאבינעט און פּונקט ווי פארגעסן, אז זי איז דאָ אף דער וועלט. פאָליע איז געוואָרן אויפגעבראכט. ניין, שוין ניט מאָרגן אינדערפרי וועט זי ריידן מיט אים, נאָר איצט, ניט ריידן, נאָר שעפּטשען, עס זאָל ניט הערן וואָלאָדיע, דאָס יינגל שלאָפט נאָך אויך ניט. זי, פאָליע, טאָר זיך ניט פארגינען דאָס, וואָס עס פארגינען זיך אנדערע ווײַבער, זי טאָר זיך אפילע ניט קלאָגן. מיט דער הײַנטיקער פּלוצעמדיקער געשיכטע וועגן אריבערפאָרן קיין סיביר איז לעבאָר, אפּאָנעם, ווידעראמאָל אויסן אויסצופּרוּוון איר געטרײַשאפט צו אים, צי וועט זי זיך גלײַך אָנכאפּן און א געשריי טאָן: „איך פאָר מיט דיר!“, אָדער זי וועט זיך אײַנשפּארן און נעמען טײַנען, אז זי וויל זיך ניט שיידן מיט מאָסקווע, מיט די פרײַנט און באקענטע, ווארפן א נײַע פּרעכטיקע דירע, וואָס מע האָט אף איר אזוי ארויסגעקוקט. ניין, ניט אין דער דירע גייט עס. זי האָט אים ליב און שטעלט זיך ניט פאָר דאָס לעבן אָן אים. ווען ער פאָרט אף א פּאָר וואָכן אוועק אין א קאָמאנדירונג, קוקט זי אויס די אויגן. זי וועט פאָרן מיט אים אומעטום — אף קאמטשאטקע, קיין סאַכאלין, אין אויסערײַסעניש. עס פארדריסט זי נאָר ביז צום קלעמען אין הארצן, פארוואָס נאָך אזויפיל יאָרן צוזאמענלעבן קוקט ער נאָך אלץ אף איר, ווי אף עפּעס א פרעמדער, אלע אירע רייד, אלע אירע שריט און געגנג מעסט ער ביז הײַנטיקן טאָג מיט א צווייטער מאָס. ער פארגלײַכט זי מיטן ערשטן ווײַב זײַנס, מיט סאָניען, וואָס איז אומגעקומען בייס דער מילכאָמע. ער זאָגט עס ניט, נאָר זי, פאָליע, פילט, אז אלץ, וואָס זי ברענגט ארויס פונעם מויל, און יעדע טווּנג אירע רופן בא אים ארויס א פראגע, צי וואָלט יענע אויך אזוי געזאָגט און געהאנדלט. ער וויל גאָרניט און דארף ניט, אז מע זאָל הענדעם־פּענדעם אויך פאָרן מיט אים, ווארפן די ארבעט, פארלאָזן די דירע. ער האָט נאָר געוואָלט הערן, אז זי, פאָליע, איז גרייט צו דעם, ווי ער וואָלט עס אָן סאָפעק געוויס דערהערט פונעם ערשטן ווײַב. און וויבאלד זי, פאָליע, האָט אזוי ניט געזאָגט, האָט ער זיך אָנגעבלאָזן, ארײַן אין קאבינעט און זיצט דאָרטן. די צווייטע ליבע איז ניט די ערשטע ליבע, און די צווייטע פרוי מיט אלע אירע שיינע און גוטע מײַלעס בלײַבט דאָך די צווייטע. אין איינעם פון די טיפע טיש־קעסטלעך פון זײַן שרײַבטיש, וועלכן ער האָט געבראכט צו שלעפּן אין דער נײַער דירע, ליגן סאָניעס בריוו, אפילע די קאָנווערטן האָט ער ניט ארויסגעוואָרפן, יעדעס בייגעלע פּאפּיר ליגט אינעם קאָנווערט, מיט וועלכן ס'איז אָנגעקומען. א באזונדער פּעקעלע זײַנען די בריוו, וואָס סאָניע האָט אים נאָך באוויזן צו שיקן אפן פראָנט, און ס'איז פאראן נאָך א פּעקל — אירע פאָטאָגראפיעס. אף א פּאָר פאָטאָ־קארטלעך שטייען זיי ביידע צוזאמען — ער מיט איר. אף אים זעט מען גלײַך, אז ס'איז א באָכער מיט א פארנעם, מיט א העכערער שטרע־

בונג, מיט א ציל, די אָנגעשפּיצטע אויערן האָבן שוין אויסגעהערט פּיל לעקציעס איבער אלע מינים ווויסנשאפט און דורשטן צו הערן נאָך און נאָך. דער בליק זײַנער — א פּארטרוימטער און א פּארכושטער — איז פון א פּארשוין, וואָס איז ארײַנגעטאָן אין די העכערע ספערן און האָט ווייניק וואָס צו טאָן מיט זיך גופא. דאָס אויסגעצערטע פּאָנעם איז אן אידעס, אז ניט יעדן טאָג עסט ער א ווארמעס, ער יאָגט זיך ניט נאָכן געשמאקן ביסן, איז צופרידן, אויב ער האָט אבי־ווי געשטילט דעם הונגער. ס'איז א באָכער א טאלמיד־כאָכעם, א וויסנשאפטס־מענטש, ער איז ארײַנגעטאָן אין דער וויסנשאפט מיט לײַב־און־לעבן. סאָניע זעט אויס דאָרפיש־געזונט, אָנגעטאָן דאפקע פײַן, עלעגאנט, ווי מע טוט זיך געוויינלעך אָן, ווען מע גייט זיך פּאָטאָגראפירן. אָבער די וואָכעדיקײַט און פּראָסטקײַט קוקט בא איר ארויס פון דער יאָמטעוודיקער אויסגעפּוצטקײַט. בא פּאָלינע יאקאָוולעווונען קומט ארוף אפן זינען ניט קיין פײַנער געדאנק, און זי וויל אים פּאר־טרײַבן. זי טראכט וועגן דעם, אז ווען די זעלבע סאָניע זאָל בלײַבן לעבן, וואָלט זי, ווי אנדערע ווײַבער בא די מענער, אוואדע אופגעהערט בא אים צו זײַן דער אידעאל. אָבער די אומשולדיק־אומגעקומענע זײַנען קדושים, הייליקײַטן. פּאָליען ווערט קאלט אונטערן איינציקן דינעם לײַ־לעך, מיט וועלכן זי איז צוגעדעקט, זי רוקט זיך צו נעענטער צו דער וואנט, נאָר די וואנט איז אויך קאלט, דער בעטאָן ווארעמט ניט. זי נעמט די וואטאָווע קאָלדרע, וואָס ליגט אפן בענקל, — געוויינלעך דארף מען זי פּארטאָג, ווען עס ווערט קילבלעך, — און דעקט זיך מיט איר אײַן. עס ווערט הייס, א ברענענדיקע היץ גייט דורך איבערן לײַב, שלאָגט אינעם רוקן, דאָס פּאָנעם ווערט באדעקט מיט א שווייס. ווו טוט מען זיך אהין פון די שווערע דערמאָנונגען? צי דען מוז די פּארגאנגענהײַט, ווי א שאָטן, אייביק נאָכלויערן און פּארפּאָלגן די קעגנווארט? ער, לעוו באָריסאָוויטש, האָט געהאט א ווײַב, און זי, פּאָליע, האָט געהאט א מאן, און ער איז אויך אומגעקומען. דאָוויד איז נאָך געווען גאָר א יונגער, אין דער ארמיי האָט מען אים גענומען ערשט אין 1944 יאָר, מע האָט אים געשיקט אף קורצטערמיניקע קורסן, און נאָכדעם איז ער, א יינגערער לייטענאנט, אוועק אפן פּראָנט.

סאכאקל עטלעכע וואָכן האָבן זיי געלעבט צוזאמען, און ווען ער איז נאָך די קורסן געפאָרן אין זײַן פּאלק, האָט ער זיך אראָפּגעכאפּט צו איר אף צוויי געציילטע שאָען. מער האָט זי אים ניט געזען. זי ווייסט אפילע ניט געגוי, ווו ס'איז זײַן קייווער, — ערגעץ אין די הויכע קארפּאטן האָט ער געפונען זײַן אייביקע רו.

דעם 9 מײַ 1945 יאָר, ווען די בריוו־ און טעלעגראמע־טרעגער זײַנען, פּארהאוועט און פּארשוויצט, ארומגעלאָפן פון שטוב צו שטוב, געטראָגן באגריסונגס־קארטלעך און דעפּעשעס, אין וועלכע עס האָט געפינקלט און געלויכטן דאָס וואָרט „פּאָבעדא“, איז אינעם הילצערנעם ניט־געפּארבטן בריוון־קעסטל אף דער טיר פון דער געדיכט־באפעלקערטער קאָמונאלער דירע, אין וועלכער פּאָליע האָט דאן געוווינט, געווען אויך פּאר איר א בריוו — ניט קיין רויטארמייִשער דרײַעק און ניט קיין פּאָשטעטער קאָנווערט מיט א מארקע, — ס'איז געווען א קאָנווערט מיט א גרויסן קאזיאָנעם שטאמפּ פון אויבן, און אפן ווײַסן לענגלעכן פּאפּיר, וואָס זי האָט ארויסגענומען פון קאָנווערט, זײַנען געווען א צען שורעס, אָפּגעדרוקטע אף א מאשינקע. איר הארץ איז נאָך געווען איבערפולט מיט דער צאפּלדיקער פרייד, וואָס האָט אלעמען ארומגעכאפּט, אין די אויערן האָט געקלונגען דער מארש פון ניצאָכן. אין דעם טאָג פון זיג איז איר שוין אפילע אפן זינען ניט ארוף דער געדאנק, וואָס האָט פריִער טאָג און נאכט געעגבערט דעם מויעך, איצט, ווען ס'איז געקומען דער ניצאָכן און די הארמאטן אפן פּראָנט זײַנען אנשטומט געוואָרן, איז שוין געבליבן נאָר א שטראלנדיקע האָפענונג, אן אומגעדולדיקע דערווארטונג אף א גליקלעכער באַ־געגעניש. ווען ס'איז צו איר דערגאנגען דער שרעקלעכער אינהאלט פונעם בריוו, האָט זיך פון איר הארץ ארויסגעריסן א ווילדער איבערמענטשלעכער געשריי און זי איז אומגעפאלן. אין איין אויגנבליק איז זי געוואָרן די אומגליקלעכסטע פרוי אין דער וועלט, דאָס לעבן האָט פּאר־לאָרן דעם טאם. זי האָט אָנגעטאָן א שווארץ קלייד און א שווארץ טיכל אפן קאָפּ. לויט דער נאטור אן ענערגישע, א לעבנסווילנדיקע און לעבנספריידיקע, איז זי בא זיך אראָפּגעפאלן, און ס'וואָלטן עפּשער אינגאנצן זיך אונטערגעהאקט אירע קרעפטן, ווען ניט וואָלאָדיע — דער זון זײַנער, דער איינציקער יוירעש זײַנער, וואָס איז נאָך אים פּארבליבן. וואָלאָדיע איז דאן געווען אן אייפעלע. צוביסלעכווײַז האָט דער ווייטעק זיך אײַנגעשטילט, זי האָט ווידער כאסענע געהאט, און זי ווייסט, אז א סאך פרויען זײַנען איר מעקאנע. אזא מאן, ווי זי האָט איצט, איז שווער צו געפינען. טיף, געטרײַ מיטן גאנצן הארצן קאָן מען ליב האָבן נאָר איין מענטשן, זי וויל ניט טראכטן וועגן פּריִערדיקן מאן, זי וויל אין אים פּארגעסן. פּאראן מאנצבלען, וואָס אייפערן אפילע צו די טויטע. נאָר ער, לעוו באָריסאָוויטש, האלט דאפקע פּאר נייטיק צו דערמאָנען דאָווידן. ער האָט אויסגעזאָגט וואָלאָדיען, אז ער איז ניט זײַן אייגענער טאטע. צוליב וואָס האָט ער עס געטאָן, צוליב וואָס דארף מען טראוומירן א קינד? וואָלאָדיע וואָלט געוואקסן נאָר אין פריידן און גאָר־

נישט ניט געוווּסט. איצט טראָגט דער באָכער זיך ארום מיט פארשיידענע געדאנקען, ער פארווארפט זי, די מאמע, מיט פראגעס וועגן זײַן עמעסן טאטן, און יעדע פראגע איז א פרישער שניט אין דער אלטער ווונד. וואָלאָדיע האָט גענומען דאָס פארגעלטע פאָטאָ־קארטל, אף וועלכן דאָוויד שטייט צוזאמען מיט איר, און עס אופגעהאנגען בא זיך איבערן דיוואן, און זי קאָן שוין אין וואָלאָדיעס צימער גלײַכגילטיק ניט ארײַנגיין. ער קלײַבט זיך הײַנטיקן זומער, נאָך דעם, ווי ער וועט פארענדיקן לערנען, פאָרן אופזוכן דעם פאָטערס קייווער. דערווײַל לערנט ער זיך אלץ ערגער, ווײַל דער קאָפּ איז בא אים פארנומען נאָר מיט דעם.

פאָליע הערט זיך צו צו די באנאכטיקע שטילע גערוישן פון דער דירע. פון צײַט צו צײַט נעמט הודזשען אין די וואסער־טרויבן, ס׳טוט א קלאַפּ, ווי מיט א קלינגענדיקן העמערל, אין די באטארייעס — עס גיסט זיך אין זיי איבער דאָס וואסער. אָט האָט א קלונג געטאָן דער זייגער בא לעבאָרן אין קאבינעט. עס האָט געקלונגען איין מאָל. וויפל זשע איז דער זייגער? איינס, האלב צוויי? עפשער האלב דרײַ? פאָליע וויל וויסן, צי עס שלאָפט שוין וואָלאָדיע. מיסטאמע ניט, ער איז אויך אופגערודערט. ער דרייט זיך פון איין זײַט אף דער צווייטער, עס סקריפּעט דער דיוואן. נאָך דער הײַנטיקער יאָמטעוודיקער וועטשערע האָט וואָלאָדיע א צײַט שפּאצירט, און ווען ער האָט זיך אומגעקערט אהיים, האָט ער גענומען קושן די מאמע. אזא אופגעלייגטן צו איר, אזא צארטן האָט זי אים שוין לאנג ניט געזען.

וואָלאָדיע איז, ווירקלעך, נאָך ניט געשלאָפן. ער האָט זיך שוין פאָרגעשטעלט, וויאזוי ער געזעגנט זיך מיט זײַנע פילצאָליקע כאווײרים, וועלכע ער האָט דערוואָרבן דאָ, אין גרויסן הויף. פארן סאמע אוועקפאָרן, מיטן רוקזאק אף דער פלייצע, וועט ער אָנקלאַפּן אין דער טיר צו ליזען.

— זײַ געזונט, איך פאָר אוועק. כ׳וועל דיר אָנשרײַבן, וויאזוי ס׳איז דאָרט דאָס לעבן. — צוליב די דאָזיקע עטלעכע ווערטער, וואָס זײַנען פול מיט מאנצבלשער ווירדע, לוינט צו פארלאָזן די שענסטע נײַסטע דירע.

ליזע וועט אף אים א קוק טאָן, וויאזוי ער איז עקיפּירט — אן עמעסער סיביריאק.

אָבער פריִער, איידער ער וועט פאָרן קיין סיביר, וועט ער וואנדערן צווישן די קארפאטן־בערג און זוכן... — באם דאָזיקן געדאנק טוט וואָלאָדיען א שטויס, ווי פון אן עלעקטרישן שטראָם. אין פארשיידענע צײַטן האָט וואָלאָדיע געוואָלט זײַן ענלעך אף פארשיידענע העלדן, וועגן וועלכע מע האָט אים געלייענט אָדער ער האָט שוין אליין געלייענט אין די ביכער. ווען ער איז געווען א קליינער, האָט אים דער דיכטער סערגיי מיכאלקאָוו איבערראשט מיט א ליד וועגן פעטער סטיאָפּען, וואָס איז העכער פון אלעמען, דערלאנגט אזש ביז צו די דראָטן אף די סלופּעס. אך, ווען וואָלאָדיע זאָל אויסוואקסן אויך אזא הויכער און זײַן א מיליציאָנער, אומגיין מיטן פײַפל און פײַפן צו אלעמען, — ער מאכט א טראָט און פּאקט גלײַך ארײַן אין זײַנע לאנגע הענט דעם, וועמען ער דארף, קיינער קאָן זיך פון אים ניט אויסבאהאלטן... שפּעטער א ביסל האָט וואָלאָדיע זיך אויסגעלערנט אויסשניצן שווערדן. ער האָט זיך געזען אין דער ראָל פון איינעם פון די דרײַ געוואגטע מושקעטיאָרן — פּאָרטאָס, אראמיס און אָטאָס, געוואָלט זײַן ענלעך אף אלעקסאנדער מאטראָסאָוון — מיט דער אייגענער ברוסט פארדעקן די אמבראזור פון א פאשיסטישן דאָט. די באליבטע העלדישע געשטאלטן האָבן לעצטנס בא וואָלאָדיען זיך אויסגעפורעמט אין איין אויסערגעוויינלעך געשטאלט פון זײַן אומגעקומענעם פאָטער. די קורצע, מעטושטעשדיקע יעדיִעס, וואָס אים האָט זיך אײַנגעגעבן ארויסצוקריגן בא דער מאמען, וועלכע האָט אָדער אליין ווייניק געוווּסט אָדער זי האָט פּאָשעט ניט געוואָלט א סאך דערציילן, האָט ער דערגאנצט מיט זײַן אייגענער פאנטאזיע. קוקנדיק אף דער אלטער פארגעלטער פאָטאָגראפיע, וואָס ער האָט אופגעהאנגען בא זיך אין צימער, האָט ער אייניקע מאָל געהאלטן אין דער האנט א שפּיגל צו פארגלײַכן זײַן ענלעכקײַט מיטן טאטן. די שטארקע ענלעכקײַט האָט אים איבערראשט, זיי זעען אויס, ווי אן עלטערער ברודער מיט א ביסל א יינגערן. ווען דער טאטע איז אוועק אפן פראָנט, איז ער אלט געווען מיט צוויי יאָר מער, איידער ס׳איז איצט אלט וואָלאָדיע. ער איז דאן געווען א קאָמאנדיר פון א ווזוואָד, א לייטענאנט. אף דער פאָטאָגראפיע זעט זיך גוט דער אָדער באם לינקן שלייף. בא וואָלאָדיען איז אויך ביז גאָר קענטיק דאָס דאָזיקע אָדערל, מע זעט בוילעט, ווי עס פּולסירט. די קליידונג איז באם טאטן אן אנדערע, ווי בא אים. וואָלאָדיע קוקט אפן טאטנס וואטניק מיט די צוויי שטערנדלעך אף די שליפעס — זיי זעען זיך קוים אָן, די מאָנטשינקע שטערנדלעך, דערפאר איז גרויס דער שטערן אפן ברייטן קאָמאנדירסקן רימען, וואָס גארטלט דעם וואטניק ארום. וואָלאָדיע שטעלט זיך פאָר, וויאזוי דער טאטע, צוזאמען מיט זײַן ווזוואָד, קלעטערט אף די קארפאטן־בערג, דערקלײַבט זיך אזש ביז צום העכסטן שפּיץ בארג גאָווערלאָ, וואָס האלט אריבער צוויי קילאָמעטער די הייך. אז עס איז פאראן אזא בארג און אז ער איז אזוי הויך, האָט וואָלאָדיע

זיך דערוווּסט פון דער ענציקלאָפּעדיע. לעצטנס לייענט ער אַלץ, וואָס אָנבאַלאַנגט דער טראַנס־קאַרפּאַטער געגנט.

וואָלאָדיע האָט פעסט באַשלאָסן, אַז גלייך נאָך די עקזאַמענעס אין שול וועט ער פאָרן אַהין, אין די קאַרפּאַטן. עפשער איז דער טאַטע געבליבן לעבן? די מאַמע ווייסט ניט, ווו עס געפינט זיך דעם טאַטנס קיווער, זי ווייסט ניט גענוי, ווען ער איז אומגעקומען. עפשער איז ער ניט אומגעקומען? אָבער אויב ס'איז אַזוי, אויב ער לעבט, איז פאַרוואָס גיט ער ניט צו וויסן וועגן זיך?

וואָלאָדיע האָט זיך אַזוי פאַרקלערט וועגן זײַן עמעסן טאַטן, אַז ער האָט אופגעציטערט, ווען ס'איז צו אים אין צימער אַרײַן דער שטיפטאַטע.

דעם דאָזיקן מענטשן האָט ער ליב געהאַט מער פון אַלעמען אין דער וועלט, אַפילע מער פון דער מאַמען. ווען ער איז געווען אַ קליינינקער, פלעגט ער אינדערפרי — אין אַ וואָכעדיקן טאָג אַף אַ ווײַלע, אין אַ זונטיקדיקן און אין אַ יאָמטעוו־טאָג אַף אַ שאָ און צוויי — אַרופקריכן צו אים אַפן דיוואַן און דאָרט, אונטערהייבנדיק זיך הויך אַף דעם קישן, אַראָפּקוקן פון אויבן־אַראָפּ אַף זײַן שטערן מיט די הויכע ווינקלען באַ די שלייפן. ער האָט געצופּט און געריסן דעם טאַטנס האָר, געפּאַטשט אים איבער די באַקן — יענער האָט אַלץ אַריבערגעטראָגן. די מאַמע האָט געשריִען, פאַרוואָס ער לאָזט זיך אַזוי פּײַניקן. ער האָט וואָלאָדיען דערציילט אָן אַ שיר מײַסעלעך, איינס שענער פונעם אַנדערן. אַ יאָר צײַט האָט ער אים געלייענט מאַרק טווענס „דער פּרינץ און דער בעטלער". דאָס קאַפּיטל „דעם פּרינצס צאָרעס הייבן זיך אָן" האָט וואָלאָדיע שוין געוווּסט אויסווייניק. הײַנט וויפל שפּילעכלעך פלעגט ער אים ברענגען. אין זײַן פּאָרטפעל האָט שטענדיק געשטאַרצט אַ נײַע צאַצקע פאַר אים. ווען וואָלאָדיע האָט אָנגעהויבן לערנען אין שול, איז לעוו באָריסאָוויטש געגאַנגען אַף אַלע עלטערן־פאַרזאַמלונגען. עטלעכע מאָל איז אים אויסגעקומען צו שטיין מיט אָן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און אויסהערן די רייד וועגן זײַן זון, וואָס איז אַנטלאָפן פונעם לימעד אָדער האָט אָפּגעטאָן אַן אַנדער ניט־פײַנע זאַך... אַהיים איז ער דאַן געקומען אַ פאַרומערטער. וואָלאָדיע געדענקט אָבער ניט אַזאַ פאַל, ער זאָל אים אָנהייבן לייענען נודנע מאָראַל. לעוו באָריסאָוויטש האָט אים זייער ליב געהאַט. וואָלאָדיען איז זייער געפעלן געווען, וואָס אַף דער אַרבעט רופט מען דעם טאַטן דאָן קיכאָט. די מאַמע האָט געהאַט דערפון גרויס אַגמעסנעפעש, און ער, וואָלאָדיע, האָט געבלעטערט דאָס בוך מיט די שיינע בילדער פונעם קינסטלער דאָרע, אײַנגעקוקט זיך אינעם לאַנגן, דאַרן שפּאַנישן אידאַלגאָ און געזוכט אָן ענלעכקײַט מיט זײַן טאַטן, וואָס זיצט דורך די נעכט באַם טיש, אַרומגעלייגט מיט ביכער. אינדערפרי לויפט ער אַוועק, אין אָוונט קומט ער, אָפט ניט אין קיין געהויבענער שטימונג. ס'ווײַזט זיך דאַן אויס, אַז באַטאָג האָט ער זיך געשלאָגן מיט ווינטמילן און געקראָגן גוטע קלעפּ...

פּלוצעם האָט וואָלאָדיע זיך דערוווּסט, אַז דער דאָזיקער ליבסטער און טײַערסטער מענטש איז ניט זײַן טאַטע, ער איז אַ פרעמדער און ער האָט פאַרנומען דאָס אָרט פונעם לײַבלעכן טאַטן, וואָס איז אומגעקומען. ווען וואָלאָדיע איז אַלט געוואָרן זעכצן יאָר און געדאַרפט קריגן אַ פּאַס, איז לעוו באָריסאָוויטש צוגעגאַנגען צו אים, אַוועקגעלייגט די האַנט אַף זײַן אַקסל און געזאָגט:

— אָט ביסטו שוין אַ דערוואַקסענער מענטש, קריגסט אַ פּאַס... עס וועט דיך אַוודע איבעראַשן דאָס, וואָס איך וועל דיר באַלד זאָגן... פריִער האָבן מיר ניט געהאַלטן פאַר צוועקמעסיק צו דערציילן עס דיר, ווײַל דו ביסט נאָך געווען אַ קינד... איצט מעגסטו און דאַרפסט עס וויסן... דײַן פאָטערס נאָמען איז דאָוויד. ער איז אומגעקומען אַפן פראָנט בייסן באַפרײַען די קאַרפּאַטן. דו ביסט דאַן געווען אַ פּיצל קינד. איך האָב פון דער מילכאָמע זיך אומגעקערט מיט מינען־שפּליטערס אין רוקן, קיין איין מענטשן פון מײַן געוועזענער מישפּאָכע האָב איך ניט געפונען אַ לעבעדיקן. דו ביסט פאַר מיר געווען די אַלע יאָרן אַ זון, וועסט זײַן מיר אַ זון אויך ווײַטער, ווי איך דיר אַ פאָטער. דו ביסט ניט געווען אַ יאָסעם, האָסט געהאַט אַ טאַטן און דו וועסט אים האָבן, ביזוואַנען כ'וועל לעבן. אָבער יענעם טאַטן דאַרפסטו שטענדיק געדענקען, און ניט מײַן נאָמען וועט זײַן אַרײַנגעשריבן אין דײַן פּאַס, נאָר זײַנער.

— עס איז קיין נאַפקעמינע ניט, טראַוומירסט נאָר דאָס יִנגל, — האָט די מאַמע געבראָכן די הענט.

די דערשיטערנדיקע נײַס איז צוערשט שווער דערגאַנגען. דערנאָך, ווען וואָלאָדיע איז געבליבן אַליין, האָט ער אָנגעהויבן זיך שטעלן פראַגן: זעכצן יאָר האָט מען אויסבאַהאַלטן פון אים דעם נאָמען פון זײַן אייגענעם טאַטן. צוליב וואָס האָט מען עס געטאָן און צי איז עס ריכטיק? פאַרוואָס הענגט ניט אַף דער וואַנט זײַן טאַטנס פּאָרטרעט? פאַרוואָס ווייסט ער וועגן זײַן אומגעקומענעם טאַטן אַזוי ווינציק? ווו איז דעם טאַטנס קיווער? די מאַמע האָט געזאָגט, אַז דער קיווער איז אומבאַוווּסט. ס'זײַנען פאַראַן אַ סאַך קוואָרים פון אומבאַוווּסטע סאָלדאַטן. וואָלאָדיע האָט זיך געגעבן דאָס וואָרט אופצוזוכן דעם טאַטנס קיווער. איז דען מעגלעך, אַז קיינער און אין ערגעץ זאָל ניט וויסן וועגן אים?

צום שטיפּטאָטן איז בא וואָלאָדיען אַ צווייענדיקער ווידערשפּרעכלעכער געפיל: ער האָט אים ליב, ווי פריִער, ווי די גאַנצע צײַט, נאָר עס דוכט זיך אים אויס, אַז דערמיט פעלשט ער און פאַרמינערט די ליבע צום עמעסן טאַטן.

— שלאָפסט ניט, אַזוי שפּעט? — האָט לעוו באָריסאָוויטש אַ פרעג געטאָן, אַרײַנקומענדיק צו וואָלאָדיען אין צימער.

— ניין... טאַטע.

פון אַ געוויסער צײַט אָן פאַרהאַקט ער זיך אַ ביסל, וואָלאָדיע, ווען ער רופט אים אָן „טאַטע". וואָלאָדיע האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון דעם קישן און זיך אוועקגעזעצט, אָפּדעקנדיק די פּלייצע מיט די שאַרפע ווינקלדיקע לאָפּעטקעס. די עלעקטרע אין צימער איז געווען אויסגעלאָשן, נאָר ס'איז ליכטיק געווען פונעם דרויסנדיקן לאַמטערן, וואָס האָט אַרײַנגעקוקט אין פענצטער. אויבן, אויף דער וואַנט, איבער דעם ווײַסן קישן, האָט, ווי אויף אַ קינאָ־עקראַן, זיך געוויגט דער שאָטן פון די בלעטער פון דער בערעזע, וואָס וואַקסט אַנטקעגן, און אינמיטן איז געלעגן נאָך אַ שאָטן — אַ פאַרגליווערטער, געדיכטער שוואַרצער פלעק — פון דער סקוואָרעשניע, וואָס איז צוגעשלאָגן צום שטאַם פונעם בוים. אינעם ווירבלענדיקן איבערגעפלעכט פון די ביידע שאָטנס האָבן וואָלאָדיעס הענט אויף דער קאָלדרע אויסגעזען עפּעס באַזונדערס לאַנגע, און די אונטערגעהויבענע אונטער דער קאָלדרע קני — הויכע און שאַרפע.

לעוו באָריסאָוויטש האָט אַ טראַכט געטאָן וועגן דעם, אַז ער האָט שוין אַ לענגערע צײַט ניט געשמועסט מיט וואָלאָדיען און אַז זיי האָבן זיך דערווײַטערט איינער פונעם צווייטן. דער באָכער, וואָס פלעגט, געוויינלעך, וועגן אַלץ אים דערציילן, ניט פאַרטײַען די מינדסטע קלייניקײַט, איז לעצטנס געוואָרן אײַנגעהאַלטן, זאָגט ניט קיין איבעריק וואָרט, און אַז ער נעמט אים וועגן עפּעס אויספרעגן, ווערט ער אויפגערעגט. עס איז פאַרשוואונדן וואָלאָדיעס אָפנהאַרציקײַט, צוגעלאָזנקײַט. זײַנע צײַגערס אין שול זײַנען ניט קיין גלענצנדיקע. ער האָט גענומען אויסבאַהאַלטן פון די עלטערן זײַן שילערשן טאָגבוך, וווּ אויף אַ זײַטל איבער אַ זײַטל שטייט אַ „צוויי".

— אויב דו ווילסט נאָך ניט שלאָפן, איז לאָמיר אַ ביסל אַ רעד טאָן, — לעוו באָריסאָוויטש האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ ברעג דיוואַן לעבן וואָלאָדיען.

— לאָמיר... אָבער איך ווייס ניט וועגן וואָס, — וואָלאָדיע האָט צוזאַמענגענומען די קאָלדרע און זיך אָפּגערוקט ווײַטער צו דער וואַנט, קעדיי דעם טאַטן זאָל זײַן באַקוועמער צו זיצן.

לעוו באָריסאָוויטש האָט פריִער פון אַלץ געוואָלט בא וואָלאָדיען פרעגן וועגן די לעצטע שול־נײַס, אַ רעד טאָן וועגן די אַרויסלאָז־עקזאַמענעס, וואָס האָבן זיך אינגיכן געדאַרפט אָנהייבן. ער האָט אָבער באַשלאָסן אָפּלייגן אַזאַ געשפּרעך אויף אַן אַנדערשמאָל.

— נו, כאָטשבי וועגן פוטבאָל, — האָט לעוו באָריסאָוויטש אָנגערופן אַ טעמע, וואָס ער איז געווען זיכער, אַז זי אינטערעסירט וואָלאָדיען באַטאָג און באַנאַכט.

אינעם הינטערגרונט פון דעם נײַעם וווינונגס־קוואַרטאַל, צווישן דער הינטערשטער טויבער רויטער וואַנט פון אַ גרויסן מאַגאַזין און דער וואַנט פונעם מויער נומער 26, האָט מען דאָס שטיקל פרײַ איבערגעבליבענעם שטעטך אַרומגעצוימט מיט סלופּיקעס, אָנגעצויגן אויף זיי דינע אײַזערנע לאַנגע פאַסן, וועלכע די זאַוואָדן גיבן אָפּ אין מעטאַל־ברוך, און ס'איז געוואָרן אַ ספּאָרט־פּלאַץ, אַ סטאַדיִאָן, וווּ דעם ערשטן האַלבן טאָג קוקן די צוויי גרינע פוטבאָל־טויערן גלײַכגילטיק איינער אויפן אַנדערן, דערפאַר אינעם צווייטן העלפט טאָג ווערן זיי די פאַרביטערטסטע קעגנער. עס שפּילט אַ מויער מיט אַ מויער, אַ הויף מיט אַ הויף. די הויפן זײַנען גרויסע, באַלאָנים צו שפּילן זײַנען פאַראַן אַ סאַך, און ס'גייט אַ שטרענגער אָפּקלײַב. אַרײַנצוגיין אַלס שפּילער אין אַ הויף־קאָמאַנדע איז אַ גרויסער קאָוועד. וואָלאָדיעס לאַנגע פיס האָבן באַקומען אַ שעם, ער איז אַ גוטער פאָרווערד, אויסער דעם איז ער אַ פוטבאָל־טעאָרעטיקער, ער איז באַהאַוונט אין אַלע סיסטעמען — אין דער ענגלישער, בראַזילישער, אין אונדזער סאָוועטישער — ער געדענקט אויסווייניק דעם קאַלענדאַר פון די מאַטשן אין לאַנד און אין אויסלאַנד, ווייסט אויסגעצייכנט די מײַלעס און כעסרוינעס פון אַלע וועלט־שפּילער.

בייס אַ וויכטיקן מאַטש זיצן ניט די פאַרברענטע פוטבאָליסטן אין שטוב, יעדערער בא זײַן טעלעוויזאָר. זיי קומען זיך צונויף אין אַ קאָמפּאַניע, מע זאָל איבערלעבן און ווייטעקן צוזאַמען. בא וואָלאָדיען קלײַבט זיך צונויף אַ מיניען „באָלעלשטשיקעס". לעבן אים זיצט, געוויינלעך, זײַן בעסטער כאַווער, וועלכן מע רופט ראָמיטש — פאַרצויגן פון ראָמאַן, — אַ צוויי־און־צוואַנציקיאָריקער באָכער, אַן עלעקטראָמאָנטיאָר, וואָס מע זעט אים שטענדיק אין מיקראָ־ראַיאָן, וויִאַזוי ער הייבט זיך אין דער הייך אין דער ליולקע פון דער מאַשין „טעכנישע הילף", אָדער מע זעט אים קריכן אויפן לייטער בא די אַרײַנגענג אין די הײַזער, אַרײַנצודרייען נײַע לעמפּלעך אָנשטאָט די איבערגעברענטע. ראָמיטש האָט ליב צוויי זאַכן — ליטעראַטור און פוטבאָל. דאָס אַכטמעטערדיקע צימערל, וואָס די עלטערן האָבן ראָמיטשן אָפּגעגעבן אין זײַן אייגענעם רעשוס, איז

באקלעפּט און באהאנגען מיט אויסצוגן פון פארשיידענע ווערק, אף באזונדערע פּאסיקלעך פּאפּיר זײַנען אָנגעצייכנט די נעמען פון די ליטעראַרישע העלדן, אָנגעהויבן פון פּאָנוויזינס מיטראָפּא־נושקע און פארענדיקט מיט באלויעוון פון קאָזשעווניקאָווס פּריש־הײַנטצײַטיקער דערציילונג. אף די וויקטאָרינעס, וואָס קומען פּאָר זונטיק אין פּארק פון מיקראָ־ראַיאָן, פארנעמט ראָמיטש דאָס ערשטע אָרט; ער איינער, לעמאָשל, האָט גלײַך געענטפערט, וויאזוי מע האָט גערופן טאַ־טיאַנעס פּאָטער, כאָטש אין „יעווגעני אָנעגין" ווערט דער נאָמען, פארבײַגייענדיק, דערמאָנט נאָר איין מאָל. „טאַטיאַנאַ דמיטריִעוונאַ", — האָט ראָמיטש אויסגעשאָסן. אָבער דער גרעסטער גיבער האָט א שוואַך אָרט. ראָמיטשן לייגט אוועק אף ביידע לאָפּעטקעס די קאָמע, די קליי־ניטשקע, פּאָשעטע קאָמע, וועלכע ער שטעלט, געוויינלעך, א ביסל אָפּטער, איידער מע דארף. די איבעריקע דרײַ־פיר קאָמעס, וואָס ער האַקט ארײַן אין א שריפטלעכער ארבעט, האָבן שוין בא אים אופגעפרעסן דרײַ פולע יאָר — ער וואָלט שוין געקענט אריבער אפן פערטן קורס פון פילאָלאָגישן פאקולטעט. „כ'וועל הײַנטיקס יאָר פּרוּוון נאָכאמאָל אָנקומען אין אינסטיטוט, — טרייסט ער זיך, — נאָר איצט וועל איך זײַן קליגער, כ'וועל שרײַבן קורצע זאצן, אין וועלכע מע דארף אינגאנצן ניט די פארשאָלטענע קאָמעס".

אין דער זעלבער מינוט, ווען אפן עקראַן פון טעלעוויזאָר באווײַזט זיך דאָס גרינגראָזיקע סטאַדיִאָן־פעלד מיט דער פעסט־צונויפגעשטוקעוועטער מאלכעסדיקער פּילקע אינמיטן, און אַנט־קעגן איר, דער גרויסאַרטיקער קיניגן, שטעלן זיך אויס פון ביידע זײַטן אירע טרײַע דינער — די צוויי קאָמאנדעס אין פארשיידנפארביקע מײַקעס מיט גרויסע נומערן אפן רוקן, — אין דער זעלבער מינוט ווערן וואָלאָדיע, ראָמיטש און אלע איבעריקע כעוורע ניט ענלעך אף זיך אליין. בא יעטווידער קאָמבינאַציע און אַטאַקע שפּרינגט מען אונטער אפן בענקל, מע פּאַטשט בראַוואָ, מע שילט אין דער מאַמען ארײַן, מע שרײַט, מע ליאַרעמט, מע פארגעסט, ווו מע איז. ווען ס'ווערט ארײַנגעקלאַפּט א גאָל, טוט זיך כוישעך. אויב לעוו באָריסאָוויטש איז אין דער היים, קומט ער ארײַן אין צימער צו די כעוורע, זעצט זיך אוועק אף דער סאָפע און נעמט קוקן פון זײַן ווײַטערן ווינקל. ווי די באָכערים זײַנען ניט פארטראָגן און פארכושט, באמערקן זיי פון־דעסטוועגן זײַן אָנוועזנהײַט, רוקן זיך אָפּ מיט די שטולן אָן א זײַט, ער זאָל בעסער קאָנען זען. לעוו באָריסאָוויטש וויל אויך זײַן א „באָלעלשטשיק", ער וויל וויטעקן, ער וויל ארײַנדרינגען אינעם קישעף, וואָס שטעקט אין דער שפּיל און וואָס צווינגט ערנסטע, קלוגע מענטשן אזוי ארויסצוגיין פון די קיילים, אזוי שטורמיש איבערלעבן. די שפּיל אָבער פארכאַפּט אים ניט, ער קוקט א ביסל, טוט א גענעץ, און קעדיי ניט צו פּאַטערן אומזיסט די צײַט, גייט ער אוועק צו זיך אין קאַבינעט און זעצט זיך ארבעטן. נאָר די כעוורע מיט זייערע אויסגעשרייען לעכערן מאַמעש די ווענט און די אויערן. לעוו באָריסאָוויטש קוקט אפן זייגער און פּרוּווט טרעפן, ווען עס וועט זיך שוין ענדיקן דער מאַטש.

אָפּהענגיק פון דעם, וועלכע קאָמאַנדע עס האָט געוווּנען, צעגייען זיך די באָכערים נאָכן מאַטש אָדער מיט שײַנענדיקע, פריידיקע פּנעמער, אָדער מע זעט אויס פארומערט, ווי די אווילים, — אף דער שוועל דערלאַנגט מען וואָלאָדיען די האַנט און מע גיט א מרוקע מיט אַן ארויפגעלאָזטן קאָפּ: „דאָ סווידאַניִא". וואָלאָדיע נעמט אין דער האַנט א לערנבוך, נאָר אלע געדאַנקען זײַנען נאָך אפן סטאַדיִאָן. ער קומט ארײַן צום טאַטן.

— צוויי — דרײַ, — זאָגט ער.

— ווער וועמען? — פרעגט לעוו באָריסאָוויטש, וואָס פארגעסט יעדן מאָל, פאר וועלכער קאָמאַנדע עס וויטעקט וואָלאָדיע. בעמיילע דארף ער, דער טאַטע, אויך שוין וויטעקן פאר איר... ווען ער זאָל עס געדענקען, וואָלט ער פרעגן ניט באַדאַרפט. ער וואָלט דעם כעזשבן גלײַך ארויסגעלייענט פון וואָלאָדיעס אויגן.

— א שאָד, וואָס דו האָסט ניט דערקוקט, האָסט ניט געזען, סאַראַ שיינעם גאָל מע האָט ארײַנגעקלאַפּט!

— כ'שטעל זיך פאָר... פונדעסטוועגן באַנעם איך ניט, וואָס איז דאָ פאַראַן אזוי איבערצו־לעבן. הונדערט טויזנט מענטשן אפן סטאַדיִאָן און מיליאָנען בא די טעלעוויזאָרס גייען אַראָפּ פון זינען.

— דו פארשטייסט ניט... טאַטע.

— דאָס זאָג איך דאָך טאַקע, אַז איך פארשטיי ניט, איך באַנעם ניט. דערקלער מיר.

— עס איז שווער צו דערקלערן. ווען דו וואָלסט געגאַנגען אפן סטאַדיִאָן אָדער כאָטשבי געקוקט אין טעלעוויזאָר, וואָלסטו זיך ארײַנגעצויגן און אומבאַדינגט געוואָרן א באָלעלשטשיק.

— ביסט זיכער?

— אף אלע הונדערט פּראָצענט.

נישט ניט געוווּסט. איצט טראָגט דער באַכער זיך אַרום מיט פֿאַרשיידענע געדאַנקען, ער פֿאַר־וואַרפֿט זי, די מאַמע, מיט פֿראַגעס וועגן זײַן עמעסן טאַטן, און יעדע פֿראַגע איז אַ פֿרישער שניט אין דער אַלטער וווּנד. וואָלאָדיע האָט גענומען דאָס פֿאַרגעלטע פֿאָטאָ־קאַרטל, אויף וועלכן דאָוויד שטייט צוזאַמען מיט איר, און עס אויפֿגעהאַנגען בײַ זיך איבערן דיוואַן, און זי קאָן שוין אין וואָ־לאָדיעס צימער גלײַכגילטיק ניט אַרײַנגיין. ער קלײַבט זיך הײַנטיקן זומער, נאָך דעם, ווי ער וועט פֿאַרענדיקן לערנען, פֿאָרן אויפֿזוכן דעם פֿאָטערס קייווער. דערווײַל לערנט ער זיך אַלץ ערגער, ווײַל דער קאָפּ איז בײַ אים פֿאַרנומען נאָר מיט דעם.

פֿאַליע הערט זיך צו צו די באַנאַכטיקע שטילע גערוישן פֿון דער דירע. פֿון צײַט צו צײַט נעמט הודזשען אין די וואַסער־טרויבן, ס׳טוט אַ קלאַפּ, ווי מיט אַ קלינגענדיקן העמערל, אין די באַטארייעס — עס גיסט זיך אין זיי איבער דאָס וואַסער. אָט האָט אַ קלונג געטאָן דער זייגער בײַ לעבאָרן אין קאַבינעט. עס האָט געקלונגען איין מאָל. וויפֿל זשע איז דער זייגער? איינס, האַלב צוויי? עפּשער האַלב דרײַ? פֿאַליע וויל וויסן, צי עס שלאָפֿט שוין וואָלאָדיע. מיסטאַמע ניט, ער איז אויך אויפֿגערודערט. ער דרייט זיך פֿון איין זײַט אויף דער צווייטער, עס סקריפּעט דער דיוואַן. נאָך דער הײַנטיקער יאָמטעווּדיקער וועטשערע האָט וואָלאָדיע אַ צײַט שפּאַצירט, און ווען ער האָט זיך אומגעקערט אַהיים, האָט ער גענומען קושן די מאַמע. אַזאַ אויפֿגעלייגטן צו איר, אַזאַ צאַרטן האָט זי אים שוין לאַנג ניט געזען.

וואָלאָדיע איז, ווירקלעך, נאָך ניט געשלאָפֿן. ער האָט זיך שוין פֿאַרגעשטעלט, וויאַזוי ער געזעגנט זיך מיט זײַנע פֿילצאַליקע כאַווײרים, וועלכע ער האָט דערוואָרבן דאָ, אין גרויסן הויף. פֿאַרן סאַמע אַוועקפֿאָרן, מיטן רוקזאַק אויף דער פּלייצע, וועט ער אָנקלאַפּן אין דער טיר צו ליזען.

— זײַ געזונט, איך פֿאָר אַוועק. כ׳וועל דיר אָנשרײַבן, וויאַזוי ס׳איז דאָרט דאָס לעבן. — צוליב די דאָזיקע עטלעכע ווערטער, וואָס זײַנען פֿול מיט מאַנצבלשער ווירדע, לוינט צו פֿאַר־לאָזן די שענסטע נײַסטע דירע.

ליזע וועט אויף אים אַ קוק טאָן, וויאַזוי ער איז עקיפּירט — אַן עמעסער סיביריאַק.

אָבער פֿריִער, איידער ער וועט פֿאָרן קיין סיביר, וועט ער וואַנדערן צווישן די קאַרפּאַטן־בערג און זוכן... — בײַם דאָזיקן געדאַנק טוט וואָלאָדיען אַ שטויס, ווי פֿון אַן עלעקטרישן שטראָם. אין פֿאַרשיידענע צײַטן האָט וואָלאָדיע געוואָלט זײַן ענלעך אויף פֿאַרשיידענע העלדן, וועגן וועלכע מע האָט אים געלייענט אָדער ער האָט שוין אַליין געלייענט אין די ביכער. ווען ער איז געווען אַ קלײנער, האָט אים דער דיכטער סערגיי מיכאַלקאָוו איבעראַשט מיט אַ ליד וועגן פֿעטער סטיאָפּען, וואָס איז העכער פֿון אַלעמען, דערלאַנגט אַזש ביז צו די דראָטן אויף די סלופּעס. אָך, ווען וואָלאָדיע זאָל אויסוואַקסן אויך אַזאַ הויכער און זײַן אַ מיליציאָנער, אומגיין מיטן פֿײַפֿל און פֿײַפֿן צו אַלעמען, — ער מאַכט אַ טראַכט און פֿאַקט גלײַך אַרײַן אין זײַנע לאַנגע הענט דעם, וועמען ער דאַרף, קיינער קאָן זיך פֿון אים ניט אויסבאַהאַלטן... שפּעטער אַ ביסל האָט וואָלאָדיע זיך אויסגעלערנט אויסשניצן שווערדן. ער האָט זיך געזען אין דער ראָל פֿון איינעם פֿון די דרײַ געוואַגטע מושקעטיאָרן — פֿאַרטאָס, אַראַמיס און אַטאָס, געוואָלט זײַן ענלעך אויף אַלעקסאַנדער מאַטראָסאָוון — מיט דער אייגענער ברוסט פֿאַרדעקן די אַמבראַזור פֿון אַ פֿאַשיסטישן דאָט. די באַליבטע העלדישע געשטאַלטן האָבן לעצטנס בײַ וואָלאָדיען זיך אויסגעפֿורעמט אין איין אויסער־געוויינלעך געשטאַלט פֿון זײַן אומגעקומענעם פֿאָטער. די קורצע, מעטושטעשדיקע ידיִעס, וואָס אים האָט זיך אײַנגעגעבן אַרויסצוקריגן בײַ דער מאַמען, וועלכע האָט אָדער אַליין ווייניק גע־וווּסט אָדער זי האָט פּאַשעט ניט געוואָלט אַ סאַך דערציילן, האָט ער דערגאַנצט מיט זײַן אייגע־נער פֿאַנטאַזיע. קוקנדיק אויף דער אַלטער פֿאַרגעלטער פֿאָטאָגראַפֿיע, וואָס ער האָט אויפֿגעהאַנגען בײַ זיך אין צימער, האָט ער אייניקע מאָל געהאַלטן אין דער האַנט אַ שפּיגל צו פֿאַרגלײַכן זײַן ענלעכקײַט מיטן טאַטן. די שטאַרקע ענלעכקײַט האָט אים איבעראַשט, זיי זעען אויס, ווי אַן על־טערער ברודער מיט אַ ביסל אַ ייִנגערן. ווען דער טאַטע איז אַוועק אויפֿן פֿראָנט, איז ער אַלט געווען מיט צוויי יאָר מער, איידער ס׳איז איצט אַלט וואָלאָדיע. ער איז דאַן געווען אַ קאָמאַנדיר פֿון אַ וווזוואָד, אַ לייטענאַנט. אויף דער פֿאָטאָגראַפֿיע זעט זיך גוט דער אָדער בײַם לינקן שלייף. בײַ וואָלאָדיען איז אויך ביז גאָר קענטיק דאָס דאָזיקע אָדערל, מע זעט בוילעט, ווי עס פּולסירט. די קליידונג איז בײַם טאַטן אַן אַנדערע, ווי בײַ אים. וואָלאָדיע קוקט אויפֿן טאַטנס וואַטניק מיט די צוויי שטערנדלעך אויף די שליפֿעס — זיי זעען זיך קוים אָן, די מאָנטשינקע שטערנדלעך, דער־פֿאַר איז גרויס דער שטערן אויפֿן ברייטן קאָמאַנדירסקן רימען, וואָס גאַרטלט דעם וואַטניק אַרום. וואָלאָדיע שטעלט זיך פֿאָר, וויאַזוי דער טאַטע, צוזאַמען מיט זײַן וווזוואָד, קלעטערט אויף די קאַר־פּאַטן־בערג, דערקלײַבט זיך אַזש ביז צום העכסטן שפּיץ באַרג גאָווערלאַ, וואָס האַלט אַריבער צוויי קילאָמעטער די הייך. אַז עס איז פֿאַראַן אַזאַ באַרג און אַז ער איז אַזוי הויך, האָט וואָלאָדיע

מאַטל גרוביאַן

קיין מילֿכאָמע זאָלֿ ניט אָפּסאמען דאָס לֿעבן

איצט האָב איך גאָר די וועלט

וועןֿ געהאט כ׳האָב דעם יאם,
האָב איך ניט געהאט קיין נעצן.
פלֿעג איך אַף א שטיין
זיך אנידערזעצן
און פלֿעכטן פון מײַן געוויין
זילֿבערנע נעצן.

ווען ניט געהאט כ׳האָב קיין פעלֿד,
זײַנען רעגנס געגאנגען,
ווען געגאנגען זײַנען רעגנס,
האָב איך ניט געהאט קיין פעלֿד.

איצט האָב איך גאָר די וועלֿט,
ס׳פעלֿן מיר לֿעוואָניקע וועגן.

שמעטערלינגען

ניט קיין שמעטערלֿינגען
פארשטעלֿן אונדז די אויגן —
דושנע הימלֿען,
פולֿ מיט זאָרגן.
זעסט, ווי די הארמאטן
האָבן די העלֿדזער אויסגעצויגן,
צילֿן אין פרימאָרגן!
די קעסעלֿעך בא סאָלֿדאטן
קלֿינגען,
קלֿינגען!

...איך בין נאָך א ייִנגלֿ,
ווילֿ, א שמעטערלֿינג זאָלֿ
אין א קעסטעלֿע לֿיגן
בא מיר פארשלֿאָסן.

שפעטער כ׳האָב מיט טרערן
זיך באגאָסן,
ווען אלֿיין אין קעסטעלֿע געלֿעגן.
כ׳האָב לֿיב שוועבן
נאָך די שמעטערלֿינגען,
וואָס אין גאָרטן פליִען.

קיין מילֿכאָמע
זאָלֿ ניט אָפּסאמען דאָס לֿעבן,
ביז דער שטויב
פון שמעטערלֿינגען
זיצט אַף מײַנע וויִעס...

באם ראנד פונעם הימל

באם ראנד פונעם הימלֿ
ווער קלֿאפּט עס דאָרט פלֿעשער? —
די פרייד פון ניצאָכן,
דעם צאר פון פארלֿוסטן
אין ווײַנען פארלֿעשן?

איך וואָלֿט קיין סודע
איצט ניט געפּראוועט,
ביז אין טאָלֿ לֿיגן פעלֿקער
אין קייטן געקאָוועט.

צו א פרײַנט, וואָס לעבט
אין ווינטער

ווארעם אָן א ביסעלע די שטוב,
ס׳הענגען אף די פענצטער פראָסטיקע קארעלן,
ברעך די צווײַגן פון דײַן עלנט,
ווארעם אָן א ביסעלע די שטוב,
ערגעץ וואָיען הינט
אין מינכען און אין קעלן.
ווידער אָף די קני, בא ליימיקער גרוב,

ווײל מען דיך א נאקעטן איצט שטעלן.
ווארצל אויס די נעסט פון ווורדאלאק,
לאָז ניט, ער זאָל זויגן בלוט
אין פארקאָטעוועטע אינדערפריען.
זינט די וועלט שטייט, פלעגט
אונטערן אויוון ליגן די האק,
איצטער זע איך זי באם פענצטער פליען!

אײביקער טרוים

צי איז טאקע די וועלט א קינד,
וואָס האלט זיך קוים
בא א פיסל פון טיש?
צי איז טאקע מײַן אײביקער טרוים
בלויז אין דער נעץ
א זילבערנער פיש?
ווער לעשט עס דאָס ליכט
מיט אזא הארבן ווינט?
ווער מיט שאָטנס פארשטעלט
באם פענצטער דעם בוים?

סע קאטשעט הארמאטן אצינד
די אומגעלומפערטע וועלט.
אָ, זי איז שוין גאָרניט קיין קינד!
נאָר כ׳האָב קײנמאָל אזוי
מײַן האָפענונגס־ליד ניט געשפּינט.
דער אָוונט פאלט צו. א שטערן געפינט
אין וויגל מײַן טרוים
און לעשט זיך און העלט.
גוט, וואָס דײַן בלעטערדיקן בוים
האָסט פון יעדער וויכער־ווינט
מיט לײַב דעם אײגענעם פארשטעלט.

מײַן רעגנבויגן

ווען כ׳וואָלט געלעבט, כאָלילע, דאָרט,
ווו די „פרײַהייט" אליך מע רימט,
געפאלן וואָלט מײַן פרילינג דאָרט
אונטער א פּלויט ערגעץ באשטימט;
אין ליקן שמאָלע ארײַנגעשפּארט
וואָלט מיך די הארבע צײַט,

מײַן אש כ׳וואָלט ניט צונויפגעשארט,
דער אומרו אין מיר שרײַט...
מײַן טאָג איז ניט קיין קלאָלע מער,
די נאכט קיין שרעק מיר ברענגט,
א קײט האָט אויסגעטאָן די ערד, —
א רעגנבויגן הענגט.

איך בין ניט קײן לאָדן

איך בין ניט קײן לאָדן
פון קײן פענצטער,
מיט וועלכן דער ווינט שפּילט,
איך בין דאָס פענצטער
מיט שאָטנס פון ביימער פארהילט.

מײַן ליכט קאָן מען זען
אף וויאָרסטן ווײַט:
ווער סע בלאָנדזשעט אין וועג,
און ווער סע גייט מיט דער צײַט.

1967

אַף אַן „אַגאַניאַק“ אין „סאָוועטיש היימלאַנד“

פאַראַן באַם גאַסטפֿרײַנטלעכן רוסישן פֿאָלק אַן אויסדרוק: „קום אַרײַן אויף אַ פּײַערל, אויף אַן אַגאַניאַק...“ און דאָס באַטײַט, אַז אויב דו זעסט אין פֿענצטער אַ פּײַערל, איז טראַכט ניט לאַנג און קום אַרײַן אין שטוב, זײַ אַ גאַסט, זעץ זיך צום טיש, מירן אויסטרינקען אַ גלעזל וואַרעמס און אַ שמועס טאָן...

אין אונדזער צײַט איז אויף דער טעלעוויזיע, אין יוגנט־קלובן, בעשאַס אַ יאָמטעוו און אויף אָפּרו שוין געוואָרן אַ טראַדיציע זיך צונויפֿקומען אויף אַן „אַגאָניאָק“. דאָרט פֿילט מען זיך ווי אין דער היים.

— קומט אַרײַן אויף אונדזער „אַגאָניאָק“! — אַזוי האָט מען דאָ ניט לאַנג, אין אַ וואַרעמען מאָסקווער שאַבייסענאַכטס, באַגעגנט אין די רעדאַקציע־לאָקאַלן פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד“ אַ גרופּע פּראָגרעסיווע פֿרויען פֿון אויסלאַנד — אָנטיילנעמער פֿונעם מאָסקווער צווישנפֿעלקערלעכן פֿרויען־פֿאָרום — די ענגלענדערנס מאַרגאַרעט קאָוען און באַרבאַראַ טאָקער, די אַמעריקאַנערן מערי טשענדאָר, די קאַנאַדערן דוווירע פֿלאַומאַן, די פֿרויען פֿון ייִסראָעל סאָניע איידעלבערג, רות ליוביטש.

דער הויפּט־רעדאַקטאָר פֿון זשורנאַל אַרן ווערגעליס האָט, ווענדנדיק זיך צו די געסט, געזאָגט גאָר אָפֿן:

— מיר פֿאַרשטייען, אַז אויב איר זײַט געקומען צו אונדז, ווילט איר מיסטאָמע, מיר זאָלן אײַך דערציילן וועגן אונדזער לעבן, און טאַקע גרינטלעך, מיט פֿאַקטן און ציפֿערן אין די הענט, אַ נעם טאָן, ווי מע זאָגט, אויפֿן צימבל די „פֿאַרזאָרגער“ פֿון די סאָוועטישע ייִדן אין כוץ־לאָרעץ. איר וואַרט, מיר זאָלן מאַכן סאָציאָלאָגישע אַנאַליזן, ציטירן אַרויסזאָגונגען פֿון אויטאָריטעטע פּערזענלעכקייטן... מיר ווילן אָבער אײַך פֿאָרלייגן עפּעס אַנדערש. באַ אונדז אין רעדאַקציע דערלײדיקן איצט געוויס זייערע איניאָנים אינטערעסאַנטע מענטשן, וועלכע זײַנען פֿאַרבונדן מיט דער ייִדישער סאָוועטישער קולטור. עטלעכע אַנדערע אַזעלכע מענטשן האָט מען פֿון דעם רעדאַקציע־סעקרעטאַריאַט טעלעפֿאָנירט, ווי נאָר מע האָט דערזען, אַז איר זײַט צו אונדז אַרײַנגעקומען. איצט זײַנען זיי שוין אויך אין וועג. איז עפּשער זאָלן מיר זיך אָפּזאָגן הײַנט פֿון שווערוואָגיקע רעפֿעראַטן און צונויפֿנעמען אַ מין היימישן „אַגאָניאָק“ — און בעטן איינער דעם צווייטן עפּעס צו דערציילן וועגן זיך און וועגן דער אַרבעט, וואָס מע טוט.

דער פֿאָרשלאָג איז אָנגענומען געוואָרן. דער „אַגאָניאָק“ האָט זיך אָנגעהויבן. צווישן די געסט און די טוער פֿון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור און קונסט האָט זיך פֿאַרבונדן אַ שמועס, וועגן וועלכן מיר האָבן באַשלאָסן אָנצושרײַבן אַט דעם רעפּאָרטאַזש.

ס׳וועט העל לויכטן דאָס פּײַערל פֿון דער סאָוועטישער ייִדישער קונסט

— טײַערע שוועסטער, פֿאָרשטייער פֿון די פּראָגרעסיווע פֿרויען־אָרגאַניזאַציעס פֿון ענגלאַנד, ייִסראָעל, קאַנאַדע, פֿאַראייניקטע שטאַטן! — ווענדט זיך צו די געסט ביניאָמין שוואַרצער, דער פֿאַרדינסט־פֿולער אַרטיסט פֿון דער רוסלענדישער פֿעדעראַציע, קינסטלערישער אָנפֿירער פֿונעם מאָסקווער ייִדישן דראַמאַטישן קאָלעקטיוו.

דער, וואָס קען אָט דעם אומדערמידלעכן וועטעראַן פֿון דער ייִדישער בינע, ווייסט גוט, וויפֿל אַקשאָנעס, יוגנט־ברויז און אומרו ער פֿאַרמאָגט. אויך איצט איז זײַן וואָרט און זײַן יעדער זשעסט פֿול מיט ענערגיע און שטימונג.

— אונדזער דראַמאַטישער קאָלעקטיוו, — דערציילט ער, — עקזיסטירט שוין פֿינף יאָר. מיר האָבן אָנגעהויבן מיט זעקס מענטשן — צוויי אַקטריסעס, דרײַ אַקטיאָרן און איין פּיאַניסט. אַצינד זײַנען מיר שוין, קיין אײַנהאָרע, זאַלבעצוואַנציק. מיר האָבן אויפֿגעפֿירט דרײַ ספּעקטאַקלען: די פֿאָלקס־דראַמע „טעוויע דער מילכיקער“ אין דער מוזיקאַלער באַגלייטונג פֿונעם פֿאָלקס־אַרטיסט לייב פּולווער, שאָלעם־אַלייכעמס „200 000“, אויך אין דער באַגלײ־

טונג פון פּוּלווערס פּרעכטיקער מוזיק, און „שפּאַניער“ — די דראַמע פונעם גענִיאַלן רוסישן פּאָעט מיכאִיל לערמאָנטאָוו, איבערגעזעצט פון אַרן קושניראָוו. אין משך פון די פאַרגאַנגענע יאָרן האָבן מיר אין אַלע 15 סאָוועטישע רעפּובליקן געגעבן העכער 500 פאָרשטעלונגען, אויף וועלכע עס זײַנען בײַגעווען איבער 400 טויזנט צושויער. „טעוויע דעם מילכיקן“ האָבן מיר געשטעלט 330 מאָל, „200 000“ — 180 מאָל, די „שפּאַניער“ — דערווײַל 36 מאָל. מיר האָבן געשפּילט אין מאָסקווע, לענינגראַד, מינסק, טביליסי, יערעוואַן, אָדעס, כאַרקאָוו, דניעפּראָפּעטראָווסק, גאָרקי, קױבישעוו, אירקוטסק, טשעליאַבינסק, נאָוואָסיבירסק און אין פיל אַנדערע גרויסע און קלײנע שטעט. אומעטום זײַנען אונדזערע פאָרשטעלונגען דורכגעגאַנגען מיט גרויס דערפאָלג. אין פיל שטעט זײַנען מיר, לויט דער באַקאָשע פון די צושויער, געווען שוין צו דרײַ־פיר מאָל. אין אייניקע שטעט פלעגט אונדז אויסקומען, איבערן מאַנגל אין צײַט, אַרויסטרעטן נאָכאַנאַנד מיט צוויי ספּעקטאַקלען אין משך פון איין טאָג.

אין די צושויער־זאַלן זעען מיר ניט בלויז עלטערע מענטשן, נאָר אויך יוגנט און אַפילו קינדער. אונדזערע פאָרשטעלונגען באַזוכן אויך רוסן, מאָלדאַוואַנער, אוקראַיִנער, ווײַסרוסן, גרוזינער, אַרמענער, ליטווינער. היאָר וועלן מיר באַווײַזן צוויי נײַע ספּעקטאַקלען.

...א דאַרלעכער, א שלאַנקער, מיט א פּערפעקט־אויסגעראַזירט פּאָנעם, קאָן בינִיאָמין שוואַרצער פון דער זײַט אויסזען ווי א מענטש פון א יאָר פופציק, ניט מער. ער האָט אָבער שוין צעביטן דעם אַכטן צענדליק, און פאַר זײַן גרויס לעבן אין טעאַטער האָט ער געזען סײַ גוטע, סײַ שווערע צײַטן. איצט איז ער פול מיט אָפּטימיזם. ער מאַכט א קלײנינקע פּויזע און זעצט פאָר:

— מײנט אָקאָרשט ניט, ליבע געסט, אַז אונדזער דראַמאַטישער קאָלעקטיוו איז א בעניאָכיד, — און שוואַרצער נעמט איבערעכענען די פיל אַנדערע ייִדישע עסטראַדע־קאָלעקטיוון און אַנסאַמבלען, וואָס אַרבעטן מיט ניט ווייניקער דערפאָלג, — דעם אַנסאַמבל פון דער פאַרדינסט־פולער אַקטריסע פון דער אוקראַיִנישער רעפּובליק סידי טאַל, דעם אַנסאַמבל פונעם לאַורעאַט פון אַלרוסלענדישן קאָנקורס אַנא גוזיק, דעם לענינגראַדער אַנסאַמבל אונטער עסטער רויטמאַנס אָנפירונג, די באַוווּסטע ייִדישע זינגער מיכאִיל אַלעקסאַנדראָוויטש, עמיל האָראָוועץ, נעכאַמע ליפּשיצײַטע, קלעמענטינע שערמעל, דינע שעוועלעווע. הײַנט די צוויי פאָלקס־טעאַטערן — דער ווילנער און בירָאָבידזשאַנער. און א גאַנץ געזינדל נײַע דראַמאַטישע, כאָרעאָגראַפישע און וואָקאַלע ייִדישע קאָלעקטיוון — דער קאָוונער, טאַלינער, קעשענעווער, דאַוגאַווּפּילסער, קאַונאַסער.

— עס פעלן מיר שוין פינגער אַלעמען איבערצוציילן, — פאַרענדיקט שמייכלענדיק בינִיאָמין שוואַרצער. — אַבי געזונט. עס וועט העלויכטן דאָס פײַערל פון דער ייִדישער סאָוועטישער קונסט.

מע פאַרלאַנגט און מע פאָדערט פון מיר

דער באַרימטער סאָוועטישער זינגער מיכאִיל אַלעקסאַנדראָוויטש בעט, מע זאָל אים אַנטשולדיקן פאַר דעם, וואָס ער אײַלט זיך: אין א שאָ אַרום הייבט זיך אָן אין איינעם פון די גרעסטע זאַלן אין מאָסקווע זײַנער א קאָנצערט.

— אין רעדאַקציע „סאָוועטיש היימלאַנד“, — זאָגט אַלעקסאַנדראָוויטש, — איז שוין געוואָרן א טראַדיציע דאָס דורכפירן שפּעריִשע באַגעגענישן פון שרײַבער, קינסטלער, קאָמפּאָזיטאָרן, אַרטיסטן. מיט פרייד קום איך אויף אָט די געמיטלעכע צוזאַמענטרעפונגען. די פאָרם פון א היימישן „אָגאָניאָק“ איז באַזונדערס פּאַסיק הײַנט, ווען מיר זײַנען זיך צונויפגעקומען אָן ספּעציִעלע אײַנלאַדונגען און די פּראָגראַם ווערט פאָרמירט פון אונדז אַליין. און ווײַל איר האַלט, ליבע פרויען, אָנגעגרייט נאַ־שפּיץ די בלײַערס בא די נאָטיץ־ביכלעך, וועל איך אײַך טאָן די געפעליקײַט, איר זאָלט האָבן וואָס צו פאַרצייכענען. פאַר דער לעצטער צײַט פאַרנעמט די ייִדישע ליד אַלץ א גרעסער אָרט אויף מײַנע קאָנצערטן. אַליין דער שעף פון דער מאָסקווער פילהאַרמאָניע כ׳ נאָוויקאָוו פאַרלאַנגט און פאָדערט פון מיר, איך זאָל אַרײַנשטעלן אין רעפּערטואַר וואָס מער ייִדישע לידער. אין מײַן איצטיקער מאָסקווער פּראָגראַם זײַנען אײַנגעשלאָסן צען ייִדישע לידער, צווישן זיי פאָלקס־מאָטיוון און לידער פון סאָוועטישע ייִדישע פּאָעטן. זייער וואַרעם ווערט אויפגענומען יאָסל לערנערס „געווג צו ווײנען“. איך זינג אויך לידער אויף לייוויקס און ביאַליקס טעקסטן.

אויף מײַנע קאָנצערטן באַקום איך אָפט צעטלעך מיט באַקאָשעס איבערצוכאַזערן ייִדישע לידער. די צעטלעך זײַנען אונטערגעשריבן פון רוסן, ייִדן, אוקראַיִנער, ווײַסרוסן. אינגיכן פאָר איך אַרויס אויף א קאָנצערט־טורנע קיין אוקראַיִנע און מאָלדאַוויע. איך וועל זײַן אין אָדעס, זשיטאָמיר, ראָוונע, קעשענעוו. זינגען וועל איך מאָלדאַווישע, ייִדישע, רוסישע, אוקראַיִנישע לידער. איך בין גליקלעך, וואָס מע פאַרלאַנגט פון מיר און מע פאָדערט, איך זאָל זינגען וואָס מער ייִדישע לידער.

א געזונט אין אײַך, דינע פּאָטאַפּאָווסקע

דאָס „פײַערל“ אין „סאָוועטיש היימלאַנד“ האָט אין דעם דאָזיקן אָוונט נאָך העלער און ליכטיקער געמאַכט די שוואַרצאייגעוודיקע דינע פּאָטאַפּאָווסקע, די סאָליסטקע פונעם מאָסקווער אַקאַדעמישן רוסישן אָפּערע־טעאַטער אויף סטאַניסלאַווסקיס און נעמיראָוויטש־דאַנטשענקאָס נאָמען. אין פּוטשיניס „טשיאָ־טשיאָ־סאַן“ פּילט דינע אויס די הויפּט־פּאַרטיע, אין קאַבאַלעווסקיס אָפּערע „די מישפּאָכע פון טאַראַסן“ — די ראָל פון אַנטאָנינע, אין כרעניקאָווס „אין שטורעם“ — די פּאַרטיע פון נאַטאַליען...

פאַר די לעצטע יאָרן האָט זיך די אויסטערלישע זינגערן באַקאַנט מיט

די ווערק פון די ייִדישע קאָמפּאָזיטאָרן און עס ציט זי, זאָגט זי, צו דער ייִדישער ליד. „עס האָט מיך פאַרכאַפּט דער טיפער דראַמאַטיזם, די גרויסע לײַדנשאַפט און די האַרציקײַט פון ייִדישן מעלאָס. באַזונדערס איז מיר געפעלן די מוזיק פון סענדערייען, ליכטענשטיין, פּולווער, קאָמפּאַנייעץ".

— דערלויבט מיר, — האָט דינע, עטוואָס אַן אופגערודערטע, זיך געווענדט צו די געסט, — דערלויבט מיר אײַך אויסזינגען אַ ליד, וואָס איז אָקאָרשט געשאַפן געוואָרן, — שמועל סענדערייס „די שטיינער פון טרעבלינקע".

מיט פאַרטײַעטן אָטעם און צונויפגעשטשעמעטע ציין האָבן אַלע זיך צוגעהערט צו דינע פּאָטאַפּאָווסקעס געזאַנג וועגן גרענעצלאָזער פּײַן און גרויסע לײדן:

אַ וואַלד אָן מאָכן
און אָן קוקאַוועס,
אַ וואַלד פון פייגעס,
אַ וואַלד פון כאַוועס...

מיט וויפל ליבשאַפט צום פאָלק! מיט וויפל סינע צו די מערדער! די פּרעכטיקע שטים פון דער זינגערן האָט געוועקט די נעשאָמע, געלאָזט שטאַרקער שלאָגן דאָס האַרץ. די קאַנאַדערן דווירע פלאַומאַן האָט אַ זאָג געטאָן: „אַ יאַשער־קויעך דיר, אַ געזונט אין דיר, דינע פּאָטאַפּאָווסקע..."

איך בין אָן אָנהענגער פון אָפּטימיסטישע, מונטערע מאָטיוון

באַדאַכטקײַט און פאַרטיפטקײַט אין זיך איז אויסגעגאָסן אַף זײַן געזיכט. האַדראַס־פּאָנעם גיבן אים צו זײַנע זילבער־גראָווע האָר. דאָס איז גערשן קראַווצאָוו, דער קינסטלער־קסילאָגראַף, דער מײַסטער פון די מערקווירדיקע אָריגינעלפאַרטראַכטע עקסליבריסן. ער איז מיט זײַן גאַנצער נעשאָמע פאַרליבט אין די בוך־צייכנס.

— מײַנע ליבע געסט, — הייבט אָן זײַן שמועס גערשן אַבראַמאָוויטש, — דער מאָלער־קונסט ווערט בא אונדז אין לאַנד אָפּגעגעבן גרויס קאָוועד. צו דער דאָזיקער קונסט דאַרף מען קיין איבערזעצער ניט. זי איז דורכגעדרונגען מיט די איידעלע געפילן פון אינטערנאַציאָנאַלער ברידערלעכקײַט. אָט וועל איך אײַך ברענגען אַ געוויינלעכן בײַשפּיל, וואָס באַשטעטיקט עס אַמבוילעטסטן. איך בין די טעג אַרײַנגעקומען אין מאָסקווער פאַרלאַג פון קינסטלערישער ליטעראַטור, און דאָרט האָב איך צופעליק זיך דערוווּסט, אַז דעם בוך פון דעם ייִדישן סאָוועטישן שרײַבער טעוויע גען איליוסטרירט דער רוסישער קינסטלער איוואַן צאַרעוויטש. עס קלינגט מאַמעש סימבאָליש!

אין 1946 יאָר, ווען כ'האָב זיך דעמאָביליזירט פון דער סאָוועטישער אַרמיי, בין איך געקומען אין דעם זעלבן פאַרלאַג פון קינסטלערישער ליטעראַטור, קעדיי אַפּסנײַ אָנצושליסן זיך אין דער שעפערישער אַרבעט. מע האָט מיר געזאָגט, אַז דער קינסטלער מעטראָניאַן, אַן אַרמענער, האָט באַקומען אַ באַשטעלונג צו שאַפן איליוסטראַציעס צום בוך ייִדישע פאָלקסלידער. און מיר האָט מען פאַרטרויט איליוסטרירן אַ באַנד אַרמענישע דיכטונג.

פאַר אונדז, קינסטלער, איז אַ פרייד צו טוישן זיך מיט קונסטווערטן, צו נאַשן פון אַנדערע מאָלער־שולן. דאָס פאַרמינערט לעגאַמרע ניט אונדזער נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקײַט. פאַרקערט, עס פעסטיקט די אינדיווידועלע שאַפונגס־שטריכן פון יעדן קינסטלער, באַרײַכערט דעם נאַציאָנאַלן קאָלאָריט פון זײַנע ווערק.

צו שאָלעם־אַלייכעמס הונדערטיאָריקן יובילײ האָב איך איליוסטרירט זײַנעם אַ באַנד אויסדערוויילטע ווערק. איך האָב אויך איליוסטרירט מענדעלעס און בערגעלסאָנס ביכער. איצט גרייט איך 36 בילדער צום זאַמלבוך נאָוועלן פון די הײַנטצײַטיקע ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער.

איך בין אָן אָנהענגער פון אָפּטימיסטישע, מונטערע מאָטיוון אין דער ייִדישער קונסט. כ'בין ניט אינגאַנצן מאַסקים מיט די, וואָס מאָלן ייִדישע געשטאַלטן בלויז אין שאָטן פון פּײַן און דערשלאָגנקײַט. פאַרשטייט זיך, אַז יעדער קינסטלער איז טיף אינדיווידועל, און קיין רעצעפּטן קלײַב איך זיך קיינעם ניט געבן. אָבער מיך פּערזענלעך ציט צו דאָס געשטאַלט פון שטאָלצע, מוטיקע ייִדן — דאָס געשטאַלט פון ייִדן האָרעפּאַשניקעס מיט שטײַפע מוסקלען און רויִקע געזיכט־שטריכן. אַזעלכע זײַנען דאָ צענדליקער טויזנטער אַף דער סאָוועטישער ערד, און מע דאַרף זיי אַבסאָליוט ניט אויסטראַכטן.

אין זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" אַרבעטן מיט גלענצנדיקע קינסטלער — נאַטאַן אַלטמאַן, מייער אַקסעלראָד, מענדל גאָרשמאַן, טאַנכום קאַפּלאַן, יויסעף איגין, מאַרק קליאָנסקי, אַמשיי ניורענבערג, שלוימע טעלינגאַטער און פיל אַנדערע. דער לעצטער איז אַ מײַסטער מיט אַ וועלט־נאָמען. ער האָט מיט איייניקע יאָרן צוריק באַקומען אַ גוטענבערג־מעדאַל. דאָס איז ער, שלוימע טעלינגאַטער, דער אַוטאָר פון דער איצטיקער הילע פון „סאָוועטיש היימלאַנד".

וואָס אָנבאַלאַנגט מיך זעלבסט, טרוים איך נאָך, מיט דער הילף פון „סאָוועטיש היימלאַנד", צו מאַכן אַ רײַזע איבער די שטעט און שטעטלעך פון לאַנד, קעדיי קענען רײַכער אָפּשפּיגלען דעם ייִדישן טיפּאַזש אין מײַן שאַפונג.

„ייִדיש בוך" — „נאָוואָסטי"

דער זשורנאַליסט שלוימע ראַבינאָוויטש דערציילט אינקורצן וועגן דעם, אַז די סאָוועטישע נײַס־אַגענטור „נאָוואָסטי" גיט אַרויס, בעשוטפעס מיטן וואַרשעווער פאַרלאַג „ייִדיש בוך", אַ ריי אינטערעסאַנטע ביכער.

מיט אַ צײַט צוריק איז דערשינען מאַשע ראָלניקס טאָגבוך „איך מוז דערציילן". הײַנטיקס יאָר וועלן אַף אַ געמיינזאַמען אויפן אַרויסגעגעבן ווערן די קריטיש־פאָרשערישע ביכער פון הערש רעמעניק און ריווקע רובין, אין וועלכע ס'וועט אָפּגעשפּיגלט ווערן דער גרויסער וועג פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור פאַר די פופציק יאָר סאָוועטנמאַכט.

דער פאַרלאַג „נאָוואָסטי" גרייט איצט אַ דאָקומענטאַלן זאַמלבוך וועגן די פאַשיסטישע רעציכעס איבער דער

אַנטיילנעמער פונעם „אַגאַניאַק“

פאָטאָ י. שוסטער

ייִדישער באפעלקערונג אף דער טעריטאָריע פונעם סאָוועטנפארבאנד. דאָס בוך וועט דערשײַנען אין עטלעכע שפּראכן.

איך האָב געהערט טיף־וואָרהאפטיקע ווערטער

— ליבע פריינט! — האָט זיך געווענדט צו די פארזאמלטע סאָניע איידלבערג, דער מיטגליד פון ייִסראָעל־סעקרעטאריאט פון די דעמאָקראטישע פרויען, מיטגליד פונעם קאָמיטעט פון די ייִסראָעל־פרויען פאר שאָלעם און אנטוואָפענונג, — מיך פרייט זייער די באגעגעניש מיט אײַך, סאָוועטישע שרײַבער, מאָלער, רעדאקטאָרן, לינגוויסטן, קאָמפּאָזיטאָרן, ארטיסטן, וואָס גיבן אָפּ פיל קויכעס, קעדיי צו אנטוויקלען און פארברייטערן די קולטור אף ייִדיש.

ס'איז פאר מיר זייער וויכטיק, וואָס איך האָב דאָ געהערט פון אײַך טיף־וואָרהאפטיקע ווערטער וועגן דער פעלקער־פרײַנטשאפט, וואָס דרינגט דורך דאָס גאנצע סאָוועטישע לעבן. איך און די כאווערטע רוט ליוביטש זײַנען אין ווילנע אוועק אף פּאָנאר. דאָס הארץ ווערט באגאָסן מיט בלוט. מיר זײַנען געווען אין אָט דעם וואלד, געזען די גריבער... די ביימער זײַנען געשטאנען גרינע, מעכטיקע, שטאלטנע. אָט די ביימער האָבן געזען, וויאַזוי מע האָט געפירט שיסן קינדער, זקיינים און פרויען, וויאַזוי מע האָט אויסגעטאָן די קדושים נאקעט, וויאַזוי מע האָט די הענט געבונדן, וויאַזוי מע האָט געהארגעט און געברענט און וויאַזוי מע האָט דערנאָך דאָס אש מיטן זאמד איבערגעזיפּט, קעדיי צונויפקלײַבן גאָלדענע ציין און אוירינגלעך... די ביימער האָבן געזען, וויאַזוי עס האָבן דערנאָך געפלאקערט די מייסים־שײַטערס. דרײַ טויזנט הארוגים אף יעדן שײַטער. דאָס אלץ האָבן געזען די פּאָנארער שיינע סאָסנעס, געזען און געשוויגן... ווען מיר זײַנען פון דאָרט אוועקגעגאנגען, האָב איך געפרעגט, צי ווייסן די קינדער, צי ווייסט די יוגנט וועגן אָט דער אומגעהערטער בעסטיאַלישקײַט פון די פאשיסטישע אָקופּאנטן, און מע האָט אונדז געזאָגט, אז יאָ, זיי ווייסן. די קינדער פון די ווילנער שולן קומען אהער לייגן פרישע בלומען צופוסנס פון

אַבעליסק. דאָ, באַם גרויזאַמען אָנדענק, נעמט מען פֿײַערלעך אויף די שוווּע פֿון די יונגע פּיאָנערן. די קינדער גיבן א שוווּע שטענדיק צו קעמפֿן קעגן פֿאַשיזם און טאָן אַלץ, אז ס'זאָל זיך אַזעלכס קיינמאָל, קיינמאָל ניט איבערכאַזערן. מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז אַנשטאָט דעם קליינעם מוזיי, וואָס געפֿינט זיך איצט אף פּאָנאַר, וועט מען אויסבויען א גרויסן מוזיי פֿון פֿיר זאַלן. אין אָט די זאַלן וועלן זיך געפֿינען דאָקומענטן און זאַכן, וואָס וועלן איידעס זאָגן וועגן די גרויליקע פֿאַרברעכנס. עס וועלן דעמאָנסטרירט ווערן דאָקומענטאַלע פֿילמען, וואָס דערמאָנען דעם אונטערוואַקסנדיקן דאָר וועגן דעם, אַז עס דאַרף זײַן אומראַכמאָנעסדיק דער קאַמף קעגן די נעאָפֿאַשיסטן־רעוואַנשיסטן.

ליבע פֿרײַנט! ווי וויכטיק עס איז אַזוי צו דערציִען די קינדער. דאָס גיט אויך אונדז, מאַמעס פֿון ייִסראָעל, קרעפֿטן צו לעבן און צו קעמפֿן בײַ אונדז אין לאַנד פֿאַר א בעסערער צוקונפֿט, פֿאַר שאָלעם.

25 נײַע ייִדישע לידער

אף אָט דעם היימישן „אַגאַניאָק" איז אויך בײַגעוועז איינער פֿון די פּאָפּולערסטע סאָוועטישע קאָמפּאָזיטאָרן, וועמענס לידער אף די טעקסטן פֿון די רוסישע פּאָעטן זשאַראָוו, אָשאַנין אאַ. עס זינגען מיליאָנען מענטשן. זינאָווי לוואָוויטש קאָמפּאַנייעץ איז פֿאַר די לעצטע יאָרן געוואָרן אויסער דעם א טרײַער האָרעפּאַשניק פֿון דער ייִדישער סאָוועטישער ליד. ניט לאַנג צוריק האָט די מאָסקווער ראַדיאָ טראַנסלירט זײַן „ייִדישע ראַפּסאָדיע", וואָס עס האָט אויסגעפֿילט דער באַרימטער סילאָנטיעוו־אָרקעסטער. דער זינגער עמיל האָראָוועץ גרייט איצט זינאָווי קאָמפּאַנייעצעס א נײַ ווערק — די ליד „ייִדישער וואַלס".

אויסהערנדיק די דערציילונג פֿון סאָניע איידעלבערג וועגן איר רײַזע קיין ווילנע, דערמאָנט זיך קאָמפּאַנייעץ, אז אויך ער איז לעצטנס געווען אין אָט דער שטאָט, און דאָרט האָט ער אין מעשעך פֿון א כוידעש צײַט אָפּגעגעבן זיך אין רעשוס פֿונעם ייִדישן כאָר־קאָלעקטיוו, געהאָלפֿן די יונגע כאָריסטן צוגרייטן זיך צו דער פֿײַערונג פֿונעם 10־יאָריקן יובילײַ פֿון זייער פֿאָלקס־טעאַטער.

זינאָווי קאָמפּאַנייעץ איז ניט קיין מײַסטער אף צו האַלטן דראָשעס, נאָר ער וויל פֿאַרשאַפֿן פֿאַרגעניגן די געסט און זאָגט אָן א בסורע:

— טײַערע פֿרײַנט, עס איז אָפּגעגעבן געוואָרן צום דרוק א זאַמלבוך פֿון 25 נײַע ייִדישע זינג־לידער אף די ווערטער פֿון הײַנטצײַטיקע סאָוועטישע דיכטער. די מוזיק צו די טעקסטן האָבן געשאַפֿן די קאָמפּאָזיטאָרן יאַמפּאָלסקי, פּולווער, סענדערײ, ליכטענשטיין, קאָמפּאַנייעץ, קאַהאַן, שאַינסקי, בלעכעראָוויטש, מייטוס, בירנאָוו. רעדאַקטאָר פֿון דעם זאַמלבוך איז ניט אבי־ווער, נאָר דער גרויסער רוסישער קאָמפּאָזיטאָר העלד פֿון סאָציאַליסטישער מי דמיטרי שאָסטאַקאָוויטש.

קומט ארײַן אין קאָנצערט־זאַל „פּאָעזיע"

די האָט פֿאָרגעלייענט פֿאַר די געסט מוישע טייפֿס „קיכעלעך און זעמעלעך", דערנאָך אף ענגליש — א נעגערישע פֿאָלקסליד און אף איווריט — א ליד פֿון אַלעקסאַנדער פּען.

סאָפֿיע סײַטאַן איז פּאָפּולער בא דער יוגנט פֿאַר איר גרויסער ליבשאַפֿט צו דער פּאָעזיע פֿון די פֿעלקער פֿון אַלע קאָנטינענטן, פֿאַר איר גלענצנדיקן באַהערשן שפּראַכן.

זי לייענט אראַגאָנען אף פֿראַנצויזיש, ראַבינדראַנאַט טאַגאָרן אף בענגאַליש, פּאַבלאָ נערודען — אף שפּאַניש, סאַלוואַדאָר קוואַזימאָדאָן — אף איטאַליעניש, נאַזים כיקמעטן — אף טערקיש.

זי לייענט מיט גרויס באַגײַסטערונג מאַיאַקאָווסקין, יעווטושענקאָן, דעם אוקראַיִנישן דיכטער מאַקסים רילסקין, דעם ווײַסרוסישן דיכטער מאַקסים טאַנקן.

זומער 1963 יאָר האָט סאָפֿיע סײַטאַן אינעם מאָסקווער הויז פֿאַר פֿרײַנטשאַפֿט צווישן פֿעלקער צום ערשטן מאָל פֿאָרגעלייענט לידער אף ייִדיש און איווריט. א נײַער קוואַל פֿון טאַלאַנט האָט זיך אַנטפּלעקט בא איר. זינט דאַן איז זי געוואָרן די אָנערקענטע פֿאָרלייענערן פֿון דער סאָוועטישער ייִדישער דיכטונג.

סײַטאַן ווענדט זיך צו די געסט:

— אין מאָסקווער קאָנצערט־זאַל „פּאָעזיע", וואָס געפֿינט זיך אף דער גאָרקי־גאַס, טרעט איך מאָרגן ארויס פֿאַר דער יוגנט. איך בעט אײַך, קומט ארײַן אין אָט דעם מאָדערנעם סאָוועטישן פּאָעזיע־סאַלאָן, איר וועט זען, ווי גרויס עס איז איצט דער אינטערעס צו די ווערק פֿון אָשער שווארצמאַנען און פּערעץ מאַרקישן, הירש אָשעראָוויטשן און שלוימע רויטמאַנען, מאָטל גרוביאַנען און יאַנקעוו שטערנבערגן...

יאָ, מײַנע הויכגעשעצטע דאַמען...

די אויסלענדישע געסט סטאַרען זיך גאָרנישט ניט ארויסלאָזן פֿון אויג. זיי כאַפּן פֿון צײַט צו צײַט א זײַטיקן קוק אַפֿן באַיאָרטן גענעראַל מיט די פֿיל אָרדען־פּלאַנקעס אף דער ברוסט. דער קוק באַטײַט: „וואָס פֿאַר א מעכוטן איז א גענעראַל צום ייִדישן זשורנאַל?"

דער גענעראַל־לייטענאַנט הירש פּלאַסקאָוו איז עטוואָס אין פֿאַרלעגנהײַט פֿון אַזעלכע פֿאָרשנדיקע בליקן. ער הייבט זיך אויף און זאָגט:

— יאָ, מײַנע הויכגעשעצטע ליבע דאַמען, אַפֿן פֿראָנט אין דער גרויסער פֿאָטערלענדישער מילכאָמע בין איך געווען א שלאַכטמאַן, און איצט איז מיר צום האַרצן זײַן אויך אַן אווטאָר פֿונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד". אין מײַנע אַרטיקלען און פֿאַרצייכענונגען דערצייל איך, ווי

אקסל בא אקסל מיט די העלדנמוטיקע זין פון אנדערע סאָוועטישע פעלקער האָבן אין די ביטערע שווערע שלאַכטן קעגן בלוטיקן פײַנט דרייסט און אקשאָנעסדיק געשלאָגן זיך ייִדישע סאָלדאטן, אָפיצערן און גענעראלן.

מיר, סאָוועטישע ייִדן, זײַנען געווען ווירדיקע סאָלדאטן אין קריג, און הײַנט בויען מיר צוזאמען מיטן גאנצן סאָוועטישן פאָלק אונדזער ליכטיקע צוקונפט.

אין דער שטילקײַט, וואָס האָט געהערשט אין צימער, האָט מען געקאָנט הערן, ווי א מיטארבעטער פון רעדאקציע שעפטשעט אפן אויער דער פרוי פון אמעריקע, אז יאָ, יאָ — דאָס איז דער זעלבער גענעראל הירש פלאסקאָוו, וועלכער האָט בײַסן היסטאָרישן אָנגריף אף בערלין, באם שלוס פונעם קריג, אָנגעפירט מיט דער ארטילעריע פונעם 1־טן אוקראַיִנישן פראָנט — סאכאקל אָנדערהאלבן טויזנט הארמאטן...

א געפיל פון אָפשײַ און באגײַסטערונג

מארגארעט קאָוען, פרעזידענט פון דער נאציאָנאלער אסאמבליי פון די פרויען פון ענגלאנד, איז זייער צופרידן פון דעם אימפראָוויזירטן שמועס מיט די טוער פון דער סאָוועטישער ייִדישער קולטור און ליטעראטור.

— איך בין א לערערן פון ענגלישער ליטעראטור און שפראך, — דערציילט זי, — מײַן מאן אונטעריכט עקאָנאָמישע וויסנשאפטן אין א הויכשול. די גאנצע מישפאָכע אונדזערע באטייליקט זיך אין דער שאָלעם־באוועגונג. מײַן מאן איז א ייִד, איך — אן ענגלענדערן. איך בין זייער צופרידן, וואָס אין מאָסקווע האָב איך געהאט די מעגלעכקײַט צו באגעגענען זיך מיט ייִדישע שרײַבער, ארטיסטן, קאָמפאָזיטאָרן.

אײַער לעבן קאָן מען פארשטיין בלויז דאן, ווען מע קוקט אף דעם בא דער שײַן פון דער גרויסער סאָציאַליסטישער אָקטיאבער־רעוואָליוציע. ס'איז א לעבן פון א פרײַ פאָלק, וואָס איז אליין באלעבאָס פון זײַן גורל. דאָס געשטאלט פון א שטאָלצן ייִדן אין סאָוועטנפארבאנד רופט ארויס בא מיר א געפיל פון טיפן אָפשײַ און באגײַסטערונג.

ביז שפעט אין אָוונט האָט זיך געצויגן דער שמועס. זעענדיק א פײַערל אין פענצטער פון רעדאקציע־לאָקאל פון „סאָוועטיש היימלאנד", זײַנען ארײַנגעקומען אלץ נײַע און נײַע שרײַבער און לייענער, דער „אָגאָניאָק" האָט געשײַנט פאר אלעמען...

ס. פרײַ, כ. מאלטינסקי.

דאַוויד בראַמבערג

רוסלאַנד, היימלאַנד מײַנס

אַף טויזנטער מײַלן

טויזנטער מײַלן אין לענג און אין ברייט,
טויזנטער מײַלן אין קרײַז...
אַף דאָרעם איז פאַרביק און דופטיק די קוויט,
אַף צאָפן דער שניי איז ווײַס.

און יאַמען און בערג און וועלדער אָן ענד —
ווהין זאָלסט ניט קערן דײַן בליק...

דאָרט טראָגן די פייגל דעם זומער אוועק,
דאָרט ברענגען זיי פרילינג צוריק.

אַף טויזנטער מײַלן טאָג־אויס און טאָג־אײַן,
אַף פליִען און פאָרן און גיין...
און אַלץ איז דיר אייגן, און אַלץ איז עס דײַנס,
און רופן דאָס רופט זיך היים.

דאָ בין איך געבוירן

דאָ בין איך געבוירן, דאָ בין איך געוואַקסן,
שיפעלעך געלאָזן אונטער פרילינגדיקע שלאַקסן.
בא וועלדער און אין סטעפּעס, אונטער הימלען בלויע —
מײַן קינדערשע פרייד, מײַן ניט קינדערשער טרויער.
דאָרט לעם אַלטן טאָפּאָל, אונטער שווערן שטיין —
מײַן טאַטנס געביין און מײַן מאַמעס געביין.

ווען אַף לעבן און טויט איז געגאַן א געפעכט,
מיט ביקס אין דער האַנט כ'האָב פאַרטיידיקט מײַן ערד.
גלײַך צווישן גלײַכע, אין פרײַנטשאַפט געשמידט —
א רוס, אַן אוזבעק, א ווײַסרוס און א ייִד.

קאָנסט זען מײַנע ברידער אין טיף פון זאַבאַי,
באַם רודער פון לופט־שיף אין הימלשער בלוי,
באַם זוכן דעם ברענשטאָף צו יענער ראַקעטע,
וואָס ברענגען מיך וועט אַף א צווייטער פּלאַנעטע.

לאָמיר אַלע אינאיינעם

לאָמיר אַלע־אַלע אינאיינעם
ביזן ברעג אָנפילן די בעכער,
אופהייבן זיי העכער, העכער —
לעכאַיִם!
לעכאַיִם!

לאָמיר אַלע־אַלע אינאיינעם
אופהייבן די בעכער מיט ווײַן
פאַר שאָלעם און פרײַנטשאַפט,
פאַר פרײַנטשאַפט און שאָלעם,
קיין קריג זאָל ניט זײַן —
לעכאַיִם!
לעכאַיִם!

לאָמיר אַלע־אַלע אינאיינעם
די בעכער אָנפילן ווידער
פאַר אונדזערע פעלקער,
פעלקער־ברידער —
לעכאַיִם!
לעכאַיִם!

לאָמיר אַלע־אַלע אינאיינעם
אפּסנײַ די קויסעס אָנגיסן
פאַר אונדזערע קינדער,
פאַר אונדזערע אייניקלעך,
וואָס וועלן נאָך שענערס געניסן, —
לעכאַיִם!
לעכאַיִם!

קײַן אנדער היים ניטאָ
און קאָן ניט זײַן

ס'איז אופגעריכט מײַן פֿאָלק, און יונג זײַן קאָל איז,
א ליכטיקע פֿאר אונדז גײט אוף די וואָר.
מיר האָבן זיך געזעגנט מיטן גאָלעס
אין יענעם שטורעמדיקן זיבעצעטן יאָר.
דער וועג איז קלאָר, און קלאָר איז דער באוווסטזײַן,
מײַן פֿאָלק פֿארגעסן האָט אין צאר און פּײַן —
אײן היים בא אונדז פֿאראַן, סאָוועטיש רוסלאַנד,
אַן אנדער היים ניטאָ און קאָן ניט זײַן.

1967

קורצע יעדיִעס

וועגן די אווטאָרן, וועמעס ווערק עס ווערן פּובליקירט אין „סאָוועטיש היימלאַנד“ צום ערשטן מאָל

מענדל אבארבאנעל (1888—1957). אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1918. זײַנע וויכטיקסטע לידער־ביכער: „אף כוואליעס פון צײַטן“ (כארקאָוו, 1930), „אף דער וואָגשאָל“ (כאר־קאָוו, 1934), „אין ריטם פון לעבן“ (קיִעוו, 1936), „קינד־הײַט“ (א פּאָעמע; קיִעוו, 1939), „אף אונדזער ערד“ (קיִעוו, 1940).

כאִים גילדין (1885—1939). געבוירן אף דער אוקראִי־נע. געוווינט פיל יאָרן אין ווארשע, ווו ער איז געווען אַן ארבעטער און זיך געדרוקט אין דער פּעריִאָדישער פּרעסע. נאָך דער רעוואָליוציע האָט ער זיך באזעצט אף אוקראִינע. זײַנע וויכטיקסטע ביכער: די לידער־זאמלונג „האמער־קלאנגען“, די פּאָעמע „לעניניאַדע“, דאָס בוך דערציילונגען „ברונעמס“, דער ערשטער באנד געזאמלטע ווערק, אין וועלכן עס גייען ארײַן לידער און פּאָעמעס, א באנד פארצייכענונגען „אפן דניעפּערבוי“ אא.

לייב טאלאלײַ (1906—1943). זײַן ערשטע ליד איז אָפּ־געדרוקט געוואָרן אין 1924 אין דער מינסקער צײַטונג „יונגער ארבעטער“. אווטאָר פון צוויי לידער־זאמלונגען: „מײַן סנאָפּ — מײַן ערשטלינג“ (מינסק, 1932) און „אין מארש“ (מינסק, 1940). אומגעקומען אפן פראָנט אין דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע.

סאָניע טוטשינסקע, געבוירן אין 1902. אין די יונגע יאָרן געווען א וועבערן. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1925. אין 1934 איז דערשינען איר לידער־זאמלונג „ווערעטע־נעס“. וווינט אין קאזאטין.

כאִים לאסקער (1906—1935). געוווינט אין מינסק, לויטן פאך — א מעטאל־ארבעטער. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1927. אין 1935 (שוין נאָך זײַן טויט) איז דערשינען אין מינסקער מעלוכע־פארלאג זײַן לידער־זאמלונג „צום מאיאק“.

שלוימע לאָפּאטין (ש. לאָפּאטע) (1902—1943). לויטן פאך א לעדער־ארבעטער. אָנטיילנעמער אינעם בירגער־קריג, אומגעקומען אפן פראָנט אין דער גרויסער פאָטער־לענדישער מילכאָמע. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1928. אין באזונדערע ביכער זײַנען דערשינען זײַנע פּאָעמעס „צוויי מאָל געבוירן“ (קיִעוו, 1935) און „דאָס געזאנג וועגן פרײַ־הײַט“ (קיִעוו, 1937), די לידער־זאמלונגען „אף מײַן גליק־לעכער ערד“ (קיִעוו, 1939) און „רעגנבויגנס“ (קיִעוו, 1940).

עליע סאוויקאָווסקי (1893—1959). אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1914. זײַנע פילצאָליקע לידער זײַנען פארעפנטלעכט געוואָרן סײַ אין דער פּעריִאָדישער פּרעסע, סײַ אין בא־זונדערע ביכער („פּארמעסטעניש“, „אף די וועגן“, „פאר יונגע זינגער“). אין 1928 איז אין מינסק דערשינען א פּיעסע „ערדלינג“ און אין 1934 א קינדער־פּיעסע „פּאפּי־רענע טויבן“.

אנע סטעלמאך (1900—1950). אין די יאָרן פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע געארבעט אלס געאָ־לאָג אף דאָרעם־אוראל. אין 1946 ארויסגעטראָטן צום ערשטן מאָל אין דער פּרעסע (אין דער צײַטונג „אייני־קײַט“) מיט א דערציילונג „מאָשל־קאפּאָשל“. אין 1947 איז אין „עמעס“־פארלאג דערשינען איר בוך דערציילונגען „אף דאָרעם־אוראל“.

סאָרע קאהאן (1897—1941). געוווינט אין מינסק, ווו עס זײַנען דערשינען פינף ביכער אירע, דערונטער דרײַ ביכער לידער („אין וועג“, 1934; „מײַן היימלאנד“, 1938; „אונדזערע מענטשן“, 1940) און צוויי ביכער דערציילונ־גען („די ערשטע פרעמיע. א מאָנאָלאָג פון אַן עלטערער פרוי“, 1938; „דער פידלער“, 1941). אומגעקומען אין מינסקער געטאָ.

הערש קאמענעצקי (1895—1957). אין 1919 מאָבילי־זירט געוואָרן אין דער רויטער ארמיי און אָנטיילגענומען אין די שלאכטן קעגן די ווײַספּאָליאקן. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1929. אין מינסקער מעלוכע־פארלאג זײַנען דערשינען ה. קאמענעצקיס פינף לידער־זאמלונגען: „מיטן גלײַכן וועג“ (1934), „לידער“ (1938), „א באשטעלונג אף יוגנט“ (1940), „שטארקער פון אײַזן“ און „לידער“ (1948).

מאָטל שאפּיראָ (1898—1931). אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1918. אין באזונדערע אויסגאבעס זײַנען דערשינען זײַנע דרײַ לידער־זאמלונגען („פארטאָג“, 1922; „לידער. 1923—1929“; „איינער פון מיליאָנען“, 1932) און צוויי ביכער דערציילונגען („אין ערשטן יוגנט־הויז“, 1929; „יונג לעבן“, 1930).



אוקאַז פון פרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון פססר

וועגן באַלוינען די יידישע אווטאָנאָמע געגנט פון כאַבאַראָווסקער קאַנט מיט א לענין־אָרדען

פאַר די דערפאָלגן, וואָס די האָרעפּאַשניקעס פון געגנט האָבן דערגרייכט אין דער ווירטשאַפטלעכער און קולטורעלער בויונג, באַלוינען די יידישע אווטאָנאָמע געגנט פון כאַבאַראָווסקער קאַנט מיט א לענין־אָרדען.

פאָרזיצער פון פרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון פססר
נ. פּאָדגאָרני.

סעקרעטאַר פון פרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון פססר
מ. געאָרגאַדזע.

מאָסקווע, קרעמל. 30 סענטיאַבער. 1967 י.

ידזשאַן. שאָלעם־אַלייכעם־גאַס
פאָטאָ מ. שעסטאָפּאַלאָוו

ליטעראַטור-קריטיק
ביבליאָגראַפיע
פראַגן פון קונסט

הערש רעמעניק

די אָקטיאַבער=רעוואָליוציע און די ייִדישע ליטעראַטור

1

די גרויסע סאָציאַליסטישע אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט געעפֿנט א נײַע ערע אין דער מענטשלעכער געשיכטע און, בעמיילע, א נײַע טקופֿע אין דער וועלט־ליטעראַטור. אין אָקטיאַבער 1917 האָט זיך אָנגעהויבן די געשיכטע פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור.

די בעסטע פאָרשטייער פון דער יונגער ייִדישער ליטעראַטור האָבן מיט גרויס פרייד באַגריסט די רעוואָליוציע, ווײַל זי האָט באַפרײַט די ייִדישע פאָלקסמאַסן, צוזאַמען מיט די פאָלקסמאַסן פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן, פון סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג. מיט אירע באַפרײַונגס־אידייען האָט די רעוואָליוציע פאַראייניקט די אַרבעטנדיקע מאַסן אין איין גרויסער ברידערלעכער פעלקער־מישפּאָכע, וואָס האָט זיך וואָס ווײַטער אַלץ מער פאַרהאַרטעוועט אין קאַמף קעגן דער קאָנטררעוואָליוציע, קעגן די אויסערלעכע און אינערלעכע סאָנים, פאַר דער נײַער פרײַער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט.

אין פאַרלויף פונעם 19־טן יאָרהונדערט און באַזונדערס אין 20־טן יאָרהונדערט האָבן די פאָרגעשריטענע פאָרשטייער פונעם ייִדישן פאָלק, די רעוואָליוציאָנערע אַרבעטער, די רעוואָליוציאָנערע און דעמאָקראַטישע יוגנט, די פאָרגעשריטענע אינטעליגענץ, די בעסטע שעפער פון דער פּראָגרעסיווער פאָלקס־ליטעראַטור, אַקטיוו זיך באַטייליקט אין די רעוואָליוציאָנערע און דעמאָקראַטישע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען צוזאַמען מיט די רוסישע, אוקראַיִנישע, ווײַסרוסישע, פּוילישע, ליטווישע רעוואָליוציאָנערן. לענין האָט באַגריסט „די ייִדן — מאַרקסיסטן, וואָס גיסן זיך צונויף אין די אינטערנאַציאָנאַלע מאַרקסיסטישע אָרגאַניזאַציעס מיט די רוסישע, ליטווישע, אוקראַיִנישע און אַנד. אַרבעטער, אַרײַנברענגענדיק זייער בײַטראָג (אי אויף רוסיש, אי אויף ייִדיש) אינעם שאַפן די אינטערנאַציאָנאַלע קולטור פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, יענע ייִדן — טראָץ דעם סעפּעראַטיזם פונעם „בונד“ — זענען פאָר די בעסטע טראַדיציעס פונעם ייִדנטום“[1]. לענין האָט גערעדט וועגן „די גרויסע אַלוועלטלעך־פּראָגרעסיווע שטריכן אין דער ייִדישער קולטור: איר אינטערנאַציאָנאַליזם, איר אָפּרופן זיך אויף די פאָרגעשריטענע באַוועגונגען פון דער עפּאָכע (דער פּראָצענט פון די ייִדן אין די דעמאָקראַטישע און פּראָלעטאַרישע באַוועגונגען איז אומעטום העכער פונעם פּראָצענט פון די ייִדן אין דער באַפעלקערונג ביכלאַל“)[2] אָט דאָס איז דער בעסטער ענטפער אויף דער „טעאָריע“, אַז די ייִדישע האָרעפּאַשנע פאָלקסמאַסן האָבן קלוימערשט פאַרשפּעטיקט צו דער רעוואָליוציע. פונקט פאַרקערט. די ייִדישע פאָלקסמאַסן האָבן אין 1917 יאָר שוין געהאַט א רײַכע טראַדיציע פון רעוואָליוציאָנערן קאַמף און זײַנען געווען אָרגאַניש באַהעפט צו דער רעוואָליוציע.

אויב ביז 1917 האָבן אין דער רעוואָליוציאָנערער און געזעלשאַפטלעך־דעמאָקראַטישער באַוועגונג אָנטיילגענומען די אַקטיווע, פאָרגעשריטענע עלעמענטן פונעם ייִדישן פאָלק, איז נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע די אַבסאָליוטע, איבערוועגנדיקע מערהײַט פון דער ייִדישער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג מיט לײַב־און־לעבן און האַנט־באַ־האַנט מיט די פאָלקסמאַסן פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן געגאַנגען אין דער רויטער גוואַרדיע, אין דער רויטער אַרמיי, אין די סאָוועטן, קאָמבעדן, אין די פּראָדאָטריאַדן צו קעמפן פאַרן נײַעם לעבן, בויען די נײַע סאָוועטישע אָרדענונג.

דערבײַ דאַרף מען אין זינען האָבן, אַז די באָלשעוויזירונג פון די ייִדישע אַרבעטנדיקע מאַסן האָט זיך אָנגעהויבן נאָך ביזן בירגערקריג און פאַרהעלטניסמעסיק א סאַך פריִער, איידער עס האָבן זיך אָנגעהויבן די פּאָגראָמען. מע דאַרף דאָס האָבן אין זינען דערפאַר, ווײַל אייניקע ליטעראַטור־היסטאָריקער באַהויפּטן, אַז די ייִדישע מאַסן זײַנען געווען אויף דער זײַט פון דער רעוואָליוציע קוידעמקאָל דערפאַר, ווײַל זי האָט פאַרטיידיקט פון פּאָגראָמען, אַנדערש גערעדט — ניט די צילן און אידעאַלן פון דער רעוואָליוציע האָבן צוגעצויגן צו זיך די ייִדישע פאָלקסמאַסן, נאָר די מוירע פאַר פּאָגראָמען. דאָס איז אין טאָך גענומען א וואַריאַנט פון דער זעלבער „פאַרשפּעטיקונג־טעאָריע“.

---

[1] וו. אי. לענין. ווערק, 5־טע אויפלאַגע, ב. 24, ז. 123.

[2] דאָרטן, זז. 122—123.

די ייִדישע פאָלקסמאַסן האָבן געקעמפט פאַר דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע אומאָפּהענגיק פון פּאָגראָמען און אָן דער פאַרבינדונג מיט זיי. ניט צוליב ראַטעווען זיך פון פּאָגראָמשטשיקעס זײַנען די ייִדישע אַרבעטנדיקע געגאַנגען אין שלאַכט פאַר דער רעוואָליוציע, נאָר קעדיי צו שאַפן אַ נײַ לעבן אָף יעסוידעס פון פרײַהײַט און סאָציאַלער גערעכטיקײַט. די באַציִונג פון די ייִדישע האָרעפּאַשנע מאַסן צו דער רעוואָליוציע איז אויסגעקלאָרט און באַשטימט געוואָרן נאָך ביז דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. מע טאָר ניט פאַרגעסן, אַז אין דער צאַרישער אַרמיי איז בײַס דער ערשטער וועלט־מילכאָמע געווען העכער אַ האַלבער מיליאָן ייִדישע סאָלדאַטן, וועלכע זײַנען אין פאַרלויף פון אַכט כאַדאָשים, פון פעוראַל ביז אָקטיאַבער 1917, אין זייער גרעסטן טייל שוין געווען באַקאַנט מיט די באָלשעוויסטישע לאָזונגען קעגן דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע און מיט לענינס באַגײַסטערטע אידייען וועגן דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע. אָט די דאָזיקע הונדערטער טויזנטער באָלשעוויסטיש געשטימטע סאָלדאַטן האָבן זיך ביז און נאָך דעם בריסקער שאָלעם אומגעקערט פון די פראָנטן אין די שטעט און שטעטלעך און צוזאַמען מיט די אַרבעטער און סאָלדאַטן, צוזאַמען מיט דער רעוואָליוציאָנערער יוגנט פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן, מיט לײַב־און־לעבן זיך אָפּגעגעבן דער רעוואָליוציע.

צווישן די פאָרגעשריטענע סאָלדאַטן פון דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע און דערנאָך — פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע איז געווען אויך דער ערשטער רויטאַרמייער פון אונדזער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור — אָשער שוואַרצמאַן. אין זײַנע ווערק (ניט בלויז אין זײַנע!) זײַנען בוילעט און מיט אַ שטאַרקער קינסטלערישער קראַפט אויסגעדריקט די שטימונגען פון אָט די באָלשעוויזירטע סאָלדאַטן, וואָס זײַנען געוואָרן די סאָלדאַטן פון דער רעוואָליוציע. ניין, די ייִדישע האָרעפּאַשנע מאַסן האָבן ניט פאַרשפּעטיקט צו דער רעוואָליוציע. פאַרקערט, זיי זײַנען געגאַנגען אין די ערשטע רייען פון די קעמפער פאַר אָקטיאַבער, אין די ערשטע רייען צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע רעוואָליוציאָנערע מאַסן פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן.

די ראָל פון די ייִדישע פאָלקסמאַסן אין דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג און אין קאַמף פאַר דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע איז אָפּגעשפּיגלט אין דער רוסישער סאָוועטישער ליטעראַטור, אין דער שאַפונג פון אַזעלכע שרײַבער, ווי גאָרקי, סעראַפימאָוויטש, פאַדייעוו, פעדין, באַגריצקי, שאָלאָכאָוו, באַבעל, אָסטראָווסקי און אַנדערע. אין די ווערק פון אָט די שרײַבער זײַנען די ייִדישע פּערסאָנאַזשן ניט קיין פּאַסיווער אָביעקט פון דער רעוואָליוציע, נאָר אַן אַקטיווער קויעך אירער. זיי קעמפן און גיבן אָפּ זייער בלוט פאַר דער זיגרײַכער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע. אין גאָרקיס פּיעסע „וואַסאַ זשעלעזנאָוואַ" איז די רעוואָליוציאָנערקע ראַשעל די טרעגערן פון ליכטיקע אידייען. אין פאַדייעווס ראָמאַן „צעקלאַפּט" איז דער באָלשעוויק לעווינסאָן אַ קאָמאַנדיר פון אַ פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד. אין שאָלאָכאָווס „שטילן דאָן" איז די ייִדישע אַרבעטערן אַנאַ פּאָגודקאָ אַ העלדישע קעמפערן, וואָס גיט אָפּ איר יונג לעבן אין שלאַכט קעגן דער קאָנטררעוואָליוציע. אין באַגריצקיס „געזאַנג וועגן אָפּאַנאַסן" איז דער קאָמיסאַר קאָגאַן אַ ראָמאַנטיזירטער העלד פון דער רעוואָליוציע. באַבעלס ייִדישע פּערסאָנאַזשן האָבן געשפּילט אַן אַקטיווע ראָלע אין די רעוואָליוציאָנערע געשעענישן. צי קאָן מען זאָגן, אַז אָט די ייִדן — פּאַרטיזאַנער, רויטאַרמייער, קאָמיסאַרן האָבן פאַרשפּעטיקט צו דער רעוואָליוציע? צי וועט ניט זײַן ריכטיקער, אויב מיר וועלן, פאַרקערט, זאָגן, אַז די ייִדישע אַרבעטנדיקע מאַסן האָבן פאַרבונדן זייער גורל מיט דער רעוואָליוציע און זײַנען געגאַנגען אין אירע פ אָ ר נ ט י ק ע רייען? צי איז דען ניט געווען טויזנט מאָל גערעכט דער דיכטער דאָוויד האָפשטיין, ווען ער האָט פײַערלעך געמאָלדן: „מיר גייען אין דײַנע פאָרנטיקע רייען, שפּאַנענדיקע מענטשהײַט!"?

2

די טעאָריע וועגן דער „פאַרשפּעטיקונג" פון די ייִדישע פאָלקסמאַסן צו דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט געבראַכט צו דער באַהויפּטונג, אַז אויך די ייִדישע ליטעראַטור האָט קלוימערשט פאַרשפּעטיקט צו דער רעוואָליוציע. איינס דרינגט אַרויס פונעם צווייטן. די ליטעראַטור איז אַן אָפּשפּיגלונג פונעם לעבן.

אין אייניקע אַרבעטן וועגן דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור ווערט דורכגעפירט דער געדאַנק, אַז זי האָט אין ערשטן יאָרצענדליק אָפּגעשפּיגלט דעריקער די פּאָגראָמען, דה. די פּאָגראָמען זײַנען געווען אין איר די דאָמינירנדיקע טעמע. קעדיי צו באַגרינדן דעם טעזיס וועגן „פאַרשפּעטיקונג", מוזן געוויסע ליטעראַטור־היסטאָריקער אָנקומען צו גאַנץ צווייפלהאַפטע סכעמעס. עס ווערן אַרויסגערוקט מיינונגען, אַז די ייִדישע ליטעראַטור האָט צום מאָמענט פון דער רעוואָליוציע ניט געהאַט קיין געהעריקע רעוואָליוציאָנערע צוגרייטונג. די קלאַסישע ליטעראַטור פון מענדעלען, שאָלעם־אַלייכעמען, פּערעצן, רייזענען, אַשן, בערגעלסאָנען ווערט קוואַליפיצירט אַלס נאַציאָנאַל־באַגרענעצטע, קליינשטעטלדיק־פאַרשלאָסענע; די דאָזיקע ליטעראַטור האָט קלוימערשט ניט געשאַפן קיין געהעריקע טיפן און געשטאַלטן, אָף וועלכע עס זאָל זיך געווען לערנען די נײַע ליטעראַטור. וואָס איז שײַעך דער רעוואָליוציאָנערער אַרבעטער־דיכטונג פון ווינטשעווסקין, עדעלשטאַטן, באָװשאָווערן, ראָזענפעלדן, ווערט זי דערקלערט פאַר אַ „געמאַכטער", ניט אָרגאַנישער, און לערנען זיך בײַ איר איז, הייסט עס, אויך ניטאָ וואָס.

דאָס האָט אָבער קיין שום שײַכעס ניט צו דערווירקלעכער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור ביז דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. אינדערעמעסן האָט אונדזער ליטעראַטור געהאַט אַ פּראָגרעסיווע טראַדיציע, וואָס האָט זי צוגעגרייט צו אויפנעמען און אָפּשפּיגלען די רעוואָליוציע.

די ייִדישע ליטעראַטור ביז דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט זיך אַנטוויקלט אין ענגער פאַרבינדונג מיט דער אַלוועלטלעכער ליטעראַרישער טראַדיציע. די נײַע ייִדישע ליטעראַטור איז ניט געווען נאַציאָנאַל־באַגרענעצט. מע דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז די ייִדישע ליטעראַטור האָט געהאַט אַ דויערנדיקע פירטויזנטיאָריקע טראַדיציע פון דער העברעיִשער קולטור. דאָס איז ניט בלויז קיין נאַציאָנאַלער קולטור־היסטאָרישער פאַקטאָר, נאָר אַן אינטערנאַציאָנאַלער מאָמענט, אָף וויפל די העברעיִשע קולטור פון אַלטערטום, און אויך פון מיטלאַלטער און רענעסאַנס, איז אַריבערגעוואַקסן די נאַציאָנאַלע ראַמען און, פּונקט ווי די גריכישע און רוימישע קולטורן פון אַלטערטום, געוואָרן אַ באַשטאַנדטייל פון דער גאַנצער מענטשלעכער קולטור. אויסער דעם, איז די ייִדישע ליטעראַטור פון סאַמע אָנ־

הייב אָן פון איר אנטשטיין, נאָך אין 13—15 יה. געווען ענג פארבונדן מיט דער פּאָרגעשריטענער אייראָפּעיִשער רענעסאנס־קולטור. וואָס איז שייַעך דער נייַער ייִדישער ליטעראטור, וועלכע איז אופגעקומען אין 18־טן יאָרהונדערט, איז זי סייַ לויט איר אידייִשן אינהאלט, סייַ לויט דער פאָרם און זשאנרען אינגאנצן פארבונדן מיט דער אופקלערונג, וועלכע האָט אין טאָך גענומען אָפּגעשפּיגלט די אידעאָלאָגיע פון די אייראָפּעיִשע רעוואָליוציעס אין 17־טן און 18־טן יה.

באזונדערס וויכטיק איז געווען פאר דער אנטוויקלונג פון דער נייַער ייִדישער ליטעראטור די פארבינדונג מיט דער רוסישער ליטעראטור. אייגנטלעך, איז רוסלאנד געווען דער צענטער פון דער נייַער ייִדישער ליטעראטור אין פארלויף פונעם נייַנצנטן און אפילע נאָך אין צוואנציקסטן יאָרהונדערט, האגאם עס האָט שוין אין צוואנציקסטן יאָרהונדערט אָנגעהויבן גיך וואקסן די ייִדישע ליטעראטור אין אמעריקע. אויב די מייַרעוו־אייראָפּעיִשע ליטעראטור האָט געשפּייַזט די ייִדישע ליטעראטור מיט די אידייען פון אופקלערונג און הומאניזם, האָט די רוסישע ליטעראטור, ווירקנדיק אף דער ייִדישער ליטעראטור מיט די זעלבע אידייען פון הומאניזם און אופקלערונג, איבערגעגעבן איר די אידעאלן פון פאָלקסטימלעכקייַט, פון רעוואָליוציִאָנערן דעמאָקראטיזם און סאָציִאַליזם, די פּרינציפּן פון קריטישן רעאליזם און רעוואָליוציִאָנערן ראָמאנטיזם. מע דארף ניט זייַן קיין ליטעראטור־פאָרשער, קעדיי צו זען די גאנץ בוילעטע שפּורן פון פּושקינס, גאָגאָלס, לערמאָנטאָווס, טורגעניעווס, נעקראַסאָווס, שטשעדרינס, דאָסטאָיעווסקיס, טאָלסטאָיס, טשעכאָווס, גאָרקיס, בלאָקס, מאיאקאָווסקיס, יעסעניִנס ווירקונגען אף דער נייַער ייִדישער ליטעראטור. אָפּגערעדט פון דער מעכטיקער ווירקונג, וועלכע עס האָט געהאט אף דער ייִדישער ליטעראטור די רוסישע רעוואָליוציִאָנערע קריטיק פון בעלינסקין, טשערנישעווסקין, דאָבראָליובאָוון, פּיסארעוון. די ווירקונג פון דער פּאָרגעשריטענער רוסישער ליטעראטור איז איינע פון די וויכטיקסטע נ א צ י ָא נ א ל ע אייגנארטיקייַטן פון דער ייִדישער ליטעראטור, וואָס אָן דעם איז אומעגלעך צו פארשטיין איר פאקטישע היסטאָרישע אנטוויקלונג.

די ייִדישע ליטעראטור ביז דער רעוואָליוציע האָט ניט געהאט קיין אנדער וועג, ווי דער, וואָס איז געווען כאַראקטעריסטיש פאר דער רוסישער ליטעראטור. דעריבער איז די ייִדישע קלאסישע ליטעראטור אויך פּראָגרעסיוו, ווי די רוסישע, האגאם איר היסטאָרישער באדייַט איז, נאטירלעך, א סאך א קלענערער.

אויב באטראכטן די ירושע פון דער רעוואָליוציִאָנערער ארבעטער־דיכטונג פון ווינטשעווסקין, עדעלשטאטן, באָושאָווערן, ראָזענפעלדן און נאָך א ריי אנדערע, דארף מען אנערקענען, אז מיט אירע דערגרייכונגען וואָלטן געקענט שטאָלצירן די רייַכסטע ליטעראטורן אין דער וועלט.

זעלבסטפארשטענדלעך, די ייִדישע ליטעראטור ביז דער רעוואָליוציע איז ניט באשטאנען פון איין מאָנאָליטן סאָציִאלן און אידייִשן שטראָם. עס איז געווען אויך א רעאקציִאָנערע ליטעראטור, וועלכע האָט אידעאליזירט די פארגאנגענהייַט — קעגן דעם פאָלק, קעגן דער רעוואָליוציע. ס'איז געווען א ליטעראטור, וואָס האָט אויסגעדריקט די אידייען פון רעליגיע, שאָוויניזם און עקספּלואטאציע. אָבער, פּונקט ווי אין דער רוסישער ליטעראטור, איז דאָס געווען ניט דער הויפּט־שטראָם.

3

די רעוואָליוציע האָט געשאפן א נייַע ליטעראטור. זי האָט געשטעלט נייַע אופגאבעס, וועלכע זייַנען קיינמאָל ניט געשטאנען פאר קיין שום ליטעראטור אין דער וועלט. די נאָוואטאָרישקייַט פון דער סאָוועטישער ליטעראטור איז ארויסגעדרונגען ניט פון די אייגנשאפטן פון דער אָדער יענער ליטערארישער ריכטונג, ניט פון דער גאוניס פון דעם אָדער יענעם שעפער, נאָר פון דעם לעבן, וואָס האָט זיך גרינטלעך געענדערט.

דער גרויסער דיכטער פונעם צוואנציקסטן יאָרהונדערט אלעקסאנדער בלאָק האָט טיפער פון א ריי אנדערע באנומען דעם טאָך פון דער רעוואָליוציע און די אופגאבעס פון דער ליטעראטור אין דער רעוואָליוציע. שוין אין די ערשטע טעג פון דער ראטנמאכט האָט בלאָק געשריבן: „די זאך פונעם קינסטלער, ד ע ר כ ו י ו ו פונעם קינסטלער איז — זען דאָס, וואָס איז געוואָרן פארטראכט, הערן די מוזיק, מיט וועלכער עס דונערט „די צעריסענע דורכן ווינט לופט“. וואָס זשע איז פארטראכט געוואָרן? א י ב ע ר מ א כ ן א ל ץ, מאכן אזוי, אז אלץ זאָל זייַן נייַ; אז דאָס ליגנערישע, שמוציקע, אומעטיקע, אומווירדיקע לעבן אונדזערס זאָל ווערן א גערעכטיק, ריין, פריידיק און פּרעכטיק לעבן“.[1]

די ליטעראטור, וואָס האָט פארשטאנען אזוי די אופגאבע אירע בייס דער רעוואָליוציע, האָט געמוזט אינגאנצן זיך ענדערן און זיך איבערבויען — אזוי, ווי עס האָט זיך איבערגעבויט דאָס לעבן.

אויב ביז דער רעוואָליוציע האָט דעם אויבנאָן אין דער ליטעראטור פארנומען דאָס געשטאלט פונעם אונטערדריקער און פון די, וואָס באדינען אים, האָט איצט געדארפט ווערן פארקערט. אָנשטאָט די אָפּגעלעבטע אלטע געשטאלטן האָבן געמוזט קומען נייַע געשטאלטן פון ארבעטער און פּויערים און פון די, וועלכע האָבן זיי געפירט צום נייַעם לעבן. אויב אין דער ליטעראטור ביז דער רעוואָליוציע זייַנען אין צענטער געשטאנען די איבערלעבונגען פונעם יאָכיד, האָט איצט די ליטעראטור געדארפט מאָלן ניט בלויז דעם יאָכיד, נאָר דעריקער דעם קאָלעקטיוו, דאָס פאָלק. די פּאָרגעשריטענע קינסטלערישע ליטעראטור ביז דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע האָט געהאלטן פאר איר כויוו צו קריטיקירן די מעלוכע־מאכט פון עקספּלואטאטאָרס און קעמפן קעגן איר. די נייַע ליטעראטור האָט, פארקערט, געהאלטן פאר איר כויוו צו שטיצן די רעוואָליוציִאָנערע ראטן־רעגירונג. דער זעלבער אלעקסאנדער בלאָק האָט געשריבן: „צי קאָן די אינטעליגענץ ארבעטן מיט די באָלשעוויקעס? — זי קאָן און דארף“. „די דעקרעטן פון די באָלשעוויקעס — דאָס זייַנען די סימבאָלן פון דער אינטעליגענץ“[2]. אָנשטאָט נאציִאָנאלן האס און נאציִאָנאלער צעשפּליטערטקייַט האָט די נייַע ליטעראטור באזונגען אינטערנאציִאָנאלע ברידערלעכקייַט און פעלקער־פרייַנטשאפט. די נייַע סאָוועטישע ליטעראטור האָט פארשטאנען די גרויסקייַט פון דער עפּאָכע. די סאָוועטישע שרייַבער האָבן געשטעלט פאר זיך אַן אופגאבע צו זייַן ניט בלויז צושויער פון די גראנדיִעזע רעוואָליוציִאָנערע געשעענישן, נאָר אויך אקטיווע קעמפער פארן זיג פון דער רעוואָליוציע.

[1] אלעקסאנדער בלאָק. געזאמלטע ווערק אין אכט בענדער. מעלוכע־פארלאג פון קינסטלערישער ליטעראטור. מאָסקווע — לענינגראד, 1962, באנד 6, ז. 12.

[2] דאָרטן, ז. 8.

אזוי איז געווען אין דער רוסישער, אזוי איז געווען אויך אין דער ייִדישער ליטעראַטור. פּערעץ מאַרקיש האָט דערקלערט גאַנץ קאַטעגאָריש: „פריִער פאַר אַלעמען איז די ייִדישע נײַע דיכטונג א קינד פון דעם רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד מיט אַלע אירע אייגנשאַפטן. און ארײַנגעזאַפּט האָט זי אין זיך אַלע אירע טאָעסן און דערגרייכונגען". „צוזאַמען מיט דער רוסישער נײַער דיכטונג וועט אויך די ייִדישע נײַע דיכטונג אופהייבן די אָנגעצונדענע פאַ־קעלן פון רוסלאַנד"...[1]

די אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטע־ראַטור האָט אין די יאָרן נאָכן בירגערקריג געמאַכט א קאָלאָסאַלן שוווּנג. סאַכאַקל פאַר א קנאַפּ פערטל יאָר־הונדערט איז געשאַפן געוואָרן א הײַנטצײַטיקע קינסטלע־רישע ליטעראַטור פון אַלע זשאַנרען, פון פאַרשיידענע פאָרמען און סטילן, א ליטעראַטור מיט נײַע טעמעס און פּראָבלעמען, מיט נײַע געשטאַלטן און העלדן, מיט נײַע אידייען און אידעאַלן. אין מעשעך פון א פּאָר צענדליק יאָר איז אין דער ייִדישער ליטעראַטור געקומען א גרוי־סע צאָל שרײַבער. ביז דער רעוואָלוציע און אפילו אין די ערשטע יאָרן נאָך איר האָט מען די ייִדישע שרײַבער געקענט איבערציילן אויף די פינגער. אין די צוואַנציקער און דרײַסיקער יאָרן האָט די ייִדישע ליטעראַטור אין ראַטנפאַרבאַנד געציילט העכער דרײַ הונדערט שרײַבער, ניט רעכענענדיק עטלעכע צענדליק פּובליציסטן, היסטאָריקער, לינגוויסטן, עקאָנאָמיסטן, וועלכע האָבן אזוי אָדער אַנדערש געהאַט א שײַכעס אויך צו ליטעראַטור. דאָס איז געווען א שטאַרקע קאָהאָרטע שעפער, וועלכע האָבן אויסגעבויט דעם גרויסן ביניען פון דער ייִדישער סאָוועטישער קולטור. פאַר די יאָרן 1917—1940 זײַנען אין ראַטנפאַרבאַנד דערשינען אויף ייִדיש 6846 ביכער, קי־מאַט 300 ביכער א יאָר. אין באַזונדערע יאָרן איז די צאָל ארויסגעגעבענע ייִדישע ביכער דערגאַנגען ביז 668, בעת אין 1913 איז אויף דער גאַנצער טעריטאָריע פון דער רוסלענדישער אימפּעריע דערשינען סאַכאַקל 73 ביכער.

4

די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור האָט געהאַט א קאָ־לאָסאַלע ווירקונג אויף דער אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין אַנדערע לענדער פון דער וועלט. ניט בלויז די פּרײַנט, די רעוואָלוציאָנערע און פּראָגרעסי־טענע שרײַבער, נאָר אפילו די בירגערלעכע און רעאַק־ציאָנערע ליטעראַטן האָבן אזוי אָדער אַנדערש ארויסגע־וויזן א גרויסן אינטערעס צו דער ייִדישער ליטעראַטור אין ראַטנפאַרבאַנד. אויב ביז דער רעוואָלוציע איז רוס־לאַנד געווען דער גרעסטער ייִדישער ליטעראַרישער צענ־טער, וואָס האָט דורך דעם עמיגראַציע־שטראָם „באַ־זאָרגט" אַנדערע לענדער מיט ליטעראַרישע קאַדרען, איז נאָך דער רעוואָלוציע דער ראַטנפאַרבאַנד און די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור געוואָרן דער צענטער, וואָס האָט געשטעלט פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור אין אויסלאַנד נײַע פּראָבלעמען, ארויסגערוקט פאַר איר נאָוואַטאָרישע אידייען, וועלכע האָבן ארײַנגעבלאָזן א נײַ לעבן אין דער ליטעראַרישער סוויווע, געעפנט פאַר דער ליטעראַטור נײַע האָריזאָנטן.

אַלס א בולעטער באַווײַז פונעם אינטערעס צו דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור מיצאַד די סאַמע פאַר־שיידענע ליטעראַרישע קרײַזן אין אויסלאַנד קאָן דינען דער פאַקט, וואָס די אָנגעזעענסטע ייִדישע שרײַבער האָבן אין פאַרשיידענע צײַטן באַזוכט דעם ראַטנפאַרבאַנד און אײַנגעשטעלט קאָנטאַקטן מיט דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור. אין לאַנד פון דער רעוואָלוציע זײַנען אין פאַרשיידענע צײַטן געקומען צו פאָרן מאָריס ווינטשעווסקי און אווראָם רייזען, ה. לייוויק און שאָלעם אַש, יוסף אָפּאַטאָשו, הערש־דאָוויד נאָמבערג, פּערעץ הירשביין, אווראָם ראַבאָי. א גרויסע צאָל ייִדישע שרײַבער פון אויס־לאַנד האָבן אויף שטענדיק זיך באַזעצט אין ראַטנפאַרבאַנד: מוישע קולבאַק, מאַקס עריק, מייער ווינער, הירש בלאָ־שטיין, אײַזיק פלאַטנער, זיסקינד לעוו, מוישע פינטשעוו־סקי, סאַלווואַדאָר באָרזשעס, מוישע גאָלדשטיין אאַ.

אונטער דער ווירקונג פון די אידייען פון דער אָקטיאַ־בער־רעוואָלוציע האָט די ייִדישע רעוואָלוציאָנערע ליטע־ראַטור אין אויסלאַנד זיך פאַרשטאַרקט און האָט צוגע־צויגן צו זיך די ליבע פון ברייטע לייענער־מאַסן. באַנאַנד דערמיט האָט די אָקטיאַבער־רעוואָלוציע געווירקט אויף דער שאַפונג פון אַזעלכע אָנגעזעענע שרײַבער, ווי, לע־מאַשל, לייוויק, אָפּאַטאָשו, מוישע נאַדיר.

די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור האָט אָבער געהאַט אויסצושטיין אויך פאַרשיידענע אָנפאַלן פון די אומפרײַנט און אָפענע סאָנים פון דער רעוואָלוציע און סאָציאַליזם.

דער קאַמף פון דער ייִדישער רעאַקציע אין אויסלאַנד קעגן דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע און דער ייִדישער סאָ־וועטישער ליטעראַטור האָט שוין א לאַנגע געשיכטע. דער דאָזיקער קאַמף האָט זיך אָנגעהויבן גלײַך נאָך דער רע־וואָלוציע און הערט ניט אויף ביז הײַנטיקן טאָג. דאָס איז נאַטירלעך. די אימפּעריאַליסטישע וועלט האָט גע־קעמפט און קעמפט קעגן לאַנד פון סאָציאַליזם, און די ייִדישע בורזשואַזע ליטעראַטור פילט דאָ אויס איר קלאַסן־פונקציע.

עס זײַנען אויך פאַראַן קריטיקער, וועלכע ווילן אופּ־ריכטיק זיך פאַנאַנדערקלײַבן אין טאָך און אין דער גע־שיכטע פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור, אָבער די ניט גענוגנדיקע באַקאַנטשאַפט מיט די מאַטעריאַלן און מיט די ווערק ברענגען ניט זעלטן צו ניט ריכטיקע באַ־הויפּטונגען.

אין צוזאַמענהאַנג מיטן פופציקסטן יוויל פון דער אָק־טיאַבער־רעוואָלוציע ווערן אין אויסלאַנד געמאַכט פּרוּוון צו כאַראַקטעריזירן באַזונדערע פּעריאָדן פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור, און דאָ ווײַזט זיך טאַקע ארויס, אַז אייניקע אויסלענדישע קריטיקער און ליטעראַטור־היס־טאָריקער באַנעמען ניט די ווירקלעכע דיאַלעקטיק אין דער אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטע־ראַטור.

דער ייִסראָעלדיקער ליטעראַטור־פאָרשער כאָנע שמע־רוק מיינט, אַז די הויפּט־דערגרייכונגען פון דער סאָ־וועטישער ליטעראַטור ביכלאַל און פון דער ייִדישער לי־טעראַטור באַזונדערס באַציִען זיך הויפּטזעכלעך צו דער ערשטער העלפט פון די צוואַנציקער יאָרן, ווען די קאָ־מוניסטישע פאַרטיי האָט, לויט זײַן מיינונג, „ווייניקער געדריקט אויף דער ליטעראַטור" און האָט נאָך דערלאָזט פאַרשיידענע ריכטונגען, שטרעמונגען און ליטעראַרישע אָרגאַניזאַציעס. אין די דרײַסיקער יאָרן אָבער האָט שוין די פאַרטיי פאַרשטאַרקט דעם דרוק אויף דער ליטעראַטור, און דאָס האָט, לויט שמערוקן, געבראַכט צו שלעכטע

---

[1] פּערעץ מאַרקיש. פאַרבײַגייענדיק (עסייען). ווילנע, 1921, זז. 24—25.

רעזולטאטן. באזונדערס געפעלט ניט שמערוקן דער פּרינציפּ פון פאַרטייִשקייט פון ליטעראטור און דער מעטאָד פון סאָציִאַליסטישן רעאַליזם. שמערוק מיינט, אז דאָס האָט „געהאט אין די באדינגונגען פון די דרײַסיקער יאָרן א צעשטערערישע ווירקונג אף דער ליטעראטור“[1].

מיר וועלן דאָ ניט ריידן וועגן דער גאנצער סאָוועטישער ליטעראטור, שמערוק איז מיט איר ניט באקאנט און אלס וויסנשאפטלער האלט ער, ליידער, זיך ניט אָפּ פון ארויסזאָגן מיינונגען וועגן דעם, וואָס ער ווייסט ניט. אויב אָבער נעמען די י י ִ ד י ש ע סאָוועטישע ליטעראטור, וועלכע איז שמערוקן יאָ באקאנט, איז זי אן איליוסטראציע צום היפּעך פון דעם, וואָס עס באהויפּטעט שמערוק. אין דער צווייטער העלפט פון די צוואנציקער און אין די דרײַסיקער יאָרן איז די ייִדישע ליטעראטור פארפעסטיקט געוואָרן, און עס זײַנען געשאפן געוואָרן אירע סאמע בעסטע ווערק אין דיכטונג און אין פּראָזע. צו אָט דעם פּעריִאָד געהערן בערגעלסאָנס „באם דניעפּער“, דעם ניסטערס „מישפּאָכע מאשבער“, מארקישעס „דאָר־אויס, דאָר־אײַן“ און זײַנע עפּישע פּאָעמעס, קולבאקס „זעלמעניאנער“ אאוו. אדג. אין די דאָזיקע יאָרן ווערט אין דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראטור געשאפן דער היסטאָרישער ראָמאן, די פארטיפטע פּסיכאָלאָגישע און שטייגערישע פּראָזע, דער דיכטערישער עפּאָס, די ראפינירטע לירישע דיכטונג. די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראטור באקומט דעמלט דעם מאסשטאב פון הײַנטצײַטיקער הויכער אידייִישער קונסט. די ראפּפּישע אבסורדן און אפילע די טראגישע געשעענישן פונעם פּערזאָנען־קולט זײַנען ניט בעקויעך געווען צו אָפּשטעלן דעם אופבלי פון דער ליטעראטור.

אָט פארוואָס עס זעען אויס קאָמיש און אפילע קאריקאטוריש די כאראקטעריסטיקעס פון דער ליטעראטור בא שמערוקן. „די ייִדישע פּאָעזיע איז דעמלט (אין די דרײַסיקער יאָרן. — ה. ר.) פארפלאכט געוואָרן“, „אין דער פּראָזע, — שרײַבט שמערוק, — האָט מען זיך זייער א סאך אָפּגעגעבן מיט טעמעס פון דער סאָציִאַליסטישער בויונג“. לויט שמערוקן באקומט זיך, אז די סאָוועטישע ליטעראטור טאָר ניט שרײַבן וועגן די אופטוען פון דער ראטנמאכט און וועגן דער סאָציִאַליסטישער בויונג. אנדערש גערעדט, שמערוק וויל, אז די סאָוועטישע ליטעראטור זאָל ניט זײַן קיין סאָוועטישע...

נאָך וויניקער פארשטאנד פאר דער אנטוויקלונג פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור געפינען מיר בא אן אנדער ליטעראטור־פאָרשער דר. אייליִאָהו שולמאן. אין זײַן ארטיקל, לעמאָשל, וועגן דעם זשורנאל „שטראָם“ טראָגט ער אונטער דעם לייענער אזא אומגעלומפּערטן פּלאָנטער:

„אין אָנהייב־טקופע פון באָלשעוויזם איז די ליטעראטור נאָך ניט געווען רעגעמענטירט — איז דעריבער געווען מעגלעך פאר אומפארטייִשע ייִדישע שרײַבער מיטצוארבעטן אין די אָפיציעלע באָלשעוויסטישע „פּובליקאציעס“. עס גייט בא שולמאנען אוועק א רייד וועגן „אייגנס“, וועגן „שטראָם“, וועלכע ער בינדט צונויף מיט די „ליטערארישע מאָנאט־שריפטן“, און דערפאר לויבט ער זיי. דאָס נײַע, דאָס סאָוועטישע, דאָס רעוואָליוציִאָנערע אין „אייגנס“ און אין „שטראָם“ זעט ער ניט און וויל ניט זען.

[1] א שפּיגל אויף א שטיין. פארלאג י.־ל. פּערעץ, טעל־אוויוו, תשכ״ה, 1964, ז. יח.

דער אויספיר פון דר. שולמאן איז א גאנץ מערקווירדיקער לויט זײַן טמימעסדיקער נאיִוויטעט: „דער „שטראָם“ איז געווען דער לעצטער פרײַער אויסדרוק פון ייִדישער שעפערישקײַט אין רוסלאנד. ווען דער זשורנאל איז אָפּגעשטעלט געוואָרן אין 1924, האָט זיך מיט דער אָפּשטעלונג פארענדיקט די עקזיסטענץ פון אן אומאָפּהענגיקער ייִדישער שעפערישער אויסגאבע און די סאמע עקזיסטענץ פון פרײַען, שעפערישן ייִדישן אויסדרוק אין רוסלאנד“.[1]

אָט אזא פלוידערײַ טראָגט אונטער דער דר. שולמאן דעם אויסלענדישן לייענער וועגן דער סאָוועטישער ליטעראטור. „אייגנס“ און „שטראָם“ זײַנען געווען „אומאָפּהענגיק“, און די „רויטע וועלט“, „דער שטערן“, „פּראָליט“, „פארמעסט“, „סאָוועטישע ליטעראטור“, דער אלמאנאך „סאָוועטיש“, דער אלמאנאך „היימלאנד“, דער זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד“ זײַנען שוין „רעגעמענטירט“. אלץ איז אוועקגעשטעלט אפן קאָפּ. די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראטור איז געווען גוט ביזן 1924, ווען זי האָט בלויז געשטעלט אירע ערשטע אומזיכערע טריט... מע זעט גלײַך, אז שולמאן רעכנט אויס אף אזא לייענער, וואָס איז ניט באקאנט מיט דער סאָוועטישער ליטעראטור און דעריבער קאָן מען אים אונטערטראָגן וואָס פאר א סכוירע מע וויל.

5

פאר די פופציק יאָר פון איר עקזיסטענץ האָט די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראטור דערגרייכט א גאָר הויכן ניוואָ. עס זײַנען געשאפן געוואָרן באדײַטנדיקע קינסטלערישע ווערק אין געביט פון ייִדישער פּראָזע, דיכטונג און קריטיק.

אָבער די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראטור האָט פאר דעם האלבן יאָרהונדערט געהאט שווערע אויספּרוּוון. די דײַטשישע פאשיסטן האָבן אין די יאָרן פון דער מילכאָמע צערויִנירט די צענטערס פון דוירעסדיקער ייִדישער קולטור אין אוקראַיִנע, ווײַסרוסלאנד, ליטע, לעטלאנד, מאָלדאוויע. דער פאשיזם האָט פארניכטעט אי די קולטור, אי אירע געברויכער און שעפער.

די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראטור האָט אוועקגעלייגט אפן מיזבייעך פון קאמף און זיג אין די בלוטיקע שלאכטן פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע פיר צענדליק פון אירע שעפער, ייִנגערע און עלטערע, אָנפאנגער און אָנגעזעענע שרײַבער. די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראטור האָט דורכגעמאכט ביזן סאָף די גאנצע טראגעדיע פונעם ייִדישן פאָלק אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלטמילכאָמע, און דאָס האָט אף לאנגע יאָרן זיך געלאָזט פילן און לאָזט זיך נאָך פילן ביז הײַנטיקן טאָג. אָבער די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראטור האָט זיך ארויסגעוויזן אזוי טיף פארוואָרצלט אין לעבן פונעם פאָלק, אז זי איז בעקויעך געווען אויסצושטיין אלע שווערע ניסיוינעס.

דער צוואנציקסטער צוזאמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פּארטיי האָט אופגעדעקט און פארורטיילט דעם פּערזאָנען־קולט אלס פרעמדן און פײַנטלעכן צו דעם טאָך פון דער סאָוועטישער אָרדענונג. די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער האָבן באקומען די מעגלעכקײַט אומקערן זיך צו שעפערישער ארבעט. צוערשט זײַנען די ווערק פון

[1] שלוימע ביקל. יויוול־בוך. אטערעס שלוימע. צו זײַן 70־טן געבוירנטאָג. רעדאקטירט פון מוישע שטארקמאן. ניו־יאָרק, תשכ״ז, 1967, ז. 273.

די ייִדישע שרײַבער ארויסגעגעבן געוואָרן אין דער רוסישער איבערזעצונג, בא הײַנטיקן טאָג זײַנען שוין דערשינען אין רוסיש און אויך אין אנדערע שפּראכן פון די סאָוועטישע פעלקער עטלעכע הונדערט ביכער פון ייִדישע שרײַבער.

די אויסברייטערונג פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור איז געוואָרן באזונדערס באשײַמפּערלעך, ווען עס האָט אָנגעהויבן דערשײַנען דער זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד“ און עס האָבן אָנגעהויבן סיסטעמאטיש ארויסגעגעבן ווערן ביכער אין ייִדיש. דאָס איז א באדײַטנדיקע פארפעסטיקונג פון דער ייִדישער סאָוועטישער קולטור און ליטעראטור — ניט ווי א צײַטווײַליקער עפּיזאָד, נאָר ווי א שטענדיקער פּראָצעס אין דעם לעבן פון א קולטור.

דער זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד“ האָט מיט זײַן דערשײַנען אָנגעהויבן א נײַעם עטאפּ אין דער אנטוויקלונג פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור. אין זײַנע ביז איצט דערשינענע 55 ביכער זײַנען אָפּגעדרוקט בא 30 ראָמאנען פון הײַנטצײַטיקע סאָוועטישע שרײַבער, העכער צוויי הונדערט דערציילונגען, פינף און צוואנציק פּאָעמעס, בא אכט הונדערט לידער, זעכציק פארצייכענונגען און מער פון צוויי הונדערט ליטעראריש־קריטישע, ליטעראטור־היסטאָרישע, וויסנשאפטלעך־פאָרשערישע ארבעטן איבער פארשיידענע פראגן פון דער ליטעראטור.

די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראטור קומט צום 50־טן אָקטיאבער־יאָרטאָג מיט א גרויסן שעפערישן טעטיקן קאָלעקטיוו שרײַבער — פּראָזאיִקער, דיכטער און קריטיקער. די מערהײַט ייִדישע שרײַבער געפינען זיך אין סאמע זעניט פון זייער שעפערישער רײַפקײַט. און דאָס זיכערט די ווײַטערדיקע נאָרמאלע אנטוויקלונג פון דער ליטעראטור.

אָשער שווארצמאן אין 1917 יאָר

ליטעראַטור און לעבן

אין פאַרלויף פון דעם האַלבן יאָרהונדערט נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט די ייִדישע ליטע־ראַטור, צום ערשטן מאָל אין איר געשיכטע, געשאַפן אַ נײַע, עכט וויסנשאַפטלעכע, נאָוואַטאָרישע קריטיק. דאָס איז אַ קריטיק, וועלכע האָט זיך אָפּגעזאָגט פון יעדער מין באַטלאָנישער פּלוידעריי, פון בויך־סוואַרעס און פּסעוודאָ־עסטעטישער עסעיִסטיק. אַ באַוואָפנטע מיט די רעוואָליוציאָנערע אידייען פון דער מאַרקסיס־טישער עסטעטיק, האָט זי געמאַכט אַן איבערקערעניש אינעם צוגאַנג און אין דער אָפּשאַצונג פון דער ייִדי־שער ליטעראַטור.

די ייִדישע סאָוועטישע קריטיק האָט אויף יעדן עטאַפּ פון דער אַנטוויקלונג פון דער ליטעראַטור געשטעלט פאַר איר די אַקטועלע פּראָגן פון דער צײַט, קעמפנדיק פאַר הויך־אידייִשער קינסטלערישער שאַפונג, פאַר דער פאַרבינדונג פון דער ליטעראַטור מיטן סאָוועטישן לעבן, פאַר רעוואָליוציאָנערן הומאַניזם, סאָוועטישן פּאַטריאָטיזם, פאַר שאָלעם און פעלקער־פרײַנטשאַפט.

אַ גרויסע פּלעיאַדע באַדײַטנדיקע, הויך־טאַלאַנטירטע קריטיקער, ליטעראַטור־פאָרשער, טעאָרעטיקער, ליטעראַטור־היסטאָריקער האָט פאַר די פופציק יאָר אַרויסגערוקט די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור. די דאָזיקע קריטיקער האָבן באַנײַס אָפּגעשאַצט די ליטעראַרישע ירושה פון דער פאַרגאַנגענהײַט און אַלזײַ־טיק באַטראַכט די גרונט־פּראָבלעמען פון סטיל, זשאַנער און קינסטלערישער שפּראַך פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור.

מיר גיבן דאָ אייניקע אַרויסזאָגונגען פון אַ ריי אָנגעזעענע קריטיקער וועגן פראַגן פון אונדזער ליטעראַטור אין פאַרשיידענע פּעריאָדן פון איר אַנטוויקלונג.

מוישע ליטוואַקאָוו

אונדזער סאָוועטישער ייִדיש

מיר האָבן אין גרונט רעקאָנסטרויִרט די ייִדישע שפּראַך.

מיר האָבן, ערשטנס, אומגעוויינלעך באַרײַכערט דעם ווערטער־באַשטאַנד פון ייִדיש. ניט נאָר, וואָס די שפּראַך האָט געדאַרפט אַרומכאַפּן אָנצאָליקע געביטן פון לעבן, טעטיקײַט און שאַפונג, וואָס ביז דער רעוואָליוציע האָט זי אַהין קיין צוטריט ניט געהאַט און האָט דעריבער איצט געמוזט פונסנײַ דערצו שאַפן דעם געהעריקן ווערטער־אַסאָרטימענט, — די גרויסע פּראָלעטאַרישע רעוואָליוציע האָט גרענעצלאָז פאַרברייטערט דעם האָריזאָנט, זי האָט געשאַפן אַן אַ צאָל נײַע באַגריפן, כ׳וואָלט געזאָגט, נײַע קעגנשטאַנדן, נײַע קאָרעליאַציעס פון מענטשן און זאַכן — און פאַר דעם אַלעם האָט זי, די רעוואָליוציע, געשאַפן נײַע ווערטער, טערמינען, אויסדרוקן. זי האָט דאָס געשאַפן פאַר די שפּראַכן פון אַלע פעלקער פונעם ראַטנפאַרבאַנד, זי האָט דאָס געשאַפן אויך פאַר דער ייִדישער שפּראַך. אַזוי, אַז דער „גרונט־קאַפּיטאַל״ פון דער שפּראַך — איר ווערטער־באַשטאַנד, איר לעקסיק — איז אומגעהייער באַנײַט געוואָרן.

צווייטנס, האָבן מיר קאָלאָסאַל פאַנאַנדערגעוויקלט, געענדערט, באַנײַט, רעוואָליוציאָניזירט די לעבעדיקע גראַמאַטיק פונעם לעבעדיקן ייִדיש... מיר האָבן געלאָזט אין גאַנג אָן אַ שיר פאָרמען, וואָס ראַנגלען זיך, עמעס, נאָך צווישן זיך, האָבן זיך געראַנגלט — אָבער סאָפקאָל־סאָף גייען זיי זיכער צו אַ מאָדוס פון צוזאַמענלעבן, פון קאָעקזיסטענץ אויפן גרונט פון אָפּוואַרפן דאָס אומנאַטיר־לעכע פאַר דער שפּראַך און אָננעמען דאָס אָרגאַנישע פאַר איר, פאַרדייען דאָס פאַרדייבאַרע.

און צולעצט — דער סטיל פון ייִדיש. מיר האָבן גע־שאַפן גאָר אַן אַנדער סטיל, נײַע אויסדרוק־פאָרמען, נײַע אָרנאַמענטאַציע. אַ סטיל — אַ דראַנגפולער, אַ וויבריר־דיקער, אַ צאַפּלדיקער, וואָס האָט אין זיך עפּעס פון דעם שטענדיקן כוואַליעס־שלאָג, אַפילו, ווען ער איז רויִק, מילד, צאַרט — און רויִק, מילד, און צאַרט קאָן דער סאָ־וועטישער ייִדיש זײַן פונקט אַזוי, ווי ער קאָן זײַן שטור־מיש אימפּעטיק, אָנגרײַפעריש.

מיט איין וואָרט, מיר האָבן געענדערט דאָס עצם געמעל פון ייִדיש — זײַן ווערטער־געוועב, זײַן גראַמאַ־טישע קאָנסטרוקציע, זײַן סטיליסטישן אויסגעניי.

באַם סאַמע אָנהייב

די אנטשטייונג פון דער ייִדישער סאָוועטישער דיכטונג איז ניט פאָרגעקומען, ווי אייניקע מאָלן זיך עס אויס, בליצשנעל און בליצארטיק. דאָס איז געווען א דויערנדיקער פראָצעס פון קאמף, אזא קאמף, אין וועלכן דעם דיכטער פלעגט אויסקומען ארויסטרעטן ניט בלויז קעגן דעם צאַד־שעקענעגעד, קעגן די פאָרשטייער פון פייַנטלעכן לאגער, נאָר טיילמאָל אויך קעגן זיך אליין, קעגן דער שווערער ירושע פון פארצייַטנס, קעגן די פארבלענדענישן און פאָרורטיילן, וואָס האָבן געדריקט אף דעם דיכטערס באוווּסטזייַן. אויסמייַדן אָט דעם אינערלעכן געראנגל האָט זיך אייַנגעגעבן ווייניק וועמען פון די ערשטע ייִדישע סאָוועטישע דיכטער. צו גרויס איז געווען די היסטאָרישע אומוואנדלונג, די דורכויסיקע לעבנס־פארענדערונג, וועלכע עס האָט געבראכט מיט זיך די גרויסע סאָציאַליסטישע אָקטיאבער־רעוואָליוציע; צו הארב זייַנען געווען די פאָדערונגען, וואָס די געשיכטע האָט געשטעלט פאר דעם יונגן סאָוועטישן דיכטער־דאָר. אָבער אפילו דאן, ווען דער יונגער דיכטער איז נאָך ניט געווען אימשטאנד צו געבן אלץ, וואָס די געשיכטע האָט געמאָנט, איז ער דאָך געבליבן טרייַ די גרונט־געבאָטן פון דער רעוואָליוציאָנערער ליטעראטור.

די דאָזיקע טרייַהייַט האָט זיך ארויסגעוויזן קוידעםקאָל אין דעם, ווי די יונגע סאָוועטישע דיכטער האָבן אָנגעהויבן פארשטיין זייער דיכטערישן בארוף, זייער אָרט אין דער רעוואָליוציאָנערערווירקלעכקייַט, זייער שייַכעס צו די פאָרקומענדיקע געשעענישן. „מיר גייען אין דייַנע פאָרנטיקע רייען, שפאנענדיקע מענטשהייַט“, — האָט געמאָלדן דאָוויד האָפשטיין. זייַן אין די „פאָרנטיקע רייען“ האָט געהייסן ניט בלויז מיטגיין, נאָר אויך מיטקעמפן, פארוואנדלען דאָס דיכטערישע וואָרט אין א שלאכט־געווער, וואָס זאָל פון טאָג צו טאָג דינען דעם קאמף פאר דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע. דעמלט איז עס געבוירן געוואָרן די צייַטונגס־ליד, די ערשטע, די אורשפרינגלעכע, קאָן מען זאָגן, פאָרם פון דער ייִדישער סאָוועטישער דיכטונג. עס האָט א סאך צו זאָגן דער פאקט, וואָס ד. האָפשטיינס לידער האָבן אין די יאָרן פון בירגערקריג ניט זעלטן געדרוקט זיך אין די פעריאָדישע אויסגאבן פון דער רויטער ארמיי. אזוי איז עס געווען אויך מיט אייניקע לידער פון אָשער שווארצמאן, לייב קוויטקאָ, פערעץ מארקיש. די צייַטונגס־ליד האָט ניט בלויז געטראָגן דעם רוף צו קאמף, — זי איז אליין שוין געווען א טייל פון אָט דעם קאמף, זי האָט אייַנגעזאפט אין זיך דעם מעכטיקן ווילן פון די אָקאָרשט באפרייַטע מאסן, וועלכע האָבן דערפילט, אז זיי מוזן און קענען א קערעווע טאָן דעם גאנג פון דער געשיכטע.

בלעטערנדיק די צייַטונגען פון די בירגערקריג־יאָרן, זעען מיר, וויפל אָרט מע פלעגט דאָ אָפּגעבן דער יונג־אופשטייַגנדיקער סאָוועטישער דיכטונג, ווי גרויס ס׳איז געווען דער גלויבן, אז די יונגע סאָוועטישע דיכטער וועלן מיט ווירדע טראָגן ווייַטער די פאָן פון דער רעוואָליוציאָנערער פאָעזיע. און מע קאָן מיט פולער זיכערקייַט זאָגן, אז די דיכטער האָבן אָט דעם גלויבן בארעכטיקט. זיי האָבן ריכטיק אָפּגעשאצט, וווהין עס פירט דער וועג, וואָס זיי האָבן באטראָטן. זיי האָבן פארשטאנען, אז דערבייַ איז אומפארמייַדלעך צו קומען אין א הארבן צוזאמענשטויס מיט א סאך אלטע ליטערארישע געוווינהייַטן, עס וועט אויסקומען אייַנרייַסן מיט א סאך פארעלטערטע באגריפן, וואָס האָבן געהערשט אין דער ייִדישער ליטעראטור אין מעשעך פון לאנגע יאָרן. נאָר די יונגע סאָוועטישע דיכטער האָט עס ניט אָפּגעשראָקן. מיט גרויס אנטשלאָסנקייַט האָבן זיי אָפּגעוואָרפן אלץ, וואָס האָט געשטערט ארויסצוגיין אפן נייַעם וועג, זיי האָבן באקעמפט אלץ, וואָס איז געווען פייַנטלעך דעם גייַסט פון דער אָקאָרשט אנטשטייענדיקער סאָוועטישער ליטעראטור...

מערקווירדיק איז, וואָס דאָס געזאנג וועגן מי קומט אוף בא די דאָזיקע דיכטער אין די יאָרן פון בירגערקריג, אין דער צייַט, ווען עס האָט, דוכט זיך, ווייניקער פאר אלץ געקאָנט זייַן א רייד וועגן פרידלעכער בויונג. אָבער דאָס געזאנג וועגן מי ליגט אין דער נאטור פון סאָוועטישער דיכטונג, און די דאָזיקע נאטור האָט זיך אנטפלעקט שוין אין יענע יאָרן, ווען דאָס סאָוועטישע פאָלק איז נאָך געשטאנען אינמיטן שלאכט.

...אין יאָר 1947 האָט א. קושניראָוו, אומקוקנדיק זיך אף דער פארגאנגענהייַט פון דער ייִדישער סאָוועטישער דיכטונג, געשריבן:

ווער וואָלט געגלייבט, אז מיר — די ייִנגלעך יענע,
די יונגע צווייַגעלעך פון פראָסטן שטאם,
אז מירן ניט נאָר וואגן, נאָר אויך קענען
א וואָרט א נייַס זיך אויסקאָווען אין פלאם.

זוכן אזא „וואָרט א נייַס“ האָבן די ייִדישע סאָוועטישע דיכטער אָנגעהויבן נאָך גאָר אין די ערשטע יאָרן פון דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע. די רוף־ליד איז געווען די ערשטע דערגרייכונג, מיט וועלכער עס האָט געקאָנט שטאָלצירן די ייִדישע סאָוועטישע דיכטונג. די רוף־ליד האָט איידעס געזאָגט, אז עס פארשטארקט זיך פון טאָג צו טאָג דער לעבעדיקער קאָנטאקט צווישן דעם דיכטער און די באפרייַטע פאָלקסמאסן, עס פארפעסטיקט זיך זייַן צובונד צו דעם „גרויסן הייַנט“ (ל. קוויטקאָ), עס ווערט רייַפער זייַן פארשטענדעניש פאר די גרויסע היסטאָרישע אופגאבעס, וועלכע די אָקטיאבער־רעוואָליוציע האָט געשטעלט פאר דער סאָוועטישער ליטעראטור.

אַף די וועגן צו נײַער פּראָזע

די געשיכטע פון דער ייִדישער נאָכאָקטיאבערדיקער סאָוועטישער ליטעראטור איז א געשיכטע פון ענערגישער סטיל־איבערוואָפּענונג, וואָס דער גרונט־שטריך אירער איז אָפּשטויסן זיך פון אלטן, שרײַבן ניט אזוי און ניט דאָס, וואָס מע האָט אמאָל געשריבן.

בערגעלסאָן (פּריִער, טיילוויַיז, נאָמבערג, אש) איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט מיט דערפּאָלג געבונטעוועט קעגן די אלטע דאלעדאמעס פון דער ייִדישער עטנאָגראפיש־סוזשעטישער באגרענעצטקײַט. ער האָט געשאפן דעם מאָדערנעם, אין אייראָפּעיִשן זין, פּסיכאָלאָגיש־אימפּרעסיאָניסטישן ראָמאן פונעם יאָכיד...

...דער רוף צו פאבולדיקער קאָנקרעטקײַט האָט אַף דער שפּראך פון ליטערארישע זשאנרען פאקטיש באטײַט א רוף צו דער פּראָזע. ניט די ליריק, נאָר די פּראָזע איז אימשטאנד נאָכצוגיין נאָך אָט דעם רוף צו פאבולדיקײַט. די ליריק איז זעלטן פאבולדיק (האגאם זי איז שטענדיק טעמאטיש). די פּראָזע איז שטענדיק פאבולדיק, דאָס הייסט זי וויקלט שטענדיק פאנאנדער באשטימטע געשעענישן, א באשטימטע „מײַסע“.

וואָס וויניקער לידער, וואָס מער פּראָזע — דאָס איז טאקע געווען גלײַכצײַטיק די פּאָדערונג פונעם אופּגעוואכטן סאָוועטישן מאסן־לייענער.

נאָך דער לײַכטער קאוואלעריע פונעם „אומבאשטימט־מוזיקאלישן ליריזם“ קומט די צײַט פאר די שווערע קאָלאָנעס פון דער ליטערארישער פּעכאָטע — די פּראָזע. יעדערער, ווער עס איז באקאנט מיט דער געשיכטע פון דער רוסישער פּראָזע, אשטייגער, ווייסט, אז דאָס זעלביקע האָט איבערגעלעבט די רוסישע ליטעראטור, און אזוי ווי אין דער רוסישער ליטעראטור, אזוי איז אויך, און נאָך אין א גרעסערער מאָס, אין דער ייִדישער נאָכאָקטיאבערדיקער ליטעראטור דער אריבערגאנג צו פּראַזע געווען ניט קיין גראָד־מעכאנישער, נאָר א דיִאלעקטישער.

די ייִדישע נאָכאָקטיאבערדיקע ליטעראטור איז געגאנגען צו דער פּראָזע, צום קאָנקרעט דורך דער העראָיִשער און שטייגערישער פּאָעמע און דורך אן אייגנארטיקער, „געשטופּלטער“ „פּאָעזיע אין פּראָזע“.

כאריק און פעפער האָבן אמניסטירט די קאָנקרעטע איצטיקײַט אין דער ייִדישער ליטעראטור. אָנשטאָט דעם „אוניווערסאלן“ מענטשן פון דער ליריק, איז געקומען דער קאָנקרעט־ערדישער פּעפּערישער יאט. אָנשטאָט דער צעפלאָסענער „פילאָסאָפיע“ פון „פרייד און טרויער“, איז געקומען די קאָנקרעטע פרייד און טרויער פון „ברויט“, פון „מינסקער בלאָטעס“.

פּאָרמעל־טעכניש האָט עס געבראכט אָט צו וואָס:

די זעלבסטהערשאפט פון דער לירישער זינגעוודיקײַט לעשעם זינגעוודיקײַט (ווי אויך פון דער רעטאָריק), די מעמשאָלע פונעם ריטמיש־סינטאקסישן גאנג איז באַדײַטנדיק באגרענעצט געוואָרן דורך דער נײַער, פּראָזאיִשער, ג ע ש פּ ר ע כ ל ע כ ע ר אינטאָנאציע, דורכן דיִאלאָג, דורך „פּראָסטע רייד“, וועלכע האָבן „פּראָזאיִרט“ (שעפעריש, קינסטלעריש פּראָזאיִרט) די פּאָעזיע און דערפירט זי צום ראנד פון פּראָזע.

סײַ כאריק, סײַ פעפער האָבן אזוי שטײַף פארפאבוליזירט זייער דיכטערישן פּערז, אז אפילע די ראמען פון א גרויסער פּאָעמע וועלן אינגיכן ווערן ענג פאר זייער מאטעריאל, און ס'איז גאנץ מעגלעך (ווי עס האָט זיך שוין ניט איין מאָל געטראָפן, נו, לעמאָשל, מיט קושניראָוון), אז זיי וועלן אריבער צו פּראָזע אָדער צו דראמע.

פון דער צווייטער זײַט אָבער, איז דער קויעך פון דער לירישער טראדיציע פארבליבן אזוי שטארק, אז די ערשטע בעסערע ווערק פון דער נאָכאָקטיאבערדיקער ייִדישער פּראָזע האָבן זיך ניט געקאָנט באפרײַען פון די לירישע שפּרענקעלעך. דער לירישער כאָאָס פון קאָמפּאָזיציע, די באגרענעצטקײַט פון דער פאבול, דער ניט־לעבעדיקער ריטמיש־סינטאקסישער גאנג, אָנשטאָט דער לעבעדיקער דיִאלאָגישער אינטאָנאציע, דער איבערפלוס פון באשרײַבערישע (גיכער באפּוצערישע) סטאטישע מאָטיוון, אָנשטאָט דינאמישער פאבולדיקער האנדלונג — דאָס אלץ איז געווען דער צינז, וואָס די יונגע נאָכאָקטיאבערדיקע ייִדישע (און ניט נאָר ייִדישע) פּראָזע האָט געצאָלט די ערשטע יאָרן דער אלטער דינאסטיע פון ליריק און דער אייגענער אידייאָ־פּסיכאָלאָגישער פארנעפּלטקײַט.

קושניראָווס „קינדער פון איין פאָלק“ און פיניבערגס „גאלאָפּ“ איז דער בוילעטסטער עטאפּ אין אָט דער „גרויסער איבערוואנדערונג“ פון ליריקער אין דער פּראַזע. מייעראָוויטשעס „אין א צײַט אזא“, גאָדינערס „טאָג אנטקעגן“ און אנד. גייען אונטער דעם זעלביקן פּאָרמעלן צייכן פון לירישער פּראָזע.

דער ערשטער דורכרײַס צו דער נאָכאָקטיאבערדיקער פּראָזע איז געמאכט געוואָרן. און אויב אָט די פּראָזע קומט א ליריש־מעטושטעשע, איז עס אַף אזויפיל, אַף וויפל אומבאשטימט־מעטושטעש עס איז נאָך איר נײַער סאָוועטישער וועלט־באנעם. אויך דאָ גילט דער אלטער געזעץ, אז געבורט־פלעקן פון דעם „אינהאלט“ בלײַבן אויך אין דער פאָרם.

עס בײַט זיך גאנץ ראדיקאל אין פארגלײַך מיט דער אלטער ייִדישער ליטעראטור די פּערסאָנאזשן־גאלעריי פון דער ייִדישער פּראָזע. פּרינציפּיִעל בײַט זי זיך, מאכמעס א פּרינציפּיִעל־נײַע סאָציִאלע קויכעס־פארהעלטעניש כאראקטעריזירט איצט די ייִדישע סוויווע און דעם סאָוועטישן שרײַבער. דער פינאגענט, דער טשעקיסט, דער סאָוועטיזירטער האָרעפּאשניק, דער ארבפּאקאָוועץ, דער קאָמוניסט, דער סאָוועטישער לערער, דער נעפּמאן — דאָס זײַנען אלץ נײַע פּענעמער אין דער ייִדישער ליטעראטור.

דער פּרינציפּיִעל־נײַער באשטאנד פון דער פּערסאָנאזשן־גאלעריי אין דער ייִדישער פּראָזע — דאָס איז א גרויסע דעראָבערונג פון דער סאָוועטישער שטייגער־פּראָזע. פּערסאָוו, טײַטש, יאָפּע, קאהאן, אָרלאנד, אבטשוק, קיפּניס, אלבערטאָן און פיל אנדערע האָבן אפן דאָזיקן געביט פרוכטבאר געשאפן.

אָבער די שטייגער־פּראָזע, אַף וויפל זי פילט ניט אַף זיך דעם קאָנטראָל פון א גרויסן היסטאָרישן סינטעז, שטייט זי אָפּט פאר דער געפאר ארײַנצופאלן אין די אָרעמס פון קליינלעכן טאָגטעגלעכן פאקט, פון אן אייגנארטיקן, קורצזיכטיקן ליטערארישן עמפּיריזם.

דערפאַר טאַקע איז אין דער יִידישער סאָוועטישער ליטעראַטור די לעצטע צײַט אַזוי רײַך געוואָרן (ווי אין דער רוסישער ליטעראַטור) דער דראַנג נאָכן „לעבעדיקן מענטשן“, נאָך דער סינטעזירטער לעבן־דערפאַרונג, נאָך דעם גרויסן סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישן ראָמאַן.

די יונגע יִידישע סאָוועטישע פּראָזע דראַפּעט זיך, צוזאַמען מיט די בעסטע קויכעס פון אונדזער פאַרבאַנדישער פּראָזע, צום פּראָלעטאַרישן סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישן ראָמאַן.

דער וועג איז אומגעהײַער שווער און פאַראַנטוואָרטלעך. דער וועג איז פולשטענדיק אַ נײַער — אַ פּרינציפּיעל־נײַער אין דער יִידישער ליטעראַטור.

דער וועג פּאָדערט אַ גרויסע אָנלאָדונג פון קולטור ביכלאַל און שרײַבער־קולטור ביפּראַט.

מ ײ ע ר װ י נ ע ר

ליריק און סאָציאַליזם

וועגן דער פּאָליטישער דיכטונג

אין דער סאָוועטישער דיכטונג זײַנען אויפגעקומען און האָבן זיך אַנטוויקלט אַ ריי זשאַנרען, וואָס זײַנען פריִער אין דער יִידישער פּאָעזיע אָדער ביכלאַל אָדער קימאַט ניט געווען. אַזוי, לעמאָשל, די עפּישע פּאָעזיע, די קינדער־ליטעראַטור, די פּאָליטישע סאַטירע, די פּאָליטישע ליד ביכלאַל. דער אויפקום און די אַנטוויקלונג פון די דאָזיקע זשאַנרען זײַנען ענג פאַרבונדן מיטן וועזן פון דער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור.

אין דער ערשטער ריי באַציט זיך דאָס אפן זשאַנער פון דער פּאָליטישער ליד.

געוויס איז דאָס שאַפן פון די אַמעריקאַנישע אַרבעטער־דיכטער אין די 80־ער און 90־ער יאָרן געווען דורכגעדרונגען מיט רעוואָלוציאָנערע פּאָליטישע עלעמענטן. און אויב ריידן וועגן רעאַגירן אַף אַקטועלע פּאָליטישע געשעענישן, טרעפן מיר אַזוינס צומאָל אויך אינעם רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער־פאָלקלאָר פון אַרום 1905. אָבער די פּאָליטישע ליד אינעם פ ו ל ן באַטײַט פונעם וואָרט, ווו דער דיכטער רופט זיך הייס אָפּ אַף די פרישצאַפּלדיקע אַקטועלע געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע געשעענישן, ווו ער נעמט אין זיי אַ דירעקטן אָנטייל אַלס טריבון און קעמפער פאַר די פאָרשריטלעכסטע אידעאַלן פון דער געזעלשאַפט — אַזוינס איז פריִער נאָך קיינמאָל ניט געווען. דאָס איז אַ כאַראַקטעריסטיש נײַס אין דער סאָוועטישער יִידישער דיכטונג.

שוין אין די ערשטע בלעטלעך פון איר געשיכטע געפינען מיר אַזאַ אויסערגעוויינלעך שטאַרקן רוף צום קאַמף קעגן דעם פײַנט פון דער רעוואָלוציע, ווי אַשער שוואַרצמאַנס „דער סוינע באַ די טויערן“:

די שוואַרצע מוטער־נאַכט
צעריסן ווערט פון וויי:
— דער סוינע באַ די טויערן!

פון טיף פון האַרץ
זיך רײַסט אַ ווילד געשריי:
— דער סוינע באַ די טויערן!

אַפּגיך צום פערד,
די הענט שטאָל אָן,
ס'איז איצט די שווערד,
די שפּיז — אַ פאָן —
דער סוינע באַ די טויערן!

דער דראָענדיקער לײַדנשאַפטלעכער אויפרוף רודערט אויף ביז טיף אין האַרצן. אין די דאָזיקע דרײַ סטראָפעס איז פאַראַן אומיטלבאַרע עמאָציע, בלוטיקע האַרצלעכקײַט און ליבע און זאָרג. דערבײַ אָבער זײַנען די ווערטער לאַפּידאַריש, מענלעך־שטרענג — ווי אַ זאַמלענדיקער טראָמפּייטן־סיגנאַל. די לעצטע ליד פונעם רויטאַרמייער אַשער שוואַרצמאַן פאַר זײַן העלדישן אומקום אינעם קאַמף קעגן דעם פײַנט פון דער רעוואָלוציע איז געווענדט צום פאָלק אַף עס צו מאָביליזירן.

דער טאָן, דער נוסעך, די פאַרבן, די בילדער פון שוואַרצמאַנס רעוואָלוציאָנערע לידער האָבן זיך טיף פאַרוואָרצלט אין דער סאָוועטישער דיכטונג. זיי זײַנען געוואָרן אַ שטיק טראַדיציע.

ס'איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז אין פּעריאָדן, ווען עס קומען פאָר גוואַלדיקע איבערקערענישן און נײַסן אין דער געשיכטע פון דער מענטשהײַט, אַז אין אַזעלכע פּעריאָדן בילדעט זיך אויס אינעם באַוווסטזײַן פון די מענטשן אַ שאַרף געפיל פאַר דער גרויסקײַט און דערהויבנקײַט פונעם היסטאָרישן מאָמענט. די געדיכטע זעלישע אָנגעלאָדנקײַט און געשפּאַנטקײַט איז דער באָדן אויך פונעם דערהויבענעם פּאַטאָס אינעם דיכטערישן אויסדרוק.

עכטער פּאַטאָס איז פרעמד און ווידערשפּרעכיק צום בורזשואַזן לעבן. דאָס בורזשואַזע לעבן האָט געפּרוּווט דיסקרעדיטירן דעם פּאַטאָס, יעדן פּאַטעטישן אויסדרוק, פּונקט אַזוי ווי עס האָט געטאָן אַלץ, קעדיי צו פאַרומווירדיקן אַלע דערהויבענע און איידעלע געפיל־דערשײַנונגען און געפיל־באַוועגונגען. דער ציניזם פון דער עקספּלואַטאַטאָרישער געזעלשאַפט האָט כויזעק געמאַכט פון פּאַטאָס. אינעם בורזשואַזן באַוווסטזײַן איז פּאַטאָס געוואָרן אַ זידלוואָרט, ווײַל דער פּאַטאָס פון דער בורזשואַזיע איז טאַקע פאַלש — און קאָמיש.

אָבער דער פּאַטאָס פון די הימנען־זינגער באַ די אַנטיקע גריכן, באַ די אַנטיקע יִידן איז געווען עכט און גרויס. סע כאַפּט אונדז נאָך הײַנט אָן באַם האַרצן און רירט טיף אָן דאָס געמיט. און אפילע דער פּאַטאָס אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפט פון יענער יוגנט־צײַט אירער, ווען זי איז געווען פאָרשריטלעך און ווען די בעסטע מענטשן האָבן נאָך געהאַט גרעסערע אָדער קלענערע אילוזיעס וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט — אפילע דער דאָזיקער פּאַטאָס האָט פאַרמאָגט עכטע טענער (מילטאָן, קלאָפּשטאָק, שילער, העלדערלינג, בעטהאָווען אאַוו.). פּאַטאָס הייסט, אייגנטלעך, באַגײַסטערונג, דער אויסדרוק פון באַגײַסטערונג אין אומיטלבאַרער פאָרם.

עכטער פּאַטאָס איז פונעם פאַלשן אַזוי ווײַט, ווי עכטע טיפע געפילן פון פאַלשע, סענטימענטאַלישע. די סאָווע־

טישע דיכטונג איז שטאָלץ אף איר פּאַטאָס, ווײַל ער דריקט אויס עכטע געפילן פון באַגײַסטערונג.

אונדזער סאָוועטישע דיכטונג איז גאַנץ אָפט הימניש. זי האָט ניט קיין מוירע פאַר געהויבענע פײַערלעכע ווערטער, ווײַל זיי אַנטשפּרעכן צום הויכן מאָמענט פון דער געשיכטע, ווײַל די דאָזיקע ווערטער זײַנען אָנגעפילט מיטווירקלעכן אינהאַלט — סײַ פונעם געזעלשאַפטלעכן, סײַ פונעם פּערזענלעכן לעבן. דעריבער אויך זײַנען אונדזערע בעסטע פּאָליטישע לידער, וואָס ברענגען צום אויסדרוק די געפילן פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, — גלײַכצײַטיק דורכגעדרונגען מיט טיף־פּערזענלעכע געפילן, שטימונגען און בילדער.

אין דער פּאָליטישער ליד דאָמינירט דער מאָטיוו: ליבע צום פאָטערלאַנד, ליבע צום סאָציאַליסטישן פאָלק. דער באַגריף „ליבע“ ביכלאַל האָט באַקומען אַ טיפן פּאָן, דעם ברייטסטן זין און אינהאַלט — דורך דער ליבע צום פאָטערלאַנד. אַזויאַרום איז אויך דער באַגריף פון אינדיווידועלער ליבע פאַרטיפט געוואָרן.

די צוגעבונדנקייט פון מענטש צו מענטש באַקומט אַ נײַעם כאַראַקטער דורך דער באַציִונג פונעם מענטש צו דער געזעלשאַפט. דער מענטש ווערט באַפרײַט פון די אינדיווידואַליסטישע פּענטעס און ווערט מענטשלעכער, ווײַל אינעם סאָציאַליסטישן הומאַניזם איז דאָס אַנטשיידנדיקע די געזעלשאַפטלעכקײַט. דעריבער אויך ווערט די גרענעץ צווישן דעם „ריין“־לירישן און דעם אידייִשן אין אונדזער בעסטער דיכטונג אַלץ מער און מער אָפּגעמעקט.

די סאָציאַליסטישע פאַרהעלטענישן אין אונדזער לאַנד שטעלן אויף דעם אײַנקלאַנג צווישן מענטש און נאַטור, צווישן דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן און דער נאַטור, ווײַל זיי ברענגען אויך דעם ריכטיקן זין אין דער באַציִונג פונעם מענטשן צו דער נאַטור. דעריבער ווערט מעגלעך אָפּצושאַפן דעם ווידערשפּרוך, לעמאָשל, צווישן די נאַטור־מאָטיוון אין אַ ליד — און אירע אידייִש־פּאָליטישע מאָטיוון.

„פּערזענלעכע ליריק“

ס׳איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אונדזער ייִדישער סאָוועטישער פּאָעזיע, אַז וואָס ווײַטער, פאַרשווינדט אַלץ מער און מער אין אירע בעסטע שאַפונגען דער אַמאָליקער צווישנשייד צווישן די אינדיווידועלע געמיט־צושטאַנדן און די געזעלשאַפטלעכע עמאָציעס. ס׳באַווײַזן זיך אַלץ אָפטער אַזעלכע דיכטערישע ווערק, וווּ דאָס פּערזענלעכע גיסט זיך צונויף מיטן געזעלשאַפטלעכן אין אַן אײנהײַט פון „לאַנד און ליבשאַפט“ — דאָ הייבט זיך אָן אויספאָרמירן און צו פאַרווירקלעכן איינער פון יענע וויכטיקסטע שטריכן, וואָס גיבן דער דיכטונג אַ היסטאָריש נײַעם כאַראַקטער — דעם כאַראַקטער פון סאָציאַליסטישער פּאָעזיע.

דער דאָזיקער שטריך הייבט זיך אָן אַלץ אָפטער צו באַווײַזן אויך אין טיפּיש לירישע לידער, וווּ די אינדיווידועלע געפילן און איבערלעבונגען זײַנען דורך טיף־פאַרבאָרגענע און אָפענע פעדעם אָרגאַניש פאַרבונדן מיטן סאָציאַליסטישן לעבן.

דערמיט זײַנען ניט געמיינט יענע אויבערפלעכלעכע לידער, וווּ דאָס געזעלשאַפטלעכע איז געווען מעכאַניש און בעקיוונדיק צוגעקלעפּט צום פּערזענלעכן; אין דער ליריק זעט אַזאַ צונויפשפּאַנען נאָך ערגער אויס, איידער ווי אין יעדן אַנדערן זשאַנער. איך מיין יענע, דערווײַל נאָך איינצלנע, אָבער אַלץ אָפטער אויפקומענדיקע עכטע לירישע לידער און סטראָפן, אין וועלכע דאָס פּערזענלעכע איז טיף אינווייניק דורכגעדרונגען מיטן געזעלשאַפטלעכן, טיף אינווייניק, אַזוי צו זאָגן, — שוין אין דער סטרוקטור פון די אַטאָמען גופא, פון וועלכע ס׳שטעלט זיך צונויף אַ געפיל און זײַן אויסדרוק אין דער ליד.

מיט „ליריק“ מיינען מיר דאָ דעם אייגנטלעכסטן, ענגסטן באַטײַט פון דער דאָזיקער זשאַנער־באַצייכענונג. מיר מיינען דאָ דאָס געביט פון דיכטונג, וווּ ס׳קומען צום אויסדרוק די אינטימע, צאַרטע געפילן, וועגן וועלכע סע הייסט, אַז בײַ אַ טיף־פילנדיקן, ציכטיקן מענטש קאָן זיך דאָס האַרץ נאָר מיט ציטערניש דערוועגן זיי אָנצופאַרטרויען דער אייגענער צונג און זיי צו לאָזן הערן אַן אַנדערן מענטשן. די געפילן פון ליבע צו פרוי, צו קינד, צו פרײַנט. עלעגישע אָדער פריידיק־אויפגערעגטע שטימונגען, וואָס מע קאָן זיי קוים אָנטאַפּן און אָנרופן מיט נעמען. געמיט־צושטאַנדן פון פּאַטעטישער דערהויבנקײַט, פון באַגײַסטערונג, פון שפּילעוודיקער פאַנטאַזיע און טרוימערײַ. געפילמעסיקע באַטראַכטונגען וועגן לעבן און טויט, וועגן וועלט און נאַטור, וועגן מענטש און געזעלשאַפט, וועגן גליק און טראַגישע גורלאָלעס. קורץ: דער אויסדרוק פון געמיט־צושטאַנדן און קימאַט זינלעכע רעפלעקסיעס, וואָס זײַנען ווײַט ניט ביז צום סאָף פאַרבאַוווּסטזיניקט.

און אַפילו גראָד אין דעם דאָזיקן אייגנטלעכן לירישן זשאַנער באַווײַזן זיך אין אונדזער סאָוועטישער ליטעראַטור אַלץ מער און מער אַזעלכע שאַפונגען, וואָס האָבן אַלס טיפּסטע פאָרבאַדינגונג אונדזער סאָציאַליסטיש לעבן, דעם העראָיִשן קאַמף פונעם סאָוועטישן פאָלק פאַרן גליק פון דער גאַנצער אַרבעטנדיקער מענטשהײַט, אַזעלכע לידער, וואָס זײַנען דורכגעדרונגען מיטן אָטעם פון דער סאָציאַליסטישער ווירקלעכקײַט, מיט אירע בילדער און באַגריפן אַלס אָרגאַניש אומיטלבאַרע נאַטירלעכע באַשטאַנדטיילן פונעם ווערק. דאָס איז עס, וואָס מיר וואָלטן דאָ געוואָלט אונטערשטרײַכן.

עס פאַרשטייט זיך אַליין, אַז די דירעקטע פּאָליטישע ליד פון אונדזערע דיכטער: אַקסעלראָד, האַלקין, האָפשטיין, מאַרקיש, פינינבערג, פעפער, קוויטקאָ, קושניראָוו, ראָסין, רעזניק, הארצמאַן, הובערמאַן אאַ. וועגן אונדזער פאָטערלאַנד, וועגן אונדזער פאָלק, וואָס שאַפט אין פאַבריקן און אף פעלדער, אין שאַכטעס און אף בויונגען, וועגן אונדזערע העלדן אף דער ערד, אפן יאַם און אין דער הייך אונטערן הימל, — עס פאַרשטייט זיך אַליין, אַז אַזעלכע לידער זײַנען דורכגעדרונגען פון דער פּאָליטישער אידיי, ווײַל דאָס איז דאָך זייער אייגנטלעכער דירעקטער אינהאַלט.

יעכעזקל דאָבּרושין

דער שרײַבער און דער לייענער

קיינמאָל און אין ערגעץ איז ניט געווען אזא אייניקײַט, אזא ענגער און אָרגאנישער צוזאמענבונד צווישן דעם שרײַבער און דעם לייענער, ווי אין אונדזער סאָוועטישער טקופע. קיינמאָל און אין ערגעץ האָט די ליטעראטור ניט אָפּגעשפּיגלט אזוי אומיטלבאר דאָס לעבן, די אינטערעסן און פאָדערונגען פון די גרויסע מאסן לייענער, ווי די סאָוועטישע ליטעראטור, די ליטעראטור פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאפט.

די בורזשואזע ליטעראטור איז אין טאָך בארופן צו אײַנשמועסן דעם יאָכיד, אז ניט די אינטערעסן, ניט, די געדאנקען פונעם קלאל זײַנען בעיעכוילעס אנטשפּרעכן די יעכידישע מאטעריעלע און גײַסטיקע פאָדערונגען און איבערלעבונגען. די דיסהארמאָניע און דער אנטאגאָניזם צווישן דער אינדיווידואליטעט און קאָלעקטיוו ליגן, קלוימערשט, אין דער טעווע פון מענטשלעכער שאפונג, די טראגישקײַט פונעם דאָזיקן אײַנרײַס מאכט, קלוימערשט, רײַכער און שענער די שעפערישע אינדיווידואליטעט, וואָס דארף דעריבער זײַן וואָס מער אָפּגעטיילט פונעם קאָלעקטיוו, הערשן איבער אים און זײַנע אינטערעסן.

אף אזא אויפן האָט דער בורזשואזער שרײַבער אליין געזאָלט זײַן איזאָלירט פונעם לייענער, און דער לייענער האָט באדארפט לייענען דעם שרײַבער, ביכדיי צו איבערצײַגן זיך אין זײַן אייגענער עלנטקײַט, אין זײַן איזאָלירטקײַט פונעם שרײַבערס שאפונגס־וועלט...

די עכטע עמעסע אייניקײַט פונעם לייענער מיטן שרײַבער קומט פאָר אין דער סאָציאַליסטישער ליטעראטור, וואָס שעפּט איר יעניקע פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאפט, זי ווערט באפרוכפּערט פון איר יעדן גאנג און טראָט פאָרויס, פון אלע אירע פאָרויספירנדיקע וועגן און וועגדונגען. דער סאָוועטישער שרײַבער, קאָן מען זאָגן, לעבט זיך אויס אינעם לייענער און דער לייענער לעבט זיך אויס אינעם שרײַבער. ווי לופט און אָטעם, געהערן זיי איינער דעם אנדערן. אונדזער לייענער מאָנט, מע זאָל וועגן אים שרײַבן, וועגן זײַן ארבעט און לעבן. אָפּגעשפּיגלט אין דער ליטעראטור, דערזעט ער נאָך מערער זײַן פאריינִיקטקײַט מיטן גאנצן גרויסן סאָוועטישן קאָלעקטיוו, מיט וועמענס אינטערעסן און אידייען ער לעבט.

אונדזער קינסטלערישע ליטעראטור איז שטארק מיט איר לעבעדיקן עמעס, ניט אומזיסט פלעכט זי זיך איבער אזוי אָפּט מיט דער פארצייכענונג, מיט דער כראָניק אפילע. די קינסטלערישע ליטעראטור איז בא אונדז מערער ווי אין אלע טקופעס פארבונדן מיט דער געשיכטע פון דער געזעלשאפט, דערפאר איז דאָ טײַער און וויכטיק דאָס וואָרט פון דער געזעלשאפט, דאָס וואָרט פונעם לייענער, קעגן וועלכן דער שרײַבער זינדיקט, אויב ער פעלשט אינעם לעבעדיקן לעבן, אויב ער דערלויבט זיך פארעפנטלעכן ווערק ניט פארפולקומטע, ניט דעראַרבעטע, ניט אויסגעטראָגענע ביזן סאָף. אזוינס טאָר ניט געשען און וועט ניט געשען דאָרט, ווו די ליטעראטור איז פּאָליטיש און מאָראליש פאראנטוואָרטלעך פארן לייענער און דער לייענער נעמט אף זיך די פאראנטוואָרטלעכקײַט פאר דער ליטעראטור.

די געזעלשאפט, די סאָוועטישע פּרעסע וועט אוודע נעמען אף זיך געפינען נײַע וועגן און פאָרמען פאר דער נײַער באגעגעניש פונעם לייענער מיטן שרײַבער. די דאָזיקע וועגן און פאָרמען זײַנען ניט אזוינע גרינגע און ס'איז ניט אזוי פּראָסט, ווי ס'רעדט זיך.

וועגן דעם האָט נאָך אמאָל גאָרקי באמערקט, שרײַבנדיק וועגן דער סאָוועטישער ליטעראטור:

„אזא פעסטע אומיטלבארע אייניקײַט פונעם לייענער מיטן שרײַבער איז אין ערגעץ קיינמאָל ניט געווען. אין דעם ליגט די שוועריקײַט, וועלכע מיר דארפן באזיגן, אָבער אין דעם ליגט אונדזער גליק, וועלכן מיר האָבן נאָך ניט געלערנט אָפּצושאצן“.

אַרן גורשטײַן

צו דער פראגע וועגן דער נאַציאָנאלער קינסטלערישער פאָרם

...די נאַציאָנאלע פאָרם ביכלאל, פונקט ווי די ליטעראַרישע נאַציאָנאלע פאָרם ביפראט, איז א קאטעגאָריע א היסטאָרישע, א קאטעגאָריע, וואָס ענדערט זיך. זי ענדערט זיך אין צוזאמענהאנג מיט די ענדערונגען, וועלכע קומען פאָר אינעם לעבן פון דער געזעלשאפט און, בעמיילע, אינעם אינהאלט פון דער נאַציאָנאלער קולטור און ליטעראטור.

בלויז א באגרענעצטער און רעאקציאָנערער נאַציאָנאַליסט זעט אײַן דאָס נאַציאָנאלע אינעם אויסגאנגס־פּונקט, אינעם אָנפאנג־מאָמענט פון דער נאַציאָנאלער אנטוויקלונג. דאָס עכט נאַציאָנאלע איז שטענדיק א ר ע ז ו ל ט א ט פון א גרויסער און דויערנדיקער היסטאָרישער אנטוויקלונג, ווו די אינטערנאַציאָנאלע אופווירקונגען שפּילן א קאָלאָסאלע ראָליע. שוין אין די אנטיקע ליטעראטורן זעען מיר שפּורן פון קעגנזײַטיקער ווירקונג צווישן פארשיידענע ליטעראטורן, וואָס איז געווען א רעזולטאט פונעם צווישנפעלקערלעכן פארקער. אין טאָך גענומען, דינט די קעגנזײַטיקע ווירקונג צווישן די קולטורן פון פארשיידענע פעלקער אין א געוויסער מאָס אלס פאָרהאנאָכע פאר דער דיפערענציאַציע פון די קולטורן פון באזונדערע פעלקער. די נײַסטע אייראָפּעיִשע קולטורן און ליטעראטורן זײַנען אופגעקומען אין רעזולטאט פון

קאָמפּליצירטע קעגנזײַטיקע ווירקונגען פון די קולטורעלע פעלקער. דער רענעסאנס, די האסקאָלע זײַנען קולטור־דערשײַנונגען, וועלכע זײַנען ניט באגרענעצט געווען מיט איין לאנד אָדער מיט איין פאָלק — דאָס זײַנען אַלגעמיין־אייראָפּעיִשע דערשײַנונגען. די „געטלעכע קאָמעדיע" פון דעם איטאַליענער דאנטע איז אַן ענציקלאָפּעדיע פונעם גאנצן מיטלאלטער, פּונקט ווי געטעס „פאוסט" איז ניט בלויז א ווערק פון דער דײַטשישער קולטור: דאָס איז א סאכאקל פון די לאנגע שעפערישע זוכונגען און באַמיִונגען פונעם מענטשנס גײַסט, ווי ער אנטפּלעקט זיך בא די פארשיידנארטיקסטע פעלקער.

דער קאפּיטאליזם האָט זייער פארגיכערט און פארשטארקט דעם פּראָצעס פון קעגנזײַטיקער ווירקונג אין די קולטורן און ליטעראטורן פון פארשיידענע פעלקער. דורכפירנדיק א פּאראלעל צווישן דעם קאפּיטאליזם און דער פעאָדאלער פאָרמאציע, וואָס האָט עקזיסטירט ביז אים, האָבן מארקס און ענגעלס געשריבן אינעם „מאניפעסט פון דער קאָמוניסטישער פּארטיי": „אָנשטאָט דער אלטער אָרטיקער און נאציאָנאלער... אָפּגעשלאָסנקײַט אנטשטייט אַן אַלזײַטיקער פארקער, אַן אַלזײַטיקע אָפּהענגיקײַט פון די פעלקער איינס פון דעם אנדערן. און פּונקט ווי אין דער מאטעריעלער פּראָדוקציע, אזוי איז עס אויך אין דער גײַסטיקער. די גײַסטיקע פּראָדוקטן פון איינצלנע פעלקער ווערן אַן אַלגעמיין פארמעגן. די נאציאָנאלע איינזײַטיקײַט און באגרענעצטקײַט ווערן אַלץ מער און מער אומעגלעך, און פון די פיל נאציאָנאלע און אָרטיקע ליטעראטורן בילדעט זיך אויס איין וועלט־ליטעראטור"[1]. הײַנט איז אומעגלעך צו שטודירן אוועלכע־ניט־איז נאציאָנאלע ליטעראטור פון דער נײַער צײַט, אויב מע ווייסט ניט די אלגעמיינע פּראָצעסן אין די וויכטיקסטע אייראָפּעיִשע ליטעראטורן. צווישן די ליטעראטורן פון דער נײַער צײַט קומט פאָר א קעסיידערדיקער אויסטויש פון אידייען און פאָרמען.

דער קולטור־פארקער צווישן די פעלקער איז אָבער אין די באדינגונגען פון דער קאפּיטאליסטישער געזעלשאפט געצווונגען דורכצושלאָגן זיך דורך די מעכיצעס פון נאציאָנאלן אנטאגאָניזם, וואָס ווערט קינסטלעך אונטערגעהאלטן און צעצונדן דורך די רעגירנדיקע עקספּלואטאטאָרישע קלאסן. די קולטור פון דער הערשנדיקער נאציע ווערט איבערגוואלד אָנגעבונדן דער אונטערדריקטער נאציאָנאלער מינדערהײַט. די דאָזיקע באדינגונגען שאפן קאָלאָסאלע שטערונגען פאר די אָרגאנישע און פּרוכטבארע קעגנזײַטיקע ווירקונגען.

אין די סאָציאַליסטישע באדינגונגען פון אונדזער לאנד, ווו עס זײַנען פארשוווּנדן די ווידערשפּרוכן צווישן די פעלקער און ווו דער קולטור־פארקער באזירט זיך אַף דער פרײַנטשאפט און ברידערלעכקײַט צווישן די פעלקער, — פאלן אָפּ אלע, אזוי צו זאָגן, „בײַהויצאָעס" באם קעגנזײַטיקן באהערשן די קולטור־אויצרעס. די באדינגונגען פון אונדזער סאָציאַליסטישער ווירקלעכקײַט ברענגען צו דער אָרגאנישער קעגנזײַטיקער ווירקונג צווישן די נאציאָנאלע ברידערלעכע קולטורן פון די סאָוועטישע פעלקער. דאָס איז א קולטור־פארקער פון גלײַכבארעכטיקטע און פולבארעכטיקטע פעלקער, וועלכע נעמען איבער איינער באם צווייטן די דערפארונג. דאָס איז אַן אָרגאנישער און שעפערישער פארקער, וואָס שיידט זיך פּרינציפּיעל אונטער פונעם כאראקטער פון דעם קולטור־פארקער צווישן די פעלקער אין די פארקריפּלענדיקע באדינגונגען פון דער קאפּיטאליסטישער געזעלשאפט.

די פארשיידנארטיקײַט פון דער נאציאָנאלער פאָרם אין דער איינהײַטלעכער סאָוועטישער ליטעראטור איז צו דערקלערן דערמיט, וואָס די פארשיידענע סאָוועטישע פעלקער האָבן דורכגעמאכט זייער א פארשיידנארטיקן היסטאָרישן וועג. דאָס קאָן מען דײַטלעך זען, לעמאָשל, פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור. די קאָלעקטיוויזאציע־טעמע פארנעמט אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור א היפּש אָרט. ביז דער רעוואָליוציע איז דער שיכט ייִדישע פּויערים געווען א ביז גאָר אומבאַדײַטנדיקער; די נײַע ייִדישע איבערוואנדערער, וועלכע האָבן זיך באזעצט אַף ערד, האָבן געבראכט מיט זיך פון שטאָט און שטעטל, פון זייער סאָציאַלן אָוואר לאכלוטן אנדערע געוווינהײַטן, — און דאָס אלץ האָט אומפארמײַדלעך געמוזט געבוירן אין דער ייִדישער פּויערים־סוויווע ספּעציפישע שטריכן. דער דאָזיקער אייגנארטיקער טיפּ פון א ייִדישן פּויער שיידט זיך אונטער פון די אונדז באקאנטע געשטאלטן פון א רוסישן, אוקראַיִנישן פּויער. און אין דער זעלבער צײַט איז דער סאָציאַלער טאָך זייערער איינער און דער זעלבער, — זיי אלע שטעלן זיך דאָך אלס ציל צו בויען די סאָציאַליסטישע לאנדווירטשאפט און דעם נײַעם פּויערישן לעבנס־שטייגער. אָט דעם דאָזיקן אייגנארטיקן טיפּ מאָלט די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראטור אין א ריי קינסטלערישע ווערק. אינטערעסאנט זײַנען אין דער הינזיכט פּערעץ מארקישעס פּערסאָנאזשן, וועלכע זעצן פאָר אין א געוויסער מאָס די טראדיציעס פון שאָלעם־אלייכעמס טעוויע דער מילכיקער. פּערעץ מארקיש (אין דער פּאָעמע „דער טויט פונעם באלעגוף") האָט געגעבן א טיפּ פונעם באלעגוף אנשל זאליאזניאק, וואָס איז אינגאנצן פארבונדן מיטן אלטן ספּעציפישן ייִדישן לעבנס־שטייגער און מיט זײַן בעסמעדרעש־„קולטור".

די קעגנזײַטיקע ווירקונג צווישן די סאָוועטישע נאציאָנאלע ליטעראטורן האָט א שײַכעס ניט בלויז צו הײַנטצײַטיקער שאפונג, נאָר אויך צום באהערשן די ליטעראַרישע ירושע פון דער פארגאנגענהײַט — באהערשן זי פון שטאנדפּונקט פון אונדזער סאָציאַליסטישער אופאסונג.

בא אונדז זײַנען פאראן אלטע און יונגע ליטעראטורן, ליטעראטורן מיט רײַכע טראדיציעס און ליטעראטורן, וואָס טיילן זיך קנאַפּ אויס מיט זייערע טראדיציעס. נאָר די רײַכע ליטעראטור פארשטויסט ניט די ייִנגערע שוועסטער, דריקט זי ניט, פארקערט — זי באַרײַכערט זי, העלפט איר ארויסגיין אפן גרויסן און ברייטן וועג פון עכטער קונסט, און צומאָל שעמט זי זיך ניט אליין צו לערנען בא דער ייִנגערער שוועסטער איר אייגנארטיקע דערפארונג, אירע דערגרייכונגען. די קעגנזײַטיקע ווירקונג צווישן אונדזערע ליטעראטורן נעמט ארום אלע קאטעגאָריעס פון אינהאלט און פאָרם, זי פילט זיך אויך אין דער שפּראך, סטיל, טיפּאזש, סוזשעט אאוו.

---

[1] ק. מארקס און פ. ענגעלס. מאניפעסט פון דער קאָמוניסטישער פארטיי (ייִדישע איבערזעצונג). מעלוכע־פארלאג „דער עמעס", מאָסקווע, 1940, ז. 54.

ייִצכאָק נוסינאָוו

גרויסע סאַכאַקלען

די נייַע לעבנס־באַדינגונגען האָבן באַשטימט דעם פּרינציפּיעל נייַעם כאַראַקטער פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין ראַטנפאַרבאַנד. זי איז אַ סאָוועטישע, אַ סאָציאַליסטישע.

די סאָוועטישע ייִדישע קולטור, ליטעראַטור, קונסט האָט אַף איר אויפן אייַנגעזאַפּט אין זיך די ביז־אָקטיאַבערישע ייִדישע קולטור. אין די בילדער און מאָטיוון פון דער סאָוועטישער ייִדישער קונסט זייַנען אייַנגעוועבט בילדער און מאָטיוון פון טאַנאַך, פון די פאָלקסטימלעכע אַגאָדע־אויצרעס, פון די מיטלאַלטערלעכע ייִדישע דיכטער און פאָלקס־לעגענדעס פונעם טראַגישן מיטלאַלטער, פונעם פאָלקס־שאַפן פון די לעצטע יאָרהונדערטן און פון די קלאַסישע ווערק פון די גרונטלייגער פון דער נייַער ייִדישער ליטעראַטור. און ניט בלויז דאָס פילדויִרעסדיקע דיכטעריש־שעפערישע וואָרט, וואָס דאָס ייִדישע פאָלק האָט אין מעשעך פון דויִרעס פאַרמאָגט, איז און ווערט פאַרייגנט דורך דער סאָוועטישער ייִדישער קינסטלערישער קולטור, נאָר אויך די טראַדיציע פון פילדויִרעסדיקן העלדישן און מעסירעסנעפעשדיקן טאַט פון אונדזער פאָלק וועבט דורך די גאַנצע סאָוועטישע ייִדישע סאָציאַליסטישע קולטור. דאָ האַנדלט זיך ניט בלויז וועגן דער אומיטלבאַרער קינסטלערישער אופלעבונג פונעם נעכטן, לאָמיר זאָגן, אין ש. האַלקינס „באַר־קאָכבאַ“, אין מ. דאַניִעלס „שלוימע מייַמאָן“, אין ניסטערס „מישפּאָכע מאַשבער“, אין ד. בערגעלסאָנס „רעוווינר“, א. קושנעראָווס „הירש לעקערט“. עס האַנדלט זיך וועגן יענעם שעפערישן נאַציאָנאַל־היסטאָרישן זיקאָרן, וועלכער באַלויכט די שאַפונג פון בערגעלסאָן און ניסטער, אָשער שוואַרצמאַן און עזראָ פינינבערג, האָפשטיין און קושניראָוו, קוויטקאָ און פעפער, פון מאַרקיש און האַלקין און פון אַלע איבעריקע סאָוועטישע ייִדישע שרייַבער און דיכטער — באַ יעדערן אַף זייַן אויפן און לויט זייַן באַזונדערער אייגנאַרט.

די פאַרגאַנגענהייַט ווערט דערבייַ אָפּגעשאַצט מיט דער עמעסדיקייַט און אָביעקטיווקייַט, וועלכע שטאַמט פונעם סאָציאַליסטישן וועלט־באַנעם און זיכערט די מעגלעכקייַט אָפּצוּוואַרפן אַלטע פאַרשטויבטע שיימעס און פרוכטבאַר שעפעריש אופלעבן און פאַרייגענען עמעסע וועלט־היסטאָרישע און נאַציאָנאַל־היסטאָרישע ווערטן.

די סאָציאַליסטישעווירקלעכקייַט און סאָציאַליסטישע צילגעווענדטקייַט באַשטימט דעם גאַנצן כאַראַקטער פון דער קולטור פון אַלע פעלקער פון אונדזער היימלאַנד, דערונטער אויך דעם כאַראַקטער פון דער ייִדישער סאָוועטישער קולטור. זי באַשטימט דאָס פּרינציפּיעלע נייַס, וואָס עס שטעלט פאָר מיט זיך די סאָוועטישע ייִדישע קולטור.

דאָס דאָזיקע נייַס באַקומט זייַן אויסדרוק שוין אינעם עצעם נייַעם טיפּ ייִדישן שרייַבער, ייִדישן קינסטלער, וואָס האָט זיך אויסגעבילדעט אין סאָוועטנפאַרבאַנד. ניט קיין קאַפּע־ציניקער, וואָס איז פול מיט ביטל און פאַראַכטונג צום לעזער און צושויער, וועלכן ער באַדינט. ניט קיין אייַנזאַמער, אַף דער וועלט אַנגעשטויסענער און פון דער וועלט אָפּגעשטויסענער, אין זיך פאַרטיפטער פילאָזאָפירנדיקער עסטעט, ניט קיין פּאַסיווער זייַטיקער באַאָבאַכטער און גלייַכגילטיקער אָביעקטיוויזירנדיקער אָפּשפיגלער.

דער סאָוועטישער ייִדישער שרייַבער און קינסטלער זעצט פאָר די טראַדיציע פון דער גרויסער טיפער אידייִשער קונסט, וואָס מישפּעט די וועלט, שטראָפט און לייַטערט געמיטער, די טראַדיציע פון אונדזערע גרויסע פאָלקס־שרייַבער. דערבייַ איז ער אָבער ניט בלויז לערער, אידייִשער וועגווייַזער, ער איז אַלעמאָל מיטבויער, מיטקעמפער, וואָס גייט אין די ערשטע שלאַכט־רייען. ער איז ניט קיין ווידערקלאַנג, וואָס רופט זיך אָפּ אַף אַלץ אָפּ. ער באַווירקט פּראָצעסן און דעריקער — דעם בעקאָוועדיקסטן פּראָצעס — די אויספורעמונג פונעם סאָציאַליסטישן מענטשן.

די נאַטור פון אונדזער קינסטלער אַלס בויער פון סאָציאַליזם, אַלס קעמפער פאַר סאָציאַליזם, אַלס פּאַטריאָט, וואָס איז טאָמיד אַף דער וואַך, באַשטימט די אייניהייַט פון וואָרט און טאַט פון אונדזער קינסטלער.

זייַן ליד איז זייַן שווערד, און זייַן שווערד איז זייַן ליד. דאָס איז ניט קיין שרייַבערישע מעטאַפאָרע, דאָס איז ווירקלעכקייַט. און איז

„דער סוינע באַ די טויערן“, —

פאַרבייַט דער סאָוועטישער דיכטער זייַן פּען אַף דער שווערד און לאָזט זיך אַוועק אין שלאַכט מיט דער שוווע:

כ׳וועל אין לאַנד צוריק ניט קערן,
ביזוואַנען
איך וועל דאָס אויסלייז־וואָרט דאָס פולע
ניט דערהערן, —

אַזוי האָט געשוואָרן און וואָרט געהאַלטן און העלדיש אומגעקומען אין 1919 — אין די טעג פון גרויזאַמער געפאַר פאַר דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע — דער ערשטער ייִדישער סאָוועטישער דיכטער אָשער שוואַרצמאַן, וואָס זייַן שאַפן איז דער אָנהייב פון דער ייִדישער סאָוועטישער קלאַסיק.

אַזוי האָבן געטאָן די סאָוועטישע ייִדישע שרייַבער און דיכטער, ווען דער סוינע איז געווען באַ די טויערן פון מאָסקווע און לענינגראַד, און אַכט און דרייַסיק פון זיי האָבן זיך מער אַהיים ניט אומגעקערט, — זיי האָבן אָפּגעגעבן זייערע לעבנס פאַר דער פרייַהייַט און אומאָפּהענגיקייַט פון זייער סאָציאַליסטיש היימלאַנד.

אָשער שוואַרצמאַן, וואָס איז געפאַלן אין שלאַכט קעגן די אימפּעריאַליסטישע אינטערווענטן, די אַכט און דרייַסיק ייִדישע סאָוועטישע שרייַבער, וואָס זייַנען אומגעקומען, פאַרטיידיקנדיק מיט געווער אין האַנט זייער פאָלק, זייער סאָציאַליסטיש היימלאַנד, דעם עצעם זייַן פון דער מענטשלעכער קולטור, האָבן פאַרייביקט און פאַרהייליקט דעם נאָמען פון די שעפער פון ייִדישן סאָוועטישן וואָרט.

אָט די גרונט־אייגנשאַפטן פונעם סאָוועטישן ייִדישן קינסטלער — אַלס בויער, אַלס קעמפער, אַלס אַקטיווער פאָרמירער פון דער ווירקלעכקייַט — באַשטימט דעם אויסערסט אַקטועלן כאַראַקטער פון זייַן שאַפן, זייַן פילבאַרקייַט צו אַלע נייַע פּראָצעסן פון אונדזער ווירקלעכקייַט.

בעלֿינסקי האָט גערימט פּושקינס „יעווגעני אָנעגין“ דערפֿאַר, וואָס די פּאָעמע שטעלֿט פֿאָר, לֿויט זײַן מיינונג, א קינסטלֿערישע ענציקלֿאָפּעדיע פֿון רוסישן לֿעבן אין יענער צײַט.

די סאָוועטישע ייִדישע לֿיטעראַטור אינגאנצן גענומען, דאָס שאַפֿן פֿון אירע בעסטע און פֿרוכטבארסטע שרײַבער און דיכטער שטעלֿט מיט זיך פֿאָר אזא קינסטלֿערישע ענציקלֿאָפּעדיע פֿון דער סאָוועטישער ווירקלֿעכקײַט: בירגערקריג, דאָס סאָציִאַלֿ־עקאָנאָמישע אופֿשטעלֿן דאָס לֿאנד נאָך דעם, ווי דער בירגערקריג האָט זיך פֿארענדיקט, די פֿארווירקלֿעכונג פֿון די פֿינפֿיאָר־פּלֿענער — די אלֿע פּראָצעסן, וואָס זײַנען פֿאָרגעקומען אינעם ייִדישן סאָוועטישן לֿעבן אין צוזאמענהאנג מיט די אלֿגעמיינע פּראָצעסן אין לֿאנד, האָבן באקומען דעם טיפֿסטן און ברייטסטן קינסטלֿערישן אויסדרוק אין די ווערק פֿון בערגעלֿסאָן, מארקיש, פֿעפֿער, קוויטקאָ, קושניראָוו, האלֿקין, גאָדינער, דאניִעלֿ, פֿיניבערג, כאשטשעוואצקי, נויעך לֿוריע, ראָסין, נאָטע לֿוריע, ווי פֿון אלֿע איבעריקע סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער. אױף דעם אָדער יענעם עטאַפּ האָט דער אָדער יענער שרײַבער געקאָנט זײַן מערער אָדער ווייניקער אקטיוו. נאָר אױף יעדן געגעבענעם עטאַפּ האָט די ייִדישע סאָוועטישע לֿיטעראַטור געשאפֿן א ריי ווערק פֿון פֿארשיידענע זשאנרען, וואָס האָבן פֿאָרגעשטעלֿט דעם גאנצן קאָמפּלֿעקס הויפּט־פּראָבלֿעמען פֿונעם געגעבענעם עטאַפּ.

מיט דער אקטועלֿקײַט פֿון דער ייִדישער סאָוועטישער לֿיטעראַטור איז פֿארבונדן דער שלֿאַלֿ נײַע געשטאלֿטן, נײַע פּראָבלֿעמען, נײַע מאָטיוון, נײַע דראמאטישע קאָנפֿליקטן, וואָס שטאמען פֿון דער נײַער סאָוועטישער ייִדישער און אלֿגעמיין סאָוועטישער ווירקלֿעכקײַט, און וואָס וועגן זיי האָט ניט געוווּסט די ייִדישע ביז־סאָוועטישע לֿיטעראַטור, ווי ס׳ווייסט וועגן זיי ניט ביז הײַנט די ייִדישע לֿיטעראַטור אין אנדערע לֿענדער.

דאָס ברויזנדיקע שעפֿערישע לֿעבן פֿון די ייִדן אין ראטנפֿארבאנד האָט אָנגעפֿילֿט די לֿיטעראַטור מיט געשטאלֿטן פֿון ייִדן בויער, ייִדן קעמפֿער, ייִדן, וואָס לֿייזן קאָמפּלֿיצירטסטע סאָציִאלֿע, פּאָלֿיטישע פּראָבלֿעמען, טרעגער פֿון נײַע עטישע נאָרמעס.

די סאָוועטישע ייִדישע לֿיטעראַטור איז אינטערנאציִאָנאלֿיסטיש ניט בלֿויז לֿויט איר אידייִשן אינהאלֿט, נאָר אויך טעמאטיש. דאָס סאָציִאלֿיסטישע זען דעם נעכטן האָט געבראכט דערצו, אז אין בערגעלֿסאָנס „באם דניעפּער“ זאָלֿן זיך אזוי צונויפֿגיסן די גויראָלֿעס פֿון די ייִדישע און ניט־ייִדישע ארבעטער־מאסן און פֿון זייערע ייִדישע און ניט־ייִדישע רעוואָלֿיוציִאָנערע פֿירער. דער אידייִשער אינטערנאציִאָנאלֿיזם האָט דיקטירט קוויטקאָן, ער זאָלֿ אײַנזען און באווײַזן דאָס צוזאמענלֿעבן פֿון ייִדן און ניט־ייִדן אין זײַן בוך „לֿיאם און פּעטריק“.

און אוואדע איז אָט דער סאָוועטישער אינטערנאציִאָנאלֿיזם געוואָרן א מוז פֿאר דער סאָוועטישער לֿיטעראַטור ביכלֿאלֿ, פֿאר דער סאָוועטישער ייִדישער לֿיטעראַטור ביפֿראט, ווען ס׳האנדלֿט זיך וועגן דער סאָוועטישער ווירקלֿעכקײַט.

כראָניק

פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור

1938

פונעם אינהאַלט פון זשורנאַל „שטערן“.

נומ. 2. ל. טאַלאַלײַ — **דער רויטאַרמייער פּעטראָ** (פּאָעמע).

נומ. 3. וואָלף (וועוויק) ראַבינאָוויטש — **שאָלעם־אַלייכעמס הומאָר אין לעבן.**

נומ. 4. א. האַלדעס — **דער ייִדישער פאָלקס־לעץ הערשעלע אָסטראָפּאָליער**; מ. דובילעט — **ייִסראָעל אַקסענפעלד.**

נומ. 5—6. מ. האַרצמאַן — **הערשל מאַטראָס** (פּאָעמע); ה. רעמעניק — **שאָלעם־אַלייכעם אין קאַמף פאַר רעאַליזם אין די 80־ער יאָרן**; מ. מײַ — **וועגן פאַליקמאַנס בוך „צווישן סאָפּקעס“**; מ. מיאַדאָווניק — **ייִדישער טעאַטער בא דער זעלבסטהערשונג.**

נומ. 7. ה. בעריאָזקין — **זינגעוודיק** (**וועגן פיניע בערגס שאַפן ביכלאַל און זײַן בוך „זינגעוודיק“**).

נומ. 8. מ. דובילעט — **שלוימע עטינגער**; נאָכעם לעווין — **כ. לאַסקער** (**וועגן טאַלאַנטפולן דיכטער, וועלכער איז געשטאָרבן אין עלטער פון 27 יאָר**).

נומ. 9. אי. דרוקער — **וועגן האַרצמאַנס ליריק**; **דעם 2 מאַרט 1939 ווערט 80 יאָר, זינט ס׳איז געבוירן געוואָרן שאָלעם־אַלייכעם. אַף דורכפירן דעם יובילײַ האָט די פאַרוואַלטונג פון פאַרבאַנד סאָוועטישע שרײַבער פון ווײַסרוסלאַנד אויסגעטיילט א יובילײַ־קאָמיסיע פון די שרײַבער יאַנקאַ קופּאַלאַ, ז. ביאַדוליאַ, ז. אַקסעלראָד, ה. קאַמענעצקי, או. פינקעל, א. שאַפּאָוואַלאָוו, מ. פּאָסלעדאָוויטש.**

אַף דער פאַרזאַמלונג פון די ייִדישע שרײַבער פון ווײַסרוסלאַנד איז אויסגעוויילט געוואָרן א נײַע ביוראָ. אין איר גייען אַרײַן ז. אַקסעלראָד, ה. קאַמענעצקי, מ. דעכטיאַר.

נומ. 10. א. יודיצקי — **פון שימען באַר־גיוראָ ביז שימען באַר־קאָכבאַ.**

נומ. 11. אי. קיפּניס — **בילדלעך פון אַמאָל**; אַ. מאַרגולים — **דער קאַמף פון די ייִדישע מאַסן קעגן דער קאַהאָלשער אָרדענונג**; ב. זאַקס — **וועגן י. ריוועסעס „יאַן דזעמבאָ“, פאַרלאַג „עמעס“, 1938; באַריכט וועגן דער ערשטער זיצונג פון אַלפאַרבאַנדישן קאָמיטעט אַף דורכפירן דעם יובילײַ פון שאָלעם־אַלייכעם. געעפנט די זיצונג האָט אַלעקסאַנדער פאַדייעוו. צווישן אַנדערע מאָס־מיטלען איז באַשטימט געוואָרן אַרויסלאָזן א קינאָ־פילם אַף דער טעמע פון שאָלעם־אַלייכעמס בעסטע ווערק.**

נומ. 12. מענדעלע מויכער־ספאָרים — **רעב פײַטל** (**ניט קיין פאַרעפנטלעכטע דערציילונג**); א. וואַראַבייטשיק — **וועגן מענדעלעס ניט־פּובליקירטער דערציילונג**; ל. דושמאַן — **שאָלעם־אַלייכעם אין קאַמף פאַר אוטאָררעכט.**

פונעם אינהאַלט פון זשורנאַל „סאָוועטישע ליטעראַטור“ (**פריִער האָט דער זשורנאַל געהייסן „פאַרמעסט“**).

נומ. 1. מ. דובילעט — **מענדעלעס רעאַליזם; דערשינען אין אַרמעניש שאָלעם־אַלייכעמס „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס“; מענדעלע־אָוונטן אין קיִעוו צום 20־טן יאָרצײַט פונעם שרײַבער.**

נומ. 2. א. וועלעדניצקי — **וועגן פאַליקמאַנס בוך „צווישן סאָפּקעס“**; י. מיטלמאַן — **צוויי בריוו פון י. דינעזאָן.**

נײַע ביכער: ל. קוויטקאָ — **געזאַמלטע ווערק**; י. קאָטליאַר — **אַף דער פריילעכער גאַס** (**פאַר קינדער**); א. גאָנטאַר — **אין א פאַרוואָרפן ווינקל** (**ראָמאַן**); ה. אָרלאַנד און ב. סלוצקי — **וואָס געווען און וואָס געוואָרן** (**צו די וואַלן אין אויבער־סאָוועט**).

נומ. 3—4. ה. בלאָשטיין — **אָן א היים** (**ראָמאַן, בוך צוויי**); **ייִדישע פאָלקסלידער וועגן דער רויטער אַרמיי. מינסק, פאַרלאַג פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון ווססר.**

נומ. 5. אי. קיפּניס — **אז דער זיידע איז געשלאָפן** (**פּיעסע**); איציק פעפער — **אַף די וועגן פון אונדזער דיכטונג** (**נאָטיצן, פאַרצייכענונגען, באַמערקונגען**).

נומ. 7. דאָס געזאַנג וועגן כאַיל פון איגאָר (**ייִדיש — ד. האָפשטיין, אי. פעפער**); ש. האַלקין — **שולאַמיס** (**פּיעסע**); מ. מיזשיריצקי — **וועגן מ. פינטשעווסקיס נײַעם בוך.**

נומ. 9. מ. כאַשטשעוואַצקי — **אָשער שוואַרצמאַן** (**פּאָעמע**); ע. שעכטמאַן — **פאָליעסער וועלדער** (**ראָמאַן**); ש. בילאָוו, א. וועלעדניצקי — **אווראָם גאָלדפאַדען**; ש. הירש — **וועגן א. גאָנטאַרס „אין א פאַרוואָרפן ווינקל“.**

נומ. 10. מ. האַרצמאַן — **שימענס געזינד** (**פּאָעמע**).

נומ. 11. פײַוול סיטאָ — **די באָסלאַווער** (**ראָמאַן**); י. קאָטליאַר — **אָנהייב** (**פּאָעמע**); מ. אַראָנסקי — **עזרע דער בסורעטרעגער** (**דערציילונג**); מ. מיזשיריצקי —

זע אָנהייב „סאָוועטיש היימלאַנד“ נומ. 11 און 12 פון 1966, נומ. 4, 5, 6, 7, 8, 9 און 10 פון 1967.

וועגן ד. האָפּשטיינס ליריק; דער שרײַבער־פאַרבאַנד פון אוקראַיִנע האָט געבילדעט א קאָמיסיע אף אָפּצומערקן דעם 80־טן געבורטסטאָג פון שאָלעם־אלייכעם. אין דער קאָמיסיע גייען אריַין האָפּשטיין (פאָרזיצער), האַלאָווקאָ, גאָנטאר, קאָפּילענקאָ, קאָרנייטשוק, אָרלאנד, פּאָליאנקער, סיטאָ, פּעפּער און שעכטמאן.

נומ. 12. א. גאָנטאר — פארליבטע (פּאָעמע); א. האָלדעס — שאָלעם־אלייכעמס א סאטירע אף די מעכאברים; שאָלעם־אלייכעם — דער גײַסט איז אין גאָלעס (איבערזעצט פון העברעיִש — א. האָלדעס); מ. מײַ — כ. מעלאמודס „בליִענדע אקאציע“.

די ביוראָ פון די יִדישע שרײַבער אין מאָסקווע האָט אויסגעטיילט א יובילײ־קאָמיטעט אף צו פּײַערן דעם 80־טן געבורטסטאָג פון שאָלעם־אלייכעם. אין קאָמיטעט גייען אריַין: ז. אקסעלראָד, מ. אאועזאָוו, אי. באבעל, ד. בערגעלסאָן, גאפור גוליאם, ש. גאָדינער, ד. האָפּשטיין, א. גורשטיין, מ. דאניִעל, י. דאָברושין, מ. זאָשטשענקאָ, ב. זוסקין, ווס. איוואנאָוו, וו. קאטײַעוו, ל. קוויטקאָ, יא. קאָלאס, א. קאָרנייטשוק, א. קושניראָוו, א. לעזשנעוו, ליפּמאן־לעווין, א. לאָזאָווסקי, ק. לאָרדקיפּאנידזע, א. לורפאָל, נאָטע לוריע, פּ. מארקיש, ש. מיכאָעלס, י. נוסינאָוו, ב. אָליעווסקי, ה. אָרלאנד, ל. פּולוועד, ראסול רזא, ב. ראָמאשאָוו, ג. סאריאן, מ. סוועטלאָוו, א. טאָלסטאָי, ר. טרעניאָוו, פּ. טיטשינא, א. פאדייעוו, ק. פעדין, אי. פּעפּער, ע. פינינבערג, פּ. יודין.

פונעם אינהאלט פון זשורנאל „פאָרפּאָסט“.

נומ. 1 (6). עזראָ פינינבערג — אָשער שווארצמאן (פּאָעמע); ה. דאָבין — ביראָבידזשאן (פּיעסע); „אוריִעל אקאָסטא“ (איבערזעצונג פונעם דיכטער עמ. קאזאקעוויטש).

נומ. 2 (7). א. קושניראָוו, כ. שמאיִן — די סאמע יִינגסטע. סצענארי (ליטעראַרישער וואריִאנט); נ. אויסלענדער — גאָלדפאדענס ליד „דער מארש פון מאָשיִעכן“; אווראָם גאָלדפאדען — דער מארש פון מאָשיִעכן; אָ. מארגוליס — אָנטייל פון די יִדישע מאסן אין די „הונגער־אומרוען“ פון 1891 יאָר; ה. ראבינקאָוו — מ. גאָלדבלאט (צוואנציק יאָר קינסטלערישע טעטיקײַט).

פונעם אינהאלט פון אלמאנאך „סאָוועטיש“.

נומ. 5. ש. גאָדינער — זאוועלער טראקט; יודל יאָפע — זיך איבערגעבעטן; י. ריוועס — אונטערערד; י. ראבינאָוויטש — לענין אין דער קונסט; י. דאָברושין — די יִדישע סאָוועטישע דראמאטורגיע.

נומ. 6. פּערעץ מארקיש — מישפּאָכע אָוואדיס (פּיעסע); י. דאָברושין — די יִדישע סאָוועטישע פאָלקסליד; אָ. מארגוליס — צו דער מענדעלע־פאָרשונג; מ. ווינער — ליריק און סאָציִאליזם.

נומ. 7—8. ש. האלקין — באר־קאָכבא (דראמאטישע פּאָעמע); א. קושניראָוו — ווײַטמיזרעכדיקע לידער; מ. כאשטשעוואצקי — שפּינאָזעס טויט (באלאדע); ל. רעזניק — אין יענע טעג (פּיעסע); י. דאָברושין — צווישן דיכטער; מ. מיזשיריצקי — וועגן שעכטמאנען; מ. ווינער — מענדעלעס סטיל; א. יודיצקי — די פּאָליטיש־געזעלשאפטלעכע ריכטונגען אין יעהודע אין די ערשטע יאָרהונדערטער פאר און נאָך אונדזער צײַטרעכענונג.

נײַע ביכער: שאָלעם־אלייכעם — בלאָנדזשענדע שטערן. ערשטער טייל — אקטיאָרן. אריַינפיר — י. דאָברושין; צווייטער טייל — נאווענאד. אָנמערקונגען און דערקלע־

רונגען — ז. ווײַסמאן, רעדאקטאָר — א. פרומקין (אויסגעוויילטע ווערק אין 15 בענדער. 13־טער און 14־טער בענדער. פארלאג „עמעס“, מאָסקווע); דאָס געזאנג וועגן איגאָרס כאיִל. יִדיש — א. קושניראָוו, מאָסקווע; ל. קוויטקאָ — ליאם און פּעטריק, דריטע, אויסגעבעסערטע אופלאגע, קיִעוו; שײַע שקאראָווסקי — אָדעס (ראָמאן, בוך איינס), קיִעוו; ש. ראָסין — פארליבטערהייט (לידער), מאָסקווע; ה. פּאָליאנקער — שויעל דער זיפּנמאכער (נאָוועלן), קיִעוו; פּײַוול סיטאָ — פאראָדיעס, צייכענונגען פון א. העפּטער, מאָסקווע; נאטאן זאבארע — פון לאנד צו לאנד (ראָמאן), קיִעוו; עליע גאָרדאָן — דרײַ ברידער (ראָמאן), מאָסקווע.

1939

פונעם אינהאלט פון זשורנאל „שטערן“.

נומ. 1. בא לענינען (א פאָלקסמײַסע), פארשריבן פון מוישע ברייטער אין אינגוליעץ, אוססר; כאיִם גילדין — גאָלדפאדענס טויט; וואָלף (וועוויק) ראבינאָוויטש — שאָלעם־אלייכעם אין בערדיטשעוו; פון אלטן און נײַעם פאָלקלאָר (לידער); ל. דושמאן — שאָלעם־אלייכעם אין מינסק.

נומ. 3—4. דער נומער איז געווידמעט שאָלעם־אלייכעמס 80־טן געבורטסטאָג. מיט לידער, דערציילונגען און אָפּהאנדלונגען וועגן שאָלעם־אלייכעמס שאפונג טרעטן ארויס ל. טאלאלײַ, אײַזיק פלאטנער, ש. שקאראָווסקי, מ. גרוביאן, מ. כאשטשעוואצקי, אורי פינקעל, ש. לאָפּאטין, ש. גאָלדענבערג, וואָלף (וועוויק) ראבינאָוויטש, מ. ווינער, אי. דרוקער, י. סערעבריאני, ל. דושמאן, א. וואָראָבייטשיק, ס. נעלס, מ. סאָקאָל; אן איבערזיכט — „י.־ל. פּערעץ וועגן שאָלעם־אלייכעמען“.

ביכער וועגן שאָלעם־אלייכעמען: וואָלף (וועוויק) ראבינאָוויטש — מײַן ברודער שאָלעם־אלייכעם; י. סערעבריאני — שאָלעם־אלייכעם און פאָלקלאָר; אורי פינקעל — שאָלעם־אלייכעם.

נומ. 5. ז. ווענדראָף — צעזאר און נעראָן (דערציילונג); מוישע טײַטש — מעטריקעס (פון דער ליטעראַרישער יִערושע); מ. כאשטשעוואצקי — דאָס יִדישע קינדער־ביכל.

נומ. 6. א. יודיצקי — וועגן ניסטערס נײַעם היסטאָרישן ראָמאן; ט. הייליקמאן — דער ווידערשטאנד פון די יִדישע פאָלקסמאסן קעגן נאפּאָלעאָנס אינוואזיע; כ. לויצקער — פראגן פון סטיליזאציע.

נומ. 7. מענדעלע מויכער־ספאָרים — מײַן לעצטע נעסיִע (ניט קיין פארעפנטלעכטע נאָוועלע); א. וואָראָבייטשיק — פון מענדעלעס לאבאָראטאָריע; צום יובילײ פונעם דיכטער דאָוויד האָפּשטיין (50־יאָריקער געבורטסטאָג און 25 יאָר שעפערישע טעטיקײַט).

נומ. 8. ג. יאבראָוו — דער וועג פון באליבטן שרײַבער (וועגן אורי פינקעלס בוך „שאָלעם־אלייכעם“).

נומ. 9. טויזנטיאָריקער יובילײ פונעם ארמענישן עפּאָס „דאוויד דער סאסונער“. דאוויד דער סאסונער (יִדיש — ש. האלקין); הונדערטיאָריקער געבורטסטאַג פון ייִצכאָק־יויעל לינעצקי. א. וואָראָבייטשיק — צושטײַער צו ייִצכאָק־יויעל לינעצקיס ביִאָגראפיע; י. רימיניק — לינעצקי און שאָלעם־אלייכעם.

נומ. 10. ד. האָפּשטיין — פון אָשערס לעבן (נאָטיצן); ה. רעמעניק — אָשער שווארצמאן און די יִדישע דיכטונג.

פונעם אינהאלט פון זשורנאל „סאָוועטישע ליטעראטור“.

נומ. 1. ה. אָרלאנד — אוקראַיִנישע ערד (ראָמאן); ע. ספּיוואק — נאָטיצן וועגן שאָלעם־אַלייכעמס סינטאקסיס.

נומ. 2. דער נומער איז געווידמעט דעם 125־טן געבורטסטאָג פונעם גרויסן אוקראַיִנישן דיכטער ט. ג. שעווטשענקאָ. מיט איבערזעצונגען פון שעווטשענקאָן אין ייִדיש טרעטן ארויס אי. פעפער, ד. האָפשטיין, ל. רעזניק, מ. כאשטשעוואצקי, פּ. סיטאָ. עס זײַנען פארעפנטלעכט לידער, דערציילונגען און ארטיקלען, געווידמעט ט. ג. שעווטשענקאָן, פון ה. אָרלאנד, ד. האָפשטיין, אי. פעפער, ה. פּאָליאנקער, ל. רעזניק, מ. אראָנסקי, מ. טאַלאַליעווסקי, ש. שקאראָווסקי, פּ. אַלטמאן און אנד.

דער פּרעזידיִום פון אויבער־סאָוועט פון פססר האָט באלוינט מיט אָרדענס א ריי סאָוועטישע שרײַבער פאר אָנגעזעענע דערפאָלגן אינעם אנטוויקלען די סאָוועטישע קינסטלערישע ליטעראטור. צווישן די באלוינטע געפינען זיך ד. האָפשטיין, פּ. מארקיש, אי. פעפער, ש. האלקין, ל. קוויטקאָ.

נומ. 3—4. ד. בערגעלסאָן — שאָלעם־אַלייכעם; א. גורשטיין — שאָלעם־אַלייכעמס לעבן און שאפן; אנדערע מאטעריאַלן וועגן גרויסן פאָלקס־שרײַבער; זײַנע ניט־פארעפנטלעכטע בריוו.

נומ. 5. ב. גוטיאנסקי — מעשאָלים; נ. זאבארע — דער פאָטער (ראָמאן).

נומ. 6. מ. דובילעט — וויִאזוי האָט שאָלעם־אַלייכעם געארבעט; מ. מײַ — וועגן נ. זאבארעס בוך „פון לאנד צו לאנד“.

נומ. 8. א. האָלדעס — מוישע לאנגער (פּיעסע); ה. בלאָשטיין — וועגן קאָטליארס לידער־זאמלונג; מ. מיזשיריצקי — וועגן סיטאָס בוך דערציילונגען „זומער“.

נומ. 9. איציק פעפער — מעשאָלים; נ. שמאיִן — קאנטאָניסטן (פּיעסע); א. האָלדעס — וועגן כאנע לעווינס קינדער־לידער; א. קאהאן — וועגן ש. שקאראָווסקיס „אָדעס“.

נומ. 10. אָשער שווארצמאן — ניט־פארעפנטלעכטע לידער; שאָלעם פעפער — צוויי לידער; מ. נאָטאָוויטש — לינעצקי דער דעמאָקראטישער אופקלערער; י. דאָברושין — אין דער דיכטער־וועלט (וועגן א. גאָנטארס בוך לידער „העלער טאָג“).

נומ. 11. א. גאָנטאר — דער פידלער (פּאָעמע); ש. קופערשמיד — די ייִדישע סאָוועטישע פאָלקסליד; ב. סלוצקי — די סאָוועטישע קינדער־ליטעראטור אין ייִדיש; כ. נאדעל — דאָס ייִדישע בוך און דער ייִדישער לייענער אין סאָוועטנפארבאנד.

נומ. 12. ד. האָפשטיין — פעלקער־פרײַנטשאפט (פּאָעמע); דערשינען די נומערן 3 און 4 פון זשורנאל „אפן שפּראך־פראָנט“.

פונעם אינהאלט פון זשורנאל „פּאָרפּאָסט“.

נומ. 1—2. ה. ראבינקאָוו — רוּוון בורלעס (היסטאָרישע פּיעסע); שאָלעם־אַלייכעם — דאָן קיכאָט פון מאַזעפּעווקע און זײַן כאווער סימכע־פּינכעס; בריוו פון שאָלעם־אַלייכעם; וואָלף (וועוויק) ראבינאָוויטש — שאָלעם־אַלייכעם און שעווטשענקאָ; ה.ביידער — שאָלעם־אַלייכעמס אנטיבורזשואזער ראָמאן; די פײַערונגען פונעם שאָלעם־אַלייכעם־יובילײ אין ביראָבידזשאן.

נומ. 3. איציק פעפער — א נעס אין דער טײַגע (באַלאדע); א. ווערגעלים — לידער; פּאוולאָ טיטשינא — אָשער שווארצמאן (ארטיקל); ד. האָפשטיין — פון אָשער שווארצמאנס לעבן (נאָטיצן); אדעל מארמאָר — זיכרוינעס וועגן שווארצמאנען; אין ביראָבידזשאן זײַנען פּאָרגעקומען ליטערארישע דעקאדניקעס, געווידמעט דער שאַפונג פון די יונגע דיכטער א. ווערגעלים און אי. בראָנפּמאן; אין אווגוסט איז פאָרגעקומען א גרויסער ליטערארישער אָוונט, אף וועלכן עס האָבן געלייענט זייערע לידער און דערציילונגען א. ווערגעלים, ל. וואסערמאן, אי. בראָנפּמאן, ארל האָפשטיין, ב. מילער און ס. באָרזשעס.

פונעם אינהאלט פון אלמאנאך „סאָוועטיש“.

נומ. 9—10. ד. בערגעלסאָן — באם דניעפּער; א. ווערגעלים — לידער; דער ניסטער — דעמלט האָט געטראָפן; ב. אָרשאנסקי — באפרײַונג, דראמע אין פיר אקטן (דריטער אקט); מ. ווינער — די ייִדישע ליטעראטור באם אָנהייב פון XIX יאָרהונדערט.

נײַע ביכער. ע. ספּיוואק — נײַע וואָרטשאפונג, קיִעוו; אי. קיפּניס — פון די יונגע יאָרן, קיִעוו; ש. האלקין — לידער, מאָסקווע; שאָלעם־אַלייכעם — פארגעסענע בלעטלעך, אופגעזוכט און צונויפגעזאמלט פון י. מיטלמאן און כ. נאדעל, קיִעוו; מ. דאניִעל — מײַן גאָלדענע קינדהײַט, מאָסקווע; ב. אָליעווסקי — אָנהייב לעבן. דערציילונגען, מאָסקווע; וואָלף (וועוויק) ראבינאָוויטש — מײַן ברודער שאָלעם־אַלייכעם. זיכרוינעס, קיִעוו; ש. האלקין — באר־קאָכבא (דראמאטישע פּאָעמע), מאָסקווע; ראָכל בוימוואָל — ווײַנשלבײמער בליִען, מינסק; ע. גאָרדאָן — דערציילונגען און נאָוועלן, מאָסקווע; עזרא פינינבערג — געשיכטעס (מײַסעלעך און פּאָעמעס), מאָסקווע; מ. טאלאלאיעווסקי — היימלאנד. לידער, קיִעוו; יעדידע מארגאָלים — פויערים (דערציילונגען), מאָסקווע; לייב קוויטקאָ — נײַע לידער, מאָסקווע; אורי פינקעל — שאָלעם־אַלייכעם. 1859—1939, מאָסקווע; מ. נאָטאָוויטש — ייִצכאָק־יויעל לינעצקי (צו זײַן הונדערטיאָריקן יובילײ). 1839—1939, מאָסקווע; מאָריס ווינטשעווסקי, דאָוויד עדעלשטאט, יויסעף באָוושאָווער — געקליבענע לידער (מאסן־ביבליִאָטעק), מאָסקווע; פארגעסענע לידער, צונויפגעזאמלט י. רימיניק, מאָסקווע.

1940

פונעם אינהאלט פון זשורנאל „שטערן“.

נומ. 1. כאיִם גילדין — זיכרוינעס (פּערעץ, שאָלעם־אַלייכעם); נאָכעם לעווין — די זעלבסטדערקענונג פון א דאָר (וועגן ב. אָליעווסקיס בוך „אָנהייב לעבן“, מאָסקווע, 1939); ג. יאבראָוו — אי. קיפּניסעס ראָמאן „די שטוב“. קיִעוו, 1939.

נומ. 2. רוּווע רייזין — לידער, מוישע טײַטש — אוואנסן (זיכרוינעס וועגן י.־ל. פּערעץ); איטשע באָרוכאָוויטש — לידער; ריווקע רובין — י.־ל. פּערעץ.

נומ. 3. י. דאָברושין — מיכאָעלס אינעם „באנאכט אפן אלטן מארק“; נ. אויסלענדער — ע.־ר. קאמינסקאיא און אירע מיטשפּילער אין דער „ליטערארישער טרופּע“.

נומ. 4. ז. ווענדראָף — אפן וועג צום צויבער־לאנד; שירקע גאָמאָן — יאָשקע וועכטער (נאָוועלע); ז. טעלעסין — לידער; ריווקע רובין — קוויטקאָס קינדער־לידער.

נומ. 5. מ. ווינער — דאָוויד בערגעלסאָן (צום דרײַסיקסטן יאָרטאָג פון זײַן ליטעראַרישער טעטיקײַט); ל. קוויטקאָ — מײַן ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט דאָוויד בערגעלסאָנען; י. דאָברושין — וועגן צווייטן באַנד „באַם דניעפּער“; ש. גאָדינער — דאָס אַלטע און דאָס נײַע; אי. רעזניק — בערגעלסאָנס אָנהייב־וועג.

נומ. 6. י.־מ. ווײַסענבערג — אַ מײַסע מיט אַ ציג; מ. כאשטשעוואַצקי — סאָנעטן; ט. הייליקמאַן — די דעקאַבריסטן און די ייִדן־פּראַגע; י. רימיניק — אַ קאַפּיטל פאָרגעשיכטע פון ייִדישן טעאַטער.

פון ט. הייליקמאַנס אַרטיקל (וועגן פּ. אי. פּעסטעלס שטעלונג אין דער ייִדן־פּראַגע): „עס איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז צווישן די דעקאַבריסטן האָבן ייִדן קימאַט ווי ניט געקאָנט פיגורירן. דער איינציקער ייִד אַ דעקאַבריסט, אויב ניט רעכענען דאָקטער פלעמעל, דעם אָנטיילנעמער אין אַ פּויליִשער געהיימער געזעלשאַפט, איז געווען גריגאָרי אַבראַמאָוויטש פּערעץ (געבוירן אין יאָר 1788 אין שטעטל דובראָווגע, מאָליעווער גובערניע. אַ זון פון אַ רײַכן פּעטערבורגער קאָנצעסיאָנער און פּאָדריאַטשיק בײַ בויען שיפן. צו 15 יאָר האָט דער פאָטער אים געטויפט...). מיט ג. אַ. פּערעצעס נאָמען איז פאַרבונדן, זאָל זײַן פאַרמעל, דער אָנהייב פון דעם אָנטייל פון ייִדן אין דער באַפרײַונג־באַוועגונג אין רוסלאַנד... לויט ג. אַ. פּערעצעס פאָרשלאָג האָבן די מיטגלידער פון דער געהיימער געזעלשאַפט אָנגענומען אַלס פּאַראָל אָף צו דערקענען איינער דעם צווייטן דאָס העברעיִשע וואָרט „כיירות“ (פרײַהײַט)“...

נומ. 7—8. ה. קאַמענעצקי — דורך פײַער און וואַסער (פּאָעמע); י. ריוועס — דערציילונגען פון מינסקער באָלשעוויסטישער אונטערערד; מ. לעלטשוק — לידער; אי. קיפּניס — דער טאַנץ אַנטקעגן שפּיגל; ד. קורלאַנד — וועגן דער פאָלקסמײַסע; אַ. בראַכמאַן — אַ ווערטפולע היסטאָרישע אויספאָרשונג (וועגן אָ. מאַרגוליסעס „ייִדישע פאָלקסמאַסן אין קאַמף קעגן זייערע אונטערדריקער“, מאָסקווע, 1940); ג. יאַבראָוו — מ. כאַשטשעוואַצקי. לידער און פּאָעמעס (קיִעוו, 1939); אי. רעזניק — רוווע רייזענס נײַ בוך לידער.

נומ. 9. ב. מאַרק — פּראָזאַיִקער פון מײַרעוו־ווײַס־רוסלאַנד; אַ. יודיצקי — צו דער ביאָגראַפיע פון אַ. גאָלדפאַדען.

נומ. 10. דער נומער איז געווידמעט י.־ל. פּערעצעס 25־טן יאָרצײַט. מיט אַרטיקלען און זיכרוינעס טרעטן אַרויס ב. מאַרק, אי. רעזניק, ד. קורלאַנד, אַ. אַלבעק, ראָזע לאַקס, י. סערעבריאַני.

נומ. 11—12. פון די העברעיִשע דיכטער פון פריִען רענעסאַנס (פון העברעיִש — ל. רעזניק); נ. לעווין — ל. טאַלאַלײַס בוך „אין מאַרש“, מינסק, 1940; ג. יאַבראָוו — עלי שעכטמאַנס „פאָלעסיער וועלדער“, קיִעוו, 1940.

פונעם אינהאַלט פון זשורנאַל „סאָוועטישע ליטעראַטור“.

נומ. 1. מ. דאַניִעל — שלוימע מײַמאָן (פּיעסע); ש. בילאָוו — יוסף באָוושאָווער; ה. בלאָשטיין — „צוויט פון וווּנדערלעכן לעבן“ (מ. האַרצמאַנס „גאָלדענע פאַקעלן“, קיִעוו, 1939).

נומ. 2. איציק פעפער — דרײַ כאַווירים (באַלאַדע); פּערעץ מאַרקיש — דער מאַלצײַט (פּיעסע); אַ. גאָנטאַר — אין וואַלד (באַלאַדע); מ. שטורמאַן — באַלאַדע וועגן גאַליציע; אַ. וועלעדניצקי — וועגן אי. פעפערס בוך „גרויסע גרענעצן“; כ. לויצקער — שטריכן פון שוואַרצמאַנס דיכטונג־שפּראַך.

נומ. 3. מ. נאָטאָוויטש — האַלקינס געקליבענע לידער (ש. האַלקין. לידער, מאָסקווע, 1939).

נומ. 4. פייסי אַלטמאַן — יוגנט (ראָמאַן).

נומ. 5. צום 30־יאָריקן יובילײ פון דאָוויד בערגעלסאָנס ליטעראַרישער טעטיקײַט (אַרטיקלען פון ד. האָפשטיין, נויעך לוריע, אוורום קאַהאַן, אַ. וועלעדניצקי).

נומ. 6. נויעך לוריע, מ. דובילעט — דער ניסטער; ג. יאַבראָוו — וועגן ז. אַקסעלראָדס דיכטערישער שאַפונג.

נומ. 7. י. רימיניק — באַם באַגינען פון ייִדישן טעאַטער; ד. וואָלקענשטיין — אַ וואָרט וועגן דאָוויד בערגעלסאָנען.

נומ. 8. כ. נאַדעל און מ. לײַפּציקער — שאָלעם־אַלייכעם און דער ייִדישער טעאַטער; פּראָפ. אַ. זאַרעצקי — וועגן ע. ספּיוואַקס בוך „נײַע וואָרטשאַפונג“, קיִעוו, 1939; ד. קורלאַנד — פון פּוילן האַרצן (ייִדישע פאָלקסלידער און מעלאָדיעס, קיִעוו, 1940); ב. סלוצקי — מ. קאָבריאַנסקיס „דעם קאָוועלס טאָכטער“, קיִעוו, 1940.

נומ. 9. י. קאָטליאַר — אַ שטעטל אין וואָלין (פּאָעמע); ב. סלוצקי — וועגן או. פינקעלס בוך „שאָלעם־אַלייכעם“, מאָסקווע, 1939; ש. גאָלדענבערג — וועגן קאָראָביינִיקס פּאָעמע „כאַנאַטייעוו“, קיִעוו, 1940.

נומ. 10. ד. האָפשטיין — צום יובילײ פון י.־ל. פּערעץ; אַ. יודיצקי — דער ערשטער וואַריִאַנט פון פּערעצעס „די גאָלדענע קייט“; י.־ל. פּערעץ — אונטערגאַנג פון צאַדיקס הויז (דראַמע); שאַכנע עפּשטיין — ייִצחאָק־לייבוש פּערעץ; ד. קורלאַנד — צו דער פראַגע וועגן לעגענדאַרע סוזשעטן אין פּערעצעס ווערק; ב. סלוצקי — פּערעץ און די יונגע שרײַבער; ש. שנייפּאַל — פּערעץ; כ. נאַדעל — פּערעץ דער פאָלקלאָר־זאַמלער; ב. ס. — אַ. גאָלדפאַדענס געקליבענע ווערק. טעקסט־צוגרייטונג און אַרײַנפיר — ש. בילאָוו און אַ. וועלעדניצקי, קיִעוו, 1940; אַ. ביילין — וועגן די נאָוועלן פון ג. סאָלאָוויי, קיִעוו, 1940.

נומ. 11—12. ליפּע רעזניק — מײַן ביכער־שראַנק (סאָנעטן); מ. מיזשיריצקי — וועגן קיפּניסעס ראָמאַן „די שטוב“; ש. קופּערשמיד — י. קאָטליאַרס „לידער־מײַסעלעך“; וו. רעדקאָ — וועגן ב. אָליעווסקיס בוך „אָנהייב לעבן“; כ. לויצקער — מ. אַבאַרבאַנעלס „אָף אונדזער ערד“ (לידער, אוקרמעלוכענאַצמינדפאַרלאַג, 1940).

פונעם אינהאַלט פון זשורנאַל „פאָרפּאָסט“.

נומ. 1. כ. נאַדעל — געזאַנגען פון גליקלעכע פעלקער (וועגן „פעלקער זינגען“. צונויפגעשטעלט פון ד. האָפשטיין, אי. פעפער, קיִעוו, 1939); ה. ביידער — „געשיכטעס“ פון ע. פינינבערג.

אין ביראָבידזשאַנער ייִדישן מעלוכע־טעאַטער גייט די קאָמעדיע פון עמ. קאַזאַקעוויטש „מילך און האָניק“, געשריבן אָף ביראָבידזשאַנער מאָטיוון.

נומ. 2—3. 30 יאָר ליטעראַרישע טעטיקײַט פון דאָוויד בערגעלסאָן: דער ניסטער — אַ בריוו צו דאָוויד בערגעלסאָן; ב. מילער — ווונדערלעכער שליסל (וועגן בערגעלסאָנס שאַפן).

נומ. 4—5. אַ. קושניראָוו — אַ געוויינלעכער מענטש (דראַמאַטישע פּאָעמע); אַ. ווערגעליס — לידער; י. דאָברושין — מיכאָעלסעס האָצמאַך (צו גאָלדפאַדענס

הונדערטסטן געבורטסטאָג); כ. נאדעל — אונדזער פאָלקלאָר.

נומ. 6. ט. הייליקמאן — צו דער געשיכטע פון דער האסקאָלע.

פונעם אינהאלט פון אלמאנאך „סאָוועטיש“.

נומ. 11. ש. גאָדינער — א שטוב אין סטעפּ; ליפמאן־לעווין — אף דער גרענעץ; א. ווערגעליס — לידער; א. גורשטיין און מ. ווינער — סאָציאַליסטישער אינהאלט און נאציאָנאלע פאָרם פון דער סאָוועטישער ליטעראטור.

נײַע ביכער. מ. ווינער — צו דער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראטור אין XIX יאָרהונדערט (עטיודן און מאטעריאַלן), קיִעוו; מענדעלע און זײַן צײַט (מאטעריאלן צו דער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראטור אין XIX יאָרהונדערט), מאָסקווע; שאָלעם־אלייכעם — איינאקטערס, מאָסקווע; מ. מיזשיריצקי — ליטעראריש־קריטישע עטיודן, קיִעוו; ש. גאָדינער — אנדערע מענטשן (דערציילונגען), מאָסקווע; אי. קיפּניס — די צײַט גייט (בילדער און דערציילונגען), קיִעוו; א. ווערגעליס — באם קוואל (לידער), מאָסקווע; יודל יאָפע — פרישע קויכעס (ראָמאן), מאָסקווע; ע. פינינבערג — ליריק, 1920—1940, מאָסקווע; שיפרע כאָלאָדענקאָ — לידער, קיִעוו; ש. האלקין — שולאמיס (דראמאטישע פּאָעמע), מאָסקווע; אי קיפּניס — צום נײַעם לעבן, קיִעוו; ראָכל בוימוואָל — לידער, מאָסקווע; ה. קאמענעצקי — א באשטעלונג אף יוגנט, מינסק; א. קושניראָוו — מיזרעך און מײַרעוו (דראמאטישע פּאָעמעס און לידער), מאָסקווע; מ. ליפשיץ — אונטער א מאזלדיקן שטערן (לידער), מינסק; ש. ראָסין — אונדזער רו, לידער (מאסן־ביבליאָטעק), מאָסקווע; ע. ספּיוואק — שאָלעם־אלייכעמס שפּראך און סטיל (עטיודן), קיִעוו; שאָלעם־אלייכעם. זאמלונג, קיִעוו; ייִדישע פאָלקסלידער, צונויפגעשטעלט פון י. דאָברושין און א. יודיצקי, מאָסקווע; אָשער שווארצמאן. זאמלונג, געווידמעט דעם 20־טן יאָרטאָג פון זײַן העלדישן טויט, מאָסקווע; שאָלעם־אלייכעם — די פריילעכע קאָמפּאניע (מאסן־ביבליאָטעק), מאָסקווע.

1941

פונעם אינהאלט פון זשורנאל „שטערן“.

נומ. 1. שאכנע עפּשטיין — א ווערטפולע ארבעט איבער דער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראטור (וועגן מ. ווינערס „צו דער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראטור אין XIX יאָרהונדערט); אי. ר. — לידער־זאמלונג פון פיר יונגע דיכטער (מינסק, 1940) — כ. גורעוויטש, אי. באָרוכאָוויטש, מ. לעלטשוק, פּ. פּלאָטקין.

נומ. 2. פּ. מארקיש — נאָכן מאָלצײַט (פון 2־טן באנד „דאָר־אויס, דאָר־אײַן“); ז. טעלעסין — לידער; ה. דאָבין — זיך צעקריגט; פּ. בינעצקי — לידער; אורי פינקעל — א בוך וועגן ייִדישן טעאטער (נ. אויסלענדערס „ייִדישער טעאטער“).

נומ. 3. אורי פינקעל — „מענדעלע און זײַן צײַט“ (ליטעראטור־היסטאָריש זאמלבוך, מאָסקווע, 1940); מ. שולמאן — א נייטיק און נוצלעך בוך (ע. פאלקאָוויטשעס „ייִדיש“, מאָסקווע, 1940); אלמאנאך „אונטערוועגנס“, ווילנע, 1940.

פונעם אינהאלט פון זשורנאל „סאָוועטישע ליטעראטור“.

נומ. 1. עליִעזער שטיינבארג — מעשאָלים; בער שנאפּער — די זיבן מעראגלים (באלאדע); יאָסל לערנער — פאָלקס־מאָטיוון; ד. וואָלקענשטיין — מ. דאניִעל (שטריכן פאר א ליטעראַרישן פּאָרטרעט); א. יודיצקי — שלוימע מײַמאָן און זײַן צײַט (מ. דאניִעלס „שלוימע מײַמאָן“ אין מאָסקווער ייִדישן מעלוכע־טעאטער); ש. סויפער — עליִעזער שטיינבארג — דער סאָציאַלער דיכטער; פּײַוול סיטאָ — גוטיאנסקיס מעשאָלים.

נומ. 2. מ. דובינסקי — „דער פּאָטער“ פון נ. זאבארע; מ. מײַ — וועגן פיר יונגע דיכטער (וועגן דאָרע כײַקינעס ביכעלע „לידער“, קיִעוו, 1938, באָראָדיאנסקיס „דאָרף“, 1940, ה. דובינסקיס „מוט און ליבשאפט“, 1930, טשערניאווסקיס „ליריק“, 1940).

נומ. 3. ש. בילאָוו — א בוך וועגן קונסט און קינסטלער (וועגן דעם בוך פון אי. דרוקער „קלעזמער“, אוקרנאצמינדפארלאג, 1940); יאנקל יאקיר — זעליק בערדיטשעווער.

נומ. 4. יעהודע האלייווי — לידער (פון העברעיִש — ל. רעזניק); וו. רעדקאָ — „מיזרעך און מײַרעוו“ (וועגן קושניראָווס לידער); א. וועלעדניצקי — פּושקינס סאטירע אין ייִדיש; א. דאָברינקי — וועגן שיפרע כאָלאָדענקאָס לידער.

נומ. 5. ד. וואָלקענשטיין — פּעפּערס סאטירע; ב. סלוצקי — 7 קינדער־ביכלעך (איציק פעפער — „צען מײַסעלעך“; ל. קוויטקאָ — „האיאָר“; ב. גוטיאנסקי — „פאר קינדער“; כאנע לעווין — „אין א גוטער שאָ“; מ. פינטשעווסקי — „דאָס לענין־בלימל“; י. קאָטליאר — 1) „לידער־מײַסעלעך“, 2) „פאר קינד־און־קייט“, אוקרמעלוכענאצמינדפארלאג, 1940).

פונעם אינהאלט פון אלמאנאך „סאָוועטיש“.

נומ. 12. דער נומער איז אינגאנצן געווידמעט דעם 80־טן געבורטסטאָג פון שאָלעם־אלייכעם. פון די רעדעס אף דער פײַערלעכער פארזאמלונג אין מאָסקווע: א. פאדייעוו — שאָלעם־אלייכעם — אונדזער אלגעמיינע קולטור־ירושע; וס. איוואנאָוו — אונדזער ליבע צו שאָלעם־אלייכעמען; ארטיקלען, לידער, דערציילונגען און זיכרוינעס, געווידמעט שאָלעם־אלייכעמען: פון פּערעץ מארקיש, י. דאָברושין, נ. אויסלענדער, עזראָ פינינבערג, ריווקע רובין, ה. רעמעניק, ב. זוסקין, ס. ליום, ש. ראָסין, ה. ביידער, נ. אבראמאָוויטש, ש. דאָבין, אבע לעוו, ז. ווענדראָף, שאכנע עפּשטיין, ב. סלוצקי, י. עפּשטיין, י. סערעבריאני, ש. מירער, מ. בערעגאָווסקי; דערציילונג פון שאָלעם־אלייכעם — „שימעלע“[1], שאָלעם־אלייכעמס בריוו צו די רוסישע קלאסיקער.

נײַע ביכער. י.־ל. פּערעץ — אויסגעוויילטע ווערק אין צוויי בענדער (ארײַנפיר־ארטיקל פון ריווקע רובין — ייִצכאָק־לייבוש פּערעץ, 1851—1915), מאָסקווע; שאָלעם־אלייכעם — אויסגעוויילטע ווערק (1883—1916), צונויפגעזאמלט פון י. מיטלמאן, כ. נאדעל; לייב קוויטקאָ — יונגע יאָרן (פּאָעמע), מאָסקווע; ט. גען — אין גוטן מוט (נאָוועלן), מאָסקווע; דאָוויד מיצמאכער — די קאפּעלע (דערציילונגען), מאָסקווע.

י. סערעבריאני

---

[1] איבערזעצונג פון א פריִיקער דערציילונג אין העברעיִש, געדרוקט אין זאמלבוך „האסיף“ („האָאָסיף“) סאָף 1889.

די ליד וועגן היימלאַנד

מוזיק פון אי. דונאַיעווסקי

ווערטער פון וו. לעבעדיעוו־קומאַטש
ייִדיש — ש. ראָסין



ברייט און גרויס מײַן טײַערע מעדינע,
רײַך מיט פעלד, מיט וואַלד און טײַכן רײַך, —
נאָך אַ לאַנד אַזאַ וועסט ניט געפינען,
ווּ דער מענטש זאָל לעבן אַזוי פרײַ.

פון מאָסקווע־שטאָט און ביז די ווײַטסטע ערטער,
פונעם דאָרעם־קאַנט ביז צאָפן־יאַם —
שפּאַנט בײַ אונדז דער מענטש דאָ, ווי אַ הערשער
פון זײַן גרויסן ראַכוועסדיקן לאַנד.
און דאָס לעבן שטראָמט דעם מענטש אַנטקעגן
פרײַ און ברייט, אָט ווי דער וואָלגע־טײַך, —
פאַר די יונגע — אָפן אַלע וועגן,
אומעטום מיר אַכטן אַלטע לײַט.

ברייט און גרויס מײַן טײַערע מעדינע,
רײַך מיט פעלד, מיט וואַלד און טײַכן רײַך, —
נאָך אַ לאַנד אַזאַ וועסט ניט געפינען,
ווּ דער מענטש זאָל לעבן אַזוי פרײַ.

אונדזער פעלד די הימלען קאָן צעשפּאַרן,
און די שטעט — ניט איבערציילן גאָר.
אונדזער שטאָלץ און מעכטיק וואָרט „טאָוואַרישטש“
איז אונדז ליבער פון דעם שענסטן וואָרט.
מיט דעם וואָרט איז וואַרעם אונדז און היימיש,
ווּ מיר קומען נאָר מיט אים אַרײַן, —
ווײַל דאָס וואָרט באַקאַנט איז יעדן איינעם,
אומעטום מיט אים מיר קריגן פרײַנט.

ברייט און גרויס מײַן טײַערע מעדינע,
רײַך מיט פעלד, מיט וואַלד און טײַכן רײַך, —
נאָך אַ לאַנד אַזאַ וועסט ניט געפינען,
ווּ דער מענטש זאָל לעבן אַזוי פרײַ.

אונדזער טיש — פאר אלעמען האָט ערטער,
לויט דער ארבעט יעדער ווערט געשעצט,
און מיט גאָלד פארשרײַבן מיר די ווערטער
פון דעם גרויסן סאָוועטישן געזעץ.
אָט די ווערטער רומפולע, וואָס בלענדן,
ניט פארווישן קיינמאָל וועט די צײַט:
רעכט אף בילדונג האָט דער מענטש דאָ שטענדיק,
רעכט אף ארבעט און אף רוען פרײַ.

ברייט און גרויס מײַן טײַערע מעדינע,
רײַך מיט פעלד, מיט וואלד און טײַכן רײַך, —
נאָך א לאנד אזא וועסט ניט געפינען,
ווו דער מענטש זאָל לעבן אזוי פרײַ.

אין מײַן לאנד נאָר פרילינג־ווינטן טאנצן,
יעדן טאָג אלץ גרעסער ווערט די זון.
קיינער קען ניט אף דער וועלט דער גאנצער
לאכן, ליבן בעסער נאָך פון אונדז.
מיר פארפרעסן צאָרנדיק די ליפן,
ווען דער פײַנט צו אונדז אין לאנד זיך גראָבט;
ווי א קאלע אונדזער לאנד מיר ליבן,
ווי א מוטער היטן מיר עס אָפּ.

ברייט און גרויס מײַן טײַערע מעדינע,
רײַך מיט פעלד, מיט וואלד און טײַכן רײַך, —
נאָך א לאנד אזא וועסט ניט געפינען,
ווו דער מענטש זאָל לעבן אזוי פרײַ.

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД (СОВЕТСКАЯ РОДИНА)

Ежемесячный литературно-художественный журнал

Орган Союза писателей СССР

(на еврейском языке)

Год издания седьмой

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. Вергелис.**

Редколлегия: **И. Борухович, А. Гонтарь, М. Лев** (ответственный секретарь), **Нотэ Лурье, Б. Миллер, Г. Ошерович, И. Рабин, Р. Рубина, И. Фаликман, С. Фрай.**

Адрес редакции журнала: Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны: главный редактор — Б 8-27-91; ответственный секретарь — К 4-46-69; отделы прозы и поэзии — Б 8-49-42; отдел критики — Б 3-96-07.

Художеств. и техн. редакция: И. Шустер и А. Токер

Корректоры А. Стрельник и Д. Грозовская

Подписано к печати 17/X 1967 г. Формат 70×108 1/16. Печ. л. 10(13,70). Бум. л. 5+2 вклейки. Цена 50 коп. Зак. 3062.

Московская типография № 7 Главполиграфпрома
Комитета по печати при Совете Министров СССР
пер. Аксакова, 13

Цена 50 коп.

70821

24
2 ЗАЧАТЬЕВСКИЙ ПЕР.
Д.2 КОР.7 КВ.68
СКЛЯРСКОМУ Л.Ш

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

№ 11

1 9 6 7

В НОМЕРЕ:

А. Вергелис. **50 лет.**

В огне революции. Стихи О. Шварцмана, Л. Квитко, Д. Гофштейна, М. Кульбака, М. Хащеватского, И. Харика, Э. Савиковского, Л. Резника, И. Фефера, М. Шапиро, И. Гольдмана; главы из романов Н. Забары и Б. Олевского; воспоминания генерал-лейтенанта Г. Пласкова.

Строители новой жизни. Стихи Э. Казакевича, С. Галкина, М. Абарбанела, З. Аксельрода, С. Каган, Х. Ласкера, С. Тучинской, Г. Диаманта, Ш. Чернявского, Л. Талалая, Ш. Лопаты, Г. Каменецкого, Л. Вассерман; рассказы Х. Гильдина, Ш. Горшман, Липман-Левина, Нистора.

Наше дело правое. Стихи Э. Фининберга, П. Маркиша, Ш. Росина, А. Кушнирова, М. Тейфа, А. Гонтаря; рассказы Ш. Персова, А. Стельмах; очерк Ш. Рабиновича.

В наши дни. Роман Т. Гена «В наши дни»; очерк С. Фрай и Х. Мальтинского; стихи М. Грубиана, Д. Бромберга.

Еврейская Автономная область награждена орденом Ленина.

Октябрьская революция и еврейская литература. Статьи М. Литвакова, Г. Ременика, Н. Ойслендера, Я. Бронштейна, М. Винера, И. Добрушина, А. Гурштейна, И. Нусинова, И. Серебряного.